STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05261

DER KEYSER FUN PORTUGAL

Selma Lagerlof

Permanent preservation of this book was made possible
by Rhonda Silver & family
in honor of
Lisa Paley's dedication to Congregation Beth Ahm

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

470-א

סעלמאַ לאגערלעף

דער קייסער פון פּאָרטוגאַל

פון שוועדישן:

מרדכי פּאָרלערער

מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער דיכטערין

פאַרלאַג „סקאַנדינאַוויע", וואַרשע

JEWISH

Selma Lagerlöf
CESARZ PORTUGALJI
Warszawa 1929
Printed in Poland

Druk. Sikora i Milner Nowolipki 6.

מיין רחל־לאהן

די איבערזעצונג געהייליקט.

מ. פ.

דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ

ביז אין זיין טיפער עלטער איז יאַן אַנדערסאָן פון סקרולי־קאַ קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו דערציילן וועגן דעם טאָג, ווען זיין קליין מיידעלע איז אויף דער וועלט געקומען.

ער האָט זיך דאַן געפעדערט גאָר אינדערפרי און איז אַוועק נאָך דער הייבין און נאָך אַנדערע וואַרטעריבס. אָבער דערנאָך איז ער שוין דעם גאַנצן פאַרמיטאָג, און אפילו אויך אַ שיינע פּאָר שעה נאָכמיטאָגצייט, אָפּגעזעסן אויפן קלאָץ אין דער האָלצקאַמער און כסדר געוואַרט און געוואַרט.

אינדרויסן האָט אָן אויפהער געגאָסן אַ שלאַקסרעגן, און הגם יאַן איז געזעסן אונטערן דאַך, האָט ער פּאָרט באַקומען זיין חלק פון דער נאַסקייט, וואָס האָט זיך דורכגעקריגן דורך די שפּאַרעס אין די ווענט און געקאַפּעט דורכן צעלעכערטן דאַך; און דורך דעם אַריינגאַנג אין דער קאַמער, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין טיר, האָט דער ווינט אַלע ווילע אַ כליאַסק־געטון דעם רעגן אויף אים, אַזוי ווי מיט וואַסער פון אַ צעבער.

— ס׳וואָלט, כ׳לעבן, כדאי געווען צו וויסן, צי ס׳געפינט זיך נאָך אַזאַ איינער, וועלכער מיינט, אַז איך פריי מיך אַזוי מיט דעם קינד! — האָט ער געפּרעפּלט און דערביי אַזאַ שטויס געטון אַ שטיקל האָלץ, אַז עס איז אַזש אויפן הויף אַרויסגעפלויגן. — דאָס איז שוין דאָס ערגסטע אומגליק, וואָס מיר האָט זיך געקאָנט טרעפן.

חתונה געהאַט האָבן מיר, איך און קאַטרינאַ, בלויז צוליב דעם, ווייל אונז איז שוין נמאס געוואָרן צו דינען בײַ יענעם; מיר האָבן נישט געוואָלט שטענדיק זיין קיין פּאַראָבעק און דינסטמויד בײַ עריקן פון פּאַליאַ. מיר האָבן זיך שוין אַמאָל געוואָלט דערשלאָגן צו אַן אייגן שטיקל באַלעבאַטישקייט אויך, אָבער נישט כּדי באַלד צו האָבן קינדער!

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און שווער אָפּגעזיפצט. פאַרשטייט זיך, אַז די קעלט, די נאַסקייט און דאָס לאַנגווייליקע וואַרטן האָבן אים נישט גרינגער געמאַכט זיין ביטער געמיט. אָבער נישט בלויז דאָס אַליין איז געווען די סיבה פון זיין האַרצביטערניש. ער האָט זיך באַקלאָגט איבער גאָר עפּעס אַנדערש.

— נו, יאָ, אַרבעטן שווער מוז איך דאָך יעדן טאָג פון אינ־דערפרי ביזן אָוונט, אָבער איך האָב מיך כאַטש געקאָנט אָפּרוען בײַ־נאַכט; נאָר פון היינטמאָל אָן וועט דאָס ברעקעלע אָנהייבן שרייען, אַזוי אַז איך וועל שוין קיין נאַכטרו אויך נישט האָבן.

ווען דאָס איז אים אינגאַנצן קלאָר געוואָרן, האָט ער נאָך מער עגמת נפש געקריגן. ער האָט אַוועקגענומען די הענט פון פּנים און זיי אַזוי פאַרבראָכן, אַז די גלידער האָבן אַזש געקנאַקט.

— ביז איצט האָבן מיר זיך נאָך ווי ס'איז אַן עצה געגעבן מיט חיונה, ווייל קאַטרינאַ פלעגט דאָך אַוועקגיין אויף אַרבעט צו־גלייך מיט מיר, אָבער פון היינט אָן וועט זי שוין מוזן בלייבן זיצן אין שטוב און אָפּהיטן דאָס נפשל.

ער האָט מיט פינצטערע בליקן געקוקט פאַר זיך, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט שוין, ווי אויף דעם פאַרנאַכטיק טונ־קעלן הויף שאַרט זיך דער הונגער און זוכט, ווי אַזוי זיך אַריינצו־כאַפּן אין זיין הייזל.

— נו, מאַ!... — האָט ער אַ ברום־געטון, און כּדי זיינע רייד נאָך מער קראַפט צוצוגעבן, האָט ער מיט ביידע פויסטן געקלאַפּט אין קלאָץ. — איך קאָן בלויז דאָס זאָגן, אַז ווען איך וואָלט זיך געריכט אויף אַזאַ מעשה, טאַקע דעמאָלט, ווען עריק פון פּאַליאַ איז צוגעקומען צו מיר און מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל פאַר מיר

בויען אַ הייזל אויף זיין נחלה, און האָט חוצדעם מיר נאָך גע־שענקט אַ ביסל אַלט געהילץ אויך... יאָ, ווען איך וואָלט דאָס געקאָנט דאַן פאַרויסזעען, וואָלט איך אים גלייך מוחל געווען די טובה און ליבערשט אויף מיין גאַנץ לעבן געווען פאַרבליבן אין דער שטאַלקאַמער פון פאַליאַ...

הארבע דיבורים זענען דאָס געווען. ער האָט עס אַליין אויך געפילט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין חשק זיי צוריק־צוציען.

— פון מיינעטוועגן, ווען ס'זאָל אפילו געשעען עפּעס... — האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין; ער איז שוין אַזוי אויפגעהעצט געווען פון זיינע געדאַנקען, דאָס ער האָט שיער פאַרן מויל נישט געברענגט, אַז עס וואָלט אים נישט געאַרט, ווען עס זאָל אפילו מיטן קינד געשעען עפּעס אַ פאַרפאַל, נאָך איי־דער עס קומט אויף דער וועלט. ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעמדאָזיקן געדאַנק, ווי צו זיינע אויערן איז פּלוצלינג דורך דעם ווענטל דערגאַנגען אַ פּישטשען, ווי פון אַ הינדל.

די האַלצקאַמער איז געווען צוגעבויט צום הייזל, און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך איינגעהאָרכט, האָט ער דייטלעך דערהערט דאָסדאָזיקע פּישטשען. פאַרשטייט זיך, אַז יאַן האָט זיך באַלד משער געווען, וואָס דאָס איז אַזוינס. דערנאָך איז ער שוין אַזוי געבליבן זיצן אַ לאַנגע ווילע, שטיל און אומבאַוועגלעך, נישט אַרויסווייזנ־דיק נישט קיין פרייד און נישט קיין לייד. צום סוף האָט ער לייכט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— נו, מילא, פאַרפאַלן, אַז ס'איז שוין דאָ, — טאָ זאָל עס שוין זיין, אָבער איצט וועלן זיי דאַרפן מיך, אום גאָטס ווילן, שוין מעגן אַריינלאָזן אין שטוב, זיך אַ ביסל אָנצוואַרעמען די געפרוי־רענע ביינער מיינע!

אָבער דידאָזיקע דערלייכטערונג איז אים נישט אַזוי שנעל באַשערט געווען און ער האָט נאָך דאָרט געמוזט שעהנווייז זיצן און וואַרטן.

דער רעגן האָט כסדר געגאָסן ווי אַ מבול און דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט. הגם עס איז ערשט געווען סוף חודש אויגוסט,

האָט יאַנען אַדורכגענומען אַזאַ עסעדיקע קעלט, ווי אין אַ נאָוועמ־בער־טאָג.

צו דעם אַלעם איז יאַנען אַריין אַ מחשבה אין קאָפּ, וואָס האָט אים שוין גאָר טרויעריק געמאַכט און פאַרשאַפט נאָך מער עגמת נפש. ער האָט איצט דערפילט, ווי גרינגעשעצט ער ווערט און ווי נישטיק ער איז בײַ אַלעמען אין די אויגן.

— אָט געפינען זיך איצט בײַ קאַטרינאַן אין שטוב דריי ווײַבער, אַ חוץ דער הייבין, — האָט ער געוואָרטשעט, — און עס זאָל דאָס כאָטש איינער פון זיי איינפאַלן אַרויסצוקומען און מיר זאָגן, צי עס איז אַ ייִנגל, אָדער אַ מיידל!

ער האָט צוגעלייגט זײַן אויער צו דער וואַנט און געהערט, ווי מען מאַכט פייער אין קיך. דערנאָך האָט ער געזען, ווי די ווײַבער זענען געלאָפן צום קוואַל נאָך וואַסער; אָבער קיין איינע פון זיי האָט זיך צומאָל נישט ווײסנדיק געמאַכט וועגן אים.

אינדעם האָט ער ווידער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און זיך אָנגעהויבן טרויעריק וויגן אַהין און אַהער.

— הער זיך אײַן, מײַן טייערער יאַן אַנדערסאָן, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. — וואָס איז דאָס עפּעס מיט דיר? פאַרוואָס גייט עס דיר אַלעמאָל אַזוי שלים־שלימזלדיק? פאַרוואָס ביזטו תמיד אַזוי פאַרדאגהט? און פאַרוואָס האָסטו דיר טאַקע נישט גענומען אַ שיין, יונג מיידל פאַר אַ ווײַב, נאָר געמוזט חתונה האָבן מיט דערדאָזיקער אַלטער מויד, — מיט דער מעקלערין קאַטרינאַ בײַ עריקן פון פאַליאַ?

עס האָט אים איצט אַזוי שטאַרק פאַרקלעמט בײַם האַרץ, אַז עטלעכע טרערן האָבן אים דורכגעקאַפּעט צווישן די פינגער.

— און פאַרוואָס, מײַן טייערער יאַן אַנדערסאָן, ביסטו אַזוי קנאַפּ אָנגעזעען אין דאָרף? פאַרוואָס ביסטו אַזוי מינדערווערטיק בײַ יעדן איינעם? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַזעלכע אביונים ווי דו, און אויך אַזעלכע שוואַכע אַרבע־טער ווי דו, אָבער קיינעם פון זיי מאַכט מען אַזוי נישט מיט דער האַנט אַוועק ווי דיך! וואָס איז דײַן חסרון, מײַן טייערער יאַן אַנדערסאָן?...

דידאָזיקע פראַגע פלעגט יאַן אָפט זיך שטעלן, אָבער אַלע־מאָל אומזיסט; און אויך איצט האָט ער גאָר אַ קנאַפּע האָפענונג געהאַט צו געפינען אַן ענטפער אויף איר. וואָרים, אפשר איז עס גאָר אינגאַנצן קיין שום חסרון נישט געווען? אפשר קאָן מען דאָס דערקלערן פשוט דערמיט, וואָס גאָט און לייט זענען אומגערעכט קעגן אים?

אַריינלאָזנדיק זיך אין דידאָזיקע געדאַנקען, האָט ער אַוועקגענומען די הענט פון פנים און זיך דערביי באַמיט צו מאַכן אַ שטרענגע מינע.

— הער זשע, מיין טייערער יאַן אַנדערסאָן, — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, — אויב מען וועט נאָך ווען ס'איז באַווילִיקן דיך אַריינצולאָזן אין דיין שטיבל, זאָלסטו צומאָל נישט אַ קוק־טון אויפן קינד, נאָר זאָלסט גלייך צוגיין צום קאַמין און זיך דאָרט אַוועקשטעלן אָנוואַרעמען, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו קיינעם!

— און אפשר וואָלסטו זיך גאָר אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען פונדאַנען? — האָט ער ווייטער צו זיך אַליין געטענהט. — דו דאַרפסט דאָך שוין נישט זיצן דאָ, ווייסנדיק, אַז זי איז שוין בשלום איבערגעקומען; אדרבא, ווייז אָקאָרשט קאַטרינאַן און די אַנדערע ווייבער, אַז דו קאָנסט דיר אַליין אויך דיין שטעטל באַשטיין — — —

ער האָט זיך שוין טאַקע געזאָלט אויפשטעלן, אָבער אין דער רגע האָט די באַלעבאָסטע פון פאַליאַ זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון דער האָלצקאַמער. זי האָט זיך זייער פיין פאַרנייגט פאַר אים און אים געבעטן, ער זאָל זיך מטריח זיין אַריינצוגיין אין שטיבל און אַ קוק־טון אויפן קינד.

יאַן איז געווען אַזוי בייז, אַז ווען נישט דאָס, וואָס די באַלעבאָסטע פון פאַליאַ אַליין האָט זיך דאָ מטריח געווען צו אים, וואָלט ער זיך זיכער נישט גערירט פון אָרט. אָבער מיט איר איז ער, פאַרשטייט זיך, מיטגעגאַנגען, הגם ער האָט זיך נישט שטאַרק געאיילט. דערביי האָט ער ווי ווייט מעגלעך זיך באַמיט נאָכצומאַכן דעם גאַנג און די מינע פון זיין באַלעבאָס עריק פון פאַליאַ, בשעת

יעגער דערנענטערט זיך צו דער וואַלאָרנע אין דער געמיינדעשטוב, כּדי אַריינצוּוואַרפן זיין שטימצעטל. און ס'איז אים טאַקע גאָר גוט געלונגען אויסצוזען פּונקט אַזוי חשוב און אָנגעברוגזט, ווי זיין באַלעבאָס.

— מזל־טוב, יאַן! ביטע, קומט אַריין! — האָט די באַלעבאָסטע פון פאַליאַ געזאָגט, אויפפראַלנדיק די טיר פונם שטיבל; זי אַליין האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און געמאַכט אַ וואַרע פאַר אים.

באַלד באַם ערשטן בליק האָט ער שוין באַמערקט, ווי אויפגערוימט עס איז דאָרט געווען אין אַלע ווינקעלעך. דאָס קענדל מיט דער פריש־אָפּגעקאָכטער קאַווע איז שוין געשטאַנען אָפּגערוקט פון די פייערקעס, אַז עס זאָל זיך אַ ביסל אָפּקילן. דער טיש באַם פענצטער איז געווען געדעקט מיט אַ שניי־ווייס טישטוך; דאָרט זענען שוין געשטאַנען צוגעגרייט די פאָרצעלייענע שעלעכלעך, וואָס די באַלעבאָסטע פון פאַליאַ האָט אַהערגעבראַכט פון איר יום־טובדיקן קאַוועסערוויז. קאַטרינאַ איז געלעגן אין בעט, און די צוויי ווייבער, וועלכע זענען געקומען צוהעלפן דער הייבין, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט באַ דער וואַנט, כּדי ער זאָל זיך קאָנען בעסער אַרומקוקן אין שטיבל.

פאָרנט באַם סערווירטן טיש איז געשטאַנען די הייבין און געהאַלטן אויף די הענט עפּעס אַ קלומעקל.

אָבער איצט האָט ער נישט געקאָנט פּטור ווערן פונם געדאַנק, אַז דאָסמאָל איז ער דאָ שוין יאָ די אָנגעזעעענסטע פּערזענלעכקייט. קאַטרינאַ האָט געקוקט אויף אים מיט אַ וואַרעמען בליק, גלייך ווי זי וואָלט אים געוואָלט פרעגן, צי ער איז שוין צופרידן פון איר. די איבעריקע פרויען האָבן אויך געווענדט זייערע בליקן צו אים, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט, ער זאָל זיי זאָגן כאָטש איין ליבוואָרט פאַר דער גרויסער טרחה, וואָס זיי האָבן אָנגעלייגט, כּדי דאָס שטיבל זיינס זאָל אויסזעען גאָר יום־טובדיק.

פאַר אַ מענטש איז עס אָבער נישט פון די גרינגע זאַכן צו פרייען זיך תּיכּף נאָכדעם, ווי ער איז אַ גאַנצן קאַלטן, טריבן טאָג אָפּגעזעסן אין אַ האָלצקאַמער און דער טייוול האָט אים שיער פון

גרויס פּאַרדרוס נישט גענומען. חוצדעם האָט יאַן נישט געקאָנט אַזוי גיך פּטור ווערן פון דער השובער, אָנגעברוגזטער מינע, וואָס ער האָט באַם אַריינגיין אָנגענומען, און ער איז אינמיטן שטוב שטיין געבליבן, נישט קאָנענדיק קיין וואָרט פון מויל אַרויסברענגען.

זעענדיק דאָס, האָט די הייבין זיך דערנענטערט צו אים אויף איין שריט. דאָס שטיבעלע איז אָבער געווען אַזוי קליין, אַז דער־דאָזיקער שריט אירער איז שוין גענוג געווען, זי זאָל שטיין בלייבן לעבן אים. דאַן האָט זי אים איבערגעגעבן דאָס קינד גלייך אין די הענט אַריין.

— אַנו, טוט אָקאָרשט אַ קוק אויף דעם מיידעלע! — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים דאָס קלומעקל. — דאָס איז שוין איינמאָל אַ קינד!

דער אָרימער יאַן איז געשטאַנען און נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון מיט דעם קלומעקל, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אויף די הענט. דאָס איז געווען עפּעס אַזאַ וואַרעמע, ווייכע זאַך, איינגעוויקלט אין אַ באַיענע פּאַטשיילע, פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ געראָנצלט פּנימל און אַ פּאָר איינגעקורטשעטע, ציטערנדיקע הענטלעך.

שטייענדיק אַזוי מיט דעם פּאַנט, וואָס די הייבין האָט אים איבערגעגעבן און נאָכקלערנדיק, ווו ער זאָל אים אַהינטון, האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַזאַ שטאַרקן שטויס, אַז סיי ער, סיי דאָס קינד האָבן זיך אַזש אַ וואַקל־געטון. ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז דעמדאָזיקן שטויס האָט אים נישט געטון קיינער פון די אַנוועזנדיקע. צי אָבער די סיבה פון דעם שטויס איז געווען דאָס פּיצינקע מיידעלע, אָדער ער איז גאָר פּאָרגעקומען אין אים אַליין און האָט זיך תּיכּף איבערגעטראָגן אויפן קינד, — דאָס, זעט איר, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט קלאָר מאַכן.

אָבער באַלד דערנאָך האָט דאָס האַרץ אין אים אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק קלאַפּן, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן. צוגלייך מיט דעם איז אים שוין איצט נישט געווען קאַלט, ער האָט שוין נישט געפילט קיין האַרצביטערניש, קיין אומעט, און אויך נישט

קיין פאַרדרוס; אַלץ איז שוין איצט געווען גאַר ווויל. אים האָט נאָר באַאומרויִקט בלויז דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, פונוואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען דאָס קלאַפּן און האַמערן אין זיין ברוסט. ער איז דאָך כמעט אַ גאַנצן טאָג געזעסן אויף אַן אָרט, נישט געטאַנצט, נישט געלאָפן און נישט געקלעטערט אויף קיין בערג.

— איך בעט אייך, לייגט דאָ אָקאָרשט צו אייער האַנט! — האָט ער זיך געווענדט צו דער הייבין. — איר פילט? מיר דאַכט זיך, אַז מיין האַרץ קלאַפּט היינט אַזוי אויסטערליש שטאַרק!

— אמת, נישט קיין געוויינלעך האַרצקלאַפּעניש! — האָט די הייבין אויסגערופן. — צי האָט עס שוין אָפּט אַזוי פּאַסירט מיט אייך?

— ניין, איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געהאַט, — האָט ער פאַרזיכערט. — אַזוינס איז מיט מיר נאָך קיינמאָל נישט פאָר-געקומען.

— איר פילט זיך נישט אַמאָל שלעכט, יאָ? טוט אייך נישט עפּעס וויי?

— ניין, ניין, ס׳טוט מיר גאָרנישט וויי! — האָט ער פאַר-זיכערט.

די הייבין האָט שוין איצט נישט געוווּסט, וואָס צו קלערן. און דעריבער האָט זי זיך געווענדט צו אים:

— וואָס עס זאָל נישט זיין, מוז איך צונעמען דאָס קינד פון אייך.

אָבער דאָ איז יאָן באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ געפיל, וואָס איז אים ביז איצט אומבאַקאַנט געווען... ניין, דאָס קינד אָפּגעבן וויל ער דווקא נישט!

— אדרבא, לאָזט מיך האַלטן דאָס ברעקעלע! — האָט ער געבעטן.

אין דער רגע האָבן די ווייבער מסתמא באַמערקט עפּעס אַזוינס אין זיין בליק, אָדער דערהערט אַזאַ טאָן אין דעם קול זיינעם, וואָס ס׳האָט זיי שטאַרק דערפרייט. די הייבין האָט פאַר-

צויגן די ליפּן אין אַ שמייכל און די איבעריקע האָבן זיך פּשוט צעלאַכט אויף אַ קול.

— ס'טייטש, יאַן, — האָט די הייבין זיך געחידושט, — צי האָט איר נאָך קיינמאָל אין אייער לעבן נישט געליבט עמעצן אַזוי, אַז צוליב אים זאָל אייער האַרץ אָנהייבן שטאַרקער צו קלאַפּן ?

— ניין ! — האָט ער זיך מודה געווען.

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיין האַרץ האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן. נאָך מער: איצט איז אים אויך קלאָר געוואָרן, וואָס אים האָט געפעלט זיין גאַנץ לעבן, און וואָס איז אויך געווען די סיבה פון אַלע זיינע ליידן. וואָרים דער מענטש, וועלכער פילט נישט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק, — נישט פון פרייד, נישט פון לייד, — אַזאַ מענטש קאָן מען טאָקע נישט האַלטן פאַר קיין נאָרמאַלן מענטש.

קלאַראַ פינאַ גולעבאָרג

צומאָרגנס איז יאַן פון סקרוליקאַ געשטאַנען עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד פאַר דער טיר פון זיין הייזל און געוואַרט מיט זיין קליין מיידעלע אויף די הענט.

אויך דאָס מאָל האָט ער לאַנג, לאַנג געוואַרט, אָבער הייַנט איז עס שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווי נעכטן. איצטער האָט ער געהאַט אַזאַ גוטע געזעלשאַפט, אַז נישט ער האָט געהאַט אי־בער וואָס זיך צו בייזערן, נישט ס'איז אים געווען אומעטיק.

ער וואָלט פאַר קיינעם נישט געקאָנט שילדערן, ווי מחיהדיק ס'איז אים געווען צו האַלטן דאָס קליינטשיקע וואַרעמע קערפּערל צוגעדריקט צו זיך. ערשט איצט איז ער געקומען צו דער איבער-

צייגונג, אַז אפילו צו זיך אַליין איז ער געווען האַרט, פאַרביטערט און אומפּריינטלעך. אָבער פון נעכטן אָן, זינט ער האָט צו־ליב דעם קינד דערפילט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ, האָט אים באַהערשט אַזאַ זיס געפיל, וואָס מען קאָן נישט מיט קיין ווערטער אויסדריקן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטש זאָל קאָנען אַזוי פאַרזיסט ווערן, בלויז דורכדעם, וואָס מען האָט עמעצן ליב מיטן גאַנצן האַרץ.

ער האָט זיך, נאַטירלעך, נישט אָן שום באַדאַרף אָוועקגעשטעלט פאַר דער טיר מיטן קינד אויף די הענט. וואָרים, דורך זיין שטיין דאָרט האָט געזאָלט אַנטשידן ווערן זייער אַ וויכטיקער ענין.

פון איינדערפרי אָן האָט ער און זיין ווייב קאַטרינאַ זיך באַמיט צוצוקלייבן עפּעס אַ פּאַסענדן נאָמען פאַרן קינד. זיי האָבן זיך זייער לאַנג באַראַטן, אַרומגערעדט פאַרשידענע נעמען, אָבער אַלע אַזעלכע, וואָס זענען נישט אים, יאַנען, און נישט זיין ווייב, קאַטרינאַן, נישט געפעלן. זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַשליסן אויף איינעם פון די נעמען.

צום סוף האָט קאַטרינאַ געזאָגט:

— איך זע נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי נאָר, אַז דו זאָלסט זיך מיטן קינד אַוועקשטעלן אויף דער שוועל, און די ערשטע פרוי, וואָס וועט פאַרבייגיין, זאָלסטו זי פרעגן ווי זי הייסט. דעם נאָמען, וואָס זי וועט אָנרופן, וועלן מיר געבן דעם קינד, — אַלצאיינס, וואָסער נאָמען דאָס וועט זיין, — אַ פיינער נאָמען, צי אַ פּראָסטער.

דאָס הייזל איז אָבער געלעגן אָן אַ זייט, ווייט אָפּגערוקט פון וועג, און קיין סך פאַרבייגייער האָט מען דאָרט קיינמאָל נישט געזען; יאָ, עס האָט אפילו געקאָנט פּאַסירן, מען זאָל דאָרט אַ גאַנצן טאָג נישט זען קיין לעבעדיק נפש. אויך אַציינד האָט ער אָנגעשטרענגט זיינע אויגן, אויסקוקנדיק אַ פאַרבייגייער. דער טאָג איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער, ווי נעכטן, אָבער נישט ס'האָט

געראַגנט, נישט ס'האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט; פאַרקערט, ס'איז גאָר געווען זייער דומפּיק.

ווען יאַן וואָלט דאָרט נישט געווען געשטאַנען מיט דעם קליינעם מיידעלע אויף די הענט, וואָלט ער שוין זיכער נאָך אַ ווײַלע וואַרטן פאַרלוירן יעדע האָפענונג צו זען אַ פאַרבײַגייער, און ער וואָלט צו זיך געזאָגט:

— מיין טייערער יאַן אַנדערסאָן, צי האָסטו דען פאַרגעסן, אַז דיין הײַזל שטייט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אינם טאָל אַסקעדאַלאַרנאַ, בײַם ברעג פון דער אָזערע דיוונשעי, און אַז אין שכנות איז דאָ פאַראַן נישט מער ווי איין פויעריש הייפל, וועגן וועלכן ס'איז קוים כדאי צו רעדן? דו ווייסט דאָך, אַז דאָ אין דער סביבה וווינען בלויז עטלעכע אָרימע שכנים, — אַרענדאַרן, פישערס און געצשטריקערס. וועמען קאָנסטו דאָ, משטיינסגעזאָגט, געפינען מיט אַזאַ פיינעם נאָמען, וואָס זאַלסט אים קענען דיין טעכטערל געבן?

אָבער דאָ האָט עס זיך דאָך געהאַנדלט וועגן זיין קליין מיידעלע, און דעריבער האָט יאַן נישט געצווייפלט, אַז די זאַך וועט זיך אים גוט איינגעבן, אויב ער וועט נאָר געדולדיק וואַרטן. ער האָט אָן אויפהער אַראָפּגעקוקט צו דער אָזערע, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער וויסטקייט אַרום, און צומאָל נישט אַ טראַכטנגעטון, ווי אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער געגנט דידאָזיקע אָזערע ליגט אין איר קעסטלאָל. פאַר אים איז געווען גאַנץ וואָרשיינלעך, אַז איינע פון די איידעלע פרויען פון דער שכנותדיקער הוטע אין דיוונעז, — אַזאַ איינע מיט אַ יחוסדיקן נאָמען, — וועט גראָד היינט חשק האָבן זיך אַריבערצושיפן פון יענער זייט אָזערע. יאַן איז אפילו געווען זיכער, אַז עס וועט אַזוי געשען, און טאַקע צוליב זיין קליינטשיק מיידעלע.

דאָס מיידעלע איז די גאַנצע צייט געשלאָפן, אַזוי, אַז זי האָט אים נישט געשטערט צו שטיין ווי לאַנג ער האָט נאָר געוואָלט. אָבער פיל ערגער איז עס געווען מיט קאַטרינאַן. זי האָט נישט געקאָנט איינרוען און געהאַלטן אין איין פרעגן, צי מען זעט

נאָך נישט עמעצן אָנקומען. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ער זאָל נאָך אַלץ שטיין מיטן קינד אינדרויסן; זי האָט מורא געהאַט, עס זאָל, חלילה, דעם נפשל נישט געשעען עפּעס שלעכטס.

יאַן האָט געווענדט זיין בליק צום באַרגשפּיץ סטורסניפּאַ, וואָס האָט זיך מיט זיינע גלייכע ווענט אַרויסגעהויבן הויך איבער די קליינע יונגע וועלדלעך און צעאַקערטע פעלדקוואַדראַטלעך פון אַסקעדאַלאַרנאַ; דער באַרג האָט געוואַכט איבער זיי ווי אַ פעסטונגסטורם, וואָס היט פאַר פרעמדע דעם צוטריט אַהינצו. ס'האָט דאָך גריילעך געקאָנט פּאַסירן, האָט יאַן ווידער געטראַכט, אַז אַ פּאָר איידעלע דאַמען, וועלכע זענען אַרויפגעשטיגן אויף דעם באַרג, כדי פון דאָרט צו באַווונדערן די שיינע פּאַנאָראַמע, זאָלן צוריקוועגס פאַרבלאָנדזשען און גראָד פאַרבייגיין לעבן זיין הייזל.

ער האָט, אַלזאָ, באַרויקט זיין ווייב, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט. ס'האָט זיי, חס וחלילה, נישט געדראָט קיין שום שלעכטס, נישט אים, נישט דעם קינד. אַז ער האָט שוין געוואַרט אַזוי לאַנג, וועט ער צוואַרטן נאָך אַ ווײַלע.

ס'איז אָבער נישט געווען צו דערזען קיין שפּור פון אַ לעבעדיק נפש, נאָר יאַן איז וואָס אַמאָל אַלץ מער זיכערער געוואָרן, אַז וויבאַלד ער וועט נאָר אַ ביסל צוואַרטן, וועט שוין פון ערגעץ קומען די הילף. ס'האָט גאָר אַנדערש געקאָנט זיין. וואָרים, אים, יאַנען, וואָלט עס אויך נישט געחידושט, ווען עס זאָל אפילו אינמיטן דערין זיך באַווייזן אַ קיניגין, וועלכע קומט·אָן אין אַ גאָלדענער קאַרעטע, פאָרנדיק איבער די בערג און טאָלן פון אַסקעדאַלאַרנאַ, — בלויז כדי צו געבן זיין טעכטערל איר מלכותדיקן נאָמען!

אָט אַזוי איז ווידער אַוועק אַ שפּאָרע ווײַלע, אָבער איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז שוין באַלד אָוונט, און דאַן וועט ער שוין נישט קאָנען לענגער שטיין מיטן קינד אינדרויסן.

קאַטרינאַ האָט יעדע ווײַלע געקוקט אויפן וואַנטזייגער, און

זי האָט ווידער גענומען בעטן יאַנען, ער זאָל שוין אַריינקומען מיטן קינד.

— האָב געדולד נאָך אַ מינוטקעלע! — האָט יאַן איר געענטפערט. — מיר דאַכט זיך, איך זע שוין עמעצן פונדערווייטנס!

אַ גאַנצן טאָג איז געווען פאַרוואָלקנט, אָבער גראָד אין דעם מאָמענט האָט די זון זיך אַדורכגעריסן דורך די וואָלקנס און אַראָפּגעשיקט אַ פּאָר גאָלדענע שטראָלן דעם קינד.

— עס חידושט מיך גאָרנישט, וואָס דו ווילסט אויך אַ בליק־טון אויפן מיידעלע, איידער דו פאַרגייסט, — האָט יאַן געזאָגט צו דער זון, — נישקשה, אַזאַ קינד איז ווערט אָנצוקוקן!

אַ ווײַלע דערנאָך האָט די זון זיך אינגאַנצן אַרויסבאַקומען פון די וואָלקנס און געוואָרפן אַ רויטן ליכטפּאַס אי אויפן קינד, אי אויפן הייזל.

— אַהאַ, דו ווילסט אוודאי זיין די טויפמוטער פון מיין קינד, וואָס נישט? — האָט יאַן פון סקרוליקאַ געזאָגט.

די זון האָט אים נישט באַלד געגעבן קיין ענטפער. זי האָט בלויז געלויכטן שאַרף און רויט, אָבער דערנאָך האָט זי ווידער פאַרצויגן אַרום זיך דעם שלייער פון וואָלקנס און איז פאַרשוונדן.

דאַן האָט זיך אויפסניי דערהערט קאַטרינאַס קול:

— ווער איז עס דאָרט געווען? דאַכט זיך, אַז דו האָסט גערעדט מיט עמעצן. קום שוין אַמאָל אַריין אין שטוב! ווי לאַנג נאָך וועל איך דאַרפן וואַרטן אויפן קינד?

— נו, איצט קאָן איך שוין אַריינגיין, — האָט יאַן געזאָגט און אַריבערגעטרעטן די שוועל צום שטיבל. — דו האָסט זיך געמעגט פאַרגינען צו זען, סאַראַ מיוחסדיקע דאַמע דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט זיך אָבער אַזוי געאיילט, אַז איך האָב איר קוים באַוויזן צו זאָגן „גוטן אָוונט“, — ווי זי איז שוין צוריק אַוועק.

— אָך, אַ שאָד! און דאָ האָבן מיר אַזוי לאַנג געוואַרט

אויף אזא איינע! — האָט קאַטרינאַ טיף באַדויערט. — און גלייב מיר, דו האָסט אפשר נישט באַוויזן צומאָל צו פרעגן, ווי זי הייסט?

— אדרבא, דאָס האָב איך זי דווקא יאָ געפרעגט! זי הייסט: קלאַראַ פינאַ גאָלדבערג*), — אָט דאָס האָב איך זיך דערוווסט פון איר.

— אָווא, אזש קלאַראַ פינאַ גאָלדבערג! — האָט קאַטרינאַ דערשטוינט אויסגערופן. — דאָס איז אָבער אַ צו מיוחסדיקער נאָמען פאַר אונזער טעכטערל!

אָבער פונדעסטוועגן האָט זי זיך שוין מער נישט אַנטקעגנגעשטעלט.

יאַן איז שטיין געבליבן געפּלעפט פון זיין דרייסטן איינפאַל צו נעמען אַזש די זון פונם הימל פאַר אַ טויפנאָמען פאַר זיין טעכטערל! נישט אַנדערש, ער איז עפעס גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט אים איבערגעגעבן אויף די הענט אַרויף דאָס קליינע קינדעלע.

די טויפונג

ווען מען האָט דאָס קליינע מיידעלע פון סקרוליקאַ געזאָלט אַוועקפירן אין דער קירך צום טויפן, האָט יאַן, דער פאָטער איר, אַזוי נאַריש זיך אויפגעפירט, אַז ער האָט שיער נישט באַקומען גוט אויסגעזידלט סיי פון זיין אייגן ווייב, סיי פון די טויפעלטערן.

די טויפעלטערן האָבן געזאָלט זיין עריק פון פאַליאַ מיט זיין ווייב. דידאָזיקע חשובע פויערטע האָט בענומען דאָס קינד אויף

---

*) ליכטיקע, פינע, זוניק-גאָלדענע. מ. פ.

אירע הענט און זיך אריינגעזעצט אין דער ברישקע. עריק איז דערביי געגאנגען צופוס, אנטרייבנדיק דאס פערד. דאס ערשטע שטיקל וועגס, ביז צו דער הוטע אין דיוונעז איז געווען אזוי שלעכט, אז עס איז צומאל נישט ווערט געווען דעם נאמען וועג, און אזוי ווי עריק האט איצט געפירט אן אומגעטויפט קינד, איז ער טאקע זייער פארזיכטיק געווען.*)

יאן פון סקרוליקא האט זיך אויפמערקזאם צוגעקוקט צו זייער אפפארן. ער האט אליין ארויסגעטראגן דאס קינד, און קיינער האט נישט געוווסט אזוי גוט ווי ער, אין וואס פארא זיכערע הענט ער גיט עס איבער. ער האט געוווסט, אז עריק פון פאליא איז פונקט אזוי געניט אין אנטרייבן א פערד און וואגן, ווי ער איז געניט אין אלעם אנדערן. און וועגן עריקס ווייב האט ער געוווסט, אז זי האט געבוירן און דערצויגן זיבן קינדער. ער האט דעריבער נישט געהאט קיין שום סיבה זיך צו באאומרויקן.

אבער ווען זיי זענען שוין געווען אוועקגעפארן, און יאן האט זיך אויפסניי גענומען צו זיין ארבעט באם גראבן די דרענאזש־קאנאוועס אויף עריקס שמיטה־פעלד, דאן האט אים באהערשט אן אומגעהייערער, לחלוטין אומפארשטענדלעכער פחד. „שטעל זיך נאר פאר“, האט ער געטראכט, „טאמער וועט עריקס פערד זיך צעבריקעווען און אוועקלאזן אין א ווילדן גאלאפ? טאמער וועט דער גלח אראפלאזן דאס קינד, בשעת ער וועט עס איבערנעמען פון דער טויפמוטערס הענט? אדער, טאמער האט גאר די חשובע באלעבאסטע פון פאליא דאס ברעקעלע אין אזוי פיל פאטשיילעס איינגעוויקלט, אז ווען זי וועט אין גלחס הויף אריינקומען, וועט עס שוין, חס וחלילה, זיין דערשטיקט?“

יאן האט זיך, וואס אן אמת, כסדר געחזרט, אז דאס איז זייער נאריש פון זיין זייט, צו שרעקן זיך און צו פארשאפן זיך אומזיסט און אומנישט אזוי פיל עגמת־נפש, דאן ווען די טויפעלטערן

*) לויט דעם פאלקסגלויבן לויערן אויף אן אומגעטויפט קינד כלערליי סכנות. מ. פ.

פון זיין קינד זענען אזא חשוב פּאַרפּאַלק ווי די באַלעבאַטים פון פּאַליאַ. אָבער די אומרויקייט האָט אים נישט געוואָלט אָפּטרעטן. און ער האָט אינמיטן דערין אַוועקגעשטעלט דעם רידל, און איז — אָט אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, אין זיינע פאַרבלאָטיקטע אַרבעטסקליידער, — אַוועק צום גלחס הויף.

כדי וואָס שנעלער אַהינצוקומען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט דעם קירצערן וועג איבער די בערגער. דערביי האָט ער גע-שפּרייזט אַזוי גיך, אַז ווען עריק פון פּאַליאַ איז מיט זיין ברישט-קע פאַרפאַרן אויפן גלחס שטאַלהויף, האָט ער דאָרט דעם ערשטן מענטש דערזען — יאַנען פון סקרוליקאַ.

עס איז זייער נישט אויפן אָרט, אַז אַ פאָטער אָדער מו-טער זאָלן בייווינען די טויפונג פון זייער קינד, און יאַן האָט טאַקע באַלד באַמערקט, אַז די באַלעבאַטים פון פּאַליאַ זענען גע-ווען זייער נישט צופרידן דערפון, וואָס ער איז זיי נאָכגעלאָפן צום גלחס הויף. עריק האָט צומאָל קיין ווונק נישט געטון צו יאַנען, ער זאָל אים צוהעלפן אויסשפּאַנען דאָס פערד; דאָסגלייכן איז די חשובע פּויערטע אַליין אַראָפּגעשטיגן פון דער ברישקע, טראָגנ-דיק דאָס קינד אויף איין אָרעם. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו יאַנען האָט זי אַריבערגעשפּאַנט דאָס שטיקל הויף און איז אַריין אין דער קיך פונם גלחס ווינהויז.

זעענדיק, אַז די טויפעלטערן מאַכן זיך נישט וויסן פון אים, האָט יאַן נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו זיי. אָבער בשעת די באַלעבאָסטע פון פּאַליאַ איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים, האָט ער פון דעם בינטל פּאַטשיילעס דערהערט אַ פּישטש. איצט האָט ער שוין געוווּסט, אַז דאָס קינד איז אויפן וועג אַהער נישט דער-שטיקט געוואָרן.

ער האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז ער פירט זיך אויף זייער נאַריש, — אָט טאַקע דערמיט, וואָס ער גייט נישט גלייך צוריק אַהיים. אָבער איצט איז ער אַזוי זיכער געווען, אַז דער גלח וועט אַראָפּלאָזן דאָס קינד אויף דער ערד, אַז ער האָט נישט גע-קאָנט פועלן בא זיך אַוועקצוגיין. פאַרקערט, ער האָט געפילט, אַז ער מוז דאָרט בלייבן, כדי צו פאַרהיטן פון אַן אומגליק.

ער האָט אַ ווײַלע נאָך צוגעוואַרט אויפֿן שטאַלהויף, דערנאָך צוגעגאַנגען צום גלחס ווינהויז און איז אַרײַן אין פּאָדערהײַזל.

ס'איז זײער נישט אָנשטענדיק, ווען דער פּאַטער פֿונם קינד קומט בשעת דער טויפֿונג אַרײַן צום גלח. נאָך ערגער איז, ווען ער טוט דאָס, האַבנדיק אַלס טויפֿעלטערן אַזעלכע חשובֿע לײַט, ווי עריק פֿון פֿאַליאַ און זײַן ווײַב. ווען יאַן אַנדערסאָן האָט אין זײַנע שמוציקע אַרבעטסקליידער זיך פּאַמעלעך אַרײַנגעשאַרט אין דער אַמטשטוב, באַלד נאָכדעם ווי דער גלח האָט אָנגעהויבן די טויפֿצערעמאָניע, אַזוי אַז ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען אים צוריק פֿון דאָרט אַרויסמשלח צו זײַן, האָבן די טויפֿעלטערן באַ זיך באַשלאָסן, נאָכן אַהײמקומען, אים גוט אויסצוזידלען פֿאַר דער דערנידערונג, וואָס ער האָט זײ פֿאַרשאַפֿט.

די טויפֿצערעמאָניע איז צוגעגאַנגען ווי עס דאַרף צו זײַן, אָן שום שטערונג. יאַן האָט מיט קײן שום זאַך נישט געקאָנט באַרעכטיקן זײַן אַרײַנשטופּן זיך אין דער אַמטשטוב. ווען די טויפֿונג איז שוין באַלד געווען געענדיקט, האָט ער שטיל אויפֿגעמאַכט די טיר און זיך צוריק אַרויסגעשאַרט אין פּאָדערהײַזל. ער האָט דאָך שוין איצט אַלײן געזען, אַז אויך אָן זײַן מיטהילף איז אַלץ בשלום צוגעגאַנגען.

אַ ווײַלע דערנאָך האָט זיך אויך עריק מיט זײַן ווײַב באַוויזן אויף דער שוועל פֿון פּעדערהײַזל. זײ האָבן געזאָלט צוריק אַרײַנגײן אין דער קיך, וווּ עריקס ווײַב האָט געלאָזט ליגן די פּאַטשײלעס, אין וועלכע דאָס קינד איז אויפֿן וועג אַהין געווען אײַנגעוויקלט.

עריק איז געגאַנגען פֿאָרויס און געעפֿנט די טיר פֿאַר זײַן ווײַב. אָבער אין דערזעלבער רגע זענען צוויי יונגע קעצלעך מיט אימפּעט אַרויסגעלאָפֿן אין פּאָדערהײַזל און זיך צונויפֿגעקײַקלט גלײַך אונטער דער פֿויערטעס פֿיס, אַזוי אַז זי האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן זײ און איז שיער־שיער נישט אומגעפֿאַלן. זי האָט קוים באַוויזן אַ טראַכט צו טון: „ווײ איז מיר, איך פֿאַל דאָך גלײַך

אויפן קינד, איך וועל עס מיט מיין משא אויף טויט צעקוועטשן! אומגליקלעך וועל איך דאָך שוין זיין אויף מיין גאַנץ לעבן!"
אָבער אין דעם מאָמענט האָט זי דערפילט, ווי אַ פּאָר שטאַרקע הענט כאַפּן זי אָן און האַלטן זי אונטער. ווען זי האָט זיך אומגעווענדט, האָט זי דערזען, אַז איר העלפער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי יאַן אַנדערסאָן. ער איז טאַקע שטיין געבליבן באַם אַריינגאַנג, גלייך ווי ער וואָלט פון פריער געוווסט, אַז דאָ קאָן נאָך, חלילה, געשעען אַן אומגליק, און מען וועט אים דאָ אומבאַדינגט דאַרפן האָבן.

נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו זיך צו קומען פון שרעק און זאָגן אים עפּעס, האָט יאַן זיך שוין געהאַט אָפּגעטראָגן פון דאָרטן. ווען דאָס פאַרפאָלק איז צוריק אַהיימגעקומען מיטן קינד, האָבן זיי אים שוין באַגעגנט אויפן פעלד, בעת ער האָט דאָרטן פלייסיק מיטן רידל געאַרבעט.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרהיטן דאָס קינד פון אַן אומגליק, איז אים געוואָרן אַזוי רויק אויף דער נשמה, אַז ער האָט זיך שוין געפילט אימשטאַנד אַהיימצוגיין, און מיט אַ פריילעך געמיט זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אָבער נישט עריק פון פּאַליאַ און נישט זיין ווייב, האָבן אים נישט געמאַכט קיין פאָרוואורף פאַר זיין נישט טאַקטיש אויפפירן זיך בשעת דער טויפונג. פאַרקערט, די באַלעבאָסטע פון פּאַליאַ האָט אים נאָך פאַרבעטן צו זיך אויף קאַווע, — אָט אַזוי ווי ער איז דאָרט געשטאַנען און געגאַנגען אין זיינע אַרבעטסקליידער, באַשפּריצטע מיט דער בלאָטע פון דעם האַרבסטיק נאַסן שמיטה־פעלד.

דאָס שטעלן פּאָקן

ווען מען האָט דעם קליינעם מיידעלע פון סקרוליקאַ געזאָלט שטעלן פּאָקן, האָט קיינער נישט געהאַט עפּעס דאַקעגן, אַז אויך איר פאָטער זאָל אָנוועזנד זיין דערביי, בפרט, אַז דאָס איז געווען זיין אויסדריקלעכער פאַרלאַנג. דאָס שטעלן פּאָקן האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַ געוויסן אָוונט, אין חודש אויגוסט. ווען קאַטרינאַ האָט פאַרלאָזט דאָס הייזל, איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט, און דעריבער איז זי געווען צופרידן צו האָבן עמעצן מיט זיך, וועלכער זאָל איר העלפן אין איר גאַנג איבער די בערגלעך, גריבער און פלויטן, וואָס זי וועט אָנטרעפן אויפן שלעכטן וועג.

דאָס יאָר האָט מען די קינדער געזאָלט שטעלן פּאָקן אין הויז בײַ עריקן פון פאַליאַ. באַלד ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן פינצטער ווערן, האָט זיין ווייב געמאַכט אַ גרויס פייער אין קאַמין. דערמיט איז, לויט איר מיינונג, גענוג באַלויכטן געוואָרן די גאַנצע שטוב. אָבער טראָצדעם האָט זי דערנאָך פאַרט אָנגעצונדן אַ דין חלבן ליכטל, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, — דאָרט, וווּ דער קירכאויפזעער האָט געזאָלט אויספירן זיינע פונקציעס אַלס פּאָקנשטעלער.

דעם פאַרפאָלק פון סקרוליקאַ, און אויך די איבעריקע אָנגעקומענע האָט זיך סיי ווי אויסגעוויזן, אַז אין דער קיך בײַ עריקן איז עפּעס היינט אומגעוויינלעך ליכטיק. אָבער אינדערמיטן איז די פינצטערניש געשטאַנען, ווי אַ גרוי־שוואַרצע מויער לענגאויס די ווענט. דאָס האָט דעם שטיבל צוגעגעבן אַ פיל קלענער אויסזען, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. פון דערדאָזיקער פינצטערניש האָט זיך שוואַך אַרויסגעזען אַ געזעמל פרויען מיט פיצלעך קינדער אויף די הענט. דאָס רוב פון דעם קליינוואַרג איז נישט געווען עלטער פון איין יאָר, און מען האָט זיי געמוזט אַרומ-

טראָגן און וויגן אויף די הענט, אָנקאַרמען און אַרומזען, — ווי דער שטייגער איז בײַ אַזעלכע פֿאַרשווינדלעך.

די אָנגעקומענע פֿרויען האָבן אויפֿגעוויקלט די קלומעקלעך, אין וועלכע די נפֿשלעך זענען געווען איינגעוויקלט, און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן שוין אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטוב זיך געוואַלגערט פּאַטשײַלעס און קאָלדרעס. נאָכדעם האָבן די מאַמעס אַראָפּגעצויגן פֿון זיי די באַרכאַנענע יאַקעלעך און אויפֿגעבונדן די העמדבענדלעך, כּדי מען זאָל לײַכט קאָנען אַנטבלויזן די אויבערשטע טיילן קערפּערלעך, ווען דער קירכאויפֿזעער וועט זיי צורופֿן צום טיש.

אין שטוב איז געווען מאָדנע שטיל, הגם ס'האָבן זיך דאָרט געפֿונען אַזוי פֿיל שרײַהעלזלעך, פֿאַרזאַמלטע אויף איין אָרט. ווײַזט אויס, עס האָט זיי אַזוי שטאַרק פֿאַרווײַלט דאָס קעגנזײַטיקע באַקוקן זיך, אַז זיי האָבן גאָר פֿאַרגעסן צו מאַכן גוואַלטן. און די מאַמעס ווידער, זענען אויך געווען שטיל, כּדי צו קאָנען הערן, וואָס דער קירכאויפֿזעער זאָגט. וואָרום דורך דער גאַנצער צײַט האָט ער מיט יעדער פֿון די מאַמעס געהאַט עפּעס צו טענהן.

— איר קאָנט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, סאַראַ הנאה איך האָב אַרומצוּוואַנדערן אין גאַנצן קרײַז פֿון איין דאָרף אין אַנדערן, און שטעלן פּאָקן און באַקוקן, אָן עין-הרע, אַזוי פֿיל שיינע קינדערלעך, האָט דער קירכאויפֿזעער געזאָגט. — און לאָמיר אָקאָרשט אַ קוקטון מיט וואָס דער הײַנטיקער יאָרגאַנג האָט זיך צו באַווײַזן. . .

ער איז געווען נישט בלויז קירכאויפֿזעער, נאָר אויך לערער פֿון דער דאָרפֿישער פֿאָלקסשול, און אין משך פֿון זײַן גאַנץ לעבן האָט ער געוווינט אין דערזעלבער געמיינדע. אפֿילו די מאַמעס, וועלכע זענען איצט געווען פֿאַרזאַמלט אין עריקס שטוב, האָט ער אויך געשטעלט פּאָקן, געלערנט מיט זיי, צוגעגרייט זיי צו דער קאָנפֿירמאַציע, געווען אויף זייערע חתונות, און איצט האָט ער געזאָלט שטעלן פּאָקן זייערע קינדער. הײַנט האָט זיך די קליינע חברה צום ערשטן מאָל צונויפֿגעטראָפֿן מיט דעמדאָזיקן מענטש, וועלכער וועט אין זייער לעבן שפּילן אַ גרויסע ראָל.

אין אָנהייב איז אַלץ צוגעגאַנגען זייער גוט. איין מאַמע איז

צוגעקומען נאָך דער אַנדערער, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול בײַם טיש און געהאַלטן איר קינד אויף אַזאַ אופן, אַז די שיין פּונים ליכט איז געפֿאַלן גלײַך אויף דעם נאַקעטן לינקן הענטל אַרויף. נישט אויפֿהערנדיק צו שמועסן, האָט דער קירכאויפֿזעער געמאַכט דרײַ שניטן אין דעם נפֿשלס ווײַסער בלאַנקענדיקער הויט. אָבער בשעת דער גאַנצער אָפּעראַציע, האָט דער קלײנטשיקער צומאָל קיין פּיפּס נישט געטון.

נאָכדעם איז די מאַמע צוגעגאַנגען מיטן קינד צום קאַמין און געבליבן שטיין אין דער נאָענט פֿונם פֿײַער, כּדי די אימפּונג זאָל שנעלער אײַנטריקענען. בשעת־מעשה האָט זי געטראַכט וועגן דעם, וואָס דער קירכאויפֿזעער האָט געזאָגט וועגן איר קינד. מיט צופֿרידנקייט האָט זי זיך אויפֿן זינען געגומען זײַנע רייד, אַז איר קינד איז, אָן עין־הרע, גרויס און שיין געוואַקסן. ער האָט איר אויך פֿאָרויסגעזאָגט, אַז זי וועט האָבן פֿיל נחת פֿון דעם קינד, און עס וועט, מיט גאָטס הילף, זײַן אַזאַ בריה ווי די עלטערן, אָדער ווי די זיידע־באָבע, — און אפֿשר נאָך טיכטיקער ווי זיי זענען געווען.

אָט אַזוי איז עס צוגעגאַנגען שטיל און רויק, ביז עס איז געקומען די ריי צו קאַטרינאַן פֿון סקרוליקאַ, זיך אַוועקצוזעצן מיט איר קלאַראַן אויף דער שטול בײַם טיש. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט די קלײנע געשטעלט אַ העפֿטיקן ווידער־שטאַנד דעם פּאָקנשטעלער, אַרויסווײַזנדיק אַ באַשײַנפּערלעכן ווידערווילן צו דער גאַנצער פּראָצעדור. זי האָט געמאַכט גוואַלטן, געוואָרפֿן מיט די הענטלעך און געשטויסן מיט די פֿיסלעך, — הגם דער קירכאויפֿזעער און די מאַמע האָבן זיך שטאַרק באַמיט זי אײַנצוגעמען מיט מילדקייט און צערטלעכקייט. דאָס אַלץ האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן.

דאָס קינד איז באַהערשט געוואָרן פֿון עפּעס אַן אויסטער־לישן פּחד. קאַטרינאַ האָט מיט איר געמוזט אַוועקגיין אָן אַ זײַט, כּדי זי זאָל זיך באַרויקן. דערווײַל האָט מען געאימפּפֿט אַ גרויס, דיק ייִנגעלע, און אויך ער האָט דערבײַ קיין פּיפּס נישט געטון. אָבער ווי נאָר קאַטרינאַ האָט זיך מיט איר מיידעלע צוריקגעקערט צום

טיש, האָט זיך תּיכּף איבערגעחזרט דיזעלבע געשיכטע וואָס פֿריער. ס'איז פּשוט אוממעגלעך געווען אַפילו איר איין שניט צו מאַכן.

פֿון דער גאַנצער חבֿרה קליינוואַרג, וועלכע איז דאָרט געווען פֿאַרזאַמלט אין דער שטוב, איז קלאַראַ געווען דאָס איינציקע קינד. וועמען דער קירכאויפֿזעער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט געשטעלט קיין פּאָקן. קאַטרינאַ איז געווען אויסער זיך פֿון פֿאַרדרוס, וואָס נאָר איר קינד פֿירט זיך אויף אַזוי שלעכט. זי האָט זיך שוין פּשוט נישט געקאָנט קיין עצה געבן. אָבער דאַן איז יאַן שנעל אַרויסגעטרעטן פֿון דער פֿינצטערניש בײַ דער טיר, ווו ער האָט זיך געהאַט אָוועקגעשטעלט.

ער האָט גענומען דאָס קינד אויף זײַנע הענט. און קאַטרינאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער שטול, אָפּטרעטנדיק אים דאָס אָרט.

— אַנו, לאָמיר אַקאָרשט זען, צי דיר וועט עס בעסער געלונגען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון חוזק אין איר קול, וואָרים, אין דער אַנוועזנהייט פֿון פֿרעמדע מענטשן האָט זי קיינמאָל נישט געוואָלט אַנערקענען, אַז דאָס אויסגעהאָרעוועטע, אביונישדיקע פֿאַראָבעקל בײַ עריקן פֿון פֿאַליאַ, מיט וועמען זי האָט חתונה-געהאַט, זאָל קאָנען באַווײַזן עפּעס מער פֿון איר.

אָבער איידער יאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס רעקל זײַנס, און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שטייענדיק דאָרט אין דער פֿינצטער בײַ דער טיר האָט ער פֿאַרקאַטשעט דעם לינקן אַרבל פֿונם העמד.

אַצינד האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן לינקן אָרעם צום קירכאויפֿזעער און געזאָגט, אַז ער וואָלט זייער גערן געוואָלט זיך לאָזן שטעלן פּאָקן. אין זײַן גאַנץ לעבן האָט מען אים נישט געאימפּפֿט מער ווי איין מאָל, און נישט פֿאַראַן נאָך אַזאַ זאַך, פֿאַר וועלכער ער זאָל זיך אַזוי שרעקן, ווי פֿאַר דער פּאָקנקראַנקייט.

ווי נאָר דאָס קליינע מיידעלע האָט דערזען זײַן נאַקעטן אָרעם, איז זי געוואָרן שטיל און מיט אירע קלוגע, ברייט-אויפֿגעריסענע אייגעלעך געקוקט אויפֿן פֿאַטער.

זי האָט זיך אײַפּמערקזאַם צוגעקוקט, ווי דער קירכ־אויפזעער האָט אויפן פּאַטערס אָרעם געמאַכט די דריי שניטן, וואָס זענען תיכּף אָנגעלאָפן מיט בלוט. זי האָט איבערגעפירט דעם בליק פון איין שניט אויפן אַנדערן און צום סוף איינגעזען, אַז דעם פּאַטער איז אַלנפאַלס נישט געשען קיין גרויס בייז דער־פון.

ווען דער קירכאויפזעער איז פאַרטיק געוואָרן מיט יאַן אַנ־דערסאָגען, האָט דער לעצטער זיך געווענדט צום פּראָוויזאָרישן פּאַקנשטעלער:

— איצט האָט זיך שוין דאָס קינד אויף אַזוי פיל באַרויקט, אַז מיר וואָלטן אפשר געמעגט נאָכאַמאָל פּרוּוון?

דער קירכאויפזעער האָט טאַקע אויפסניי זיך גענומען צום קליינעם מיידעלע פון סקרוליקאַ. און דאָס מאָל איז עס שוין יאָ געלונגען. זי איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַן ערנסט מינעלע און זיך צוגעקוקט צום מעסערל, וואָס האָט צעדראַפּעט איר הויט, און דערביי גאָרנישט געוויינט.

דער קירכאויפזעער האָט אויך געשוויגן, — ביז וואַנען ער איז נישט פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו יאַנען:

— אויב איר האָט עס געטון, כּדי צו באַרויקן דאָס קינד, האָבן מיר דאָך געקאָנט זיך באַגנוגענען מיט אַן אָנשטעל, אַז איך אימפּ אייך די פּאָקן — — —

אָבער דעריוף האָט אים יאַן געענטפערט:

— אָ, ניין, הער קירכאויפזעער, איך מיין, אַז דאַן וואָלט עס אונז טאַקע נישט געלונגען. נישטאָ נאָך אַזאַ קלוג קינד, ווי זי, און ס'איז בכלל נישטאָ וואָס צו קלערן, אַז מען זאָל איר קאָנען איינרעדן עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט וואָרהאַפטיק.

דער געבוירנטאָג

אין דעם טאָג, ווען קלאַראַ איז אַלט געוואָרן איין יאָר, האָט איר פאָטער ווידער געאַרבעט מיטן רידל אויף די פעלדער, וואָס האָבן געהערט צו עריקן פון פאַליאַ.

ער האָט געגראָבן און זיך דערבאַנערט די אַמאָליקע צייטן, ווען ער האָט נאָך נישט געהאַט וועגן וועמען צו טראַכטן בעת דער אַרבעט אויפן פעלד. דאַן האָט זיין האַרץ נאָך נישט געקלאַפּט אַזוי פריידיק ווי איצט, און ער האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס בענקען אָדער זיין באַאומרויקט וועגן עמעצן.

— עס איז מיר אַ חידוש, אַז אַ מענטש זאָל גאָר קאָנען לעבן אַזוי־ערנאָך! — האָט ער הויך געזאָגט און דערפילט אַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין.

— נו, יאָ, אָט אין דעם גייט עס דאָך טאַקע! — האָט ער ווייטער צו זיך גערעדט. — איך זאָל אפילו זיין אַזוי רייך, ווי עריק פון פאַליאַ, אָדער אַזוי שטאַרק ווי בעריע, וועלכער שטייט דאָ לעבן מיר אויפן פעלד און גראָבט, איז עס נאָך אַלץ אַ גאָר־נישט־שבגאָרנישט אַקעגן דער גרויסער פרייד, וואָס איך פיל, האָבנדיק איצט אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט אַזוי שטאַרק און לעבהאַפט.

ער האָט אַ קוק־געטאָן אויף בעריען, וועלכער איז געווען זייער אַ שטאַרקער מענטש און האָט געקאָנט האַרעווען כמעט טאָפּלט ווי ער, יאַן. יעדע אַרבעט איז בײַ בעריען ממש אונטער די הענט פאַרפלאַמט געוואָרן. אָבער היינט האָט ער באַמערקט, אַז דער תמיד פלינקער בעריע ווערט עפּעס נישט אַזוי גיך פאַרטיק מיט זיין חלק פון דער דרענאַזש־אַרבעט.

זיי האָבן ביידע געאַרבעט אויף „אַקאָרד" בײַ עריקן פון

פּאַליאַ, אָבער בעריע פלעגט תּמיד אָננעמען צווייִמאָל אַזוי פיל אַר־בעט ווי יאַן. און דאָך, ווען ס'איז געקומען דער אָוונט, זענען זיי כּמעט אַלעמאָל גלייכצייטיק פאַרטיק געוואָרן. היינטיקס מאָל אָבער, האָט ער באַמערקט, אַז בעריען גייט עס עפּעס נישט ווי תּמיד. נישט געננוג, וואָס ער האָט זיך צומאָל נישט געהאַלטן גלייך מיט יאַנען, איז ער נאָך ווייט הינטערשטעליק געבליבן.

וואָס אַן אמת — יאַן האָט טאַקע אין דעם טאָג געהאָרעוועט מיט אַלע כּוחות, ווילנדיק וואָס פריער אַהיימקומען צו זיין טעכ־טערל. גראָד היינט האָט ער געבענקט נאָך איר מער ווי געוויינ־לעך. דערביי איז עס אים נישט אַראָפּ פון געדאַנק, אַז פאַרנאַכט קלעבן זיך שוין דעם קינד די אייגעלעך צום שלאָפן, אַזוי אַז אויב ער וועט זיך נישט צואײַלן, וועט ער עס, אַהיימקומענדיק, שוין נישט טרעפן וואַכעדיק.

ווען יאַן האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, האָט ער דערזען, אַז בעריע איז ערשט פאַרטיק געוואָרן מיט אַ העלפט פון זיין „אַקאָרד”. אַזוינס האָט מיט אים נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט אין פאַרלויף פון די פיל יאָרן, וואָס זיי אַרבעטן צוזאַמען. דאָס האָט יאַנען אַזוי שטאַרק געחידושט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו זיין חבר.

בעריע איז געשטאַנען אין אַ טיפער קאַנאַווע און מיטן רידל זיך באַמיט אַרויסצוהייבן אַ שווערע גרודע אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט אָבער פריער געהאַט אַרויפגעטרעטן אויף אַ שטיק גלאָז און באַקומען אַ טיפן שניט אין פוס. צוליב דעם האָט ער נישט געקאָנט טראָגן דעם שטיוול. נו, קאָן מען דאָך שוין פאַרשטיין, ווי שווער עס איז אים געווען מיט אַזאַ פאַרוווּנדיקטן פוס אַראָפּצו־דריקן דעם רידל אין דער ערד אַריין.

— אפשר וואָלט עס פאַר דיר אויך שוין גענוג געווען אויף היינט ? — האָט יאַן געפרעגט.

— איך מוז נאָך היינט פאַרטיק ווערן דערמיט, — האָט בעריע געענטפערט. — פריער, ווי איך וועל נישט פאַרענדיקן דאָס גראָבן פון דער קאַנאַווע, וועל איך נישט באַקומען קיין קאָרן פון

עריקן. און אינדערהיים האָבן מיר שוין צומאָל נישט קיין שטויבל מעל.

— נו, טאַ האָב־זשע מיר אַ גוטע נאַכט! — האָט יאַן געזאָגט.

בעריע האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט זיך צומאָל נישט געקאָנט צוריק גריסן.

יאַן איז צוגעגאַנגען ביז צום ראַנד פונם פעלד, אָבער דאָרט איז ער ווידער שטיין געבליבן.

— וואָס וועט שוין דיין קליין מיידעלע האָבן דערפון, וואָס דו וועסט אַהיימקומען אין איר געבוירנטאָג, איידער זי וועט האָבן איינגעשלאָפן אויף באַנאַכט? — האָט ער צו זיך געזאָגט. — בישקשה, אויך אָן דיר גייט, חלילה, נישט קיין נויט אויף איר. אָבער בעריע האָט, אָן עין־הרע, זיבן קינדערלעך אינדערהיים, און עס איז, נעבעך, נישטאָ פאַר זיי קיין ביסן ברויט. צי ווילסטו דאָס דערלאָזן, אַז זיי זאָלן ליידן הונגער, בלויז כדי דו זאָלסט נאָך היינט זיך קאָנען שפּילן מיט קלאַראַ גולאַן? *)

ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו בעריען, זיך אַוועקגע־שטעלט לעבן אים און צוגעהאָלפן גראָבן. אָבער ער אַליין איז אויך שוין געווען גוט מיד פון זיין אייגענער אַרבעט, און דערי־בער איז עס אים נישט אַזוי שנעל געגאַנגען ווי פריער. ערשט ווען ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, זענען זיי ביידע ענדלעך פאַרטיק געוואָרן מיט דעם גאַנצן ראָוו.

— קלאַראַ גולאַ מוז שוין אוודאי שלאָפן פון אַ גוטער מי־נוט! — האָט יאַן געטראַכט, אַוועקשליידערנדיק די לעצטע גרודע ערד. — אַ גוטע נאַכט, בעריע! — האָט ער זיך צום צווייטן מאָל געזעגנט מיט אים.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר! אַ דאַנק דיר פאַר דער הילף! — האָט בעריע געענטפערט. — איצט גיי איך תיכף

---

*) פאַרקירצונג פון גולעבאָרג. מ. פ.

נאָך דעם משה־גערעדטער קאָרן, נישקשה, דו קאָנסט זיין זי־
כער, אַז איך וועל דיר אַמאָל אָפּדינען מיט אַ טובה!

— איך פאַרלאַנג נישט, זאָלסט מיר אָפּדינען. אַ גוטע נאַכט!

— וואָס הייסט? — האָט בעריע זיך געחידושט. — פאַר־וואָס ווילסטו נישט, איך זאָל דיר אָפּדינען פאַר דיין אַרבעט? וואָס ביסטו מיר עפּעס היינט געוואָרן אַזאַ בעל־טובה?

— המ... ווייל... ווייל ס'איז היינט דער ערשטער געבוירנ־טאָג פון מיין טעכטערל.

— אַזוי גאָר?... און דערפאַר האָסטו מיר גראָד היינט געדאַרפט צוהעלפן גראָבן?

— יאָ, טאַקע צוליב דעם... און צוליב נאָך עפּעס אויך... נו, אַ גוטע נאַכט!

ער איז שנעל אַוועקגעגאַנגען, כדי ער זאָל נישט דאַרפן אויסזאָגן אויך די צווייטע סיבה. און געפילט האָט ער, אַז ער וואָלט עס געמוזט זאָגן, עס האָט אים ממש געבריט די צונג:

— היינט איז נישט בלויז קלאַראַ גולאַס געבוירנטאָג, נאָר אויך דער ערשטער געבוירנטאָג פון מיין האַרץ...

אָבער נאָך גוט וואָס ער האָט עס נישט געזאָגט, ווייל בעריע וואָלט זיכער געמיינט, אַז יאַן איז, מסתמא, נישט באַ די קלאָרע געדאַנקען...

דער ווייַנאַכטספרימאָרגן

ווען דאָס קליינע מיידעלע פון סקרוליקאַ איז אַלט געוואָרן אַ יאָר מיט פיר חדשים, האָט יאַן אַנדערסאָן זי מיטגענומען צום ווייַנאַכטיקן פרימאָרגנגעבעט אין דער קירך.

זיין ווייב קאַטרינאַ האָט, וואָס אַן אמת, איינגעפונען, אַז דאָס מיידעלע איז נאָך צו קליין, מען זאָל זי שוין קאָנען מיטנע־

מען אין קירך. זי האָט מורא געהאַט, דאָס קינד זאָל דאָרטן נישט אָנהייבן שרייען, ווי עס האָט שוין אַמאָל געטון בשעת מען האָט עס געשטעלט פּאָקן. אָבער יאָן האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע; אגב, איז סיי ווי געווען אַ מנהג מיטצונעמען די פּיצלעך קינדער צו דער ווייַנאַכטיקער פרימאָרגנמעסע.

זיי האָבן זיך אַלזאָ געפּעדערט גאָר באַגינען, און אַ זייגער פינף פאַרטאָג זענען זיי שוין געווען אויפן וועג צו דער קירך. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און אַרום איז געווען פינצטער ווי אין אַ זאַק, אָבער עס איז נישט געווען קאַלט, נאָר כמעט וואַרעם אין דער לופט, און דערביי קיין שפּור פון אַ ווינטל; אַזאַ וועטער טרעפט דאָרטן אָפט סוף חודש דעצעמבער.

אין אָנהייב איז זיי אויסגעקומען צו גיין איבער אַ שמאָלע שטעגעלע צווישן אַקערפעלדער און יונגע וועלדלעך אין קעסלטאָל פון אַסקעדאַלאַרנאַ. דערנאָך האָבן זיי זיך געמוזט שלעפּן איבער דעם משופּעדיקן, פאַרשנייעטן באַרגשטעגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבער דער הויכקייט פון סניפּאַ, און ערשט נאָכדעם זענען זיי אַרויפגעקומען אויף אַ נישקשהדיקן וועג.

אין דעם צווישטאָקיקן הויז פונם רייכן פויערשן הויף אין פּאַליאַ האָבן געברענט ליכט אין אַלע פענצטער; דעם פּאָרפאָלק פון סקרוליקאַ האָט דאָסדאָזיקע הויז זיך אויסגעוויזן פונקט ווי אַ לייכטנדיקער ים-לאַמטערן. אַ דאַנק דער שטאַרקער שיין פון דאָרט האָבן זיי ווי עס איז זיך דערשלאָגן צו בעריעס הייזל. דאָרט ווידער, האָבן זיי זיך צוגעשטאָפּן מיט עטלעכע שכנים, וועלכע האָבן שוין ערב-ווייַנאַכט געהאַט צוגעגרייט שטורקאַצן צו לייכטן אויפן וועג, און איצט האָט דאָס פּאָרפאָלק פון סקרוליקאַ זיך פאַראייניקט מיט זיי. יעדער איינער פון די שטורקאַצנטרעגער איז געגאַנגען בראש פון אַ געזעמל וואַנדערער. ס'רוב פון זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן שטיל, אָבער אַלע זענען פאָרט געווען פרייַלעך געשטימט. עס איז זיי פאָרגעקומען ווי זיי וואָלטן איצט געוואַנדערט פונקט ווי די דריי חכמים פון מזרח, באַגלייט פון אַ לויכטנדיקן שטערן אויפן וועג צום ניי-געבוירענעם מלך פון יהודה.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דער וואַלדהויכקייט, זע-

נען זיי פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַ גרויסן פעלזנשטיין, וואָס אַ פאַרצייטישער טיטאַן האָט אין אַ ווייַנאַכטספרימאָרגן אַ שליידער-געטון קעגן דער קירך אין סוואַרטזשעי; נאָר צום גליק, איז דער שטיין אַריבערגעפלויגן איבער דעם קירכטורם און געבליבן ליגן דאָ אויף דער הויכפלאַך פון סניפאַ.

איצט, בשעת די וואַנדערער האָבן זיך דערנענטערט צו דעם שטיין, איז ער, ווי תמיד, געלעגן אויף דער ערד. זיי האָבן אָבער אַלע געוווסט, אַז אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט איז דער שטיין געלעגן אויפגעהויבן אויף צוועלף גאָלדענע זיילן און מכשפים און שדים האָבן געטאַנצט אונטער אים.

דאָס איז נישט געווען קיין אָנגענעמע זאַך, פאַרבייצוגיין לעבן אַזאַ מין שטיין, גראָד אין אַ ווייַנאַכטסבאַגינען. יאַן האָט כסדר געקוקט צו קאַטרינאַן, צי זי האַלט דאָס קינד גענוג פעסט צוגעדריקט צו זיך.

קאַטרינאַ איז אָבער געגאַנגען מיט זיכערע, רויקע טריט און גערעדט שטילערהייט מיט אירע שכנים. איר איז, ווייזט-אויס, צומאָל אויפן רעיון נישט געקומען צו קלערן וועגן דער געפערלעכקייט פון דעם אָרט, אויף וועלכן זי האָט זיך איצט געפונען.

די טענענביימער זענען דאָ אויבן געווען אוראַלטע, הויכשטאַמיקע און ווידערשטאַנדספעיקע קעגן אַלערליי שטורמגעוויטערס. אין דער רויטער שיין, וואָס די שטורקאַצן האָבן געוואָרפן אויף די שטאַמען מיט די גרויסע שנייהיטלען אויף זייערע קרוינען, האָט נישט איינעם פון די וואַנדערער געקאָנט זיך דאַכטן, אַז אַ סך פון די, וואָס מען האָט פריער אָנגענומען פאַר ביימער, זענען גאָר מכשפים, בייזוויליקע ריזן, שונאים פון די מענטשן. איצט האָבן זיי פון אונטער די גרויסע ווייסע קאַפליצן אפּער געוואָרפן פייַנטלעכע בליקן אויף די פאַרבייגייער און אויסגעשטרעקט צו זיי די לאַנגע, שאַרפע נעגל פון די ווייסע הענטשקעס אַרויס.

אַזוי לאַנג, ווי די ריזן זענען כאָטש רויק אויף אַן אָרט געשטאַנען, איז עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה; אָבער ווער ווייסט, צי איצט האָט עס נישט אַמאָל אַזאַ איינעם פלוצלינג געקאָנט פאַר-

גלוסטן אויסצושטרעקן זיין מעכטיקן אָרעם און פאַנגען אַ מענטש, וואָס גייט דאָרט פאַרביי.

מילא, פאַר אַ דערוואַקסענעם איז עס נאָך נישט אַזוי געפער־לעך, ער וואָלט זיך שוין ווי עס איז, מיט גאָטס הילף, אַרויסגע־דרייט פון דעם מכשפס לאַפּעס. יאַן האָט אָבער געהערט, אַז די מכשפים האָבן באַזונדערס ליב קליינע מענטשנקינדער, און וואָס קלענער — אַלץ בעסער, באַטעמטער פאַר די מנוולים.

יאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויף אַזאַ געפערלעך אָרט גיט קאַטרינאַ נישט גענוג אַכטונג אויפן קינד. וואָס פאַר אַ קונץ וואָלט עס דען געווען פאַר דעם מכשף מיט זיינע מעכטיקע לאַ־פּעס אַרויסצורייסן בײַ איר דאָס קינד, אַזוי ווי זי האָלט עס אַצינד? אָבער, אַז ער זאָל גלייך צוגיין צו קאַטרינאַן און אַרויסנעמען דאָס קינד פון אירע הענט, — דאָס האָט ער אויך נישט געוואַגט, ווייל דאָס וואָלט דאָך ערשט געקאָנט אויפרייצן די מיאוסע חברה, זיי זאָלן זיך וואַרפן אויפן קינד.

אויך אָן דעם האָט עס שוין אָנגעהויבן צו רוישן און מורמ־לען פון איין מכשף צום אַנדערן. ס'האָט אָנגעהויבן צו קנאַקן אין די אויבערשטע צווייגן, אונטער די ריזיקע שנייהיטלען, אַ שטיי־גער ווי די טיטאַנען וואָלטן זיך אויסגעגלייכט די אברים און זיך געגרייט צום אָנפאַל.

יאַן האָט זיך נישט דערוועגט צו פרעגן זיינע מישגייער, צי זיי זעען און הערן דאָסזעלבע וואָס ער; וואָרים, טאָמער וואָלט גראָד דידאָזיקע פראַגע אַריינגעבראַכט די מיאוסע מחבלים אין אַזאַ כעס, אַז זיי וואָלטן זיך צוליב דעם אָנגעהויבן פון אָרט רירן?

אין דעמדאָזיקן האַרצביטערניש זיינעם האָט ער פאַר זיך נישט געזען קיין אַנדערע עצה, ווי אינמיטן וויסטן וואַלד אָנצו־הייבן זינגען אַ ווייטאַכטיק קאַפּיטל תהילים. — —

ער האָט נישט געהאַט קיין גוטע שטימע, און פלעגט טאַקע קיינמאָל נישט זינגען. ער האָט אַזוי ווייט נישט געקאָנט נעמען קיין טאָן, אַז אפילו אין קירך האָט ער זיך אויך נישט דערוועגט

מיטצוזינגען מיט די דאַוונער; אָבער איצט איז אים נישט גע־ווען קיין גרויסע נפקא־מינה, ווי אַזוי ער זינגט, אַבי געזונגען, כּדי דערמיט מציל צו זיין זיין קינד.

ער האָט געזען, אַז די שכנים האָבן זיך זייער געחידושט. די, וואָס זענען געגאַנגען בראש, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן לייכט אָנגעשטויסן מיט די עלנבויגנס און זיך אומגעקוקט אויף אים. יאָן האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט דערפון. ער האָט ווייטער געזונגען מיט אַ פאַרביסענער עקשנות.

אָבער אַ ווײַלע דערנאָך האָט איינע פון די פרויען שטילער־הייט געזאָגט צו אים:

— וואַרט נאָר אַ מינוטקעלע, יאָן, וועל איך אייך צוהעלפן! זי האָט אויפגעהויבן איר קול און מיט דער ריכטיקער מע־לאָדיע און ריכטיקן טאָן געזונגען דאָס ווײַנאַכטיקע לויבגעזאַנג:

זײַ באַגריסט, שײַנער פרימאָרגן,
דו, וואָס דורך די ליפּן פון נביאים
ביסט אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן!

און דאַן האָבן זיך די איבעריקע וואַנדערער אויך נישט גע־קאָנט אָפּהאַלטן, אַלע האָבן צוגעהאָלפן. אַך, ווי שײַן דאָס האָט אינמיטן דער נאַכט אָפּגעקלונגען צווישן די ביימער!

אָבער דאַן איז עפּעס אַ שוידערלעך געמורמל אַדורכגעלאָפן צווישן די ריזן־מכשפים און זיי געמאַכט שטאַרק ציטערן. זיי האָבן אַראָפּגערוקט זייערע גרויסע היטלען טיפער אויף די שטערנס, אַזוי אַז מען האָט שוין מער נישט געזען זייערע בייזווייליק בלישטשענ־דיקע מכשף־אויגן; זיי האָבן אויך צוריקגעצויגן די לאַפּעס מיט די שאַרפע נעגל, וואָס זענען שוין געווען גרייט צום אָנגריף, און ווידער זיי אַריינגערוקט אונטערן שניי. ווען דער ערשטער פערז איז אָפּגעזונגען געווען, איז שוין קיינער מער נישט אימשטאַנד געווען צו זען דאָרט עפּעס אַנדערש, ווי אַ געווײנלעכן וואַלד פון אַלטע טענענביימער, וואָס זענען ווידערשטאַנדספעיק קעגן אַלערליי

שטורמגעוויטערס, און וואָס קאָנען קיינעם קיין שלעכטס נישט טון.

*

די שטורקאַצן, מיט וועלכע די מענטשן פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָבן זיך צוגעלויכטן אויף זייער וועג דורכן וואַלד, האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעברענט, און ווען די וואַנדערער זענען צוגעקומען צום שליאַך, האָבן זיי קוים נאָך געטליעט. אָבער דאָ האָט מען זיך שוין געקאָנט ריכטן לויט די העל באַלויכטענע פויערשע הייזלעך. ווי נאָר איין הייזל איז פאַרשוווּנדן, איז שוין דאָס צווייטע אויפגעשווומען, נישט ווייט פון דעם פריערדיקן. די באַלעבאָסטעס האָבן אַריינגעשטעלט אין די פענצטער אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט פון לייכטערס און הילצערנע מנורות, זיי זאָלן צולייכטן די אָרימע וואַנדערער אויפן וועג צו דער קירך.

ענדלעך זענען זיי אַרויפגעקומען אויף אַ בערגל, פון וואַנען מען האָט שוין געקאָנט זען די קירך גופא. זי איז דאָרט געשטאַנען ווי אַ ריזיקער לאָמטערן, און מיט דער שטראָמענדיקער שיין פון אַלע אירע פענצטער באַלויכטן אַ גרויסן שטח אַרום זיך.

ווען די וואַנדערער האָבן זי דערזען, זענען זיי שטיין געבליבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, — אַזאַ טיפן איינדרוק האָט דערדאָזיקער אָנבליק געמאַכט אויף זיי. נאָך די אַלע קליינע הייזלעך און נידעריקע פענצטערלעך, לעבן וועלכע זיי זענען אויפן וועג אַהער פאַרבייגעגאַנגען, איז די קירך זיי איצט פאַרגעקומען אַזוי ווונדערלעך גרויס און עפּעס אַזוי ווונדערלעך לייכטנדיק!...

ווען יאַן האָט דערזען די קירך, איז אים געקומען אויפן רעיון די מעשה וועגן די צוויי אָרימע מענטשן פון פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט געוואַנדערט מיט זייער קליין קינד, — זייער גאַנצע טרייסט און פרייד אין לעבן. זיי זענען געקומען פון בית-לחם און האָבן געוואָלט גיין קיין ירושלים, כדי זייער קינד זאָל אין דאָרטיקן טעמפּל געמלט ווערן. זיי האָבן זיך

אָבער געמוזט אויסבאַהאַלטן און וואַנדערן בלויז אונטער דער שוץ פון דער נאַכט, ווייל עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן געלויערט אויף דעם קינדס לעבן.

די מענטשן פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָבן זיך געהאַט צוגעאיילט און זענען אַרויסגעגאַנגען פונדערהיים נאָך אַ שטיק פאַר באַגינען, כדי צו קומען אין קירך פריער פאַר יענע, וועלכע האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען צו פאָרן; אָבער נישט ווייט פון דער קירך זענען זיי אַלנפאַלס אָנגעיאָגט געוואָרן פון די פאָרנדיקע. זיי זענען אָנגעקומען מיט פאָרסקענדיקע פערד און קלינגענדיקע שליטנגלעקלעך און זענען פאַרביי מיט אַ פליענדיקן גאַלאָפּ, צווינגענדיק די אָרימע פוסגייער אַרויפצולויפן אויף די הויכע שנייקופעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן וועג.

איצט האָט יאַן געטראָגן דאָס קינד, און יעדע פאָר מינוט האָט ער געמוזט אַנטלויפן אָן אַ זייט, כדי אויסצומיידן די שליטנס. איבער דעם איז זיי דאָס וואַנדערן געווען זייער שווער, בפרט נאָך, וואָס די לאָמטערלעך פון די פאַרבייפאָרנדיקע שליטנס האָבן כסדר געבלענדט די אויגן פון די וואַנדערער. אָבער פונדערווייטנס האָט זיי דאָך אַקעגנגעלויכטן דאָס שטראַלנדיקע טעמפל; זאָלן זיי זיך נאָר דערשלעפן ביז דאָרט אַהין, וועלן זיי זיך שוין פילן זיכער און רויק, האָבן די וואַנדערער געטראַכט.

אָבער הינטער זיי האָט זיך איצט דערהערט אַ שטאַרק געקלינגעריי פון שליטנגלעקלעך און אַ הילכיק געטופעריי פון פערדישע פיס. עס איז אָנגעלאָפן אַ גרויסער שליטן, איינגעשפאַנט מיט צוויי פערד. אין שליטן איז געזעסן אַ יונגער פריץ אין אַ שוואַרצן פעלץ און מיט אַ הויך פוטערן היטל אויפן קאָפ. לעבן אים איז געזעסן זיין יונג ווייבל. ער האָט אַליין אָנגעטריבן די פערד, אָבער הינטער אים איז דער קוטשער זיינער געשטאַנען מיט אַ העללייכטנדיקן שטורקאַץ אין זיין הויך אויפגעהויבענער האַנט. דער לופטצוג האָט צוריקגעוואָרפן דעם ברייטן פלאַם פונם שטורקאַץ, וועלכער האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט אַ לאַנגן פאַס פון רויך און פונקען.

יאַן איז מיטן קינד אויף די אָרעמס געשטאַנען אינדערהייך,

אויף דער שנייקופּע. די לאַגע איז געווען פאַר אים אַ געפערלעכע, ווייל איין פוס איז אים פּלוצלינג אַראָפּגעזונקען טיף אין שניי אריין, אַזוי אַז ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. דאָס האָט באַמערקט דער פּריץ, וועלכער האָט אים מיט זיין שליטן געהאַט אַראָפּגעטריבן פונם וועג; ער האָט האַסטיק אַ פאַרצי־געטון די לייצעס און צוגערופן יאַנען

— גיב אַהער דאָס קינד, וועט עס מיטפאָרן מיט מיר אין דער קירך אַריין! — האָט ער פריינטלעך געזאָגט. — איך וועל עס דיר צוריקגעבן באַם אַריינגאַנג. מיט אַ קינד אויף די הענט איז דאָך סכנות־נפשות צו גיין אויפן וועג, בעת עס לויפן דאָ אַזוי פיל שליטנס!

אָבער יאַן האָט אים קורץ געענטפערט:

— אַ דאַנק! איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן

— שרעק זיך נישט, מיר וועלן אָוועקזעצן דאָס מיידעלע אָט דאָ, צווישן אונז ביידע! — האָט די יונגע פּריצהטע געזאָגט.

— אַ שיינעם דאַנק! עס וועט שוין אַזוי אויך גוט זיין! — האָט יאַן איר געענטפערט.

— אַזוי גאָר, דו האָסט, זע איך, מורא אַרויסצוגעבן דאָס מיידעלע פון דיינע הענט? — האָט דער יונגער פּריץ אויסגערופן, און הויך לאַכנדיק אָוועקגעפאָרן ווייטער.

די וואַנדערער זענען ווייטער געגאַנגען, אָבער זייער וועג איז איצט, וואָס נענטער צו דער קירך, געוואָרן אַלץ געפערלעכער און שווערער. איין שליטן איז אָנגעקומען נאָכן אַנדערן; נישט געווען, דאַכט זיך, קיין איין פערד אין דער גאַנצער געמיינדע, וועלכעס זאָל אין דעמדאָזיקן ווייַנאַכטסבאַגינען נישט האָבן געשלעפּט אַ שליטן אויפן וועג צו דער קירך.

— פאַרוואָס האָסטו זיי נישט געוואָלט געבן דאָס קינד? — האָט אים קאַטרינאַ געפרעגט מיט פאָרוואורף. — איך האָב מורא, זאָלסט נישט, חלילה, סוף־כּל־סוף פאַלן מיטן קינד.

— וואָס הייסט, זיי האָב איך געזאָלט געבן דאָס קינד?...

דו מוזט נישט וויסן וואָס דו רעדסט! צי האָסטו דען נישט געזען ווער דאָס איז געווען?...

— וואָס וואָלט דען געשעען דעם קינד, אויב די באַלעבאַטים פון דער דיוונעזישער הוטע וואָלטן עס גענומען צו זיך אין שליטן אַריין?

יאַן אַנדערסאָן איז שטיין געבליבן געפּלעפט.

— אַזוי גאָר? דאָס איז געווען דער יונגער פּריץ פון דיוו־נעז מיט זיין ווייב? — האָט ער איבערגעפרעגט און דער־ביי אויסגעזען, ווי ער וואָלט אין דער רגע אויפגעוואַכט פון אַ חלום.

— פאַרשטייט זיך, אַז זיי! ווער דען, האָסטו געמיינט?

נו יאָ, ווו איז יאַן איצט געווען מיט זיינע געדאַנקען? וואָס איז עס געווען פאַר אַ קינד, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט אויף די הענט געטראָגן? און וווהין איז ער דאָס געגאַנגען דערמיט? אין וועלכן לאַנד האָט ער איצט געוואַנדערט?

ער האָט זיך אַ וויש־געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן און געענטפערט צעטומלט און פאַרשעמט:

— און איך האָב גאָר געמיינט, אַז דאָס איז דער קיניג הור־דוס מיט זיין ווייב פונעם לאַנד יהודה.*)

די שאַרלעך

ווען דאָס קליינע מיידעלע פון סקרוליקאַ איז אַלט געווען אַן ערך דריי יאָר, איז זי שלאָף געוואָרן אויף אַ קראַנקהייט, וואָס איז זיכער געווען די שאַרלעך, ווייל דאָס מיידעלע איז געווען רויט

*) דעם 28 דעצעמבער — בא קריסטן דער אָנדענק פונעם טאָג, ווען הור־דוס האָט באַפוילן די קליינע קינדער אויסצושעכטן. מ. פ.

אויפן גאַנצן קערפּערל און געבריט ווי פייער. זי האָט אויך נישט געוואָלט עסן, און נישט געקאָנט שלאָפן, נאָר איז כּסדר געלעגן פאַרשמאַכט און גערעדט פון היץ.

אַזוי לאַנג, ווי זי איז געלעגן קראַנק, האָט יאַן נישט גע־קאָנט באַ זיך פועלן אַוועקצוגיין פונדערהיים, נאָר איז טאָג־איין, טאָג־אויס געזעסן אין שטיבל. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די תּבואה פון זיין באַלעבאָס עריק פון פּאַליאַ וועט שוין דאָס יאָר פאַרבלייבן נישט אויסגעדראָשן.

אָבער באַם קראַנקן קינד איז קאַטרינאַ אַליין אַרומגעגאַנגען; זי האָט עס כּסדר צוגעדעקט, יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד האָט טאָן זיך אַראָפּגעוואָרפן די קאָלדרע, און האָט איר געגעבן צו טרינ־קען די קאַוועלעפּעלעך וואַסערדיקן יאַגדעזאַפּט, וואָס זי האָט באַ־קומען פון דער באַלעבאָסטע פון פּאַליאַ.

ווען דאָס מיידעלע איז געווען געזונט, האָט צומייסטנס דער פאָטער זיך פאַרנומען מיט איר. אָבער ווי נאָר זי איז קראַנק גע־וואָרן, האָט ער שוין מורא געהאַט זיך צורירן צו איר. ער האָט געציטערט, ער זאָל איר, חלילה, נישט טון עפּעס שלעכטס, אָדער נישט זיין אַזוי דעליקאַט מיט איר, ווי מען דאַרף זיין מיט אַ קראַנק קינד.

אָבער דאָס שטובל האָט ער פאָרט נישט פאַרלאָזט, געזעסן אין אַ ווינקל באַם קאַמין און כּסדר געקוקט אויף זיין קראַנק מיי־דעלע.

זי איז געלעגן אין איר אייגן בעטעלע, אָבער זי האָט נישט געהאַט אונטער זיך מצר ווי אַ שטרויזעקל, אָן אַ ליילעך. דעם מיידעלע איז, ווייזט־אויס, שווער געווען איינצוליגן אויף דעם האַרטן געלעגער, ווייל איר צאַרט קערפּערל איז, נעבעך, אָנגעווייטיקט געווען פון דעם אויסשלאָג און געשווילעכץ. דערצו נאָך איז זי געלעגן אונטער אַ קאָלדרע, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ שטיק היימיש־געוועבטע, גראָבע לייוונט.

און ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט זיין, האָט יאַן, — יע־דעסמאָל, וואָס דאָס קינד האָט זיך אומרויק געוואָרפן אויפן גע־

לעגער, — געמוזט טראַכטן וועגן דער איינציקער טייערער זאַך, וואָס ער האָט פאַרמאָגט: וועגן זיין זונטיקדיק העמד.

ער האָט נישט מער פאַרמאָגט, ווי דאָס איינע בעסערע העמד, אָבער עס איז געווען אויפגעניים פון דינער, גלאַטיקער, געבלייכ־טער לייוונט, מיט אַ שטייף געקראָכמאַליעטן גאָרס. דאָס איז געווען אַזאַ פיין העמד, — אַז אפילו דעם אייגנטימער פון דער הוטע אין דיוונעז וואָלט אויך געמעגט אָנשטיין צו טראָגן עס לכבוד יום־טוב; יאַן האָט טאַקע זייער טייער געהאַלטן דאָסדאָזיקע העמד. וואָרים, די איבעריקע וועש זיינע איז געווען געניים בלויז פון אַזאַ גראָבער לייוונט, ווי דאָס איבערצוג פון קינדס געלעגער.

ער האָט אָבער געוווסט, אַז ס'איז אומזיסט זיין גאַנץ טראַכטן וועגן דעם זונטיקדיקן העמד. וואָרים, ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זיין, אַז קאַטרינאַ זאָל איינוויליקן דערויף, ער זאָל צערייסן דאָס העמד, — דאַן ווען זי האָט עס אים געגעבן אַלס חתונה־געשאַנק?

קאַטרינאַ האָט סיי ווי געטון פאַרן קינד אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זי האָט געליען אַ פערד־און־וואָגן באַ עריקן פון פאַליאַ, איינגעוויקלט דאָס מיידעלע אין וויפיל טיכער און פאַטשיי־לעס זי האָט נאָר געהאַט און אַוועקגעפאָרן דערמיט צום דאָקטאָר. דאָס איז אפילו געווען אַ גרויס בריהשאַפט פון קאַטרינאַן, אָבער יאַן האָט נישט געקאָנט איינזען, אַז דאָס זאָל האָבן געבראַנגט עפּעס אַ נוץ. דאָס היפשע פלעשל טראָפּנס, וואָס זי האָט מיטגע־בראַכט פון אַפטייק, ווי אויך דאָס גענויע אויספירן דעם דאָקטאָרס פאַראָרדנונגען, האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסע פעולה.

יאַן איז געפייניקט געוואָרן פון שווערע מחשבות: אויב על־טערן ווילן נישט פאַר זייער קינדסוועגן מקריב זיין אפילו דאָס טייערסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן — זענען זיי אפשר איגנאַנצן נישט ווערט צו בלייבן באַ אַזאַ טייערע מתנה פון גאָט, ווי דאָסדאָזיקע מיידעלע איז? אָבער גיי זיי אַ בריה איבערצוצייגן קאַטרינאַן אין אַזאַ זאַך!

דאָס קינד איז כסדר געלעגן אין היץ. אין דערזעלבער צייט איז צו יאַנען אָריינגעקומען די אַלטע קאַרין, — אַ פינישע פון

אָפּשטאָם. אַזוי ווי אַלע פּרויען פון דער פּינישער ראַסע איז זי אויך געווען באַהאַוונט אין אָפּשפּרעכן פאַרשידענע מחלאות באַ בהמות, אָדער „אַ שלעכט אויג״ באַ מענטשן, ווי אויך אין אויסהיילן אַ „גערשטן״ אויפן לעפּל, אַ געשוויר, אַ ביס פון אַ שלאַנג, אָדער „ווערים״ באַ קינדער. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנדערע, ערנסטערע קראַנקהייטן, האָט קיינער זיך נישט געוואָלט באַראַטן מיט איר. מען האָט עס באַטראַכט ווי אַן עבירה פאַר גאָט, — צו פאַרלאַנגען הילף באַ דער מכשפה, אויב ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַנדערש ווי קליינע, אומבאַדייטנדיקע שלאָפּקייטן.

ווי נאָר קאַרין איז אַריינגעקומען אין שטיבל, האָט זי באַלד דערזען דאָס קראַנקע מיידעלע. קאַטרינאַ האָט איר געזאָגט, אַז דאָס קינד האָט די שאַרלעך. אָבער נישט דער פאָטער, נישט די מוטער האָבן זי נישט געבעטן וועגן אַן עצה דערצו.

קאַרין האָט אָבער אַלנפאַלס געזען, ווי אומרויִק און באַקלעמט די עלטערן זענען. דעריבער, ווען קאַטרינאַ האָט זי מכבד געווען מיט אַ טעפּל קאַווע, און יאַן האָט איר געגעבן אַ שטענגל האַרטן טאַבאַק צום קייען, האָט זי זיך צום סוף אָנגערופן, כלומרשט ווי נישט געווענדט צו קיינעם:

— דידאָזיקע קראַנקייט האָב איך נישט קיין מאַכט צו היילן. אָבער איך וועל אייך אָנווייזן, ווי אַזוי איר זאָלט אַליין קאָנען וויסן, צי אייער קינד וועט לעבן בלייבן, אָדער, חלילה, שטאַרבן: זייט וואַך די נאַכט ביז אַ זייגער צוועלף, דאַן זאָלט איר צוזאַמענבייגן דעם ווייזפינגער מיטן קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט, אַזוי אַז עס זאָל ווערן אַן „אייגל״, און דורך דעם „אייגל״ זאָלט איר קוקן אויפן קינד. דאָס, וואָס איר וועט דאַן זען ליגן לעבן מיידעלע, וועט אייך שוין אויסזאָגן, וואָס איר האָט צו דערוואַרטן.

קאַטרינאַ האָט איר זייער באַדאַנקט, ווייל מיט אַזעלכע לייט איז אַלעמאָל גלייכער צו לעבן בשלום, און איר צוגעזאָגט נאָך אַ ביסל קאַווע. עס איז איר אָבער לחלוטין נישט איינגעפאַלן צו פאָלגן איר עצה.

יאַן אַליין האָט אויך נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף אירע ריי̈ד. ער האָט כּסדר געטראַכט וועגן דעם זונטיקדיקן העמד. עס האָט אים אָבער נישט געקלעקט קיין מוט זיך צו קריגן מיט קאַטרינאַן. זי וואָלט אים זיכער נישט דערלויבט אַ תּל צו מאַכן פון זיין חופּה־העמד. דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער אַליין אויך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס וועט סיי ווי קנאַפּ־וואָס העלפן דעם קראַנקן מיי־דעלע, און טאָמער, חלילה, שטאַרבט זי, וועט עס דאָך סתּם זיין אַ שאָד צו האָבן אומזיסט־אומנישט אַ תּל געמאַכט פון אַזאַ פיין העמד.

ווען ס'איז שוין געקומען די צייט פון שלאָפן־גיין, האָט קאַט־רינאַ זיך געלייגט אין בעט, ווי יעדן אָוונט. אָבער יאַן איז צו אומ־רויִק געווען, אַז ער זאָל קאָנען שלאָפן, ער האָט דעריבער זיך נישט געלייגט אין בעט, נאָר איז ווייטער געזעסן אין ווינקל לעבן קאַמין; ער האָט געזען, ווי קלאַראַ גולאַ האָט זיך, נעבעך, גע־דרייט פון יסורים אויפן געלעגער, ווייל דאָס גראָבע איבערצוג האָט איר די הויט אָפּגעריבן. דערום האָט ער געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער זאָל איר קאָנען אויסבעטן דאָס געלע־גערל מיט אַ פריש, גלאַטיק און דין ליילעך.

דאָס פיינע, ווייס־בלאַנקעבדיקע און שטרייף־געפּרעסטע העמד זיינס, איז אָן שום נוצן געלעגן אין מלבושים־קופערט. טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט עס אים אַזש פאַרקלעמט באַם האַרץ. פון דער אַנ־דערער זייט ווידער, וואָלט עס דאָך טאַקע קיין יושר נישט געווען צו באַנוצן קאַטרינאַס חתונה־געשאַנק פאַר אַ ליילעך.

פונדעסטוועגן, ווען די ווייזערס פונם זייגער האָבן זיך אָנ־געהויבן צו דערנענטערן צו צוועלף און קאַטרינאַ איז שוין גע־שלאָפן, האָט יאַן זיך אויפגעהויבן פון בענקל, צוגעגאַנגען צום קופערט און אַרויסגענומען דאָס העמד. קודם־כּל האָט ער אָפּגעריסן דעם שטייפן גאָרס, און דאָס איבעריקע צעריסן אויף צוויי שטיקער. איין טייל האָט ער פאָרזיכטיק אַרונטערגערוקט אונטער דעם קראַנקן קערפּערל און די צווייטע טייל אונטערגעלייגט אונטער דער וואָרע־מער קאָלדרע, מיט וועלכער דאָס קינד איז געווען צוגעדעקט.

נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט אין ווינקל און

געוואַכט איבערן קינד. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער זייגער אויס־געשלאָגן צוועלף. נישט ווייסנדיק קלאָר, וואָס ער טוט, האָט ער אין דערזעלבער רגע צוגויפגעבויגן די פינגער פון דער לינקער האַנט און געמאַכט אַן „אייגל", צוגעטראָגן עס צום אויג און גע־קוקט דורכדעם אויפן קינד.

ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט דאָרט דערזען! אויפן קאָנט פונם בעטל איז געזעסן אַ נאַקעט מלאכל. דאָס לײַב פון דעם מלאכל איז געווען צעדראַפּעט און אָפּגעריבן פון דעם גראָבן איבערצוג פון דער קאָלדרע און עס האָט, ווייזט־אויס, שוין בדעה געהאַט צו פאַרלאָזן דאָס בעטל. אָבער דאָ האָט עס זיך אומגעקערט און מיט ביידע הענט אָנגעטאַפּט די גלאַטיקע לייוונט פונם העמד; ערשט דאַן האָט עס צוריק אַרויפגעהויבן די פיס לעך און זיך אַוועקגעלייגט אין בעטל אַריין, כדי ווייטער צו וואַכן איבער דעם קראַנקן קינד.

ווען דאָס מלאכל האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס בעטל, איז פון הינטער דעם צוקאָפּנס אַפּערגעקראָכן עפּעס אַ שוואַרץ, אויסטערליש באַשעפעניש. דערזעענדיק, אַז דאָס מלאכל פאַרבענקט זיך צום אַוועקגיין, האָט דאָסדאָזיקע באַשעפעניש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צעשטשירעט אין אַן עקלהאַפטיקן שמייכל, פרייענדיק זיך, וואָס עס וועט זיך קאָנען אַוועקלייגן אין בעטל אַריין, אויפן אָרט פון דעם מלאכל.

אָבער דאָס מלאכל האָט נישט דערלאָזט דערצו, און דאָס שוואַרצע באַשעפעניש האָט דעריבער פאַרקרומט דאָס פּרצוף זיינס אין אַ שוידערלעכער גרימאַסע. באַלד דערנאָך האָט עס זיך איינגע־קורטשעט און פאַרבראָכן אַלע אברים, גלייך ווי די ערגסטע גיהנום־דיקע יסורים וואָלטן עס איצט איבערן לײַב דורכגעלאָפן, און דרייענדיק זיך ווי אַ שלאַנג, איז עס צוריק אויף דער ערד אַראָפּ־געקראָכן.

— — — — — — — — — — — —

צומאָרגנס איז דעם מיידעלע פיל בעסער געוואָרן. קאַטרינאַ האָט זיך אַזוי געפרייט, וואָס די קרענק איז אָפּגעטרעטן, אַז זי האָט קיין האַרץ נישט געהאַט פאַרצוואַרפן יאַנען, הלמאַי ער האָט

אַ תל געמאַכט פון איר חתונה־געשאַנק. זי האָט אָבער אַלנפאַלס געטראַכט, אַז איר איז שוין איינמאָל באַשערט געווען צו האָבן אַ טפש פאַר אַ מאַן!

דער באַזוך באַם רייכן קרוב

ווען דאָס קליינע מיידעלע פון סקרוליקאַ איז שוין אַלט געווען אין פינפטן יאָר, האָט יאַן אַמאָל אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג עס אָנגענומען באַם הענטעלע, און זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעלאָזט צום וואַלד־צו.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן דעם שאָטנדיקן יונגן בערעזעווועלדל, וווּ זיי פלעגן זיך אָפטמאָל אַוועקזעצן. זיי זענען אויך פאַרבייגעגאַנגען לעבן דעם בערגל, אויף וועלכן ס'זענען געוואַקסן פאַזעמקעס... יאָ, זיי האָבן אפילו פאַרבייגעוואַנדערט לעבן דעם מורמלענדיקן קוועלעכל, נישט אָפּשטעלנדיק זיך דאָרט.

זיי זענען געגאַנגען האַנט־באַ־האַנט, שטיל און פאַרטראַכט, גלייך ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט ווייזן, אַז עס שטייט זיי איצט פאָר עפּעס גאָר פייערלעכס.

צום סוף זענען זיי פאַרשוווּנדן אין וואַלד אַריין, דאָרט אויף מזרח־צו, וווּ דער וואַלד וואַקסט צום געדיכטסטן. אָבער אויך דאָרטן האָבן זיי זיך נישט אַוועקגעזעצט אָפּרוען. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַנדערער זייט וואַלד, אויף אַ בערגל, נישט ווייט פונם דאָרף לובי.

פון דאָרטן האָבן זיי אַראָפּגעגנידערט צום שיידוועג, וווּ עס קרייצן זיך אי דער שמאָלער וועג צום דאָרף, אי דער ברייטער שליאָך. דאָ האָט שוין ענדלעך געזאָלט קלאָר ווערן, וווהין זיי האָבן בדעה געהאַט צו גיין.

זיי האָבן זיך אָבער נישט געווענדט אין קיין שום ריכטונג פון די נאָענט־ליגנדיקע, אָרימע, פויערשע הייזלעך. זיי זענען גע־

גאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער אין דאָרף אַריין. איצט איז שוין ממש געווען אַ רעטעניש צו וויסן דעם ציל פון זייער וואַנדערונג. וואָרים, ס'האָט דאָך נישט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז זיי זאָלן האָבן געוואָלט אָפּגעבן אַ וויזיט ביערן הינדריקסאָנען פון לובי?

וואָס אָן אמת, איז ביערן הינדריקסאָנס ווייב געווען די שטיפשוועסטער פון יאַנס מוטער, אַזוי אַז ער האָט זיך ווירקלעך געקאָנט רעכענען פאַר אַ קרוב מיט דעם רייכסטן פויער פון דאָרף. און געהאַט אַ רעכט צו רופן ביערן הינדריקסאָנען און זיין ווייב „פעטער" און „מומע", אָבער ביז איצט איז יאַנען ווינציק-וואָס אָנגעגאַנגען דידאָזיקע קרובהשאַפט; אַ סברא, אַז אפילו פאַר קאַט-רינאַן האָט ער קיינמאָל נישט דערמאָנט, אַז ער איז אַזאַ נאָענטער מחותן מיט די גרעסטע יחסנים פונם דאָרף. יאַן האָט אים תמיד אויסגעמיטן, און פלעגט אפילו אויפן פלאַץ פאַר דער קירך קיינ-מאָל נישט צוגיין און אים די האַנט געבן, הגם אין דער אָנוועזנ-הייט פון אַלע דאָרפער וואָלט דאָס פאַר יאַנען נישט קיין קליינער כבוד געווען.

אָבער איצט, ווען ער האָט אַזאַ וויל, געראָטן טעכטערל, איז ער שוין עפּעס מער ווי אַן אָרימער לוינאַרבעטער. ער האָט שוין איצט צו באַווייזן זיך מיט אַ טייערן אוצר, און צו באַפּוצן זיך מיט אַזאַ שיינע בלום! איצט איז ער שוין אויך אַ נגיד צווישן נגידים און אַ יחסן צווישן יחסנים. און טאַקע דערפאַר איז ער דאָס מיט אַזאַ זעלבסטזיכערן טריט צוגעגאַנגען צו ביערן הינדריקסאָנס גרויס וווינהויז, כדי צום ערשטן מאָל אין לעבן אָפּשטאַטן אַ באַזוך בײַ זיינע אָנגעזעענע קרובים.

— — — — — — — — — —

דער וויזיט האָט נישט לאַנג געדויערט. אַ קנאַפּע שעה דערנאָך האָט יאַן מיט זיין טעכטערל שוין ווידער געשפּאַנט אי-בערן ברייטן הויף, צום אַרויסגאַנג-צו.

אָבער, צוקומענדיק צום טויער, איז יאַן שטיין געבליבן און זיך אומגעקוקט, ווי ער וואָלט חשק געהאַט נאָכאַמאָל אַריינצו-גיין.

ער האָט אויך לחלוטין נישט געהאַט וואָס צו באַדויערן דעמ-דאָזיקן באַזוך. אדרבא, מען האָט אים דאָרט זייער פיין אויפגענומען. ביערן הינדריקסאָנס ווייב האָט באַלד אָנגענומען קלאַרא גולאַן פאַרן הענטל און זי צוגעפירט צו דער גרויסער בלוי-לאַקירטער שאַנק, וואָס איז געשטאַנען באַ דער ברייטסטער וואַנט פון דער שטוב, און איר געגעבן אַ סוכאַרקע און אַ שטיקל צוקער. און ביערן הינדריקסאָן אַליין האָט געפרעגט, ווי אַלט זי איז און ווי זי הייסט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זיין גרויסן לעדערנעם בייטל, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער הויזנקעשענע, און איר געגעבן אַ בלאַנקענדיק זילבערן צוואַנציקערל.

יאַנען האָט מען מכבד געווען מיט קאַווע, און זיין שטיפ-מומע האָט זיך אויסגעפרעגט וואָס קאַטרינאַ מאַכט, און געוואָלט געוווּיר ווערן, צי זיי האָבן כאָטש אין זייער ווירטשאַפט אַ קו און אַ חזיר, צי ס'איז נישט קאַלט אין זייער הייזל ווינטערצייט, און צי עריק פון פאַליאַ צאָלט אים אַזאַ טאָגלוין, אַז ער זאָל נישט דאַרפן מאַכן קיין חובות.

דער גאַנצער וויזיט איז אַזוי צוגעגאַנגען, אַז יאַן האָט אסור נישט געהאַט קיין סיבה צו זיין אומצופרידן. אָבער ווען ער האָט שוין געהאַט געשמועסט מיט ביערן הינדריקסאָנען אַ לענגערע ווײַלע, האָט דער לעצטער אים דערקלערט, אַז היות זיי זענען פאַרבעטן אויף אַ שמחה, מוזן זיי אין אַ האַלבער שעה אַרום צו-פאָרן אַהינצו. זיי האָבן יאַנען געבעטן נישט פאַראיבל האָבן, וואָס זיי קאָנען נישט לענגער זיך אונטערהאַלטן מיט אים. יאַן האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז די האַלבע שעה דאַרפן זיי האָבן פאַר זיך, כדי זיך איבערצוטון, און דעריבער האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געזעגנט.

אָבער דאַן איז זיין שטיפמומע שנעל צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט פוטער און חזיר-פעטס, אָנגעפילט איין זעקל מיט גרויפּן און אַ צווייטס מיט מעל און צונויפגעפּאַקט אַלצדינג אין איין פעקל אַריין, וועלכעס זי האָט באַם געזעגענען זיך דערלאַנגט יאַנען אין דער האַנט אַריין.

— דאָס איז אַ קליין כיבודל פאַר קאַטרינאַן, — האָט זי

געזאָגט. — זי האָט זיך עס, בנאמנות, פאַרדינט דערמיט, וואָס זי האָט געמוזט בלייבן זיצן אינדערהיים און די שטוב אָפּהיטן!

ער האָט גענומען וואָס מען האָט אים געגעבן, אָבער דאָס־דאָזיקע פּעקל האָט אים גרויס זאָרג פאַרשאַפט.

ער האָט געוווּסט, אַז אין דעם פּעקל זענען דאָ אַזעלכע גוּ־טע זאַכן, וועגן וועלכע מען האָט בעת די אָרימע מאָלצייטן אין סקרוּליקאַ בלויז געקאָנט חלומען; פאַר אַזעלכע אביונים איז דאָס געווען אַ צו טייערער ביסן, אָבער יאַן האָט געפילט, אַז אויב ער וואָלט גענומען דאָסדאָזיקע פּעקל, וואָלט ער דערמיט באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן זיין טעכטערל.

ער איז דאָך נישט געקומען צו ביערן הינדריקסאָנען ווי אַ בעטלער, נאָר ווי אַ גאַסט צו זיינע קרובים. ער האָט נישט געוואָלט, אַז ביערן הינדריקסאָן זאָל האָבן דעם מינדסטן טעות וועגן דעם. ער האָט אים געמוזט איבערצייגן דערין.

יאַן האָט גלייך געקלערט וועגן דעם, ווי נאָר מען האָט אים דערלאַנגט דאָס פּעקל, אָבער דער דרך־ארץ פאַר ביערן הינדריקסאָ־נען און זיין ווייב איז בא אים געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך נישט דערוועגט זיי צו באַליידיקן, און דעריבער צוגענומען די מתנה.

איצט אָבער איז ער צוריקגעגאַנגען פון גאָרטנטירל, אַוועקגעלייגט דאָס קלומעקל לעבן דער שטאָל, ווו די שטובמענטשן האָבן כסדר געמוזט פאַרבייגיין, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט אויסמיידן צו באַמערקן עס.

וואָס אַן אמת, האָט עס אים וויי־געטון אַוועקצולייגן דאָרט דאָס פּעקל. אָבער זיין מיידעלע איז נישט געווען קיין טאָכטער פון אַ בעטלער. קיינער וועט נישט קאָנען זאָגן אויף איר און אויף איר פאָטער, אַז זיי זענען אַרומגעגאַנגען נאָך נדבות.

דער שולעקזאַמען

קלאַראַ פינאַ גולעבאָרג איז אַלט געווען זעקס יאָר, ווען איר פאָטער יאַן האָט זי אַמאָל מיטגענומען צום שולהויז אין עסטאַנבי, ווו עס זענען גראָד פאָרגעקומען די עקזאַמענס.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע שולהויז אין דער גאַנצער געמיינדע, און די אַרומיקע דאָרפסאייַנוווינער האָבן זיך זייער געפרייט, וואָס עס איז שוין ענדלעך צושטאַנד געקומען. זיי האָבן זיך געפרייט איבער דעם, וואָס דער קירכאויפזעער סוואַרטלינג, וועלכער איז אייַנצייטיק געווען אויך לערער אין דער דאָרפסשול, וועט שוין איצט נישט דאַרפן אַרומוואַנדערן מיט זייַנע תּלמידים פון איין פויערשער שטוב אין דער צווייטער.

ביזן יאָר 1860, ווען די נייַע שולגעביידע איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן, האָט ער יעדע פערצען טעג געמוזט בייַטן דעם לאָקאַל פון זייַן שול. אַ סך מאָל איז אים און זייַנע תּלמידים אויסגעקומען בשעת די לימודים צו פאַרברענגען אין אַזאַ שטוב, ווו די באַלעבאָסטע פלעגט גראָד קאָכן עסן און דער באַלעבאָס פלעגט שטיין בײַ זייַן סטאָלערוואַרשטאַט און הובליעווען אָדער זעגן. דערבײַ האָט אויך געקאָנט פּאַסירן, אַז די אַלטע עלטערן פון די באַלעבאַטים זאָלן דאָרט אַ גאַנצן טאָג ליגן אין די בעטן, און אונטער זייערע בעטן זאָלן הינער אומאויפהערלעך קוואָקען.

אָבער טראָצדעם איז דער לימוד צוגעגאַנגען גאָר נישקשהדיק, ווייל דער קירכאויפזעער סוואַרטלינג איז געווען אַזאַ אייַנער, וועלכער האָט געקאָנט אויפהאַלטן שטרענגע דיסציפּלין, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען. אָבער איצט, האָט עס אים אַלנפאַלס שטאַרק הנאה־געטון צו קאָנען אויספירן זייַן אַרבעט אין אַ שטוב, וואָס איז אויסשליסלעך באַשטימט פאַר לימוד. דאָ זענען די ווענט נישט פאַרשטעלט מיט בעטן און פאָליצעס פאַר כלים און אַר-

בעטס־מכשירים. דאָ שטעלט מען שוין נישט אויף קיין הויכע וועב־שטולן פאַר די פענצטער, אַזוי אַז זיי פאַרטונקלען די גאַנצע שטוב. און דאָ האָט שוין קיין שכנטע נישט די העזה אַריינצוקומען אײַנמיטן אַ לעקציע און פּלוידערן עטלעכע שעה באַם טרינקען קאַווע, טרייבנדיק דערווייל רכילות אויף אַלע שכנים.

דאָ האָט סוואַרטלינג געקאָנט באַהענגען די ווענט מיט בילדער פון דער ביבעל, מיט קאָליר־טע צייכענונגען פון פאַרשידענע חיות, ווי אויך מיט פּאָרטרעטן פון די שוועדישע קיניגן. דאָ האָבן די קינדער געהאַט אמתע שולבענק און נידריקע פּולפּיטן, אַזוי אַז זיי האָבן שוין נישט געדאַרפט זיצן אַרום הויכע טישן, וואָס צו זייערע פּלאַטן האָט די קליינע חברה אָפטמאָל קוים געקאָנט מיט דער שפּיץ נאָז דערגרייכן.

דאָ האָט אויך דער לערער געהאַט זיין אייגענעם קאַטעדר, מיט פּאָליצעס און שופלעדלעך, ווי ער האָט געקאָנט האַלטן זיינע גרויסע צייגנישביכער. דער אַלטער סוואַרטלינג אַליין האָט איצט אויך געהאַט גאָר אַן אַנדער חשיבות, פאַרנעמענדיק אַן אָרט אויף דעם קאַטעדר, — נישט ווי פריער, ווען אים איז אַ סך מאָל אויסגעקומען צו פאַרהערן זיינע תלמידים, זיצנדיק אויף דער ליימענער פּליטע פון אַ קאַמין, מיט אַ שטאַרק פייער הינטער די פּלייצעס, און מיט דעם געזעמל קינדער אין אַ ראָד אַרום זיך אויף דער פּאָדלאָגע. דאָ האָט ער געהאַט אַ באַשטימט אָרט פאַר דעם שוואַרצן טאָפל און הענגערס פאַר די לאַנדקאַרטעס און טאַבעלעס, און נישט באַדאַרפט, ווי אַמאָל, זיי אָנשפּאַרן אָן שענק, טישן, בענק און אַנדערע שטובזאַכן פון דעם צופעליקן לאָקאַל פאַר זיין שול.

איצט האָט ער געוווסט, ווו ער האָט ערגעץ אָוועקצולייגט די געניצטע פּעדערס, און אויך געהאַט ווו צו לערנען די קינדער צייכענען גלייכע פּאַסיקלעך און רעגולערע האַלבקרייזן. מען האָט איצט געקאָנט האָפן, אַז די גאַנצע געמיינדע וועט זיך מיט דער צייט אויסלערנען שרייבן אַזוי שיין און געציקלט, ווי ער אַליין האָט געקאָנט. חוצדעם האָט ער איצט געהאַט די מעגלעכקייט אײַנצומושטרירן זיינע תלמידים, זיי זאָלן זיך אויפהייבן נאָך די לעק־

ציִעס אַלע מיטאַמאָל און אַרויסמאַרשירן פון דער שולגעביידע אין גלייכע רייען, ווי זעלנער.

אָבער ווי גרויס די פרייד מיט דעם נייעם שולהויז איז נישט געווען בא אַלע איינוווינער פון דער געמיינדע, האָט זיך פאַרט בא זיי דערוועקט אַ מאָדנע געפיל. עס איז זיי פאַרגעקומען, ווי די קינדער וואָלטן אויף אַ געוויסן אופן פאַרפרעמדט געוואָרן פאַר זיי, נאָכדעם ווי דאָס קליינוואַרג האָט אָנגעהויבן באַזוכן די נייע שול. עפעס זענען איצט די קינדער אין זייערע אויגן דערהויבן געוואָרן צו אַ בכבודיקערן שטאַנד, צו וועלכן זיי אַליין, — די עלטערן, — האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט. דאָס איז אָבער נישט געווען יושרדיק צו טראַכטן אַזוי; אדרבא, זיי האָבן דאָך געדאַרפט זיין צופרידן דערמיט, וואָס די קינדער זייערע האָבן געקאָנט געניסן פון אַזוי פיל גוטס, וואָס זיי אַליין איז עס נישט באַשערט געווען.

אין יענעם טאָג, ווען יאַן איז געגאַנגען צו די שולעקזאַמענס, האָט ער דעם גאַנצן וועג געוואַנדערט האַנט-בא-האַנט מיט זיין מיידעלע, און, ווי תמיד, געשמועסט מיט איר, ווי מיט אַ גוטן פריינט און חבר. אָבער ווען קלאַראַ גולאַ איז צוגעקומען נאָענט פון שולהויז און דערזען די קינדער, וואָס האָבן געוואַרט באַם אַריינגאַנג, האָט זי אַרויסגערוקט איר הענטל פון פאָטערס האַנט און אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט וועג. ווי באַר זי איז צוגעקומען צו דער שולגעביידע האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר פאָטער און גיך צוגעלאָפן צו די איבעריקע קינדער.

בשעת די עקזאַמענס איז דער אָרימער יאַן פון סקרוליקאַ געזעסן אויף אַ שטול, גאָר נאָענט פון דעם לערערס קאַטעדר. ער האָט פאַרנומען אַן אָרט צווישן די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים פון דער געמיינדע און מיטגלידער פונם שולראַט. יאַן האָט פשוט געמוזט זיך דאָרט אַוועקזעצן, אַז נישט וואָלט ער נישט געזען פון קלאַראַ גולאַן מער, ווי איר נאַקן, ווייל זי איז געזעסן צווישן די יינגסטע שילערינס, אויף דער פאָדערשטער באַנק, רעכטס פון קאַטעדר. אַן אַנדערשמאָל וואָלט ער זיכער נישט געהאַט די העזה זיך אַוועקצוזעצן אַזוי אויבנאָן. אָבער דער פאָטער פון אַזאַ געראָטן מיידעלע,

ווי קלאַראַ גולאַ, דאַרף זיך נישט האַלטן קלענער פון די איבע־ריקע באַלעבאַטים, — האָט יאַן געטראַכט.

עס קאָן גאָרנישט מעגלעך זיין, אַז פון דאָרט, ווו זי איז געזעסן, זאָל קלאַראַ גולאַ נישט האָבן געזען איר פאָטער. אָבער זי האָט אים צומאָל קיין איין בליק נישט געשענקט; עפּעס ווי ער וואָלט שוין פאַר איר נישט עקזיסטירט.

דערפאַר אָבער זענען אירע אויגן כסדר געווענדט געווען צום לערער. ער האָט איצט געהאַלטן באַם פאַרהערן די עלטערע קינדער, וועלכע זענען געזעסן לינקס פון קאַטעדר. זיי האָבן איצט געמוזט לייענען פון די ביכלעך און דערביי אָנווייזן פאַרשידענע לענדער און שטעט אויף דער לאַנדקאַרטע, און אויך רעכענען אויפן שוואַרצן טאַפל. דעם לערער האָט פשוט קיין צייט נישט געקלעקט צו וואַרפן אַ בליק אויף די קלענערע קינדער. עס וואָלט אַלזאָ גאָרנישט אויס־געמאַכט, אויב קלאַראַ גולאַ וואָלט כאָטש פון דער זייט אַ קוק־געטון צום פאָטער. אָבער ניין, זי האָט זיך קיין איינמאָל נישט פאַרגינען אויסצודרייען דעם קאָפּ צו אים.

אַ קליינע טרייסט איז פאַר אים געווען, וואָס אַלע איבערי־קע קינדער האָבן זיך אויך אַזוי געהאַלטן בנוגע זייערע עלטערן. זיי זענען געזעסן שטיל, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פונם לערער; חברה קליינוואַרג האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען אַלצדינג, וואָס ער האָט געזאָגט, אפילו די חכמהלעך זיינע, ווייל זיי האָבן זיך פון צייט־צו־צייט קעגנזייטיק מיט די עלנבויגנס אָנגעשטויסן און געשמייכלט.

די עלטערן האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָפּוווּנדערן, וואָס די קינדער פירן זיך אויף אַזוי לייטיש בעת די עקזאַמענס און ווייזן אַרויס אַזעלכע גרויסע קענטעניש. אָבער דער קירכאויפזעער סוואַרטלינג איז באמת געווען אַן אויסערגעוויינלעכער בריה; ער האָט געקאָנט מאַכן מיט די קינדער, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט.

יאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אַ ביסל פאַרשעמט און באַקלעמט. ער האָט שוין איצט אַליין נישט געוווּסט, צי דאָס איז טאַקע זיין טעכטערל, וואָס זיצט דאָרט אויף דער באַנק, אָדער גאָר אַ פרעמדנס קינד. דאָסדאָזיקע געפיל האָט אים אַזוי געפּייניקט, אַז

ער האָט זיך אינמיטן דערין אויפגעהויבן פון זיין שטול און זיך אוועקגעזעצט נעבעטער צו דער טיר, צווישן די אָרימע לוינאַרבעטער און געצנשטריקער.

ווען ס'האָט זיך שוין געענדיקט דער עקזאַמען פון די עלטערע תלמידים, האָט זיך דער לערער געווענדט צו די קלענערע, וועלכע האָבן ערשט קוים באַוויזן זיך אויסצולערנען לייענען. קיין סך וויסן האָבן זיי נאָך נישט געהאַט אין זייערע מוחות, אָבער אויף עטלעכע פראַגן האָבן זיי אויך געמוזט ענטפערן. צוערשט האָט דער לערער זיי אויסגעפרעגט וועגן דער וועלטבאַשאַפונג.

קודם־כל האָבן זיי אים געמוזט ענטפערן אויף דער פראַגע, ווער עס האָט באַשאַפן די וועלט. דאָס האָבן זיי אַלע געוווסט. אָבער צום שלימזל איז דעם לערער איינגעפאַלן צו פרעגן, צי זיי ווייסן אויך וועגן אַן אַנדערן נאָמען, וואָס מיר גיבן אָפט דעם רבונו של עולם.

דאָ זענען שוין די קליינע אָנפאַנגער שטיין געבליבן מיט אָפענע מיילער. אַ היץ האָט זיי אַ שלאָג־געטון אין די פּנימלעך אַריין. זיי האָבן געקנייטשט די שטערנס, אָבער בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער אויף אַזאַ האַרבער פראַגע.

אויף די בענק, וווּ עס זענען געזעסן די עלטערע קינדער, האָבן אָנגעהויבן פּאָכען הענט און ס'האָט זיך געטראָגן אַ שושקעריי פון איינעם צום אַנדערן. אַ ווײַלע, דערנאָך האָבן שוין אַלע עלטערע קינדער אומאויפהערלעך געכיכיקעט. אָבער די אַכט קליינע ביי־אָנגעקומענע האָבן פאַרביסן די ליפּן און נישט אַרויסגעבראַנגט קיין וואָרט פון מויל. קלאַראַ גולאַ אַליין האָט אויך געוווסט פונקט אַזוי פיל, ווי דאָס איבריקע קליינוואַרג.

— עס איז פאַראַן אַזאַ געבעט, וואָס מיר זאָגן עס יעדן טאָג! — האָט דער לערער זיי אַרויסגעהאָלפן. — ווי אַזוי רופן מיר דאָרטן גאָט?

איצט האָט זיך קלאַראַ גולאַ שוין געכאַפּט, וואָס מען מיינט דאָ! זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער לערער וויל, מען זאָל זאָגן,

אַז גאָט רופט מען אויך „פאָטער", — פונם געבעט „פאָטער אונזער", — און דעריבער האָט זי אויפגעהויבן די האַנט.

— נו, זאָג־זשע, קלאַראַ גולאַ, ווי אַזוי רופן מיר גאָט? — האָט דער לערער זי געפרעגט.

קלאַראַ גולאַ האָט זיך אַ שטעל־אויף געטון מיט פלאַמענדיקע באַקן, און דאָס האַרט־צונויפגעפלאָכטענע צעפל איז איר בשעת־מעשה אָפּגעשטאַנען פונם נאַקן, ווי אַ ווידעלע.

— מיר רופן אים יאַן! — האָט זי געענטפערט הויך אויפן קול.

אין דער רגע האָט זיך שוין דערהערט אַ כיכיקען איבערן גאַנצן זאַל. די חשובסטע באַלעבאַטים, די מיטגלידער פונם שולראַט, די עלטערן און די תלמידים, — אַלץ האָט געלאַכט, אפילו דער לערער אַליין האָט אויך פאַרצויגן די ליפּן צו אַ שמייכל.

קלאַראַ גולאַ האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט און עס זענען איר געקומען טרערן אין די אויגן. אָבער דאַן האָט דער לערער אַ שטאַרקן קלאַפּ־געטון אין דער פּאָדלאָגע מיט זיין שטעקן, וואָס האָט אים געדינט צום ווייזן אויף דער לאַנדקאַרטע, און אויסגערופן:

— שטיל זאָל זיין!

דערנאָך האָט ער אַלעמען דערקלערט מיט אַ פּאָר ווערטער:

— קלאַראַ גולאַ האָט געוואָלט זאָגן: פּ אָ ט ע ר! אָבער אַנשטאָט דעם, האָט זי געזאָגט „יאַן", ווייל איר פאָטער הייסט יאַן. מיר דאַרפן זיך אָבער נישט אַזוי שטאַרק חידושן אויף דעם מיידעלעס ענטפער. וואָרים, איך וויים נישט, צי ס'איז פאַראַן דאָ בא אונז אין שול נאָך אַ קינד, וואָס זאָל האָבן אַזאַ גוטן פאָטער, ווי זי. איך האָב שוין נישט איינמאָל געזען, ווי ער איז אין אַ שטאַרקן רעגן און ווינט געשטאַנען פאַר דער שול און געוואַרט אויף איר, און איך האָב אויך געזען, ווי ער האָט זי געטראָגן אין שול אַריין, ווען ס'איז געווען אַ שנייזאַווירוכע און דער וועג איז געווען פאַרשאָטן מיט הויכע קופּעס שניי. דערפאַר דאַרף עס אונז נישט אידושן, וואָס זי זאָגט „יאַן", ווען זי וויל אָנרופן דאָס בעסטע, וואָס זי ווייסט!

דער לערער האָט געגלעט דאָס מיידעלע איבער די האָר,

און אַלע מענטשן האָבן האַרציק געשמייכלט און געזען טיף גערירט.

קלאַראַ גולאַ אָבער איז געזעסן אויף איר אָרט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נישט וויסנדיק, ווו זיך אַהינצוטון פאַר חרפה. דאַקעגן, יאַן פון סקרוליקאַ האָט זיך געפילט גליקלעך און איז געווען שטאָלץ פאַ זיך, ווי אַ קייסער. וואָרים, ס'איז אים איצט ווידער קלאָר געוואָרן, אַז דאָס קליינע מיידעלע, וואָס זיצט אויף דער פאָדערשטער באַנק, ריעבטס, — דאָס איז טאַקע זיין אייגן טייער קינד און נישט קיין פרעמדנס!

דער קאָנקורסעקזאַמען

אַ מאָדנע זאַך דאָס איז געווען מיט דעם מיידעלע פון סקרוליקאַ און איר פאָטער. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען, ווי פון איין שטיק ליים געקנעטן; זיי האָבן אפילו געקאָנט לייענען איינער דעם אַנדערנס געדאַנקען.

— — — — — — —

אין סוואַרטזשעי האָט געוווינט אַ לערער, וואָס איז געווען אַן אַלטער אויסגעדינטער זעלנער. ער האָט געלערנט מיט די קינדער, וואָס האָבן געוווינט אין דער פאַרוואָרפנסטער סביבה פון דער געמיינדע, — זייער ווייט פון דער נייער שולגעביידע. דערדאָזיקער לערער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעל שולהויז, ווי דער קירכאויפזעער, אָבער ער איז געווען גאָר שטאַרק באַליבט באַ זיינע תלמידים. דאָס לערנען באַ אים האָבן זיי נישט געפילט ווי אַן עול, נאָר גיכער זענען זיי געלאָפן צום אונטערריכט באַ אים, ווי צו אַ שפּילעריי. יעדן טאָג זענען זיי געווען בייגיריק צו הערן, וואָס ער וועט זיי דערציילן עפּעס נייעס.

צווישן די צוויי לערער האָט געהערשט די בעסטע גוטפריינטשאַפט. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז דער יינגערער האָט געוואָלט איבערצייגן דעם אַלטן זעלנער, ער זאָל אויך וועלן „מיט-

גײן מיט זײן צײט". ער האָט אים, למשל, געוואָלט באַקענען מיט דער מעטאָדע פון פּאַנעטיק און אַנדערע נײַעסן אין שולאונטעררױכט. דער אַלטער האָט דאָס אַלץ ס'רוב געדולדיק אױסגעהערט. אָבער אײנמאָל האָט ער עס שוין נישט מער געקאָנט פאַרטראָגן און שאַרף אָפּגעענטפערט:

— דו ביסט אַזױ גרױס בײַ זיך, סוואַרטלינג, װײַל דו האָסט באַקומען אַ נײַע שולגעבײדע! אָבער איך קאָן דיר זאָגן, אַז מײַנע קינדער לײענען פּונקט אַזױ גוט װי דײַנע, — כאָטש מיר האָבן נישט ערגעץ אַנדערש צו לערנען, װי אין פּױערשע שטיבלעך.

— דאָס װײס איך! — האָט דער קירכאױפזעער געענט־פערט. — און איך האָב עס קײנמאָל נישט געװאָלט אָפּלײקענען. איך מײן בלױז, אַז אױב די קינדער קאָנען זיך אױסלערנען אַ זאַך מיט װינציקער קאָפּברעכעניש...

— טאָ איז װאָס? — האָט אים דער זעלנער איבערגעשלאָגן די רײד.

דער קירכאױפזעער האָט לױט דעם אַלטנס קול דערקענט, אַז יענער פילט זיך געטראָפן פון זײַנע רײד, און דעריבער האָט ער זיך שוין געװאָלט צוריקציען.

— װאָס אַן אמת, װײס איך, אַז װי װײַט דו קאָנסט, פאַר־גרינגערסטו דעם לימוד פאַר דײַנע תּלמידים, אַזױ אַז זײ האָבן זיך קײנמאָל נישט װאָס צו באַקלאָגן אױף צו שװערע לעקציעס — — —

— אפשר װילסטו דערמיט זאָגן, אַז איך מאַך זײ שוין צו גרינג דאָס לערנען? אָדער, אַז איך לערן זײ בכלל גאָרנישט? — האָט דער אַלטער אױסגערופן, מיט כּעס און געקלאַפּט מיט דער פױסט אין טיש אַרײַן.

— װאָס איז דאָס הײַנט מיט דיר, טיבערג? — האָט דער קירכאױפזעער געפרעגט. — עפּעס װערסטו אױפגעקאָכט איבער יע־דע קלײניקײט. און װאָס איך זאָל דיר נישט זאָגן, דרײסטו באַלד איבער דעם מײַן דערפון פאַרקערט.

— טאָ פאַרװאָס־זשע גיסטו מיר אַלעמאָל אַזעלכע קאַפּולער אָנצוהערענישן?

זײטיקע מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס און

געמאַכט שלום צווישןביידע לערער, אַזוי אַז באַם געזעגענען זיך, זענען זיי זיך ווידער געווען דיזעלבע גוטע פריינט, וואָס פריער. אָבער בעת דער אַלטער טיבערג איז איינער אַליין געגאַנגען אהיים, זענען אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק די רייד פונם קירכאויפּ-זעער, און איצט האָבן זיי אים אריינגעבראַכט אין נאָך אַ שטאַר-קערן גרימצאָרן, ווי פריער.

— ווי האָט גאָר דער יונגאַטש געקאָנט האָבן די העזה צו זאָגן — האָט דער אַלטער געטראַכט, — אַז איך וואָלט אימשטאַנד געווען בעסער צו לערנען מיט מיינע תּלמידים, — אויב איך וואָלט נאָר „מיטגעגאַנגען מיט מיין צייט", ווי ער רופט עס אָן? — ער מיינט אוודאי, אַז איך בין שוין צו אַלט פאַר מיין פּראָפעסיע נאָר ער וויל מיר דאָס נישט זאָגן מיט קלאָרע דיבורים!

ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט שטילן זיין כּעס און אַהיים-קומענדיק, האָט ער וועגן דער גאַנצער זאַך איבערגערעדט מיט זיין ווייב.

— נעם דיר נישט צום האַרץ, וואָס דער קירכאויפזעער פּלאַפּלט דאָרט! — האָט טיבערגס ווייב געזאָגט. — „יינגער איז טאַקע גרינגער, אָבער עלטער איז פאַרט גערעכטער". אָט דאָס פּלעג איך מיר תּמיד זאָגן. איר זענט ביידע גוטע לערער, און לאָז געמאַך!

— נו, מאַ... אָבער וואָס האָב איך דערפון, אַז דו זאָגסט אַזוי? — האָט דער מאַן געטענהט. — אַנדערע מענטשן טראַכטן אַנדערש!

אַ פּאָר טעג דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען אַזוי פאַראו-מערט, אַז ס'איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף אים.

— צי קאָנסטו זיי נישט ווייזן, אַז זיי זענען אומגערעכט? — האָט זיין ווייב אים געפרעגט.

— וואָס זאָל איך זיי דען ווייזן? וואָס מיינסטו?

— איך מיין, אויב דו ביסט אַזוי זיכער, אַז דיינע קינדער זענען פּונקט אַזעלכע בריות ווי דעם קירכאויפזעערס...

— אוודאי בין איך זיכער!

— ווי באַלד אַזוי, דאַרפסטו דאָך פאַרלאַנגען, אַז אייערע קינדער זאָלן גלייכצייטיק פאַרהערט ווערן.

דער אַלטער זעלנער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי דעם ווייבס רייד וואָלטן אים „אין איין אויער אַריין, פון אַנדערן אויער אַרויס“. אָבער אינדערשמתן האָט אים דערדאָזיקער געדאַנק שוין נישט רוען געלאָזט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער קירכ־אויפזעער דערהאַלטן אַ בריוו, אין וועלכן דער אַלטער לערער האָט אים געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז די תּלמידים פון ביידע שולן זאָלן אין אַ געוויסן טאָג גלייכצייטיק פאַרהערט ווערן.

דער קירכאויפזעער סוואַרטלינג האָט גאָרנישט געהאַט דאַ־קעגן, אָבער ער האָט פאַרלאַנגט, אַז דער קאָנקורס זאָל פאָרקומען בעת די ווייַנאַכטספעריען, ווייל דאַן האָט מען עס געקאָנט פאַר־וואַנדלען אין אַ שמחה פאַר די קינדער; אגב, וואָלט מען דאַן נישט געדאַרפט בעטן קיין ספּעציעלע דערלויבניש אויף דעם באַם פּעדאַגאָגישן ראַט.

— דאָס איז אסור נישט קיין שלעכטער איינפאַל, — האָט דער קירכאויפזעער געטראַכט. — דאַדורך וועל איך זיכער פאַר־שפּאָרן אויפצוגעבן שטראָפּלעקציעס דעם היינטיקן זמן!

ער האָט עס ווירקלעך פאַרשפּאָרט! וואָרים די קינדער פון ביידע שולן האָבן זיך מיט אַזאַ ברען אַ נעם־געטון צום איינחזרן די לעקציעס, אַז ביידע לערער האָבן זיך אַזש געריבן די הענט פאַר נחת.

דער קאָנקורס אין וווילקענעוודיקייט האָט געזאָלט פאָרקומען דעם צווייטן טאָג פון ווייַנאַכט. דער גרויסער שולזאַל איז געווען באַהאָנגען מיט צווייגן און גירלאַנדן פון טענענביימער, אין וועלכע מען האָט אַריינגעשטעקט די אַלע ווייסע ליכט און קלײנע קאָליר־טע ליכטלעך. וואָס זענען איבערגעבליבן אין קירך נאָך דער ווײַ־נאַכטיקער פרימאָרגנמעסע. און אַזוי פיל עפּל זענען דאָרט געווען אָנגעגרייט, אַז ס׳האָט געקלעקט צו צוויי שטיק פאַר יעדן קינד. מען האָט זיך אפילו געסודעט, אַז די עלטערן און אפּיטרופּסים, וואָס זענען געקומען צום קאָנקורס, וועט מען מכבד זיין מיט קאַ־ווע און קיכלעך.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז אַלנפאַלס געווען דאָס גרויסע בשותּפותדיקע געוועט אין וווילקענעוודיקייט.

אין איין זייט פונם זאַל זענען געזעסן טיבערגס קינדער, און אין דער אַנדערער זייט — דעם קירכאויפזועערס. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, אַז די קינדער פון יעדע שול האָבן געזאָלט פאַרטיידיקן דעם אָנזען פון זייערע לערער. דער אַלטער טיבערג האָט געזאָלט פאַרהערן סוואַרטלינגס קינדער, און סוואַרטלינג האָט געזאָלט פאַרהערן טיבערגס קינדער. אויב די תּלמידים פון איין שול האָבן נישט געקאָנט ענטפערן אויף אַ געוויסער פראַגע אָדער לייזן אַ חשבון־אויפגאַבע, איז די פראַגע אָדער אויפגאַבע איבערגעגאַנגען צו דעם צווייטן לערערס קינדער. און טאַקע דידאַקטישע פראַגן האָט מען געזאָלט צונויפרעכענען, און אויף אַזאַ אופן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, וועלכע שול איז אַ בעסערע.

דעם קירכאויפזועער איז אויסגעקומען אָנצוהייבן דער ערשטער, און אַלע האָבן באַמערקט, ווי פאַרזיכטיק און שווינדיק ער איז צוגעטרעטן צו דער זאַך. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט קינדער, וואָס קענען שוין זייער אַ סך, האָט ער זיי געשטעלט אַלץ האַרבערע און האַרבערע פראַגן. ס׳איז פשוט אַ נחת געווען צו הערן טיבערגס קינדער; קיין איינס פון זיי האָט זיך דאָס מינדסטע נישט געקווענקלט בײַם געבן אַן ענטפער, און קיין שום פראַגע אָדער אויפגאַבע איז פון זיי נישט איבערגעגאַנגען צו סוואַרטלינגס תּלמידים.

נאָכדעם האָט דער אַלטער טיבערג פאַרהערט דעם קירכאויפזועערס קינדער.

ער איז שוין איצט נישט געווען בייז. פאַרקערט, ער האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט מיט גאָר אַ גרינג געמיט. און אַזוי ווי זיינע תּלמידים האָבן דאָ אַרויסגעוויזן, ווי ווילקענעוודיק זיי זענען, האָט ער שוין איצט צוריקבאַקומען זיין אַלטן חשק צו חכמהן זיך. צוערשט האָט ער דעם קירכאויפזועערס קינדער געשטעלט אַ פּאָר געוויינלעכע פראַגן, אָבער לאַנג האַלטן זיך ערנסט האָט ער נישט געקאָנט. ער איז טאַקע באַלד געוואָרן אַזוי לעבעדיק־און־לוסטיק, ווי ער פלעגט שטענדיק זיין אין זיין אייגענער שול.

— נו, מילא, איך ווייס גאַנץ גוט, — האָט ער געזאָגט, אַז איר האָט אייך פיל מער געלערנט, ווי די תּלמידים, וואָס זענען

דאָ צו אייך אַהערגעקומען פון דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון דער געמיינדע. אמת, איר קענט טאַקע נאַטורוויסנשאַפט און אַנדערע קענטשאַפטן. אָבער איך וואָלט מיך אַלנפאַלס געוואָלט איבערצייגן, צי עמעצער פון אייך קאָן מיר זאָגן, מיט וואָס די שטיינער פונם טײַך מוטאַלאַ אונטערשיידן זיך פון אַנדערע שטיינער?

קיין איינס פון דעם קירכאָויפזעערס קינדער האָט נישט אויפגעהויבן קיין פינגער. דאַקעגן, אויף דער צווייטער זייט פונם זאַל האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַלד מיט הענט.

צווישן דעם קירכאָויפזעערס קינדער האָט זיך געפונען אולאַף אולסאָן, — וועלכער האָט אַליין אויך געוווּסט, אַז ער איז דער קליגסטער אין דער גאַנצער געמיינדע, — ווי אויך אויגוסט פון דער אָנגעזעענער פויערשער משפּחה דער נאַל, — אָבער אויך קיינער פון זיי ביידע האָט נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער אויף דער פראַגע. דאָרט איז אויך געזעסן קאַרין סוועגס, — דאָס פליסיקע ווילע מיידעלע, — די טאָכטער פונם אַלטן פּראָפעסיאָנעלן זעלנער סוען, וועלכע האָט נאָך קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט צו קומען אין שול אַריין. אָבער סיי זי, סיי די איבריקע קינדער האָבן זיך איצט געבראָכן די מוחות, איבערקלערנדיק, פאַרוואָס דער קירכאויפזעער האָט זיי נישט דערציילט, מיט וואָס די שטיינער פונם טייך מוטאַלאַ אונטערשיידן זיך פון אַנדערע שטיינער.

דאָסגלייכן, איז דאָרט געזעסן קלאַראַ פינאַ גולעבאָרג פון סקרוליקאַ — דאָס מיידעלע, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך דער זון אַליין. אָבער אין איר קעפּל האָט איצט געהערשט דיזעלבע פינצטערניש, וואָס אין די קעפּלעך פון די אַנדערע קינדער.

דער אַלטער טיבערג האָט אָנגענומען גאָר אַן ערנסטע מינע, און דער קירכאָויפזעער איז דאָרט געזעסן אַ שטאַרק פאַרדאגהטער און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מיר מוזן אַלזאָ, — האָט טיבערג געזאָגט, — איבערגעבן די פראַגע די קינדער פון דער אַנדערער שול. כאָטש ס'איז מיר זייער אַ חידוש, וואָס צווישן אַזוי פיל קלוגע ייִנגלעך און מיידלעך

ווי איר זעגט, זאָל זיך נישט געפינען קיין איינער, וועלכער זאָל קאָנען ענטפערן אויף אַזאַ פשוטער פראַגע.

אין דער רגע האָט קלאַראַ גולאַ זיך אויסגעדרייט צו איר פאָטער און אים אַ קוק־געטון גלייך אין די אויגן אַריין, ווי זי איז שטענדיק געוווינט געווען צו טון, ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט עפּעס. יאַן איז געשטאַנען אַזוי ווייט פון איר, אַז ער האָט איר נישט געקאָנט צושושקען דעם ענטפער, אָבער בשעת זי האָט זיך געטראָפן מיטן פאָטערס בליק, האָט זי שוין געוווּסט, וואָס זי זאָל ענטפערן.

און נישט בלויז זי האָט אויפגעהויבן איר הענטל, נאָר האָט זיך איינגעאַנצן אַ הייב־אויף געטון, — אַזוי אייפריק איז זי געווען.

אַלע אירע חברים און חברטעס האָבן איצט געווענדט זייערע בליקן אויף איר; און דעם קירכאויפזעער ווידער, האָט עס גאָר שטאַרק הנאה־געטון, וואָס די פראַגע וועט נישט איבערגיין צו זיין קעגנערס קינדער.

— זיי זענען נאַסע! — האָט זי שנעל אַ געשריי־געטון, נישט וואַרטנדיק ביז מען וועט נאָכאַמאָל שטעלן די פראַגע, ווייל צו וואַרטן איז שוין סיי ווי נישט געווען קיין צייט.

אָבער אַ רגע דערנאָך איז זי שוין געווען איבערצייגט, אַז איר ענטפער איז געווען זייער אַ נאַרישער און אַז דערמיט האָט זי דערנידעריקט דעם אָנזען פון איר שול. זי האָט זיך שנעל צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און זיך פאַר גרויס חרפה כמעט ווי אַרונטערגערוקט אונטערן פולפּיט.

— אוודאי אַזוי, מיין קליין מיידעלע, — האָט טיבערג אויסגערופן, — דו האָסט ריכטיק געענטפערט, קלאַראַ פינאַ גולעבאָרג! ס'איז נאָך גוט פאַר אייך, איר תלמידים פונם קירכאויפזעער, וואָס כאָטש איין קינד פון אייער שול האָט געוווּסט צו ענטפערן ריכטיק, אַז נישט וואָלט איר איצט פאַרשפּילט, אַזוי אויף אַ שטייגער, — טראַצדעם, וואָס אייער לערער האָט אייך אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלערנטקייט!

ס'איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער צווישן אַלע קינדער אויף

ביידע זייטן פונם זאַל, און אויך די גרויסע מענטשן האָבן זיך האַר־ציק צעלאַכט. אַ טייל שילער האָבן זיך אַזש געמוזט אויפשטעלן, כדי צו קאָנען זיך גוט אויסלאַכן; אַנדערע ווידער, האָבן זיך אַוועק־געלייגט מיט די פּנימער אויף די פּולפּיטן און זיך שיער נישט געשטיקט פון געלעכטער. איצט איז שוין געווען אַ סוף צו דער גאַנצער אָרדנונג.

— נו, אַצינד, ווייסעהברהניקעס, וועלן מיר אַרויסטראָגן די בענק און זיך לאָזן אין אַ קאַראַהאָד אַרום דעם ווייַנאַכטסבוים! — האָט דער אַלטער טיבערג אויסגערופן.

און אַזוי פריילעך, ווי ס'איז דעמאָלט געווען אין דערדאָזי־קער שול, איז דאָרט פריער נאָך קיינמאָל נישט געווען, און שפּע־טער אויך נישט.

דער פּישפּאַנג

ס'איז נאַטירלעך אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז עמעץ אַנדערש זאָל האָבן ליב געהאַט קלאַראַ גולאַן פון סקרוליקאַ מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי איר אייגענער פאָטער. אָבער דאָך קאָן מען זאָגן, אַז אולאַ, דער אַלטער נעצנשטריקער, איז איר ווירקלעך גע־ווען אַ גוטער פריינט.

די גוטפריינטשאַפט צווישן זיי ביידע האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַזאַ אופן: קלאַראַ גולאַן איז אַמאָל איינגעפאַלן אַרייַנצו־שטעלן פאַנגשטעקעלעך מיט האַטשיקלעך אין דעם „וואַשקוועלעכל“, כדי צו כאַפּן פאָרעלן. און דאָס געפאַנג איז איר געלונגען בעסער, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. איבערהויפּט אין דעם העכערן שטראָמלויף איז געווען זייער פיל פון דעם סאָרט פישעלעך. און שוין דעם ערשטן טאָג איז זי אַהיימגעקומען מיט צוויי קליינע פאָרעלן.

ווי איר קאָנט פאַרשטיין, האָט זי זיך זייער געגרויסט

דערמיט; דערצו נאָך האָט די מוטער איר נישט געקאַרגט קיין ליוב דערפאַר, וואָס זי האָט שוין שכל אַהיימצוברענגען חיונה, כאָטש זי איז נאָך קיין גאַנצע אַכט יאָר נישט אַלט. און כדי איר צוצוגעבן נאָך מער חשק, האָט קאַטרינאַ איר דערלויבט, זי זאָל אַליין ריין־מאַכן די פישלעך און זיי אָפּפּרעגלען. יאַן האָט זיי פאַרזוכט און געזאָגט, אַז אַזעלכע פיש האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געגעסן. מען האָט אים טאַקע געמעגט גלייבן, ווייל די פישלעך זענען געווען אַזוי אויסגעטריקנט, פאַררויכט און צוגעברענט, אַז אפילו די קליינע קעכין אַליין האָט קוים געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם ערשטן ביסן.

אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט זי זיך מיטן זעלבן ברען ווייטער גענומען צום פישפאַנג. זי פלעגט אויפשטיין באַגינען, צוגלייך מיטן פאָטער, נעמען אַ קאָרב אויפן אָרעם, ס׳זאָל איר באַקוועם זיין אַהיימצוטראָגן דעם געפאַנג, און די שלענגלעך האָט זי געהאַלטן אין אַ בלעכן פושקעלע. אָט אַזוי־ערנאָך צוגעגרייט, האָט זי זיך געלאָזט אין וועג אַריין אַרויפצו צום אויבערשטן שטראָמלויף פונם „וואַשקוועלעכל”, וואָס איז דאָרט טאַנצנדיק געקומען אַנצולויפן פון אַ באַרג־אַראָפּ, — צווערשט איבער הויכע, שטיינטרעפּ, דאַן אין דער פאָרם פון שמאָלע, לאַנגע וואַסערפלוסן און דערנאָך אויך זיך פאַרהאַלטנדיק אין באַסיינען פון שטילע, שטייענדיקע וואַסערן, אָדער אין קלאָרע סטאַוון, ווו דאָס וואַסער איז פאַמעלעך און דורכזיכטיק געפלאָסן איבער זאַמדן און גלאַטיקע, פלאַכע פעלזן.

געשעען איז אָבער עפּעס גאָר אומפאַרשטענדלעכס. אין דער צייט, וואָס דעם ערשטן טאָג האָט זי געהאַט אַזאַ היפּשן געפאַנג, האָט זי שוין אַ גאַנצע וואָך דערנאָך נישט געכאַפּט צומאָל דאָ סמינדסטע פישעלע. די פאַנג־הצלחה האָט איצט אינגאַנצן געמיטן די קליינע פישערין קלאַראַ גולאַ. די שלענגעלעך פון דאָס רוב האַטשיקלעך זענען טאַקע אָפּגעביסן געווען, אָבער עס זאָל כאָטש דאָס מינדסטע ברעקעלע פון אַ פישל זיך געווען אָנטשעפּען אָן איינעם פון זיי!

אַ פאַרצווייפלטע האָט זי אירע פישער־מכשירים איבערגעטראָגן פון די שמאָלע שטראָמלויפן צו די שטילע וואַסערן, און פון

ראָרטן צו די שיפּע וואַסערפֿאַלן, אונטער די הויכע שטיינטרעפּ; און דערנאָך האָט זי אַפּילו די האַטשיקלעך געטוישט, אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרנישט געהאָלפֿן.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט פֿאַרשווייגן אַזאַ עוולה. נישט לאַנג קלערנדיק, איז זי אַוועק צו בעריעס און אויך צו עריקס ייִנגלעך און זיי געפֿרעגט, הלמאי זיי האָבן די העזה געהאַט צוצונעמען אירע פֿיש? וואָרים, צי האָבן זיי דען געמיינט, אַז זי וועט זיך נישט פֿאַרשטיין אויף דעם שפּיצל, וואָס זיי האָבן איר דאָ אָפּגעטון? זיי זענען מסתּמא אויפֿגעשטאַנען, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג און זענען איר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, אויסכאַפּנדיק אַלע אירע פֿיש. די ייִנגלעך האָבן זיך אָבער מיט פֿאַראַכטונג אָפּגעקערטפּון איר און צומאָל נישט באַוויליקט איר צו ענטפֿערן. ווי האָט זי גאָר געקאָנט חושד זיין, אַז אַ מאַנספּערשוין וועט זיך דערנידעריקן מיט אַזאַ אומווירדיקייט, ווי גיין כאַפּן פֿיש אין עפּעס דאָרט אַ קוועלעכל, ווו מען וואַשט וועש, — דאַן ווען זיי האָבן פֿאַר זיך די גאַנצע אָזערע דיווזשעי? דאָס קאָן זיין אַן עסק פֿאַר אַזעלכע קליינע מיידלעך, וואָס טאָרן נישט אַראָפּגיין צום ברעג פֿון דער טיפֿער אָזערע. — אָט אַזאַ איינע שטייט עס, כ'לעבן, אָן צו גיין זוכן פֿיש — אַפּילו אין אַ ריטשקעלע אין וואַלד! — — — —

אָבער ווי הוצפּהדיק די ייִנגלעך האָבן איר נישט געענטפֿערט, האָט זי זיי פֿאָרט נישט געגלייבט; ווייל ס'האָט דאָך פֿאָרט געמוזט זיין עמעצער, וואָס האָט אַראָפּגענומען די פֿיש פֿון אירע האַטשיקלעך, — בשעת זי האָט געניצט אמתדיקע פֿישהאַטשיקלעך, נישט קיין אייננעבויגענע שפּילקעס, ווי אַנדערע קינדער טוען.

כּדי ענדלעך פֿעסטצושטעלן, וואָס דאָ קומט פֿאָר, איז זי אַמאָל אין אַ באַגינען אויפֿגעשטאַנען נאָך פֿריער ווי אירע טאַטעמאַמע און גיך אַוועקגעלאָפֿן צום „וואַשקוועלעכל". ווען זי איז שוין געווען נישט ווייט פֿון דעם אָרט, ווו זי האָט געהאַט פֿאַרלייגט אירע פֿאַנג-מכשירים, האָט זי אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, מיט פֿאָרזיכטיקע, שטילע טריט, אַכטונג געבנדיק אומעטום, זי זאָל

זיך נישט פאַרטשעפּען אָן אַ שטיין אָדער אַ שאָרך־טון מיט אַ בלאַט.

און שטעלט אייך נאָר פאָר! באַלד ווי זי איז צוגעקומען צום קוועלעכל, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי ווערט ווי פאַרגלי־ווערט: זי האָט, נעמלעך, מיט אירע אייגענע אויגן דערזען, אַז איר חשד איז געווען אַ באַרעכטיקטער! אָט איז דאָך דאָרט געשטאַנען עמעצער און בגנבה געכאַפּט פיש, — גראָד דאָרטן, וווּ אירע פאַנג־מכשירים זענען געלעגן! און דער חוצפּהניק האָט איצט אַראָפּגע־נומען יעדעס פישעלע פון די האַטשיקלעך!

דאָס איז אָבער נישט געווען איינער פון די ייִנגלעך, — ווי זי האָט זיך משער געווען; ניין, דאָס איז געווען אַ דערוואַקסענער מאַנספּאַרשוין. ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן וואַסער און גראָד געהאַלטן באַם אַרויסשלעפּן אַ היפּש פישל. זי האָט געזען, ווי דאָס פישל האָט אַ גלאַנץ־געטון מיט די שופּנס, בשעת ער האָט עס פון האַטשיק אַראָפּגענומען.

קלאַראַ גולאַ איז דעמאָלט נאָך קיין גאַנצע אַכט יאָר נישט אַלט געווען, אָבער מורא האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט. און אויך איצט איז זי גלייך צוגעלאָפן צום גנב, כאַפּנדיק אים אויף דער הייסער מינוט.

— אַזוי גאָר! — האָט זי אויסגערופן, — דאָס גנבעט איר זיך דאָ אונטער און נעמט־צו מיינע פיש?... נאָך גוט, וואָס איך האָב אייך כאַטש איינמאָל באַ דער האַנט געפּאַקט! איצט וועט שוין מען אַ סוף נעמען צו אייער גנבענען מיינע פיש, איר הערט?

דער מאַנספּאַרשוין האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אַזוי אַז קלאַ־ראַ גולאַ האָט איצט געקאָנט זען זיין פּנים. זי האָט גלייך דער־קענט דעם אַלטן נעצנשטריקער, וועלכער האָט געוווינט אין אַ שכנות־דיק הייזל.

— איך ווייס טאַקע, אַז דאָס זענען דיינע מכשירים, — האָט ער רויק געזאָגט, נישט ווערנדיק אין כעס אָדער חוצפּהדיק, ווי עס טרעפט אָפט מיט מענטשן, וואָס טוען־אָפּ עפּעס אַ געמיינקייט און מען כאַפּט זיי אויף דער הייסער מינוט.

— ווי האָט איר אַ העזה צוצונעמען עפּעס, וואָס איז נישט אײַערס? — האָט דאָס מיידעלע צאָרנדיק אויסגערופן.

אין דער רגע האָט ער ווידער אויף איר אַ קוק-געטון, און דעמדאָזיקן בליק האָט זי שוין איר גאַנץ לעבן נישט געקאָנט פאַרגעסן! איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט אַריינגעקוקט אין צוויי ליידיקע, אָפענע אָפּגרונטן, וואָס טיף אונטן אין זיי זענען געלעגן אַ פּאָר האַלב-פאַרלאָשענע אויגן, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט אָפּשפּיגלען נישט קיין פרייד, נישט קיין לייד.

— נו, יאָ... אָבער, איך וועל דיר זאָגן בלויז איין זאַך, מיין קליין מיידעלע: דו קריגסט בײַ דיינע עלטערן אַלץ, וואָס דו דאַרפסט, און כאַפּסט פיש בלויז פאַר דיין פאַרגעניגן. אָבער בײַ מיר אין הויז שטאַרבן מיר שיער נישט פאַר אַ ביסן ברויט.

דאָס בלוט האָט דעם מיידעלע אַ שלאָג-געטון אין פנים אַריין. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער איצט האָט זי זיך שוין פאַר זיך אַליין געשעמט.

דער נעצנשטריקער האָט שוין מער קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט אויפגעהויבן זיין היטל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן בשעת ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער די האַטשיקלעך, און איז אַוועקגעגאַנגען.

קלאַראַ גולאַ האָט אויך געשוויגן. בײַם ברעג זענען געלעגן אַ פּאָר פישעלעך און זיך געוואָרפן אויפן זאַמד, אָבער זי האָט זיי נישט אויפגעהויבן. זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף זיי, דערנאָך זיי אַזאַ שטויס-געטון מיטן פוס, אַז זיי זענען צוריק אין וואַסער אַרייַנגעפאַלן.

דעם גאַנצן טאָג האָט זיך דאָס מיידעלע געפילט אומצופרידן מיט זיך אַליין, נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס, ווייל נישט זי האָט דאָך, אייגנטלעך עפּעס אומווירדיקס געטון.

אָבער דער אַלטער נעצנשטריקער איז איר נישט אַרויס פון זכרון. זי האָט פיל מאָל געהערט דערציילן, אַז ער איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ גרויסער נגיד; ער האָט אַמאָל געזאָלט האָבן אַזש זיבן הייף, וואָס יעדער פון זיי איז ווערט געווען אַזוי פיל, ווי עריק פון פאַליאַס הויף. ער האָט אָבער אַלצדינג געפּטרט אויף

עפּעס גאָר אַן אויסטערלישן אופן. און איצט איז ער, נעבעך, געווען אַ גרויסער אָרימאַן.

צומאָרגנס איז זי פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צום קוועלעכל, כּדי נאָכצוווזען אירע פאַנג-מכשירים. דאָסמאָל איז דאָרט, ווייזט-אויס, קיינער נישט געווען, ווייל אויף יעדן האַטשיקל איז געהאָנגען אַ פישל. זי האָט זיי אַלע אַראָפּגענומען, אַריינגעלייגט צו זיך אין קאָרב און אַוועקגעטראָגן פון דאָרט, — אָבער נישט צו זיך אַהיים, נאָר גלייך אַהין צום נעצנשטריקערס הייזל.

ווען זי איז אָנגעקומען אַהינצו, איז דער אַלטער מאַן געשטאַנען אינדרויסן, פאַרן הייזל, און געהאַקט האָלץ. זי איז שטיין געבליבן באַם פּלויט און געקוקט אויף דעם האָלצהעקער. ער איז געווען זייער אָרים געקליידט, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און אויף טייל ערטער זענען אים נאָכגעהאָנגען שטיקער צויטן. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען איר פאָטער אין אַזאַ הילוך.

קלאַראַ גולאַ האָט אויך געהערט דערציילן, אַז עס האָבן זיך געפונען פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס האָבן אים אָנגעבאָטן, ער זאָל וווינען באַ זיי, ווי לאַנג ער וועט לעבן. אָבער אָנשטאָט זייער אָנבאָט אָנצונעמען, האָט ער זיך אַריינגעקליבן צו זיין שנור, וואָס האָט געוווינט אין אַסקעדאַלאַרנאַ, און איר בייהילפיק געווען, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט. זי איז געווען אַ מטופל פון אַ סך קליינע קינדער, איר מאַן האָט זי פאַרלאָזט מיט פיל יאָרן צוריק, און מען האָט אפילו נישט געוווּסט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

— הײַנט, זעט איר, האָב איך געכאַפּט אַ סך פיש! — האָט קלאַראַ גולאַ אויסגערופן, שטייענדיק באַם פּלויט. — קיין איין האַטשיקל איז נישט ליידיק געווען!

— אַזוי גאָר?... — האָט דער נעצנשטריקער געזאָגט, — נו, איז דאָך גאַנץ גוט פאַר דיר...

— הערט, אולאַ, — האָט זיך דאָס מיידעלע נאָכאַמאָל געווענדט צו אים. — איך וועל אייך גערן אַוועקגעבן אַלע פיש, אָבער איך וויל האָבן דאָס פאַרגעניגן זיי צו פאַנגען.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אויסגעליידיקט איר קאָרב אויף

דער ערד, לעבן זייבע פיס. זי איז געווען זיכער, אַז אולאַ וועט זיך דערפרייען און וועט זי שטאַרק ליבן דערפאַר, — אָט ווי איר פאָטער, וועלכער פלעגט אַנטציקט ווערן פון אַלעם, וואָס זי האָט געזאָגט אָדער געטון.

אָבער דער אַלטער נעצנשטריקער האָט זיך באַצויגן צו דעם מיט דערזעלבער גלייכגילטיקייט ווי צו אַלעם אַנדערן. אַזוי איז שוין זיין טבע געווען. ער האָט אַ קוק-געטון אויף די פיש און געזאָגט:

— נעם דיר צו דאָס, וואָס איז דיינס. מיר זענען שוין אַזוי געווינט צו הונגערן, אַז מיר קאָנען זיך באַגיין אָן די פאָר פישלעך.

סאַראַ אויסטערלישער מענטש דערדאָזיקער אַלטער אולאַ איז געווען! קלאַראַ גולאַ האָט אָבער געפילט, אַז זי וועט נישט קאָנען אַוועקגיין פריער, ווי זי וועט אים האָבן געווינען פאַר זיך.

— אולאַ, איר וועט מעגן אַליין אַראָפנעמען די פיש פון די האַטשיקעס און אַרויפזעצן פרישע שלענגלעך, איר וועט מעגן אַלצדינג צונעמען פאַר זיך! — האָט זי אים אָנגעבאָטן.

— ניין, איך וויל דיר נישט צונעמען דאָס פאַרגעניגן דיינס! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

אָבער קלאַראַ גולאַ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען באַם פלויט און געקלערט, ווי אַזוי צופרידנשטעלן דעם אַלטן נעצנשטריקער.

— אפשר ווילט איר, איך זאָל יעדן פרימאָרגן צוקומען נאָך אייך, כדי מיר זאָלן ביידע אינאיינעם צוגיין צום קוועלעכל און אַרויסנעמען די האַטשיקלעך פונם וואַסער, און צעטיילן זיך אויף גלייכע חלקים מיט די פיש? — האָט זי אים געפרעגט.

ערשט דאַן האָט דער אַלטער אויפגעהערט דאָס האַלץ צו האַקן. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעווענדט צו איר מיט זייבע אויסטערלישע, האַלב-פאַרלאָשענע אויגן, און אויף זיין פנים האָט אַ שיין-געטון אַ סימן פון אַ שמייכל.

— נו, איצט האָסטו געמאַכט אַ גוטן פאַנג! — האָט ער געזאָגט. — דעמדאָזיקן אָנבאָט וועל איך נישט אָפּוואַרפן!

אַגריפּאַ

סאַראַ מערקווירדיק מיידעלע עס איז געווען, דידאָזיקע קלאַראַ גולאַ. זייענדיק צען יאָר אַלט, האָט זי זיך שוין געקאָנט אַן עצה געבן אפילו קעגן אַגריפּאַ פּרעסטבערגן.

ס'איז ווירקלעך שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי שרעקלעך דערדאָזיקער אַגריפּאַ האָט אויסגעזען. ער האָט געהאַט אַ פּאָר געלע, רויט־אַרומגערעמטע אויגן, אונטער גרויסהאָריקע, אַרויסשטאַרטשנדיקע ברעמען, און אַ נאָז האָט ער געהאַט, ווי אַ שופר, באַוואַקסן מיט אַ סך בראָדעווקעס. די באָרד זיינע האָט אויסגעזען ווי צוויי אָפּשטייענדיקע באַרשטן אַרום דעם מויל, זיין שטערן האָט זיך געפּאַלבעט אין טיפע קנייטשן, זיין גוף איז געווען דאַר, ווי אַ שטעקן, לאַנג און ביינערדיק, און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן אַלט, צעריסן זעלנעריש היטל. איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס דערדאָזיקער אַגריפּאַ פּרעסטבערג האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף יעדן איינעם. — — —

איינמאָל איז קלאַראַ גולאַ געזעסן איינע אַליין אויף דעם פלאַכן שטיינערנעם טרעפּל פאַר דער שוועל צו זייער הייזל און געגעסן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. פּלוצלינג האָט זי אויפן וועג דערזען אַ הויכן, דאַרן מאַנספּאַרשוין און גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַגריפּאַ פּרעסטבערג.

אָבער זי האָט זיך לחלוטין נישט פאַרלוירן איבער דעם. קודם־כל האָט זי איבערגעבראָכן דאָס שטיקל ברויט אין צווייען און צונויפגעלייגטביידע חלקים מיט די באַשמירטע זייטן צו איינאַנדער, כדי די פּוטער זאָל זיך נישט אָפּווישן, און דערנאָך די צונויפגעלייגטע שטיקלעך ברויט אַרונטערגערוקט אונטערן פאַרטוכל.

אָפּטועענדיק דאָס, איז זי נישט אַנטלאָפן און זיך נישט באַהאַלטן

אין שטוב. זי האָט אויך נישט אין זינען געהאַט צו פאַרריגלען די טיר פון אינעווייניק, וויסנדיק, אַז קענגן אַזאַ חברהמאַן, ווי אַגריפּאַ, וועט עס איר גאָרנישט העלפן. דעריבער איז זי רויק געבליבן זיצן, דאָס איינציקע, וואָס זי האָט יאָ געטון, איז געוועזן, אויפצוהייבן דעם האַלב-אויפגעשטריקטן זאָק, וואָס קאַטרינאַ האָט געלאָזט ליגן אויפן שטיינערנעם טרעפּ, ווען זי האָט צו יאַגן אויפן פעלד אַוועק-געטראָגן דאָס פאַרנאַכטעסן. זי האָט אַזוי שנעל גענומען שטריקן דעם זאָק, אַז די שפּיזלען האָבן זיך כסדר צונויפגעקלאַפּט איינס מיטן צווייטן.

זי איז דאָרט אַזוי בנעימותדיק געזעסן, גלייך ווי זי וואָלט געווען פולקאָם רויק און שטאַרק צופרידן פון איר אַרבעט. אָבער בשעת-מעשה האָט זי כסדר געוואָרפן זייטיקע בליקן צום טירל, האָפנ-דיק, אַז אַגריפּאַ וועט עס אפשר אויסמיידן און גיין ווייטער. ס'איז אָבער געשעען אַנדערש. אַגריפּאַ האָט טאַקע בדעה געהאַט אַריינ-צוגיין צו זיי. אָט איז ער שוין באַם טירל שטיין געבליבן און אויפ-געהויבן דעם האַקן.

זי האָט זיך אַ ביסל אויפן טרעפּ אַרויפגערוקט און דאָס קליידל אויסגעשפּרייט, פילנדיק, אַז איצט ליגט אויף איר דער עול די היים אָפּצוהיטן.

קלאַראַ גולאַ האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז אַגריפּאַ פּרעסט-בערג גנבעט נישט און כאַפּט זיך נישט שלאָגן, וויבאַלד מען מאַכט נאָר נישט חוזק פון זיין אויסטערלישן נאָמען און מען רופט אים נישט: „גרעפּאַ! גרעפּאַ!" און אויך נישט דאַן, ווען מען איז אים נישט מכבד מיט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, ווייל פּוטער האָט ער שרעק-לעך פיינט געהאַט. ער פלעגט אָבער נישט בלייבן לאַנג אין קיין שום הויז, — וויבאַלד דאָרט האָט זיך נישט געפונען קיין גרויסער שטייזייגער מיט געוויכטן אויף קייטן.

אַגריפּאַ האָט, נעמלעך, תמיד אַרומגעוואַנדערט אין דער געגנט און פאַרראַכטן זייגערס. און טאָמער האָט ער ערגעץ אין אַ שטיבל דערזען אַזאַ הויכן שטייזייגער, האָט ער שוין נישט צורו געלאָזט, ביז מען האָט אים נישט דערלויבט אַרויסצונעמען דאָס געווערק און זען, וואָס עס פעלט דאָרט. און עפּעס אַ פעלער האָט

ער שוין אַלעמאָל געפונען. דאַן האָט ער געמוזט פאַנאַנדערנעמען דאָס גאַנצע געווערק. אויב ער האָט זיך שוין גענומען צום מייסטרעווען, האָט עס געקאָנט געדויערן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, ביז ער האָט צוריק צונויפגעשטעלט דעם זייגער. דערווייל האָט מען אים די גאַנצע צייט געמוזט האַלטן בײַ זיך אויף קעסט.

אָבער דאָס ערגסטע פון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס דער זייגער, וועלכער איז אַמאָל אַריינגעפאַלן צו אַגריפּאַן אין די הענט, האָט שוין קיינמאָל נישט געקאָנט גיין אַזוי גוט ווי פריער. און מינדעסטנס איינמאָל אין יאָר האָט מען געמוזט אָנקומען צו אַגריפּאַן, אַז נישט, איז דער זייגער אינגאַנצן שטיין געבליבן. דער אַלטער האָט זיך, וואָס אַן אמת, באַמיט אויסצופירן זיין אַרבעט געוויסנהאַפט און זאָרגעוודיק, אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרנישט געהאָלפן: די זייגערס, וואָס ער האָט פאַרראָכטן, זענען שוין געווען פולשטענדיק קאַליע געמאַכט.

דאָס בעסטע איז אַלזאָ געווען נישט צוצולאָזן אים צום זייגער. קלאַראַ גולאַ האָט אָבער נישט געזען קיין אויסוועג צו שיצן דעם שטייזייגער, וואָס האָט אַזוי פריילעך און הויך געטיקעט אין זייער שטיבל. פרעסטבערג ווידער האָט געוווסט, אַז דאָרט איז דאָ אַזאַ זייגער, און ער האָט שוין לאַנג געלויערט אויף אַ געלעגנהייט צו קאָנען גרינטלעך אונטערזוכן זיין מעכאַניזם. אָבער יעדעס מאָל ווען ער איז אַריינגעקומען צו יאַנען אין סקרוליקאַ, איז זיין ווייב, קאַטרינאַ, תּמיד געווען אינדערהיים, און זי האָט אים געשטערט דערין.

בלייבנדיק שטיין פאַרן מיידעלע, האָט דער אַלטער אַ שטאַרקן קלאַפּ-געטון מיטן שטעקן אָן דער ערד און אָפּגעזאָגט דעם פּסוק:

— דאָ קומט יאָהאַן אוטער אַגריפּאַ פּרעסטבערג, מלוכהשער פייקלער פון זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט. איך בין שוין געשטאַנען אונטער אַ האָגל פון קוילן און שרויט און האָב נישט קיין מורא נישט פאַר קיין מלאכים, נישט פאַר קיין שדים. איז עמעצער דאָ אינדערהיים?

קלאַראַ גולאַ האָט פאַרשפּאָרט צו ענטפערן, ווייל ער האָט

שוין געהאַט פאַרבייגעשפּאַנט פאַרביי איר גלייך אין שטיבל אַריין און באַלד צוגעגאַנגען צום גרויסן שטייזייגער.

דאָס מיידעלע איז אים שנעל נאָכגעלאָפן און זיך באַמיט אים אויפצווייזן, ווי גוט דער זייגער גייט. נישט ער פאַרשפּעטיקט זיך, נישט ער איילט זיך. מען דאַרפט אים נישט פאַרריכטן.

— ווי אַזוי זאָל קאָנען גיין גוט אַ זייגער, צו וועלכן יאָהאַן אוטער אַגריפּאַ פּרעסטבערג האָט נישט צוגעלייגט זיין האַנט? — האָט דער אַלטער בייז געפרעגט.

אַגריפּאַ איז געווען אַזאַ געוויקסיקער פאַרשוין, אַז ער האָט געקאָנט עפּענען דאָס טירל צום הויכן שענקעלע, נישט אַרויפשטעלנדיק זיך אויף קיין בענקל. אַ רגע דערנאָך האָט ער שוין אַרויסגענומען דאָס געווערק און עס פאָרזיכטיק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. קלאַראַ גולאַ האָט פון גרויס פאַרדורס געביילט איר פּויסטל אונטערן פאַרטוכל און טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן. אָבער זי איז פאָרט נישט געווען אימשטאַנד אים צו שטערן.

פּרעסטבערג האָט וואָס שנעלער געוואָלט זיך דערוויסן, סאַראַ פעלער דאָסדאָזיקע געווערק האָט, איידער יאַן און קאַטרינאַ וועלן אַהיימקומען און אַנטשיידן דערקלערן, אַז מען דאַרף גאָר בכלל נישט פאַרריכטן דעם זייגער. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ קלומעקל מיט מכשירים און פּושקעלעך מיט שמירעכץ. ער האָט עס שנעל אויפגעקניפּט און דערביי זיך אַזוי געאיילט, אַז אַ טייל פון די זאַכן זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

דער אַלטער האָט באַפוילן קלאַראַ גולאַן, זי זאָל אויפקלייבן דאָס אַלץ, וואָס איז פון טיש אַראָפּגעפאַלן. ווער עס האָט נאָר איינמאָל געזען פּרעסטבערגן, פאַרשטייט אַליין אויך, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי תיכּף צו פאָלגן. זי האָט זיך אויף דער פּאָדלאָגע אַנידערגעלייגט און אים דערלאַנגט אַ קליין זעגעלע און אַ שרויפנציערל.

— מער איז שוין דאָרט נישטאָ? — האָט דער אַלטער אַ געשריי־געטון. — ס'דאַרף דיר הנאה־טון, דו קבצנישע טאָכטער, וואָס

דו מעגסט באַדינען דעם מלוכהשן פייקלער פון זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט!

— ניין, מער זע איך נישט! — האָט קלאַראַ גולאַ געענטפערט און זיך געפילט אַזוי באַקלעמט און אומגליקלעך, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זי האָט דאָך געדאַרפט אָפּהיטן אירע עלטערנס האָב־און־גוטס. — און אָט איז דער רעזולטאַט פון איר השגחה־געבן דערויף!

— נו, און די שפּאַקולן מיינע? — האָט פּרעסטבערג געפרעגט. — זיי זענען דאָך אוודאי אויך אויף דר׳ערד אַראָפּגעפאַלן?

— ניין, — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט. — איך זע דאָ נישט קיין שום שפּאַקולן.

אין דעם מאָמענט האָט אין איר אויפגעשיינט אַ פונק פון האָפנונג: אפשר וועט ער גאָר אָן די שפּאַקולן נישט קאָנען מייסטרעווען באַם זייגער און פאַרשפּאָרן אים קאַליע מאַכן?

דאָ האָט זי פּלוצלינג דערזען דאָס שיידל פון די שפּאַקולן הינטער אַ פוס פונם טיש באַ דער וואַנט.

דער אַלטער האָט שנעל געגראַבלט צווישן די אַלטע רעדלעך און שפּרינגפעדערן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין קלומעקל. אפשר וועט איר מזל זיין אַזוי גרויס, אַז ער וועט נישט געפינען די שפּאַקולן? — האָט דאָס פאַראומערטע מיידעלע געטראַכט.

— ווי איך זע, האָב איך נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי נאָר אַליין זיך אָוועקצולייגן אויף דער פּאָדלאָגע זוכן מיינע שפּאַקולן. הייב זיך אויף, דו פוילענצערין! — האָט דער אַלטער קאָמאַנדעוועט.

קלאַראַ גולאַ האָט בליץ־שנעל אויסגעשטרעקט איר האַנט צום פוס פון טיש, אַ כאַפּ־געטון דאָס שיידל און עס האַסטיק אונטערן פאַרטעכל אַרונטערגערוקט.

— הייב זיך אויף, האָב איך דיר געזאָגט! — האָט אַגריפּאַ געברומט, — איך גלייב דיר נישט, דו קליינע ליגנערין, דו!

וואָס האַלטסטו דאָרט אונטערן פאַרטוך? אַהער דערמיט, זאָג איך דיר!

זי האָט גלייך אָפּגענומען איין האַנט. די אַנדערע האָט זי די גאַנצע צייט געהאַלטן אונטערן פאַרטוכל. איצט האָט זי געמוזט ווייזן אויך די אַנדערע האַנט, און דאַן האָט ער דערזען דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער.

— צו אַלדי רוחות! — האָט ער אַ געשריי־געטון. — דו האַלטסט דאָך גאָר ברויט מיט פּוטער אין דער האַנט, ב—ר—ר!

ער האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט, ווי ער וואָלט אַ גיפטיקע שלאַנג דערזען באַם מיידעלע אין דער האַנט.

— איך האָב טאַקע געהאַלטן אינמיטן עסן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, גראָד ווען איר, אַגריפּאַ, זענט אָנגעקומען. איך האָב עס גלייך באַהאַלטן אונטערן פאַרטוכל, ווייסנדיק, אַז איר קאָנט נישט פאַרטראָגן קיין פּוטער.

באַרויקט פון איר ענטפער, האָט אַגריפּאַ זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער אומזיסט, ער האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען זיינע שפּאַקולן.

— איר האָט זיי מסתמא פאַרגעסן דאָרט, ווו איר זענט לעצטנס געווען, — האָט קלאַראַ גולאַ געזאָגט.

אַגריפּאַ האָט שוין אַליין אויך געקלערט דאָס זעלבע, כאָטש ס׳האָט זיך אים נישט געוואָלט גלייבן.

אָבער אָן די שפּאַקולן האָט ער זיך אַלנפאַלס נישט געקאָנט נעמען צום זייגער, ער האָט, אַלזאָ, נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צוריק אַריינצושטעלן דאָס געווערק אין שענקעלע און זיינע מכשירים איינפּאַקן.

ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום מיידעלע, אַזוי האָט זי גלייך אַריינגעשטופּט דאָס שיידל אין זיין קלומעקל אַריין.

אַגריפּאַ איז צוריק אַוועקגעגאַנגען צום פריצישן הויף אין לעיוודאַלאַ, ווו ער האָט לעצטנס געאַרבעט, כדי זיך נאָכצופרעגן דאָרט אויף זיינע שפּאַקולן. ער האָט באַלד אויפגעקניפּט זיין קלומעקל, כדי זיי צו ווייזן, אַז ער האָט זיי נישט מיטגענומען. אָבער

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז טאַקע געווען דאָס שיידל מיט די שפּאַקולן!

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ער אויפן פּלאַץ פאַר דער קירך זיך באַגעגנט מיט יאַגען און קאַטריגאַן. ער איז צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט מיט זיי.

— איך קאָן אייך זאָגן, אַז איר וועט נאָך האָבן פיל נחת פון אייער טעכטערל, — האָט ער דערקלערט מיט אַ גיפטיק געלעכטער. — נישקשה, זי האָט שוין איינמאָל אַ קעפּל אויף זיך!...

די פאַרבאָטענע פּירות

אַ סך מענטשן האָבן יאַגען פון סקרוליקאַ פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט פיל נחת האָבן פון זיין טאָכטער, ווען זי וועט אויפוואַקסן. די מענטשן האָבן טאַקע נישט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין איצט פיל נחת און פרייד געהאַט פון איר, — יעדן טאָג, יעדע מינוט, וואָס גאָט האָט געגעבן. בלויז איינאיינציק מאָל, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָט ער איבער איר געהאַט אויסצושטיין חרפּה און פאַרדרוס.

דעם זומער, ווען זיין טעכטערל איז אַלט געווען עלף יאָר, איז יאַן מיט איר אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבערן באַרג קיין לעיוודאַלאַ. דאָס איז געשען דעם זיבעצנטן אויגוסט, ווען דער פּריץ פון לעיוודאַלאַ, דער לייטענאַנט ליליעקרונאַ, האָט געפייערט זיין געבוירנטאָג.

דער זיבעצנטער אויגוסט איז געווען אַ טאָג פון פרייד פאַר די איינוואוינער פון די געמיינדעס פון סוואַרטזשעי און פון ברובי, און אויף דעמדאָזיקן טאָג האָט מען אַ גאַנץ יאָר געוואַרט מיט בענקשאַפט; נישט בלויז בײַ די אַרומיקע פּריצים, וועלכע מען פלעגט פאַרבעטן צו דער שמחה, נאָר אויך בײַ די דאָרפישע קינדער און יונגוואַרג פון דער גאַנצער געגנט. אין דעם טאָג האָבן

פון אומעטום געשטראָמט מחנות יום־טובדיק אויסגעפוצטע קינדער, כדי צו זען די רייך־געקליידטע לייט און געניסן פון געזאַנג און מוזיק אויף דערדאָזיקער פייערלעכקייט.

און נאָך איין זאַך האָט געלאָקט דאָס יונגוואַרג צו וואַנדערן קיין לעיוודאַלאַ דעם זיבעצנטן אויגוסט: דאָס זענען געווען די אַלע גוטע זאַכן, מיט וועלכע דער סאָד איז אין יענער צייט פול געווען. דאָס יונגוואַרג איז, וואָס אַן אמת, געווען דערצויגן אין ערלעכקייט, זיי האָבן אָבער געמיינט, אַז פון דעם, וואָס הענגט אויף קוסטעס אוןביימער אין דער פרייער נאַטור, מעג מען פאָרט אַ נאַש־טון, — וויבאַלד מען האָט זיך נאָר גוט געהיטן, אַז עמעצער פון די וועכטער זאָל בא דער האַנט נישט פאַקן.

ווען יאַן איז מיט קלאַראַ גולאַן אַריינגעקומען אין סאָד, האָט ער באַלד באַמערקט, אַז זיין טעכטערל האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן, דערזעענדיק די פרעכטיקע עפּלביימער, וואָס זענען באַשאָטן געווען מיט גרינע, נישט־צייטיקע פירות. ער אַליין וואָלט איר אויך נישט פאַרווערט צו פאַרזוכן אַ פּאָר עפּלעך, ווען ער וואָלט נישט דערזען דעם אויפזעער זעידערלינד, וועלכער איז צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר וועכטער אַרומגעגאַנגען צווישן די ביימער און געהיטן, מען זאָל נישט שאַדענען די צווייגן.

ער האָט דעריבער קלאַראַ גולאַן אָוועקגעפירט צום הויפּ־פּלאַץ, וווּ ס׳איז נישט געווען, וואָס צו נאַשן, און אַזוי־אַרום זיכער געווען צו קאָנען זי אָפּהיטן פון אַ נסיון. אָבער ער האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידעלע איז מיט אירע געדאַנקען סיי ווי ביי די אַגרעס־קוסטעס און עפּלביימער. זי האָט נישט געקוקט נישט אויף די רייך־געקליידטע פּריצישע יונגעלייט און פריילינס, נישט אויף די פּרעכטיקע בלומענבייטן. זי האָט זיך נישט איינגעהערט צו די שיינע רעדעס, וואָס דער אויבערפּאַסטאָר פון ברובי און דער אינזשיניער באַרעאוס פון באָרג האָבן געהאַלטן לכבוד דעם לייטענאַנט ליליעקרונאַ. זי האָט צומאָל דעם מינדסטן אינטערעס נישט געשענקט די גראַטולאַציעפּערזון, וואָס דער קירכאויפזעער האָט פאַרגעלייענט פאַר דעם יובילאַר.

דורך די אָפענע פענצטער פון דעם גרויסן הויז האָבן זיך

געטראָגן די טענער פון אַנדערס עסטערס קלאַרנעט. ער האָט געשפּילט אַזאַ לוסטיקע מעלאָדיע, אַז ס'איז פּשוט שווער געווען איינצוהאַלטן די פיס אויף אַן אָרט. אָבער קלאַרא גולאַן האָט דאָס אַלץ נישט געוויילט. זי האָט נאָך אַלץ געזוכט עפּעס אַ תּירוץ צו קאָנען זיך אומקערן צום סאָד.

יאַן האָט זי אָבער די גאַנצע צייט געהאַלטן באַם הענטל. ער האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט זי אָפּלאָזן, — וואָס פאַרא אויסרייד זי האָט נישט צוגעטראַכט, כּדי זיך צו באַפרייען. דאָס איז אים געלונגען נאָר ביזן אָוונט, ווען דער סאָד איז פאַרזונקען געוואָרן אין פינצטערניש.

דאַן האָט מען אָנגעצונדן אַ מענגע קאָלירטע לאַמטערלעך, נישט בלויז אויף די ביימער, נאָר אויך צווישן די קלאָמבן און בלומענבייטן, און אפילו צווישן די קלעטערגעוויקסן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט איבער די ווענט. דאָס איז געווען אַזוי שיין, אַז יאַנען, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען אַזוינס, האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ און ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי ער וואַנדערט נאָך אויף דער ערד.

אָבער דאָס קליינע הענטעלע האָט ער נאָך אַלץ פעסט צוגעהאַלטן.

ווען אַלע לאַמטערלעך זענען שוין געווען אָנגעצונדן, האָט דער קרעמער, וואָס זיין געוועלב געפינט זיך לעבן דער קירך, ווי אויך זיין ברודער מיט זיין פּלימעניק זאַלבעפיר זיך אַוועקגעשטעלט זינגען. בשעת יאַן האָט זיך צוגעהערט צו זייער געזאַנג, האָט ער דערפילט ווי די לופט אַרום אים ציטערט פון פרייד, און אַז ער ווערט אַרומגעשטראָמט מיט אַ כוואַליע פון איבערערדישן תּענוג. פון זיין האַרץ איז פאַרשווונדן יעדע באַקלעמטקייט, יעדע דאגה, ער האָט פרייער געאָטעמט, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן עול פון לעבן. דידאָזיקע פרייד און תּענוג פון זיין האַרץ האָבן זיך צו אים אַראָפּגעלאָזט צוזאַמען מיט דער וואַרעמער זומערנאַכט, און יאַן האָט זידנ ישט געקאָנט אַקעגנשטעלן זייער צויבער. דאָסזעלבע איז אויך געשען מיט דעם איבריקן

עולם. זיי האָבן דערפילט דאָס גליק פון לעבן און זענען ממש פאַרשיכורט געוואָרן פון מתוקות צו וואַנדערן אויף אַזאַ שיינע וועלט.

— נו, מאַ... מיר האָבן היינט אַן אויסערגעוויינלעך הער־לעכן אָוונט... מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז ס'איז היינט דער זיבצענטער אויגוסט! — האָט מען זיך געשושקעט אַרום אים.

— אָט אַזוי האָבן מסתמא זיך געפילט די, וואָס האָבן גע־וווינט אין גן־עדן, — האָט איינער פון די יונגעלייט פייערלעך געזאָגט.

יאַן האָט אויך אַזוי געמיינט, אָבער ער איז דערביי נאָך געווען אַזוי פיל באַם זינען, אַז ער האָט נישט אָפּגעלאָזט קלאַראַ גולאַס הענטל.

נאָכן געזאַנג האָט מען אָנגעצונדן עטלעכע פייערווערק. זיי זענען אַרויפגעפלויגן מיט אַ שאַרפער געצישעריי צום בלויען נאַכט־הימל — און דערנאָך זיך צעשאָטן אין אַ רעגן פון רויטע, בלויע און גאָלדענע שטערנס, וואָס זענען פּאַמעלעך אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד. יאַן איז אַזוי טיף גערירט געווען, אַז ער האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן אָן קלאַראַ גולאַן. און ווען ער איז ווידער צו זיך געקו־מען, איז זי שוין געווען פאַרשוווּנדן.

— מילא, פאַרפאַלן, — האָט יאַן געטראַכט, — לאָמיר האָפן, אַז זי וועט אויך דאָסמאָל האָבן מזל, ווי תמיד... עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז נישט דער אויפזעער זעידערלינד און נישט קיי־נער פון די איבריקע וועכטער וועלן זי נישט כאַפּן באַ דער האַנט...

ס'איז אַלנפאַלס נישט כדאי געווען, ער זאָל ד' גיין זוכן אין דעם פינצטערן סאַד. דאָס קליגסטע, וואָס ער האָט געקאָנט טון, איז געווען, שטיין צו בלייבן אויפן זעלבן אָרט און וואַרטן ביז זי וועט צוריקקומען.

ער האָט טאַקע נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטן.

מען האָט אָנגעהויבן זינגען נאָך אַ ליד, און נאָך איידער די

זינגער זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט יאַן דערזען זעידערלינדן קומען מיט קלאַראַ גולאַן אויף די הענט.

דער לייטענאַנט ליליעקרונאַ איז אין דער געזעלשאַפט פון נאָך עטלעכע הערן געשטאַנען אויפן אייבערשטן שטאַפּל פון די טרעפּ באַם אַריינגאַנג און זיך צוגעהערט צום געזאַנג. דער אויפזעער זעידערלינד איז שטיין געבליבן פאַר אים און אַראָפּגעלאָזט דאָס מיידעלע אויף דער ערד.

קלאַראַ גולאַ האָט נישט געשריגן און נישט געמאַכט קיין פּרוּוו צו אַנטלויפן. זי האָט געהאַט אָנגעקליבן אַ פול פאַרטוכל מיט נישט־רייפע עפּל און נישט געקלערט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר, אַז זי זאָל גוט צוהאַלטן דאָס פאַרטוכל, כדי קיין איינעם פון די עפּל נישט צו פאַרלירן.

— דאָס מיידעלע האָב איך געפאַקט אויף אַן עפּלבוים, — האָט זעידערלינד געזאָגט. — דער הער לייטענאַנט האָט דאָך מיר באַפוילן, אַז אויב איך וועל כאַפּן עמעצן, וואָס וועט גנבענען עפּל, זאָל איך אים דעם הער לייטענאַנט צושטעלן.

דער פּריץ האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף דעם מיידעלע, און דערביי האָבן אים די דינע קנייטשן אַרום די אויגן אָנגעהויבן צוקן. אַזוי, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי ער וועט באַלד לאַכן אָדער וויינען.

ער האָט בדעה געהאַט צו זאָגן עטלעכע האַרבע ווערטער דעם, וואָס גנבעט זיינע עפּל; אָבער, זעענדיק, ווי דאָס מיידעלע האָט פעסט צונויפגעדריקט אירע הענטלעך אַרום דעם פאַרטוכל, אָפּ־היטנדיק אויפמערקזאַם איר רויב, האָט ער אַ טיפע מיטלייד דער־פילט צו איר. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו האַנדלען דאָ, אַז זי זאָל מעגן בלייבן באַ די אָפּגעפּליקטע עפּל. אינגאַנצן פאַרשווייגן די זאַך האָט ער אויך נישט געטאָרט, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט דערפירן דערצו, אַז די אַלע ווייסעחברהניקעס, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט געוואָרן, זאָלן אים פון גאַנצן סאַד אַ תּל מאַכן.

— אַזוי גאָר?... דאָס ביסטו אַרויפגעקראָכן אויף די עפּל־

ביימער? — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט. — דו גייסט דאָך אין שול און האָסט דאָך אוודאי געלערנט די געשיכטע וועגן אדם און חוה, און וואָלסט שוין געדאַרפט וויסן, ווי געפערלעך ס'איז צו רייסן פאַרבאָטענע עפל!

אין דעם מאָמענט איז יאַן צוגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן קלאַראַ גולאַן. ער איז געווען שטאַרק אומצופרידן פון איר, דערפאַר, וואָס זי האָט אים אַזוי מיאוס צעשטערט דעם הערלעכן אָוונט. אָבער פאַרפאַלן — ער האָט איר געמוזט איצט ביישטיין.

— איך בעט דעם גנעדיקן הער לייטענאַנט נישט בייזערן זיך אויף מיין קליין מיידעלע, — האָט יאַן געזאָגט. — דאָס האָב איך איר געגעבן די דערלויבניש אַרויפצוקלעטערן אויף אַ בוים און אָפּפליקן אַ פּאָר עפּעלעך.

ווי נאָר ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, אַזוי האָט קלאַראַ גולאַ אַ וואָרף־געטון אַ בייזן, שטראָפנדיקן בליק אויף אים און איבערגעריסן איר ביזאיצטיק עקשנותדיק שטילשווייגן:

— נישט אמת! — האָט זי אויסגעשריגן, — דאָס האָב איך אַליין געוואָלט אָנקריגן די עפל. דער טאַטע האָט מיך אַ גאַנצן אָוונט באַ דער האַנט געהאַלטן און מיך נישט אַוועקגעלאָזט פון זיך, איך זאָל נישט קאָנען גיין רייסן קיין עפל! אָבער איך בין אַנטלאָפן פון אים, ווען מען האָט די פייערווערק אָנגעצונדן!

אירע רייד האָבן דעם לייטענאַנט שטאַרק הנאה־געטון.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי... — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט, — דו האָסט רעכט, וואָס לאָזט דו נישט דיין פאָטער נעמען אויף זיך דיין שולד. דו ווייסט דאָך, אַז גאָט האָט אויף אדם און חוהן זיך נישט געבייזערט אַזוי דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן די פאַרבאָטענע עפל, נאָר ווי דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערנאָך איינער אויפן אַנדערן די שולד אַרויפגעוואָרפן; דו קאָנסט דיר אַהיימגיין מיט די אָפּגעריסענע עפל, איך שענק זיי דיר, ווייל דו האָסט נישט מורא געהאַט דעם אמת צו זאָגן!...

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו איינעם פון זיינע זין:

— גיב יאַנגען אַ גלעזל פּונש! — מיר וועלן טרינקען לחיים פאַר זיין טאָכטערסוועגן, ווייל זי האָט פיל בעסער געענטפערט, ווי די מוטער חוה אַמאָל. עס וואָלט היינט פאַר אונז אַלע פיל בעסער געווען, ווען קלאַראַ גולאַ וואָלט דעמאָלט זיך געפונען אין גן־עדן אויף חוהס אָרט! — — —

II.

לאַרס גונאַרסאָן

אַמאָל אין אַ פראָסטיקן ווינטערטאָג זענען עריק פון פאַליאַ און יאַן פון סקרוליקאַ זאַלבעצווייט געווען באַשעפטיקט באַם האַקן ביימער אין אַ הויכשטאַמיקן וואַלד.

זיי האָבן באַר-וואָס געהאַט דורכגעזעגט אַ גראָבן שטאַם, און דער בוים האָט זיך אַ וואַקל-געטון. זיי זענען ביידע אָפּגעשפרונגען אָן אַ זייט, כדי נישט צוגעדריקט צו ווערן פון דער פאַלנדיקער סאָסנע.

— היט אייך, באַלעבאָס! — האָט יאַן אויסגערופן. — דאַכט זיך, אַז דער בוים וועט פאַלן אין אייער זייט!

עריק וואָלט נאָך באַוויזן אַוועקצולויפן, בשעת די סאָסנע האָט זיך געוואַקלט, און אפילו ווען זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָנצובייגן אָן אַ זייט. אָבער ער האָט שוין געהאַט אויף זיין לעבן אַזוי פיל סאָסנעס אויסגעהאַקט, אַז ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ סך אַ גרעסערן ספּעציאַליסט אין אַזאַ מין אַרבעט, ווי יאַן איז געווען. דעריבער האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין וואָרנונג, בלייבנדיק שטיין אויפן זעלבן אָרט. אַ רגע דערנאָך איז ער שוין געלעגן אומגעוואָרפן אויף דר'ערד, מיטן בוים אויף זיך.

ער האָט נישט דעם מינדסטן געשריי געטון, בשעת ער איז געפאַלן, און באַלד דערנאָך האָבן אים די צווייגן אינגאַנצן צוגע-

דעקט. יאַן איז דאָרט געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, נישט וויסנדיק, ווו זיין באַלעבאָס איז אַהינגעקומען.

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער דערהערט דאָס אַלט־באַקאַנטע קול, וואָס ער איז אין משך פון אַזוי פיל יאָרן געווינט געווען צו געהערן. נאָר אַצינד איז דאָסדאָזיקע קול געווען אַזוי שוואַך, אַז יאַן האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זיין ברויטגע־בער זאָגט.

— לויף אַהיים נאָך אַ פערד־און־שליטן, און זאָל מען מיך וואָס שנעלער אַהיימפירן!

— זאָל איך נישט צוערשט העלפן אייך אַפּערקריכן? —

האָט יאַן געפרעגט. — דריקן אייך נישט שווער די צווייגן?

— טו, ווי איך הייס דיך! — האָט עריק שטרענג אָפּגע־ענטפערט.

יאַן האָט געוווסט, אַז זיין באַלעבאָס האָט קודם־כל פאַר־לאַנגט מען זאָל אים תיכּף פאָלגן, און דעריבער האָט ער זיך שוין מער נישט מיט קיין וואָרט אָנגערופן.

יאַן איז געלאָפן קיין פאַליאַ אַזוי גיך ווי זיינע כּוחות האָבן אים געטראָגן, אָבער פון דאָרט, ווו דאָס אומגליק איז געשען, איז נישט געווען אַזוי נאָענט צום הויף; דערום האָט עס געדויערט אַ לענגערע צייט, ביז ער איז צום פאָלוואַרק אין פאַליאַ צו־געקומען.

דער ערשטער, וועמען יאַן האָט באַגעגנט פון עריקס הויז־מענטשן, איז געווען לאַרס גונאַרסאָן. ער האָט געהאַט פאַר אַ ווייב עריקס עלטערע טאָכטער, און אים האָט דער שווער געהאַט באַשטימט איבערצונעמען דעם הויף, ווען ער אַליין וועט אויף איי־ביק די אויגן פאַרמאַכן.

ווי נאָר לאַרס גונאַרסאָן האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומ־גליק, האָט ער יאַנען באַפוילן צו דער באַלעבאָסטע אַריינצוגיין און איר מודיע זיין וועגן דעם. נאָכדעם זאָל ער דעם יינגערן פּאַ־ראַבעק צורופן; לאַרס אַליין האָט געזאָלט אַריינלויפן אין שטאַל און איינשפּאַנען אַ פערד.

— אפשר וואָלט גלייכער געווען, נישט באַלד צונצוזאָגן די

בשורה די פרויען? זיי וועלן אָנהייבן וויינען און קלאָגן, און דאַדורך וועלן מיר צייט פאַרלירן. עריק האָט גערעדט מיט אַזאַ שוואַך קול, בשעת ער איז דאָרט געלעגן אונטערן בוים, אַז ס'וואָלט בעסער געווען, מיר זאָלן זיך צואיילן!

אָבער זינט לאַרס גונאַרסאָן איז אין דעם הויף אָנגעקומען, האָט ער שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, אַז מען זאָל פאַר אים דורך־אַרץ האָבן און אומבאַדינגט אויספירן זיינע באַפעלן, וועלכע ער האָט, פונקט ווי דער שווער זיינער, קיינמאָל נישט צוריק־געצויגן.

— דו זאָלסט שוין די רגע אַריינגיין צו דער באַלעבאָסטע! — האָט ער שטרענג געזאָגט. — פאַרשטייסטו דען נישט, אַז מען מוז צוגרייטן דאָס בעט, כדי מיר זאָלן האָבן אויף וואָס אים אָוועקצו־לייגן, ווען מיר וועלן אים דאָ אַהערברענגען?

יאַן האָט, אַלזאָ, קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווי אַריינצוגיין צו דער באַלעבאָסטע, און ווי ער האָט זיך נישט צו־געאיילט, האָט עס פאָרט גענדויערט אַ שפּאָרע ווילע צו דערציילן איר, וואָס עס איז געשען אין וואַלד.

ווען יאַן איז צוריק אויפן הויף אַרויסגעקומען, האָט ער דער־הערט, ווי לאַרס שרייט און שילט זיך אין שטאַל. לאַרס האָט קיינמאָל נישט געקאָנט זיך גוט באַגיין מיט חיות, און די פערד פלעגן תמיד בריקעווען, ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען. דורך דער גאַנצער צייט, וואָס יאַן האָט גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע, איז לאַרסן נישט געלונגען אַרויסצופירן קיין איינס פון די פערד פון זייערע פאַרצוימונגען.

יאַן האָט געוווסט, אַז קיין גוטס וואָלט פון דעם נישט אַרויס־געקומען, ווען ער זאָל איצט וועלן צוהעלפן לאַרסן בײַ די פערד. דעריבער איז ער אָוועק אויספירן דעם צווייטן באַפעל, — צורופן דעם יינגערן פאַראָבעק.

ס'האָט אים אָבער שטאַרק געחידושט, פאַרוואָס לאַרס האָט אים נישט געהייסן צורופן בעריען, וועלכער האָט געדראָשן תבואה אין שייער. ער האָט אים אָבער געשיקט דווקא נאָך דעם פאַראָ־

בעק, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט באַם אויסגראָבן שטאָמהאָרצ־לען אין דעם ווייטן בזשאָזעוועלדל.

בעת יאַן האָט אויסגעפירט דידאָזיקע אומנייטיקע שליחות, האָט דאָס שוואַכע קול אונטער די צווייגן פון דער אומגעפאַלענער סאָסנע כסדר אים אין די אויערן געקלונגען, אָבער דאָס קול איז שוין איצט נישט געווען אַזוי באַפעלעריש ווי פריער, נאָר עס האָט געבעטן, אַז יאַן זאָל זיך צואײַלן.

— איך קום שוין, איך קום שוין! — האָט יאַן אין זיך אַלס ענטפער געפליסטערט; דערבײַ האָט ער דאָס געפיל געהאַט פון איינעם, וואָס ליגט אין אַ קאָשמאַר און באַמיט זיך מיט אַלע קרעפטן זיך צוצואײַלן, אָבער בלײַבט פאָרט אויפן זעלבן אָרט.

לאַרס האָט ענדלעך באַוויזן אײַנצושפּאַנען דאָס פערד, אָבער דאָ זענען די פרויען אַרויסגעקומען און אים געהייסן מיטנעמען שטרוי און קאָלדרעס. מען האָט דאָס טאַקע געדאַרפט האָבן, אָבער דאַדורך האָט מען ווידער פאַרזוימט אַ געוויסע צײַט.

ענדלעך זענען זיי שוין קוים אַרויסגעפאָרן פון הויף. אויפן שליטן זענען געזעסן לאַרס, יאַן און דער יונגער פאַראָבעק. אָבער זיי האָבן קוים באַוויזן צום וואַלד צוצוקומען, ווי לאַרס האָט ווי־דער אָפגעשטעלט דאָס פערד.

— מען קאָן פשוט צעמישט ווערן פון אַזאַ בשורה, — האָט ער געזאָגט. — ערשט איצט דערמאָן איך מיך, אַז בעריע דרעשט נישט ווייט פון דער שטאַל.

— ס'וואָלט טאַקע גוט געווען, מיר זאָלן אים מיטנעמען, — האָט יאַן זיך אָנגערופן, — ער איז טאָפּלט שטאַרק, ווי מיר אַלע.

דאַן האָט דער פאַראָבעק באַקומען דעם באַפעל צוריקצו־לויפן צום הויף און מיטנעמען בעריען. דאָסדאָזיקע וואַרטן אויף זיי האָט ווידער צוגענומען פיל צײַט.

יאַן איז געזעסן אויפן שליטן און גאָרנישט געקאָנט טון. אָבער טראַכטן האָט ער יאָ געקאָנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין אים האָט זיך געעפנט עפּעס אַ טיפער, אײַז־קאַלטער און פינצטערער אָפּגרונט, אין וועלכן ס'איז אַ שרעק אַראָפּצוקוקן. אָבער

ער האָט גלייכצייטיק געוווסט, אַז דאָס איז נישט קיין אָפּגרונט, נאָר די זיכערקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אים, אַז זיי וועלן קומען צו שפּעט.

בעריע און דאָס פאַראָבעקל זענען ענדלעך געקומען צו לויפן פאַרסאָפּעטע, און איצט זענען זיי שוין אַריינגעפאָרן אין וואַלד.

זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט שנעל פאָרן. לאַרס האָט שוין נישט געהאַט קיין אַנדער פערד אַרויסצופירן פון שטאַל, ווי נאָר דעם אַלטן קאַשטאַנעק מיט די פאַרשטייפטע געלענקען; דעמדאָזיקן קריפּל האָט ער איינגעשפּאַנט אין רעטונגסשליטן, אַהיימצופירן דעם פאַרוווּנדיקטן שווער זיינעם. ווייזט־אויס, ס׳איז געווען אמת, וואָס ער האָט געזאָגט: ער איז צעמישט געווען. . .

אַ ווײַלע דערנאָך האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז טאַקע נישט בײַ די ריכטיקע געדאַנקען. וואָרים פּלוצלינג האָט ער געוואָלט פאַרקירעווען אויף אַ פאַלשן וועג.

— נישט דורך דאַנען! — האָט יאַן געזאָגט. — אויף דער זייט געפינט זיך דאָך דער באַרג סטוּרסניפּאַ, און מיר מוזן גאָר צוקומען צום וואַלד, וואָס איבער דעם דאָרף לובי.

— יאָ, דאָס ווייס איך אָן דיר אויך, — האָט לאַרס בייז געזאָגט, — אָבער אין דער זייט געפינט זיך העכער אַרויף־צו אַ בעסערער זייטיקער וועג צום פאָרן.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ זייטיקער וועג? — האָט יאַן פאַרחידושט געפרעגט. — איך קען גוט די גאַנצע געגנט, אָבער אַזאַ וועג האָב איך דאָ נאָך קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן.

— וואַרט־צו, וועסטו זען! — האָט לאַרס געענטפערט.

ער האָט דווקא געוואָלט פאָרן באַרג־אַרויף, אָבער איצט איז בעריע איינשטימיק געווען מיט יאַנען. און דערום האָט לאַרס דאָסמאָל געמוזט נאָכגעבן. אָבער ביז דער שטרייט מיט אים איז פאַרענדיקט געוואָרן איז ווידער אַוועק פיל צייט, און יאַן האָט געפילט ווי דער שוואַרצער אָפּגרונט צעשפּרייט זיך אין אים. אַ קאַלטער שוידער האָט אויפגעטרייסלט זיין לייב: ס׳האָט זיך אים גע־

דאַכט, אַז די הענט און פיס זענען אים פאַרשטאַרט געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט נישט געקאָנט מיט קיין אבר רירן.

— ס'איז שוין אַלצאיינס, — האָט ער געטראַכט, — מיר וועלן סיי ווי קומען צו שפּעט; ווען מיר וועלן אָנקומען דאָרט אַהין, וועט עריק פון פאַליאַ שוין נישט דאַרפן קיין הילף — — —

די אַלטע קליאַטשע האָט זיך קוים געשלעפּט איבערן וואַלד־שטעגל; נישט קיין חידוש: אירע כּוחות זענען שוין נישט גע־ווען צו אַזאַ נסיעה. דערצו נאָך האָט זי געהאַט שלעכטע פּאָדקאָ־וועס און יעדעס מאָל זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטאַמוואָרצל. ווען מען האָט געדאַרפט פאָרן באַ"ג־אַרויף האָבן די מאַנסלייט געמוזט פון שליטן אַראָפּשטייגן און גיין צו פוס. אין דעם הויכשטאַמיקן וואַלד, ווו ס'איז נישט געווען קיין אויסגעטראָטענער וועג, איז דאָס־דאָזיקע פערד גיכער געווען אַ שטערונג, איידער אַ הילף.

ענדלעך זענען זיי פאָרט אָנגעקומען אויפן אָרט, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עריקס צושטאַנד איז נישט קיין געפערלעכער. נישט דער בוים האָט אים צעקוועטשט און נישט קיין אבר איז אים צעבראָכן געוואָרן. בלויז אויפן לינקן פוס, באַם היפּטביין, האָט אַ שטעכיקע צווייג אים די הויט אויפגעריסן און ס'האָט זיך דאָרט אַ טיפע ווונד באַוויזן. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי געפערלעך, אַז עס זאָל זיך נישט קאָנען שנעל פאַרהיילן.

צומאָרגנס אָבער, ווען יאַן איז צו דער אַרבעט געקומען, האָט ער זיך דערוווסט, אַז עריק ליגט אין גרויס היץ און ליידט שווע־רע יסורים.

בעת דעם לאַנגן וואַרטן אויף הילף, האָט ער זיך שטאַרק צו־געקילט, ליגנדיק מיטן רוקן אויף דער נאַסער, קאַלטער ערד. דער־פון האָט ער באַקומען אַ לונגענאָנצינדונג און איז אויפן פערצענטן טאָג געשטאָרבן.

דאָס רויטע קלײדל

אַמאָל אין אַ זונטיק, ווען קלאַראַ גולאַ איז אַלט געווען זיבצען יאָר, איז זי צוזאַמען מיט אירע עלטערן אַוועק אין קירך אַרײַן.

איבערן גאַנצן וועג אַהין איז זי געווען אײַנגעהילט אין אַ פּאַטשײַלע, וואָס זי האָט פֿון זיך אַראָפּגענומען ערשט דעמאָלט, ווען זײ זענען שוין צוגעקומען נאָענט צו דער קירך. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי גייט אָנגעטון אין אַ קלײדל, וואָס מען האָט אַזוינס נאָך נישט געזען אין דער גאַנצער געמײנדע.

אײנער פֿון די הענדלער, וואָס וואַנדערן אַרום מיטן פּעקל סחורות אויפֿן רוקן, איז אַמאָל אָנגעקומען אין דעם פּאַרוואָרפֿענעם אַסקעדאַלאַרנאַ. ער איז אויך געווען אין סקרוליקאַ, און ווען ער האָט דערזען די שטראַלנדיק־יוגנטלעכע שײנקייט פֿון קלאַראַ גולאַן, האָט ער פֿון זײַן זעקל אַרויסגענומען אַ שטיק געוואַנט און אָנגעהויבן צורעדן די עלטערן, זײ זאָלן דערפֿון קויפֿן אויף אַ קלײדל פֿאַר דער טאָכטער. דאָס איז געווען אַ רויטער שטאָף, וואָס האָט געשימערט מיט פֿאַרשידענע קאָלירן און געגלאַנצט ווי זײַד.

דער שטאָף איז אָבער געווען פּונקט אַזוי טײַער, ווי שײן, אַזוי אַז פֿאַר די אָרימע עלטערן איז נישט מעגלעך געווען אײַנצוהאַנדלען די אָנגעבאָטענע סחורה, הגם עס איז לײַכט צו פֿאַרשטײן, אַז זײ, און בפֿרט יאַן, וואָלטן זיך קײן בעסערס נישט געווונטשן.

געשעען איז אָבער גאָר עפּעס מערקווירדיקס. דער הענדלער האָט אַ לענגערע װײַלע אײַנגעטענהט מיט די עלטערן, פּרוּוונדיק איבעררעדן זײ צו קויפֿן דעם שטאָף. אָבער ווען דער הענדלער האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער קאָן גאָרנישט פּועלן, איז ער געוואָרן

שטאַרק אויפגעבראַכט. ער האָט זיי דאַן דערקלערט, אַז קלאַראַ גולאַ וועט אַלנפאַלס באַקומען די סחורה, ווייל אין דער גאַנצער סביבה האָט ער נישט באַגעגנט נאָך אַזאַ מיידל, פאַר וועמען דער שטאָף זאָל זיין אַזוי פּאַסיק, ווי פאַר זייער טאָכטער.

ער האָט אויפגעוויקלט דאָס שטיק געוואַנט, אָפּגעמאָסטן אַזוי פיל איילן, וויפיל מען דאַרף האָבן אויף אַ קליידל און דעם אָפּ־געשניטענעם שטאָף געשענקט קלאַראַ גולאַן. ער האָט אינגאַנצן קיין געצאָלטס נישט געוואָלט נעמען. ער האָט בלויז געוואָלט האָבן דאָס פאַרגעניגן צו זען זי אָנגעטון אין דעם רויטן קליידל, ווען ער וועט נאָכאַמאָל זיין אין סקרוליקאַ.

דאָס קליידל איז אויפגענייט געוואָרן באַ דער בעסטער שניי־דערין פון דע״ געמיינדע, — דיזעלבע, וואָס פלעגט נייען פאַר די פריצישע פריילינס פון לעיוודאַלאַ. ווען קלאַראַ גולאַ האָט זיך אָנגעטון אין דעם קליידל, איז עס געלעגן אויף איר, ווי אויסגע־גאָסן און מען האָט נישט געקאָנט וויסן, ווער וועמען עס באַשיינט: זי — דאָס קליידל, אָדער דאָס קליידל — זי; זי האָט אויסגעזען דערין, ווי זי וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון אַ שטרויך ווילדרויזן, באַ־שיט מיט רויטע בלומען, — אָט אַזעלכע ווי די, וואָס וואַקסן באַם ראַנד פון וואַלד.

דעם זונטיק, ווען קלאַראַ גולאַ האָט אין איר נייעם קליידל געזאָלט זיך ווייזן צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם פאַר דער קירך, האָבן קאַטרינאַ און יאַן נישט געקאָנט איינזיצן אינדערהיים, — פון גרויס נייגיר צו הערן, וואָס די מענטשן וועלן זאָגן וועגן איר.

און ס'איז טאַקע אַזוי געשען, אַז אַלע מענטשן האָבן תיכף באַמערקט דאָס רויטע קליידל. מען האָט עס באַקוקט פון אַלע זייטן און געזאָגט מבינות סיי אויף דער סחורה, סיי אויפן פאַסאָן פונם קלייד. אָבער דערנאָך האָבן זיי שוין געקוקט אויך אויפן מיידל, וואָס האָט געטראָגן דאָסדאָזיקע פרעכטיקע קלייד.

אַ טייל מענטשן האָבן שוין פריער געהאַט געהערט וועגן דעם קליידל, און אַנדערע ווידער האָבן זייער געוואָלט וויסן, ווי אַזוי עס געשיקט זיך, אַז אַ טאָכטער פון אַן אָרימען פאַראָבעק זאָל זיך

קאָנען אויספּוצן צו גיין אין קירך אַריין אין אַזאַ טייער קלייד. יאַן און קאַטרינאַ זענען גאָרנישט מיד געוואָרן צו דערציילן די געשיכטע מיט דעם הענדלער. ווען אַלע מענטשן האָבן זיך געהאַט דערוווּסט דערפון, האָבן זיי שוין נישט איינגעזען קיין שום אויס־טערליש דערין. פאַרקערט, עס האָט זיי הנאה־געטון, וואָס דעם גליק האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט אויך אַריינצוקוקן אין דעם אָרי־מען הייזעלע, וואָס ליגט אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון אַס־קעדאַלאַרנאַ.

נישט איינער פון די רייכע פויערשע זין האָט דאַן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז ווען קלאַראַ גולאַ זאָל שטאַמען פון אַזאַ משפחה, מיט וועלכער עס זאָל זיי אָנשטיין זיך משדך צו זיין, וואָלט זי שוין אַהיימגעגאַנגען פון קירך אַלס כּלה־מיידל.

און נישט איין רייכע, פויערשע בת־יחידה, וואָס איז דאָרט געווען צווישן די דאַוונער, וואָלט נישט לאַנג געטראַכט, אַוועקצוגעבן דאָס גרעסטע שטיקל פעלד פון אירע נחלאות, אַבי צו קאָנען מאַכן, אַז איר פּנים זאָל אַזוי שטראַלן פון בליענדיקער יוגנטלעכער שיינ־קייט און קראַפט, ווי דאָס פּנים פון קלאַראַ גולאַ, — די טאָכטער פון דעם אָרימען לוינאַרבעטער באַ עריקן פון פאַליאַ.

אָבער גראָד האָט עס זיך געדאַרפט מאַכן, אַז אין יענעם זונטיק זאָל פּריידיקן דער דעקאַן פון דער קירך אין ברו, און נישט דער געוויינלעכער גלח. דער דעקאַן איז אָבער געווען זייער אַ שטרענ־גער גייסטלעכער פון אַלטן שטייגער, וואָס האָט פיינט געהאַט יעדע פאַרשווענדערישקייט אין קליידער, ווי אויך אין אַלע אַנדערע זאַכן.

ווען ער האָט דערזען דאָס מיידל, אַן אויסגעפּוצטע אין דעם רויטן קלייד, איז ער פּשוט פאַרציטערט געוואָרן, מיינענדיק, אַז עס איז אויפגעבייט פון זיידנשטאָף. דערום האָט ער געשיקט דעם קירכאויפזעער אַריינרופן דאָס מיידל מיט אירע עלטערן, אין גלחס אַמטשטוב, ווייל ער דאַרף מיט זיי אַ פּאָר ערנסטע ווערטער רעדן.

ווען קלאַראַ גולאַ איז אין דער אַמטשטוב אַריינגעקומען, האָט

ער איך באמערקט, ווי דאָס שאַרלאַך-רויטע געוואַנט קליידט איר צום פּנים, און דאָס האָט אים גראָד נאָך מער פאַרדראָסן.

— הער דיך צו, מיין קינד, — זאָט ער געזאָגט צו קלאַראַ גולאַן, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף איר אַקסל. — ווי דו זעסט מיך, קאָן מיר קיינער נישט שטערן זיך אָנצוטון, ווי אַ ביסקופּ, מיט אַ גאָלדענעם צלם אויפן האַלז, — אויב איך וואָלט נאָר געוואָלט אַזוי. אָבער, איך טו דאָס נישט, ווייל איך וויל זיך נישט אויסגעבן פאַר עפּעס העכערס, ווי איך בין. און טאַקע דערפאַר, דאַרפסטו זיך אויך נישט קליידן ווי אַ פּריצישע פרייליין, דאַן ווען דו ביסט בלויז אַ טאָכטער פון אַן אָרימען פאַראָבעק.

דאָס זענען געווען האַרבע רייד; קלאַראַ גולאַ איז אַזוי דערשטוינט געוואָרן, אַז זי האָט גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. אָבער קאַטרינאַ האָט זיך צוגעאיילט איר אַרויסצוהעלפן פון דער פאַרלעגנהייט, געבנדיק דעם דעקאַן צו פאַרשטיין, אַז דאָס מיידל האָט באַקומען די סחורה אַלס מתנה.

— קאָן זיין — האָט דער דעקאַן געענטפערט, — אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו זאָגן. וואָרים, צי פאַרשטייט איר דען נישט, איר עלטערן, אַז וויבאַלד איר דערלויבט אייער טאָכטער איין מאָל און אַ צווייט מאָל זיך אַזוי נגידיש אויסצופּוצן, וועט זי שוין שפּעטער נישט וועלן נעמען אויף זיך די פּראָסטע קליידער, וועלכע איר זענט העכסטנס אימשטאַנד איר צו געבן?

נאָכדעם, ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך אָפּגעקערט פון זיי, ווייל דערמיט האָט ער זיי שוין גענוג קלאָר געגעבן צו וויסן זיין מיינונג. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך צו דערווייטערן פון דאָרט, האָט יאַן שוין געהאַט גרייט פאַר אים אַ געהעריקן ענטפער.

— ווען דאָסדאָזיקע מיידל זאָל דאַרפן גיין געקליידט ווי עס פּאַסט פאַר איר, וואָלט זי זיך געדאַרפט אָנטון אין אַ שטאָף פון זונשטראַלן, ווייל פאַר אונז, עלטערן, איז זי תּמיד געווען, ווי די ליכטיקע זון, און ווי אַ פרייד פאַר אונזערע הערצער, — פון זינט זי איז נאָר אויף דער וועלט געקומען!

דער דעקאַן האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זיי און זיי אַלע

דריי פּאָרטראַכט אָנגעקוקט. אי יאָ, אי קאַטרינאַ האָבן אויסגעזען אויסגעהאָרוועט און פאַר דער צייט געעלטערט, אָבער די אויגן זייערע האָבן פּאָרט געבלישטשעט פון די צעקנייטשטע פּנימער אַרויס, בשעת זיי האָבן זייערע בליקן געווענדט צו דעם שטראַלנדיק יוגנטלעכן געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיי.

דאַן האָט דער דעקאַן מסתמא געטראַכט, אַז ס'איז אַ רחמנות צו שטערן די צוויי אַלטע מענטשן אין זייער צופרידנקייט.

— נו, אויב דאָס איז שוין יאָ אַזוי, אויב דו ביסט ווירק־לעך אַ ליכטיקע זון און פרייד פאַר דיינע אָרימע טאַטע־מאַמע, טאָ קאָנסטו דרייסט און מיט כבוד דיין קלייד טראָגן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מילדער שטימע, — ווייל דאָס קינד, וואָס ברענגט גליק זיינע עלטערן, איז שוין דערמיט אַליין דאָס שטראַלנדיקסטע געשטאַלט אויף אונזער ערד, דער שענסטער אָנבליק פאַר אונזערע אויגן!

דער נייער באַלעבאָס

בעת די לייט פון סקרוליקאַ זענען אַהיימגעקומען פון דער קירך, דעם זעלבן זונטיק, ווען דער דעקאַן פון ברו האָט גערעדט די גוטע רייד צו קלאַראַ גולאַן, האָבן זיי באַגעגנט צוויי מאַנס־לייט, וואָס זענען געזעסן אויפן פּלויט און געשאָקלט מיט די פיס.

איינער פון זיי איז געווען לאַרס גונאַרסאַן, וועלכער האָט שוין איצט איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט אין פאַליאַ, און דער צווייטער איז געווען אַ משרת פון דער קראָם אין ברובי, ווו קאַט־רינאַ פלעגט תמיד איינקויפן צוקער און קאַווע.

ביידע זענען זיי דאָרט געזעסן מיט גלייכגילטיקע מינעס און נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אָנקומענדיקע באַלעבאַטים פונם הייזל. זיי האָבן צווישן זיך געפירט אַזאַ לעבהאַפטן שמועס, אַז

יאַנען איז צומאָל נישט אויפן געדאַנק געקומען, זיי זאָלן האָבן עפּעס אַן עסק צו אים. ער האָט בלויז אַראָפּגענומען דאָס היטל צו באַגריסן זיך און איז לעבן זיי פאַרבייגעגאַנגען גלייך צו זיך אין שטיבל אַריין. די צוויי פרעמדע זענען דאָרט זיצן געבליבן אויפן פּלויט, און יאַן האָט זיך אין האַרץ געווונטשן, זיי זאָלן זיך שוין וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון דאָרט און פאַרענדיקן זייער שמועס ערגעץ אַנדערש-ווו. ער האָט אינסטינקטיוו געפּילט, אַז זיינט דעם אומגליק מיט עריקן אין וואַלד, האָט לאַרס גונאַרסאָן כסדר אין זינען עפּעס שלעכטס קעגן אים. ער האָט יאַנען שוין אַ סך מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז שוין אויף דער עלטער און במילא קאָן ער שוין נישט אַזוי פיל אַרבעטן, צו פאַרדינען דעם טאָגלוין, וואָס מען צאָלט אים.

קאַטריצאַ האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דאָס מיטאָגעסן, און זיי האָבן זיך אַלע דריי שנעל אָפּגעפאַרטיקט מיט זייער באַשיידענעם מאָלצייט. אָבער לאַרס גונאַרסאָן און דער משרת זענען נאָך אַלץ געזעסן אויפן פּלויט און פריילעך געשמועסט. יאַנען איז פאָרגעקומען, ווי דאָרטן וואָלטן געזעסן צוויי שפּאַרבערס, וואָס לויערן אויף אַ פּאַסנדן מאָמענט צום אָנפאַל, און דערווייל מאַכן זיי חוזק פון די קליינע פייגעלעך, וואָס רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן אויסמיידן זייערע נעגל.

אַ ווײַלע דערנאָך זענען זיי פאָרט אַראָפּ פונם פּלויט, געעפנט דאָס טירל און צוגעגאַנגען צום הייזל. זיי האָבן, אַלזאָ, ווירקלעך געהאַט אַן עסק צו יאַנען.

ער האָט באַקומען אַזאַ שטאַרק פאָרגעפיל, אַז זיי ווילן אים שלעכטס-טון, אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס אַ ווינקל זיך אויסצובאַהאַלטן. אָבער דאַן איז זיין בליק געפאַלן אויף קלאַראַ גולאַן, וואָס איז געזעסן באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אויפן הויף. דערזעענדיק זי, האָט ער צוריק זיין מוט באַקומען.

פאַרוואָס און פאַר וועמען האָט ער זיך געזאָלט שרעקן, האָבנדיק אַזאַ טאָכטער? זי איז אַ קלוגע און אַ דרייסטע, זי האָט נישט מורא פאַר קיין שום זאַך, און האָט מזל אין אַלעם, — צו וואָס זי

זאָל זיך נאָר נישט נעמען. נישט אַזוי גרינג ווערט לאַרס גובאַר־נאַן קאָנען בייקומען זיין טאָכטער!

אָבער בעת לאַרס גונאַרסאָן און דער משרת זענען אַריינגעקומען אין שטוב, האָבן זיי נאָך אַלץ געהאַט דיזעלבע גלייכגילטיקע מינעס, ווי פריער. לאַרס האָט דערקלערט, אַז זיי זענען אַ לאַנגע צייט געזעסן אויפן פלויט און זיך צוגעקוקט צום הייזעלע וואָס איז זיי אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זיי האָבן צום סוף געוואָלט אַ קוק־טון, ווי עס זעט אויס דאָרטן אינעווייניק.

זיי האָבן געלויבט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן גע זעןאין שטיבל. לאַרס האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז יאַן און קאַטרינאַ דאַרפן טיף דאַנקבאַר זיין עריקן פון פאַליאַ. וואָרים, דעם אמת געזאָגט, איז דאָך דאָסדאָזיקע הייזל געבויט געוואָרן בלויז מיט עריקס הילף, און ער האָט זיי אויך חתונה־געמאַכט.

— אָבער, זעט איר, מיר איז עפּעס איינגעפאַלן אַ זאַך! — האָט ער באַלד דערנאָך צוגעגעבן און דערביי אָפּגעקערט זיין בליק, כדי נישט צו קוקן אויף קיינעם פון זיי אַלע דריי. — עריק פון פאַליאַ איז מסתמא געווען אַזוי פאַרויסגעזען, אַז ער האָט אייך געגעבן אַ דאָקומענט, אַז די ערד, אויף וועלכער דאָס הייזל שטייט, איז אייער אייגנטום?

נישט יאַן, נישט קאַטרינאַ האָבן נישט געענטפערט קיין וואָרט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט איז שוין לאַרס צוגעקומען צו דעם, וועגן וואָס ער האָט געוואָלט מיט זיי רעדן. אָבער זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס גלייכסטע וועט זיין צו לאָזן אים צוערשט אַרויסזאָגן קלאָר און דייטלעך, וואָס ער וויל פון זיי.

— איך האָב, וואָס אַן אמת, געהערט זאָגן, אַז איר האָט נישט קיין שום דאָקומענט פון אים, — האָט לאַרס ווייטער גערעדט, — אָבער ס׳גלויבט זיך מיר אַלץ נישט, אַז עס האָלט ווירקלעך אַזוי שלעכט. ווייל אויב אַזוי, וואָלט דאָך דאָס הייזל געקאָנט געהערן צו דעם, וואָס אויף זיין באָדן איז עס אויפגעבויט געוואָרן.

יאַן האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. אָבער קאַטרינאַ איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז זי האָט שוין לענגער נישט געקאָנט שווייגן.

— עריק פון פאַליאַ האָט אונז געשענקט דאָס שטיקל ערד, אויף וועלכן דאָס הייזל שטייט, — האָט זי מיט צאָרן געזאָגט — און קיינער האָט נישט קיין רעכט דאָס צוצונעמען בײַ אונז!

— איך האָב עס אויך נישט אין זינען צו טון! — האָט דער נייער באַלעבאָס געזאָגט מיט אַ מילדן טאָן. — איך וויל נאָר ברענגען די זאַך אין אָרדנונג. בלויז דאָס מיין איך. און אויב יאָן וועט מיר ביז צום האַרבסט־יריד קאָנען געבן הונדערט טאָלער — — —

— הונדערט טאָלער! — האָט קאַטרינאַ כמעט ווי אויסגעשריגן.

לאַרס האָט שוין מער נישט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט בלויז פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

— פאַרוואָס רופסטו דיך גאָרנישט אָן, יאָן?! — האָט קאַטרינאַ זיך געווענדט צו איר מאַן. — צי הערסטו נישט, אַז לאַרס וויל אַרויספּרעסן פון אונז גאַנצע הונדערט טאָלער?!

— ס'קאָן זיין, אַז יאָן וועט מיר נישט קאָנען באַצאָלן קיין הונדערט טאָלער, — האָט לאַרס בנעימותדיק געזאָגט. — אָבער איך מוז דאָך מיך האַלטן בײַ מיין רעכט.

— און דערפאַר ווילט איר צוגזלען אונזער הייזל? — האָט קאַטרינאַ געשריגן.

— ניין, דאָס וויל איך נישט. דאָס הייזל איז אייערס, אָבער דער באָדן איז מיינער, און אים וויל איך טאַקע צונעמען.

— אַזוי גאָר? מיר זאָלן, הייסט עס, אַפּרוימען אונזער הייזל פון אייער באָדן?...

— פאַרקערט, עס לוינט אפשר נישט, איר זאָלט זיך באַמיען אוועקצופירן אַ זאַך, וואָס קאָן סיי ווי נישט בלייבן בײַ אייך.

— אַהאַ, איר ווילט דווקא אַריינקריגן אונזער הייזל אין אייערע לאַפּעס? — האָט זי ווידער ביייז אויסגערופן.

לאַרס האָט געמאַכט אַן אַפּווענדנדיקן זשעסט מיט די הענט. ניין, גאָט באַהיט! דאָס הייזל וויל ער דאָך נישט צונעמען בײַ זיי. דאָס האָט ער דאָך שוין איינמאָל געזאָגט. אָבער דער קרעמער פון

גרובי האָט אַהערגעשיקט זיין משרת מיט עטלעכע חשבונות־צעטלען פון די חובות, וואָס מען האָט אים נאָך נישט באַצאָלט. וועגן דעם האַנדלט זיך.

דער משרת האָט אַרויסגענומען פון בוזימקעשענע עטלעכע בייגעלעך פאַפיר, געזיגלט אָנגעפיקעוועטע מיט חשבונות. קאַטרינאַ האָט זיי איבערגעגעבן קלאַראַ גולאַן, זי זאָל באַרעכענען, וויפיל עס באַטרעפט אינאיינעם.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַטרינאַ איז שולדיק דעם קרע־מער אַקוראַט הונדערט טאָלער. זי איז אַזש בלאַס געוואָרן, ווען זי האָט דאָס דערהערט. דערנאָך האָט זי זיך ווידער געווענדט צו לאַרס גונאַרסאָנען און געזאָגט:

— איר ווילט אונז דווקא פאַרטרייבן פון אונזער אָרימער היים?

— וואָס רעדט איר? ווער וויל אייך דען פאַרטרייבן? דאָס הייסט, — אויב איר וועט נאָר באַצאָלן אייער חוב!...

— לאַרס, איר אַליין דאַרפט אויך נישט פאַרגעסן, ווער אייערע עלטערן זענען געווען, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט. — זיי איז אויך נישט געווען אַזוי גוט, איידער זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער נחלה!...

דורך דער גאַנצער צייט האָט בלויז קאַטרינאַ אַליין גערעדט. יאַן האָט צומאָל נישט געעפנט דאָס מויל. ער איז געזעסן אָן אַ זייט און געקוקט אויף קלאַראַ גולאַן, געקוקט און געוואַרט. פאַר אים איז קלאָר געווען, ווי דער טאָג, אַז דאָס אַלץ געשעט בלויז, כדי זי זאָל קאָנען ווייזן, ווי זי קאָן זיך אַן עצה טון אין לעבן.

— אַז מען נעמט בײַ אַן אָרימאַן צו זיין דאַך איבערן קאָפּ, איז ער שוין אַ פאַרפאַלענער! — האָט קאַטרינאַ געזאָגט מיט אַ טיפן זיפץ.

— ווער וויל דען בײַ אייך צונעמען דאָס הייזל! — האָט לאַרס גונאַרסאָן זיך פאַרענטפערט. — איך וויל בלויז, מיר זאָלן קומען צו אַן אויסגלייך.

אָבער קאַטרינאַ האָט גאַרנישט געוואָלט הערן, וואָס ער זאָגט און ווייטער געקלאָגט:

— ווי לאַנג אַן אָרימאַן האָט נאָך אַן אייגן שטיבל, איז ער נאָך אַ מענטש מיט לייטן צוגלייך. נעמט מען אים אָבער צו דעם אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ, — קאָן ער זיך שוין נישט ווי קיין מענטש פילן.

יאַן האָט זיך פאַרטראַכט: קאַטרינאַ איז טאַקע גערעכט, זייער הייזל איז וואָס אַן אמת געבויט פון אַלטע גענוצטע בעל־קעס. ווינטערצייט איז דאָ גוט קאַלט, און עס שטייט שוין אפילו אַנגעבויגן אויף איין זייט, ווייל די ערד האָט זיך געזעצט אין איין ווינקל; דערצו נאָך איז אינעווייניק אַן ענגשאַפט, אַז ס׳איז נישטאָ ווו זיך אַ ריר צו טון. אָבער פונדעסטוועגן, ווען זיי זאָלן עס פאַר־לירן, וואָלט זיכער געווען אַ סוף צו זיי אַלע דריי.

יאַן האָט קיין רגע נישט געוואָלט גלייבן, אַז עס זאָל קאָנען קומען דערצו. אָט זיצט דאָך דאָרט קלאַרא גולאַ, און ער האָט דערזען, ווי עס האָט שוין אָנגעהויבן בלישטשען אין אירע אויגן, אָט וועט זי באַלד זאָגן אַזאַ וואָרט, אָדער טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט פאַרטרייבן דידאָזיקע טייוולאָנישע פייניקער.

— נו יאָ, איר מוזט נאַטירלעך האָבן צייט צו באַראָטן זיך, און ערשט דאַן זיך באַשליסן — אַהין אָדער אַהער, — האָט דער נייער באַלעבאָס פון פאַליאַ געזאָגט, — אָבער געדענקט־זשע, אַז דעם ערשטן אָקטאָבער מוזט איר ענטוועדער זיך אַרויסקלייבן פון דאַנען, אָדער באַצאָלן דעם קרעמער אַלץ, וואָס אים קומט באַ אייך, און מיר מוזט איר באַזונדער געבן הונדערט טאָלער פאַרן באָדן... איר פאַרשטייט ?!

קאַטרינאַ האָט פאַרבראָכן אירע אַלטע, אויסגעהאָרעוועטע הענט. זי האָט פשוט נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט איר און דערביי צו זיך אַליין גערעדט. נישט קימערנדיק זיך, צי עס הערט זי עמעצער, צי נישט.

— ווי אַזוי וועל איך מיך שוין קאָנען ווייזן אין דער קירך, ווי וועל איך שוין איצט קומען עמעצן פאַר די אויגן, אַז ס׳איז

פון מיר אזא ווייסטער תל געוואָרן, אז איך האָב שוין נישט קיין אייגן שטיבל צומאָל?

יאַן האָט אָבער געקלערט וועגן עפּעס אַנדערש. אים זענען איצט געקומען אויפן זינען די אַלע שיינע דערינערונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן הייזעלע. אָט דאָ איז געשטאַנען די הייבין, בשעת זי האָט אים דערלאַנגט דאָס ניי־געבוירע־נע קינד. און דאָרט איז ער צומאָרגנס געשטאַנען אין דער טירעפֿנונג, ווען די זון האָט אָפּערגעקוקט צו אים פון די וואָלקנס, כדי צו געבן אַ נאָמען דעם מיידעלע. הכלל, דאָס הייזל, ער אַליין און קלאַרא גולא זענען געווען איין גאַנצעס, וואָס מען האָט נישט געקאָנט צעשיידן. און דעריבער האָט דאָס הייזל אין קיין פאַל נישט געקאָנט צוגענומען ווערן בא זיי.

פלוצלינג האָט ער דערזען, ווי איין האַנט פון קלאַרא גו־לאַן ביילט זיך אין אַ פויסט. ער האָט דאָס גוט געזען און איצט שוין זיכער געווען, אַז זי וועט אים באַלד צו הילף קומען.

לאַרס גונאַרסאָן און דער משרת האָבן זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו דער טיר. זיי האָבן ביידע מיטאַמאָל געזאָגט „אַ גוטן טאָג" און זענען אַרויס פון שטיבל. אָבער קיינער פון די פאַרבליבענע האָט זיי נישט צוריקגעגריסט.

ווי נאָר זיי זענען אַוועק, האָט דאָס מיידל שטאָלץ פאַרריסן דעם קאָפּ און אויפגעשטאַנען פון אָרט.

— אַלץ וואָלט שוין געווען גוט, ווען איר וואָלט מיר נאָר דערלויבט זיך אַוועקצולאָזן אין דער וועלט אַריין! — האָט זי גע־זאָגט.

קאַטרינאַ האָט פלוצלינג אויפגעהערט צו מורמלען צו זיך אַליין און זיך די הענט ברעכן.

— ס'איז גאָרנישט אוממעגלעך, אַז איך זאָל ביז דעם ערשטן אָקטאָבער נישט קאָנען פאַרדינען די צוויי הונדערט טאָלער, — האָט קלאַרא גולא געזאָגט. — מיר האָבן דאָך נאָר־וואָס געהאַט די יאָהאַן־חגא, אזוי, אַז ס'איז נאָך גאַנצע דריי חדשים ביז דעם באַשטימטן טערמין. אויב איר וועט מיר דערלויבן צו פאָרן קיין שטאָקהאָלם און דאָרט גיין אויף אַ שטעל אַלס דינסט, זאָג איך

אייך צו, אַז דאָס הייזל און דער באָדן וועלן בלייבן באַ אייך.

בשעת יאַן אַנדערסאָן האָט דערהערט די רייד, איז ער געוואָרן שרעקלעך בלאַס, דער קאָפּ איז אים אַהינטערגעפאַלן, ווי צום חלשן.

ס'איז זייער שיין געווען פון איר זייט, וואָס זי האָט געוואָלט זיך מקריב זיין פאַר אירע עלטערן. דערויף האָט ער טאַקע געוואַרט די גאַנצע צייט. אָבער ווי וועט ער קאָנען לעבן, — אויב זיין טייער קינד וועט אַוועק פון אים?

דער באַרג סטורסניפּאַ

יאַן פון סקרוליקאַ האָט געשפּאַנט איבערן זעלבן וואַלדשטעגל, איבער וועלכן ער איז מיט אַ פּאָר שעה פריער, צוזאַמען מיט קאַטרינאַן און קלאַראַ גולאַן, צוריקגעגאַנגען פון קירך אַ פריילעכער און גליקלעכער.

איידער ער האָט זיך איצט געלאָזט אין וועג אַריין, האָט ער זיך לאַנג באַראַטן מיט זיין ווייב; לסוף זענען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז זיי וועלן נישט פריער אַוועקשיקן זייער טאָכטער אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ביז וואַנען יאַן וועט נישט פריער אַוועקגיין צום פאַרלאַמענטסדעפּוטאַט קאַרל קאַרלסאָן פון סטורוויק און פרעגן אים, צי לאַרס גונאַרסאָן האָט טאַקע אַ רעכט צוצונעמען זייער הייזל.

אין גאַנצן סוואַרטזשעישן קרייז איז קיינער נישט געווען אַזאַ בקי אין געזעצן און פאַראָרדנונגען, ווי דער דעפּוטאַט קאַרלסאָן פון סטורוויק. ווער עס האָט נאָר געהאַט שכל צו באַראַטן זיך מיט אים באַם אָנשרייבן אַ צוואה, באַם קויפן אָדער פאַרקויפן אַ נחלה, באַם צעטיילן אַ ירושה, אָדער באַ אַ ליציטאַציע, — דער האָט געקאָנט זיין זיכער, אַז אַלץ איז געטון געוואָרן געזעצלעך און לויט

אַלע פאַרשריפטן, אַזוי אַז שפעטער װעט מען שוין נישט דאַרפן פירן קיין פראָצעסן און פאַרשפאָרן אַלערליי מחלוקות.

אָבער דער דעפוטאַט איז געװען אַ שטרענגער און באַפעלערישער מענטש, מיט אַ בייזן אָנבליק, און זיין שטימע איז געװען אַזאַ האַרטע, אַז יאַן איז פאַרציטערט געװאָרן בלויז באַם געדאַנק, אַז ער װעט זיך דאַרפן אָװעקשטעלן טענהן מיט אים.

— דאָס ערשטע װאָס ער װעט טון, װען איך װעל אַריינקומען צו אים, — האָט יאַן געטראַכט, — װעט זיין, מיך גוט אויסצומוסרן, פאַרװאָס איך האָב נישט גענומען באַ עריקן פון פאַליאַ קיין שום שריפטלעכן באַװייז אויף זיין מתנה. נישט איינעם האָט דער דעפוטאַט באַלד אין אָנהייב פון שמועס אַזוי פאַרטומלט מיט זיין אָנשרייען אויף אים, אַז יענער האָט זיך שוין נאָכדעם מיט קיין װאָרט נישט דערװעגט צו באַרירן דעם ענין, װעגן װעלכן ער האָט זיך געװאָלט באַראַטן מיטן דעפוטאַט.

יאַן איז אַװעק פודערנהיים מיט אַזאַ געאייליעניש, אַז ער האָט צומאָל קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן װעגן דעם, — װאָס פאַראַ שטרענגן מענטש ער גייט באַזוכן. ערשט איצט, װען ער האָט געשפאַנט דורך די יונגע װעלדלעך פון אַסקעדאַלאַרנאַ, מיטן װעג אַרויף־צו, צום גרויסן הויכשטאַמיקן װאַלד, איז אים באַפאַלן אַזאַ שרעק, אַז ער האָט אַזש געציטערט מיטן גאַנצן לייב. װי נאַריש דאָס איז, האָט ער געטראַכט, װאָס ער האָט נישט מיטגענומען קלאַראַ גולאַן!...

אַרויסגייענדיק פון שטוב האָט ער אין ערגעץ נישט געזען דאָס מיידל. מסתמא איז זי אַװעקגעלאָפן אין װאַלד אַריין און זיך אַװעקגעזעצט ערגעץ אויף אַן איינזאַם אָרט, כדי דאָרט צו קאָנען אויסװיינען איר קומער. זי פלעגט קיינמאָל נישט װעלן זיך װייזן פאַר עמעצן, װען איר האַרץ פלעגט באַקלעמט זיין פון עגמת־נפש.

אָבער גראָד דאַן, װען ער האָט שוין געזאָלט אינם געדיכטן װאַלד אַריינגיין, האָט ער פון רעכטס, הויך איבער זיך, דערהערט אַ פריילעך קלינגענדיק געזאַנג.

ער איז שטיין געבליבן און זיך איינגעהאָרכט. פונדערהייך האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ פרויען־קול. אָבער, װי אויסטערליש!

דאָס קול איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט, יאָ, זייער באַקאַנט... ס׳האָט דאָך אָבער נישט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז דאָסדאָזיקע קול זאָל זיין ענלעך צום קול פון יענער, וועגן וועלכער ער האָט איצט געטראַכט — — —

אָבער, איידער ער איז ווייטער געגאַנגען האָט ער אַלנפאַלס געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס דאָס באַדייט; וואָרים, דאָס געזאַנג האָט ער געהערט קלאָר און דייטלעך, אָבער דיביימער האָבן פאַר אים די זינגערין פאַרשטעלט.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון וועג און אָנגעהויבן זיך אַדורכרייסן דורך דער געדיכטעניש פון די נידריקע קוסטעס, כדי איר צו קאָנען דעם וועג פאַרלויפן.

זי איז אָבער נישט געווען אַזוי נאָענט, ווי אים האָט זיך געדאַכט. זי איז אויך נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט, נאָר זיך כסדר דערווייטערט. וואָס מער ער איז איר נאָכגעגאַנגען, אַלץ ווייטער איז זי אַוועק פון אים. זי איז, ווייזט-אויס, כסדר געגאַנגען אַרויף-צו, צום באַרגשפּיץ, און מאָמענטנווייז האָט זיך אים געדאַכטן, אַז זי געפינט זיך גלייך איבער אים.

ער איז שוין איצט געווען זיכער, אַז די זינגערין האָט דווקא געוואָלט אַרויפגיין ביז צום באַרגשפּיץ סטורסניפּאַ.

ער האָט זיך משער געווען, אַז זי גייט דאָרט מיט דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס שלענגלט זיך באַרג-אַרויף און לויפט אויף טייל ערטער פאַזע דער כמעט גלייכער באַרגוואַנט, — איין טריט בלויז פונם אָפּריס!... די סטעזשקע איז בײַ די ראַנדן אַזוי געדיכט באַברעמט געווען מיט יונגע בערעזעלעך, אַז ס׳איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס יאַן האָט נישט געקאָנט זען די וואַנדערנדיקע זינגערין. אָבער ווי משופּע דער וועג איז נישט געווען, איז זי דאָך אַלץ שנעל געגאַנגען פאָרויס, ווי זי וואָלט געטראָגן געוואָרן אויף אָדלערפליגל, און זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו זינגען.

יאַן האָט ווידער געוואָלט איר פאַרלויפן דעם וועג פון דער זייט, אָבער אין גרויס איילעניש האָט ער די ריכטונג פאַרלוירן

און אויפסניי געמוזט זיך דורכרייסן דורך געדיכטע קוסטעס; איבער דעם איז ער ווידער געבליבן הינטערשטעליק. חוצדעם, האָט זיך אים איצט געלייגט אַ שווערקייט אויף דער ברוסט, אַזוי, אַז ער האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן, נאָכגייענדיק דער אומבאַקאַנטער און זיך איינהאָרכנדיק אין איר געזאַנג.

צום סוף האָט ער אַזוי פּאַמעלעך געשפּאַנט, אַז מען האָט קוים געקאָנט באַמערקן צי ער גייט, אָדער נישט. ער האָט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געשלעפּט אַ פוס נאָך אַ פוס און אָפּט געמוזט שטיין בלייבן זיך אָפּצורוען אַ ווײַלע.

עס איז בכלל נישט אַזוי גרינג צו דערקענען אַ קול פון דערווייטנס, אָבער אין וואַלד איז עס נאָך שווערער, ווי ערגעץ אַנדערש-ווּ; ווייל דאָרטן, אין דער געדיכטעניש פון די ביימער, טראָגן זיך זייער פיל קולות אַרום, וואָס שאָרכן, מורמלען, רוישן און זינגען מיט. אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז מיט זיינע אייגענע אויגן דורכויס זען דאָס מיידל, וואָס איז אַזוי מלא-שמחה, און פליט כמעט באַרג-אַרויף, איבער דער שאַרף-משופּעדיקער הויכקייט; אַז נישט וואָלט ער זיין גאַנץ לעבן געפּייניקט געוואָרן פון ספיקות און שווערע מחשבות, פאַרוואָס ער האָט זיך געפוילט צו טון דאָס.

ער האָט געוווּסט, אַז די זאַך וועט אים קלאָר ווערן, ווי נאָר ער וועט אַרויפקומען אויפן באַרגשפּיץ, וואָס איז אינגאַנצן גאָל און ליידיק; דאָרט וועט די זינגערין שוין מער נישט קאָנען אויסבאַהאַלטן זיך.

אַמאָל איז דאָרט געוואַקסן אַ געדיכטער וואַלד. אָבער מיט עטלעכע און צוואָנציק יאָר צוריק האָט דאָרט געבושעוועט אַ שרעקלעכע וואַלד-שרפה, און איצט איז דער ברייטער באַרגקאָפּ געווען אינגאַנצן נאַקעט. אין משך פון יאָרן האָבן סטעפּנהאָר באָרווקעצווייגעלעך און נידריקע קוסטעס מיט נאָדליאַגדעס זיך אַרויפגעכאַפּט אַהין איבער די נאַקעטע שטיינפלאַכן, נאָר קיין בוים, וואָס זאָל קאָנען פאַרשטעלן דעם אויסקוק, איז נאָך דאָרט ביז היינט נישט אַרויסגעוואַקסן.

אָבער נאָכדעם ווי דער הויכשטאַמיקער וואַלד איז דורך דער שרפה אָפּגערוימט געוואָרן פונם באַרגקאָפּ, האָט מען פון דאָרט ווירקלעך געקאָנט זיך אַרומקוקן אויף גאָר אַ שייגע פּאַנאָראַמע: מען האָט דאָרטן געקאָנט זען די לאַנגע אָזערע לעיווען, דעם גאַנצן גרינעם טאָל, וואָס רינגלט אַרום די אָזערע, און אויך די הויכע בלויע בערג, וואָס שיצן פון אַלע זייטן דעם טאָל. ווען די דאָרפישע יוגנט פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָט אַמאָל, בעת אַ וויַיטן שפּאַציר, זיך אַרויסבאַקומען פון דעם גרינעם קעסלטאָל אויף דער הויכקייט פון סניפאַ אַרויף, האָט זי דאַן געטראַכט וועגן דעם באַרג, וואָס פון זיין שפּיץ האָט דער מקטרג אָנגעוויזן דעם הימלישן האַר אויף אַלע ווונדערלעכע מדינות פון דער וועלט און אויף דער פּראַכט און הערלעכקייט, אין וועלכער זיי זענען איינגעהילט.

ווען יאַן האָט שוין ענדלעך פאַרלאָזט דעם וואַלד און איז אַרויסגעקומען אויף אַ פרייען שטח, האָט ער גלייך דערזען די זינגערין.

אויף דעם העכסטן שטיינפלאַך, פונוואַנען מען האָט געהאַט דעם הערלעכסטן אויסקוק, איז געלעגן אָנגעוואָרפן אַ בערגל שטיינער, און אויפן אויבערשטן שטיין פון דעם בערגל איז געשטאַנען קלאַראַ גולאַ אין איר רויט קלייד. איר פיגור האָט זיך שאַרף געצייכנט אויפן פאָן פונם בלאַסן פאַרנאַכטיקן הימל, און אויב מענטשן וואָלטן טיף אונטן אין די טאָלן אָדער אין די וועלדער געווענדט זייערע בליקן צום סטורסניפאַ, וואָלטן זיי זיכער דערזען דאָס שלאַנקע געשטאַלט אינם רויטן בלענדנדיקן קלייד.

זי האָט געקוקט אויף דעם לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך דאָרט מיילנווייז אויסגעשפרייט פאַר אירע בליקן. זי האָט געזען ווייסע קירכן אויף גלייכע הויכפלאַכן באַ די ברעגן פון אָזערעס, ווי אויך הויזעס מיט הויכע גלייך־שטאַרצנדיקע קוימענס, דאָסגלייכן, פריציש פאַלאַצן, וואָס זענען געלעגן איינגעבעט אין גרינס פון סעדער און גערטנער, און חוצדעם, אַ סך פויערשע הייף אין אַ לאַנגער ריי לענגזויס דעם ראַנד פון וואַלד, ווי אויך אַ מענגע צעאַקערטע פעלדקוואַדראַטן, לאַנגע, שלענגלדיקע שטעגן און וועגן, און וועלדער אָן אַ גרענעץ, אָן אַ סוף.

זי האָט נאָך אַ ווײַלע געזונגען, אָבער באַלד דערנאָך אַנט־שוויגן געוואָרן, באַטראַכטנדיק די ווײַטע וועלט, וואָס האָט זיך דאָרט געעפֿנט פֿאַר איר.

צום סוף האָט זי אירע אָרעמס אויסגעשפּרייט, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרומנעמען און צו איר ברוסט צודריקן, די גרויסע, רײַ־כע, באַצויבערנדיקע וועלט, פֿון וועלכער זי איז ביז איצט אָפּגע־שלאָסן געווען.

*

* *

ערשט שפּעט באַנאַכט האָט יאַן זיך אומגעקערט אַהיים, און אַרײַנקומענדיק אין שטוב, נישט געוווּסט פֿון קיין שום זאַך צו דערציילן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז טאַקע געווען באַם דעפּו־טאַט קאַרל קאַרלסאָן און גערעדט מיט אים, אָבער וואָס יענער האָט אים געראָטן צו טון — דאָס געדענקט ער נישט.

— עס לוינט סיי ווי גאָרנישט צו טון פֿאַר דער זאַך, — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. און דאָס איז געווען דער איינציקער באַשייד, וואָס קאַטרינאַ האָט געקאָנט אַרויסקריגן פֿון אים.

יאַן איז צומאָרגנס אַרומגעגאַנגען אַן איינגעהויקערטער און פֿאַרדאגהטער, און אויף זײַן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ טויטע מיד־קייט. אויפֿן רעקל האָט ער נאָך געהאַט שפּורן פֿון מאָך און ערד. קאַטרינאַ האָט אים געפֿרעגט, צי ער איז נישט אַמאָל אומגעפֿאַלן און זיך פֿאַרווונדיקט.

ער האָט געענטפֿערט, אַז ניין. ער האָט זיך נאָר אַ ביסל אָנגעקלייגט אָפּרוען אויף דער ערד.

דאַן האָט זי געפֿרעגט, צי ער איז נישט קראַנק.

— ניין, דאָס אויך נישט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין מיר איז עפּעס שטיין געבליבן... ס׳האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן!...

אָבער ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, וואָס אַזוינס עס איז שטיין געבליבן אין אים און האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן גראָד אין

דעם אויגנבליק, ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין קליין מיידעלע האָט זיך אָנגעבעטן צו ראַטעווען זייער הייזל נישט אויס ליבשאַפט צו די עלטערן, נאָר דערפאַר, ווייל איר האָט זיך פאַרבענקט אוועקצוגיין אין דער ווייטער, גרויסער וועלט אַריין.

דער לעצטער אָוונט

אַן אָוונט פריער פאַר קלאַראַ גולאַס אוועקפאָרן קיין שטאָקהאָלם, האָט איר פאָטער יאַן נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט קיין שום זאַך, וואָס ער האָט געהאַט צו דערליידיקן. באַלד נאָכדעם ווי ער איז אַהיימגעקומען פון זיין אַרבעט אויפן פעלד, האָט ער געזאָגט, אַז ער מוז אַוועקגיין אין וואַלד אַריין אַהיימברענגען אַ ביסל האָלץ. דערנאָך האָט ער זיך גענומען פאַרריכטן אַ שטאַכעט איבן טירל, וואָס איז שוין אַזוי אַ גאַנץ יאָר צייט געהאַנגען אָפּגעבראָכענערהייט. און ווען ער האָט שוין דאָס אויך געהאַט אָפּגעטון, האָט ער געוואָלט ברענגען אין אָרדנונג זיינע מכשירים צום פּישפּאַנג.

די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, — ווי אויסטערליש דאָס איז, וואָס ער פילט נישט קיין צער. ער האָט זיך איצט געפילט פונקט אַזוי ווי מיט אַכצן יאָר צוריק. נישט ער האָט געקאָנט זיין פריילעך, נישט ער האָט געקאָנט זיין טרויעריק. ווען ער האָט אויפן באַרגשפּיץ פון סטורסניפאַ דערזען, ווי קלאַראַ גולאַ שפּרייט־אויס אירע אָרעמס, כדי די וועלט צו־רומצונעמען, — איז זיין האַרץ שטיין געבליבן, ווי אַ געווערק פון אַ זייגער, וואָס האָט באַקומען אַ שטאַרקן שטויס.

מיט פיל יאָרן צוריק האָט ער שוין אַמאָל געפילט אַזוינס. דעמאָלט האָבן מענטשן געוואָלט, ער זאָל זיך פרייען דערמיט, וואָס זיין ווייב וועט אים אַ קינד געבערן. אים האָט דאָס אָבער לגמרי נישט אינטערעסירט. איצט ווידער, האָבן זיי אַלע געוואָלט, ער

זאָל זיין פאַרצווייפלט און פאַראומערט. אָבער ער האָט זיך כּלל נישט מצער געווען.

דאָס שטיבל איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זע־נען געקומען זיך געזעגענען מיט קלאַראַ גולאַן. יאַן האָט זיך פשוט געשעמט אַריינצוגיין. מען וואָלט דאָך גלייך דערזען, אַז נישט ער וויינט, נישט ער איז פאַראומערט. דעריבער איז פאַר אים בעסער געווען אינגאַנצן אין שטוב נישט אַריינצוגיין, נאָר בלייבן זיצן אין דער האַלצקאַמער.

אַלנפאַלס איז פיל בעסער, וואָס ס'איז אַזוי געשען מיט אים; וואָרים אַנדערש, ווייסט ער נישט, צי ער וואָלט גאָר געקאָנט איבערהאַלטן דאָס צעשיידן זיך מיט דער טאָכטער, און צי ער וואָלט אימשטאַנד געווען צו באַהערשן זיין צער און האַרצווייטיק. ווען ער איז מיט אַ פּאָר מינוט פריער דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם פענצטער, האָט ער געזען, ווי דאָס שטיבל איז באַהאָנגען מיט גריינס, און אויפן טיש זענען אויסגעשטעלט קאַוועשעלעכלעך, פּונקט ווי אינם טאָג, ווען ער איז אים איצט אויפן זינען געקומען. קאָט־רינאַ האָט היינט איינגעאָרדנט אַ געזעגנונגסאָוונט פאַר דער טאָכ־טער, איידער זי גייט אַוועק אין דער פרעמד אַריין, כדי אירע עלטערנס היים אָפּצוזאָטעווען.

יאַן איז געווען זיכער, אַז זיי אַלע, — אי די, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען, אי זיין הויזגעזינט וויינען אַצינד. ס'האָט זיך אים אפילו געדאַכט, אַז קלאַראַ גולאַס געוויין הערט ער אַזש ביז אויפן הויף אַרויס; אָבער אים האָט עס לחלוטין נישט געאַרט.

— ליבע מענטשן מיינע, — האָט ער צו זיך געמורמלט, שטייענדיק אין דער טירעפענונג פון דער האַלצקאַמער, — באַרויקט אייך, דאָס אַלץ דאַרף זיין אַזוי! זעט די יונגע פייגעלעך: ווערן זיי דען נישט אַרויסגעוואָרפן פון דעם נעסטל, אויב זיי פאַרלאָזן עס נישט פרייוויליק? און צי האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ יונגן פּיקהאַלץ? נישטאָ קיין מיאוסערע זאַך צו זען, ווי דעמדאָזיקן פּרע־סער, וואָס ליגט באַקוועם אויסגעבעט אין זיין נעסט און שרייט נאָך עסן, בשעת די עלטערן זיינע ווערן פאַרמאַטערט באַם פאַר־שאַפן אים די אכילה — — —

— ניין, ס'איז צום בעסטן אזוי, — האָט ער ווייטער גע־מורמלט, — דאָס יונגוואַרג קאָן נישט אייביק זיין צו לאַסט די על־טערן. עס מוז אַוועק אין דער וועלט אַריין... יאָ, יאָ, מיינע ליבע מענטשן, אַנדערש קאָן עס נישט זיין!

ענדלעך איז געוואָרן שטיל אין קליינעם שטיבל. מסתמא, זענען די שכנים שוין אַוועקגעגאַנגען. עס וואָלט אפשר גלייכער געווען, ער זאָל אַריינגיין?

אָבער ער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע באַשעפטיקט בײַ זיינע פּי־שער־מכשירים. ער וואָלט ליבערשט געוואָלט, אַז קאַטרינאַ און קלאַ־ראַ גולאַ זאָלן זיך שוין האָבן געלייגט אין בעט אַריין און איינ־געשלאָפן, נאָך איידער ער וועט די שוועל אַריבערטרעטן.

ערשט ווען ער האָט שוין נישט געהערט דעם מינדסטן שאָרך פון שטיבל, האָט ער זיך שטילערהייט צוגעשלייכט צום הייזל.

אָבער די פרויען האָבן זיך נאָך פאָרט נישט געהאַט געלייגט אין בעט אַריין, און דורכגייענדיק פאַרביי דעם פענצטער, האָט ער דערזען קלאַראַ גולאַן. זי איז געזעסן מיט די הענט אויפן טיש אויסגעשטרעקט און דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיי. ס'האָט אויס־געזען, ווי זי וואָלט געוויינט.

קאַטרינאַ איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, און יאַן האָט גע־זען, ווי זי וויקלט־איין קלאַראַ גולאַס קליידער אין אַ גרויסער פּאַטשיילע און בינדט דאָס אַלץ צונויף אין אַ קלומעק.

— די מאַמע קאָן דאָס געמאַך־לאָזן, — האָט דאָס יונגע מיידל געזאָגט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ. — די מאַמע זעט דאָך, אַז דער טאַטע איז ברוגז אויף מיר, פאַרוואָס איך פאָר אַוועק...

— נישקשה, ער וועט זיך איבערבעטן, — האָט קאַטרינאַ רויק געענטפערט.

— יאָ, די מאַמע קאָן אַזוי זאָגן, ווייל די מאַמע קימערט זיך נישט וועגן אים! — האָט קלאַראַ גולאַ אויסגערופן הויך שלוכצנ־דיק. — די מאַמע קלערט נאָר וועגן הייזל. אָבער איך און דער

טאַטע — מיר זענען איינס, מיר... ניין, איך קאָן אים נישט פאַר־לאָזן!...

— און וואָס וועט טאַקע זיין מיטן הייזל? — האָט קאַטרינאַ געפרעגט.

— זאָל שוין זיין דערמיט, וואָס עס וויל, אַבי דער טאַטע זאָל מיך ווידער ליב האָבן! — — —

יאַן האָט זיך אָפּגערוקט פון דער טיר, וווּ ער איז פריער שטיין געבליבן, און זיך אַנידערגעזעצט אויפן שטיינערנעם טרעפּל. ס׳האָט זיך אים נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז קלאַראַ גולאַ זאָל טאַקע אויף אַן אמת וועלן בלייבן אינדערהיים. ניין, ער האָט עס געוווּסט בעסער ווי אַלע אַנדערע, אַז זי מוז זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַריין. און דאָך האָט זיך אים איצט געדאַכט, ווי מען וואָלט אים ווידער געגעבן צו האַלטן דאָס קליינע, וואַרימע קלוי־מעקל, — פונקט ווי אַמאָל מיט יאָרן צוריק. און דאָס האַרץ זיינס האָט שוין איצט ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן. עס האָט פולסירט שנעל, געקלאַפּט הויך, גלייך ווי עס וואָלט יאָרנלאַנג געשטאַנען און איצט געוואָלט צוריקכאַפּן די פאַרלוירענע צייט, אָניאָגן די פאַרמיטענע צאָל פולסירונגען.

יאַן האָט אָבער גלייכצייטיק דערפילט, אַז ער איז איצט געבליבן אָן שוץ, אָן הילף, ווייל איצט זענען אים שוין באַפאַלן אי צער, אי בענקשאַפט: זיי האָבן זיך דערהויבן פון ערגעץ אַ טיפעניש אין אים, גלייך ווי פון אַ באָדנלאָזן שוואַרצן ברונעם, און זיך צעשפּרייט אַרום אים ווי מוראדיקע שאָטנס אונטער ביימער.

ער האָט געוווּסט, אַז דידאָזיקע געפילן זענען שרעקלעכע. ער האָט תיכף דערפילט זייער גיפטיק בייסן אין זיין האַרץ. אָבער ער האָט פאָרט זיינע אָרעמס אויסגעשפּרייט, אויף זיין פּנים האָט אַ שמייכל פון אינערלעכן גליק אויפגעשטראַלט און זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— אָ, זייט באַגריסט, זייט באַגריסט!...

באַם בריקל

ווען דער דאַמפער „אַנדערס פריקסעל" איז אָפּגעשוואומען פונם בריקל, וואָס געפינט זיך באַם שיפאָפּשטעל אויפן ערדשפּיץ באַרג, האָט ער אויף זיין דעק אַוועקגעפירט אויך דאָס יונגע מיידל קלאַראַ גולאַ. אירע עלטערן זענען נאָך לאַנג, לאַנג געשטאַנען באַם ברעג און נאָכגעקוקט דער שיף, ביז וואַנען זיי האָבן דעם לעצטן שפּור פון איר פאַרלוירן. אַלע איבעריקע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט עפּעס צו דערליידיקן באַם בריקל, זענען זיך שוין לאַנג געהאַט פאַנאַנדערגעגאַנגען. דער אויפזעער האָט שוין אַראָפּגענומען די פאָן פונם פלאַגדראָנג און פאַרשלאָסן דעם באַגאַזשמאַגאַזין. אָבער די צוויי אַלטע אַרבעטסמענטשן האָבן זיך נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן פשוט נישט געקאָנט זיך באַשליסן אַהיימצוגיין איינע אַליין, אָן זייער קינד.

אַזוי לאַנג ווי זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זעען כאָטש נאָך אַ שיין פון דער שיף, איז גאַנץ נאַטירלעך געווען זייער וואַרטן דאָרט. אָבער פאַרוואָס זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס בריקל, ווען די שיף איז שוין לאַנג געהאַט פאַרשוווּנדן, — דאָס האָבן זיי אַליין אויך נישט געקאָנט זיך דערקלערן.

אפשר האָבן זיי זיך געשראָקן, פאַראיינזאַמטע צוריקצוגיין אַליין איבער דעם וויַיטן וועג, און דערנאָך די שוועל פונם ליידיקן, אומעטיקן שטיבל אַריבערצוטרעטן.

— איצט וועל איך שוין בלויז פאַר אים אַליין דאַרפן קאָכן וואַרעמעסן, — האָט קאַטרינאַ געטראַכט, — און בלויז אויף אים אַליין דאַרפן וואַרטן אין די אָוונטן. אָבער וואָס גייט ער מיך אָן? פון מיינעטוועגן האָט ער אויך געקאָנט מיטפאָרן מיט איר. בלויז דאָס מיידל אַליין האָט זיך פאַרשטאַנען אויף זייַנע נאַרישע פּלוי-

דערייען... איך ווייס קיינמאָל נישט, וואָס ער וויל. ס׳וואָלט מיר שוין בעסער געווען צו בלייבן אַליין!

און יאַן ווידער האָט געטראַכט:

— ס׳וואָלט מיר פיל גרינגער געווען זיך אַהיימצושלעפּן מיט מיין צער, ווען איך וואָלט נישט געדאַרפט זיצן אונטער איין דאַך מיט דער נאַרישער, תמיד אַנגעבראָגזטער קאַטרינאַ. דאָס מיידל האָט אַזוי גוט געוווסט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט איר, אַז זי האָט זי אפילו געקאָנט מאַכן מילד און פריילעך; אָבער איצט וועט זי שוין איר אמתע טבע אַרויסווייזן, און עס וועט שוין לאַנג דויערן, ביז איך וועל פון איר אַ גוט וואָרט הערן.

פּלוצלינג האָט יאַן אַ ציטער־געטון, זיך צום וואַסער אַראָפּגעבויגן און פון גרויס דערשטוינונג זיך אַזש מיט די הענט איבער די קני אַ קלאַפּ־געטון. אַ נייער לעבנספונק האָט זיך אין זיינע אויגן אָנגעצונדן, און זיין פּנים האָט פון אַ גליקלעכן שמייכל אויפגעשטראַלט.

ער האָט אין וואַסער זיך איינגעקוקט און קאַטרינאַ האָט אַנדערש נישט געקאָנט מיינען, ווי נאַר, אַז ער זעט דאָרט עפּעס אויסטערלישס, אַזוינס, וואָס זי קאָן נישט באַמערקן. כאָטש זי שטייט לעבן אים. ניין... ס׳איזווירקלעך נישט געווען, וואָס צו זען אויפן וואַסער, אַ חוץ די קליינע גרוי־גרינע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געיאָגט איבער דער אויבערפלאַך — יאָ, ס׳האָט גאָר נישט געוואָלט נעמען קיין סוף צו זייער שימערנדיקן שפּיל...

יאַן איז צוגעלאָפן ביז צום ראַנד פונם בריקל און זיך אַראָפּגעבויגן צום וואַסער. ער האָט אַצינד אויסגעזען אַזוי, ווי ער פלעגט אַלעמאָל אויסזען, בשעת קלאַראַ גולאַ פלעגט אים אַקעגנקומען. — אַזאַ מינע האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט, ווען ער פלעגט מיט עמעצן אַנדערש רעדן.

דאָס מויל האָט ער געהאַלטן אָפן, די ליפן האָבן אים געציטערט, אָבער קיין איינציק וואָרט איז צו קאַטרינאַס אויערן נישט דערגאַנגען. איין ליכטיקער שמייכל נאָכן אַנדערן האָט זיך געגליטשט איבער זיין פּנים, פונקט ווי בשעת זיין טאַטער פלעגט מיט אים קאַטאָוועס טרייבן.

— יאַן, וואָס איז דיר ? — האָט קאַטרינאַ דערשטוינט געפרעגט.

ער האָט נישט געענטפערט, בלויז מיט די הענט איר אַ צייכן געגעבן, זי זאָל שווייגן.

אַ ווײַלע דערנאָך האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און מען האָט געזען, ווי ער פאָרשט מיט די בליקן נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס דערווײַטערט זיך אַלץ מער פון ברעג, און ווערט צום סוף פאַרלוירן ערגעץ־דאָרט צווישן די קליינע, גרויע כוואַליעס.

די סודותפולע זאַך, וואָס יאַן האָט מיט אַזאַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט מיטן בליק נאָכגעפאָלגט, איז, ווייזט־אויס, שנעל אַוועק אין דערזעלבער ריכטונג וואָס דער דאַמפּער. וואָרים אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט יאַן זיך אײַנגאַנצן אויסגעגלייכט, פאַרשטעלנדיק זיך די אויגן מיט דער האַנט, כדי צו קאָנען בעסער זען.

אַזוי איז ער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ביז וואַנען ס'איז שוין, מסתמא, נישט געווען מער וואָס צו זען. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צו קאַטרינאַן, צוגייענדיק גאָר נאָענט צו איר.

— דו האָסט אפשר גאָרנישט געזען ? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— וואָס איז דען דאָ געווען צו זען עפּעס אַנדערש, ווי די אַזערע און די כוואַליעס אויף איר ? — האָט זי צוריקגעפרעגט.

— אונזער טײַער מיידעלע האָט זיך דאָ אַהער אויף אַ שיפל צוגערודערט, — האָט ער געזאָגט נאָך שטילער ווי פריער. — דער קאַפּיטאַן האָט איר דערלויבט דאָס רעטונגסשיפל צו נעמען. איך האָב גוט געזען : עס איז געווען באַצייכנט מיטן זעלבן נאָמען, ווי דער דאַמפּער. זי האָט אים דערקלערט, אַז באַם געזעגענען זיך מיט אונז האָט זי פאַרגעסן צו זאָגן עפּעס. און דעריבער מוז זי דורכויס רעדן מיט אונז נאָך אַ פּאָר ווערטער.

— גאָט מײַנער ! — האָט קאַטרינאַ דערשראָקן אויסגערופן. — וואָס איז דיר געשען, יאַן, עפּעס רעדסטו דאָך פון וועג ! ווען דאָס מיידל וואָלט צוריקגעקומען, וואָלט איך זי דאָך אויך געזען.

— זיי נאָר שטיל אַ ווײַלע, וועל איך דיר שוין זאָגן אַלץ,

וואָס זי האָט געוואָלט פון אונז! — האָט יאַן געשעפּטשעט פּונקט אַזוי סודותפול און פייערלעך, ווי אַ ווײַלע פריער. — דאָס האַרץ, זעסטו, האָט איר ווי־געטון, קלערנדיק, וואָס עס וועט איצט זיין מיט אונז ביידע. פריער, האָט זי געזאָגט, פלעגט זי אַרומגיין מיט אונז, האַלטנדיק מיך בײַ איין האַנט און דיך בײַ דער צווייטער, און אַזױערנאָך איז אַלץ גוט און וויל געווען. איצט אָבער, ווען זי וועט שוין דאָ נישט נישט זיין מיט אונז און אונז שוין נישט צוזאַמענ־האַלטן, ווער ווייסט וואָס עס קאָן מיט אונז געשעען. עס קאָן טרעפן, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין יעדער אין זיין וועג, — האָט זי געזאָגט.

— שטעל דיר נאָר פאָר!... ווי האָט זי גאָר געקאָנט קלערן וועגן אַזוינס?... — האָט זיך קאַטרינאַ שטאַרק גע־חידושט.

אָט די ווערטער האָבן זי טיף אויפגעטרייסלט, ווייל אין זיי זענען געקומען צום אויסדרוק די אומעטיקע מחשבות, אין וועלכע זי אַליין איז נאָר־וואָס פאַרזונקען געווען. און דאַדורך האָט זי אינ־גאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז גאָרנישט מעגלעך, די טאָכטער זאָל זיך האָבן צוגעשיפּט צום בריקל און גערעדט מיטן פאָטער, און זי אַליין זאָל זי צומאָל נישט האָבן געזען פאַר די אויגן.

— „בין איך דעריבער וואָס שנעלער צוריקגעקומען" — האָט יאַן ווייטער שטילערהייט איבערגעגעבן דער טאָכטערס רייד — „כּדי ווידער צו קאָנען פאַראייניקן אייערע הענט. איר טאָרט זיי נישט אָפּלאָזן, איר מוזט זיי פעסט צוזאַמענהאַלטן, ווייניקסטנס צוליב מיר, ביז וואַנען איך וועל ווידער צוריקקומען און יעדן פון אייך בײַ דער האַנט אָננעמען ווי פריער", — האָט זי געזאָגט. און ווי נאָר זי האָט אָפּגערעדט, האָט זי זיך תּיכּף צוריק אָוועקגעשיפּט.

אַ קורצע ווײַלע האָט אויפן בריקל געהערשט אַ שטילשווייגן, דערנאָך האָט יאַן זיך אָנגערופן מיט אַן אומזיכערער, ציטערדי־קער שטימע, דערלאַנגענדיק קאַטרינאַן זיין האַנט, וועלכע איז תּמיד געווען אויסטערליש ווייך און דעליקאַט, הגם ער האָט זיין גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט:

— אָט דאָ האָסטו מיין האַנט, קאַטרינאַ!... איך טו עס

אויפן פאַרלאַנג פון אונזער מיידעלע, — האָט ער אַ רגע דערנאָך צוגעגעבן.

— און דאָ האָסטו מיינע! — האָט קאַטרינאַ געענטפערט. — דעם אמת זאָגנדיק, פאַרשטיי איך נישט, וואָס דו האָסט דאָ געקאָנט זען אויפן וואַסער. נאָר אַזוי ווי דו און קלאַראַ גולאַ ווילן, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמענהאַלטן, בין איך אויך נישט דאַקעגן.

נאָכדעם האָבן זיי זיך צוריק אַהיים אומגעקערט, גייענדיק האַנט־באַ־האַנט איבערן גאַנצן וועג קיין סקרוליקאַ.

דער בריון

עטלעכע וואָכן נאָך קלאַראַ גולאַס אַוועקפאָרן פונדערהיים, איז איר פאָטער אַמאָל אין אַ פרימאָרגן געווען באַשעפטיקט באַם פאַרריכטן אַ פּלויט אַרום אַ פּאַשעפעלד, נישט ווייט פון דעם גרויסן פינצטערן וואַלד. אויף דעם פעלד האָבן זיך געפּאַשעט לאַרס גונאַרסאָנס בהמות.

דאָרט, וווּ יאַן האָט געאַרבעט, האָט ער געקאָנט הערן, ווי דער ווינט רוישט אין די קרוינען פון די סאָסנעס. ער האָט אויך געזען אַן אויערהין אַרומגיין אונטער די ביימער, זוכנדיק אין גראָז שפּייז פאַר איר קליינוואַרג, וואָס איז אין אַ לאַנגער ריי איר נאָכגעגאַנגען.

יאַן איז שוין באַלד פאַרטיק געווען מיט זיין אַרבעט, ווען ער האָט פּלוצלינג דערהערט אַ הילכיק רעווען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואַלד. אין דעם קול האָט אָפּגעקלונגען אַזאַ פאַרצווייפלטער אַנגסטרוף, אַז יאַנען איז אַ וויסטער פחד באַפאַלן.

ער איז געשטאַנען שטיל און זיך שאַרף איינגעהאָרכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס רעווען זיך איבערגעחזרט, אָבער איצט

האָט יאַן שוין נישט קיין מורא געהאַט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַ דאָס רופט עמעצער נאָך הילף.

ער האָט אַוועקגעשליידערט די ריטלעך און פלעקער, גיך דורכגעלאָפן דאָס יונגע בערעזעוועלדל און אַריין אין דעם געדיכטן פינצטערן סאָסנעוואַלד. דאָרט האָט ער נישט געדאַרפט לאַנג זוכן, נישט ווייט פון וואַלדראַנד האָט ער דערזען, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. צווישן די ביימער דאָרט האָט זיך אויסגעשפרייט אַ גרויסער, געפערלעכער זומפּ. איינע פון לאַרס גונאַרסאָנס קי איז צו ווייט אַוועק פונם פאַשעפעלד און צום סוף פאַרקראָכן אויף אַ שטיק טאָרפבאָדן, וואָס האָט פאַרדעקט דעם זומפּ. באַ יעדן טריט, וואָס די בהמה האָט געפרוווט שטעלן, איז זי אַלץ טיפער געזונקען אין דער בלאָטע.

דאָס איז געווען די בעסטע קו פון לאַרס גונאַרסאָנס שטאַל. יאַן האָט דאָס גלייך באַמערקט און זיך דערמאָנט, אַז פאַר דערדאָזיקער בהמה האָט מען לאַרסן שוין געוואָלט געבן צווייהונדערט טאָלער.

די קו האָט שוין געשטעקט טיף אין זומפּ און איז געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זי האָט שוין אַצינד מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון. בלויז פון צייט צו צייט האָט זי נאָר אַרויסגעלאָזט אַ שוואַך מריקען. יאַן האָט אָבער געזען, ווי פאַרצווייפלט זי האָט פריער געאַרבעט, כדי זיך אַרויסצוקריגן אויף האַרטן באָדן. זי איז געווען אינגאַנצן באַשפּריצט מיט בלאָטע, — אַזש ביז צו די הערנער אַרויף; דער גרינער טאָרפבאָדן איז געווען ווייט אויפגעריסן אַרום איר און אומעטום זענען געלעגן גרודעס מיט מאָך.

יאַנען איז פאָרגעקומען זייער אויסטערליש, וואָס קיינער, חוץ אים, איז נישט צוגעקומען צום זומפּ. די בהמה האָט אַ ווײַלע פריער אַזוי פאַרצווייפלט געבריוועט, אַז מען האָט געקאָנט הערן איבער גאַנץ אָסקעדאַלאַרנאַ. מסתמא האָט זיך קיינער נישט געפונען אין דער נאָענט. נאָך אַ קורצן ישוב-הדעת, איז ער אַוועקגעלאָפן צום פאָלוואַרק נאָך הילף.

דאָס ראַטעווען די בהמה איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט. מען האָט אויסגעלייגט לאַנגע ברעטער און דרענגער איבער דעם

זומפּ און אונטערגעבונדן די קו מיט שטריק, כּדי זי אַרויסצושלעפּן אויף די ברעטער אַרויף. ווען די רעטונגסגרופּע איז אָנגעקומען, איז די בהמה שוין געשטאַנען ביז איבערן רוקן אין דער בלאָטע; בלויז דער קאָפּ אירער האָט נאָך אַרויסגעשטאַרט.

ענדלעך האָט מען אַרויסגעשלעפּט די קו אויפן האַרטן באָדן און דערנאָך זי אַהיימגעפירט אין שטאַל אַריין. ווען מען האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלעמען, האָט די באַלעבאָסטע געשיקט זאָגן, אַז די אַלע, וועלכע האָבן געהאָרעוועט בײַ דער רעטונגסאַרבעט, זאָלן אַרײַנקומען אין קיך, וועט מען זיי מכבד זיין מיט קאַווע.

קיינער האָט זיך נישט אַזוי פיל געפרייט בײַ דער קו, ווי יאַן פון סקרוליקאַ. די גאַנצע מערכה, וואָס מען האָט נאָך באַצייטנס אַנטדעקט דאָס אומגליק, איז געווען צו פאַרדאַנקען בלויז אים. און דידאָזיקע קו איז נישט געווען קיין לייַדע בהמה, אויב מען האָט פאַר איר געוואָלט געבן אַזש צוויי־הונדערט טאָלער!

דאָס איז פאַר יאַנען געווען אַ גרויס גליק; ווײַל מען האָט זיך עס נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די נײַע באַלעבאַטים זאָלן אים נישט ווי געהעריק אָפּדאַנקען פאַר אַזאַ טאַט.

עס איז שוין אַמאָל געשען אַן ענלעכער פאַל, נאָך אין די אַלטע באַלעבאַטימס צייטן. דעמאָלט האָט זיך אַ פערד צעריסן די לענדן אָן אַ שאַרפן פלאָקן פון אַ פּלויט, און דער, וואָס האָט דאָס פאַרוווּנדיקטע פערד קיין פאַליאַ אַהיימגעבראַכט, האָט פון עריקן צען טאָלער אַלס שכר־טירחה באַקומען. דידאָזיקע סומע האָט יענער באַקומען אויסגעצאָלט, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס פערד איז געווען אַזוי שווער פאַרוווּנדיקט, אַז מען האָט עס געמוזט דערשיסן.

אָבער די קו, וועלכע יאַן האָט אָפּגעראַטעוועט פון דערטרונקען ווערן אין זומפּ, האָט געלעבט און איז גאָרנישט געשעדיקט געוואָרן בעת דעם פאַרפאַל. ס'איז אַלזאָ געווען קלאָר, אַז צומאַרגנס וועט יאַן קאָנען אַוועקגיין צום קירכאויפזעער, אָדער צו אַן אַנדערן, וואָס קאָן האַלטן די פעדער אין דער האַנט, און אים בעטן

אָנצושרייבן אַ בריוול צו דער טאָכטער, זי זאָל וואָס שנעלער אַהיימקומען.

ווען יאַן איז אין דער גרויסער שטוב אַריינגעקומען האָט ער זיך עפּעס, ווי נישט ווילנדיק, אויסגעגלייכט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די אַלטע באַלעבאָסטע האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם טיש און אָנגעגאָסן קאַווע אין די פּאָרצעלייענע שעלעכלעך אַריין. יאַן האָט זיך גאָרנישט געחידושט, וואָס אים האָט זי אַליין דערלאַנגט דאָס שעלעכל קאַווע, און אפילו נאָך פריער ווי דעם יונגן באַלעבאָס, לאַרס גונאַרסאָנען, — ווײַלכער האָט נאָך נישט געהאַט באַקומען זיין פּאָרציע.

בעתן טרינקען האָבן אַלע גערעדט וועגן דעם, ווי וויכטיק יאַן איז געווען באַ דער רעטונגסאַרבעט. בלויז די יונגע באַלעבאַטים האָבן גאָרנישט געזאָגט; נישט לאַרס, און נישט זיין ווייב האָבן צומאָל מיט קיין איין וואָרט נישט געלויבט יאַנען.

אָבער יאַן איז אַצינד געווען זיכער, אַז די שלעכטע צייט איז שוין פּאַר אים פאַרביי. איצט דערגנענטערט זיך שוין דאָס גליק צו זיין היים, און דעריבער איז אים נישט שווער געווען צו טרייסטן זיך און געפינען אַ תירוץ אויף דעם שווייגן פון די יונגע באַלעבאַטים. „קאָן זיין, אַז לאַרס שווייגט בלויז, כדי דאָס, וואָס ער וויל זאָגן, זאָל מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק", — האָט יאַן געטראַכט.

וואָס אָן אמת, האָט לאַרס שוין אַ ביסל צו לאַנג געוואַרט מיט זיין לויב. די איבעריקע זענען אויך אַנטשוויגן געוואָרן און אַ ביסל זשעניִרט זיך אומגעקוקט סיי אויפן באַלעבאָס, סיי אויף יאַנען.

ווען די אַלטע באַלעבאָסטע האָט ווידער מכבד געווען און צוגעגאָסן קאַווע אין די שעלעכלעך, האָבן אַ סך פון די געסט העפלעך אָפּגעדאַנקט, — און צווישן זיי אויך יאַן.

— נו, איר יאַן, איר מוזט אומבאַדינגט טרינקען נאָך אַ שעלעכל! — האָט די אַלטע געזאָגט. — ווען נישט איר, וואָלטן מיר היינט פאַרלוירן אַ קו, וואָס איז ווערט אירע מזומנע צוויי הונדערט טאָלער!

נאָך דידאָזיקע רייד האָט דאָרט ווידער געהערשט אַ טיפע,

זשענירנדיקע שטילקייט. די אויגן פון די פאַרזאַמלטע האָבן זיך געווענדט צום באַלעבאָס פון הויז, ווייל איצט האָט מען דאָך אַלנפאַלנס געמעגט זיך ריכטן כאָטש אויף עטלעכע לויבווערטער פון אים אויך.

לאַרס גונאַרסאָן האָט אַ פּאָר מאָל אַ הוסט-געטון, גלייך ווי ער וואָלט דערמיט נאָך מער געוואָלט באַטאָנען דאָס, וואָס ער האָט איצט געוואָלט זאָגן.

— איך וויל אייך זאָגן, אַז די גאַנצע מעשה קומט מיר פאָר אַ ביסל מאָדנע! — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן. — איר ווייסט דאָך אַלע, אַז יאַן איז מיר שולדיק אַ חוב פון צווייהונדערט טאַלער, און ער אַליין ווייסט אויך, אַז אין פרילינג האָט מען מיר פאַר דערדאָזיקער בהמה אָנגעבאָטן אַקוראַט דיזעלבע סומע. און דעריבער איז עס עפּעס שוין צופיל אויסטערליש, וואָס די קו איז גראָד היינט פאַרקראָכן אין זומפּ אַריין, — דאַן ווען ס'איז קיינער נישט געווען אין דער נאָענט, — און נאָר ער אַליין האָט מיר געקאָנט צו וויסן-טון וועגן דעם אומגליק און דאַדורך זי אָפּראַטעווען פון דערטרונקען ווערן אין דער בלאָטע — — —

לאַרס איז אַנטשוויגן געוואָרן און נאָכאַמאָל אָפּגעהוסט. יאַן האָט זיך אויפגעהויבן און נעענטער צום טיש צוגעגאַנגען, אָבער נישט ער און נישט עמעץ אַנדערש פון די אָנוועזנדיקע האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס האָט דווקא יאַן אַליין דערהערט דאָס רעווען פון דער קו, בעת זי איז אַריין אין זומפּ? — האָט לאַרס ווייטער גערעדט. — אפשר האָט ער זיך געפונען גאָר נאָענט פון דער קו, ווען דאָס אומגליק איז געשעען — פיל נעענטער, ווי ער וויל אונז אויסזאָגן?... אפשר האָט ער גאָר פשוט געוואָלט דאָ אויסנוצן די געלעגנהייט פטור צו ווערן פון זיין חוב, — און דעריבער האָט ער אפשר אַליין אַרייַנגעטריבן די קו אין זומפּ אַריין? אַ קשיה אויף אַ מעשה!...

דאָ האָט יאַן מיט אַזאַ קראַפט אַ קלאַפּ-געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין, אַז די שעלעכלעך זענען אַזש פון די פאָרצעלייענע טעלערלעך אונטערגעשפרונגען.

— דו מיינסט אפשר, אַז אַלע זענען אַזעלכע, ווי דו? — האָט ער אויסגערופן. — אויף אַזוינס ביסטו אַליין נאָר פעיק — אָבער נישט איך! און וויסן זאָלסטו, אַז איך בין שוין פון לאַנג אַ מבין אויף דיר, דו צבועק איינער! אפשר זאָל איך דיר אַצינד דערמאָנען דאָס אומגליק, וואָס איז געשען פאַריקן ווינטער, דו — — —

אָבער גראָד דאַן, ווען ער האָט שוין געוואָלט פאַרן מויל ברענגען דאָס וואָרט, וואָס וואָלט דערפירט צו אַן אייביקער פאַרביסענער שנאה צווישן אים און דעם באַלעבאָס האָט די אַלטע באַלעבאָסטע אים אַ שלעפּ-געטון באַם אַרבל און געזאָגט:

— קוק נאָר אַרויס דורכן פענצטער, יאַן!

יאַן האָט אַזוי געטון און דערזען, ווי קאַטרינאַ גייט שנעל איבערן הויף מיט אַ בריוו אין דער האַנט.

דאָס איז מסתמא געווען דער בריוו פון קלאַראַ גולאַן, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט, זינט זי איז אַוועקגעפאָרן. קאַטרינאַ האָט געוווסט, ווי שטאַרק דאָס וועט אים דערפרייען און איז דעריבער אַהערגעקומען מיטן בריוו, ווי נאָר זי האָט אים דערהאַלטן.

יאַן האָט זיך צעטומלט אַרומגעקוקט. אַ סך שאַרפע ווערטער האָבן אים געבריט די צונג. ער האָט דאָ געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט גונאַרסאָנען פאַר אַלע באַליידיקונגען. אָבער גראָד איצט האָט ער נישט געהאַט קיין צייט דערצו. אגב, צו וואָס האָט אים גאָר געטויגט צו זוכן נקמה קעגן דעמדאָזיקן נידערטרעכטיקן פאַרשוין? צו וואָס האָט ער געדאַרפט זיך פאַרטיידיקן קעגן אים?

דער בריוו האָט אים געלאָקט מיט אַן איבערמעכטיקער קראַפט. נאָך איידער די מענטשן האָבן צייט געהאַט צו זיך צו קומען פון שרעק מחמת דער גרויזאַמער באַשולדיקונג, וואָס ער האָט דאָ געוואָלט זיין באַלעבאָס אין פנים אַריין וואַרפן, איז ער שוין געווען אַרויסגעלאָפן פון שטוב און געאיילט אַקעגן קאַטרינאַן, שוין פונדערווייטנס אויסשטרעקנדיק די האַנט נאָכן בריוו.

דער שול־חבר אויגוסט

אַ חודש נאָכדעם, ווי קלאַראַ גולאַ איז אַוועקגעפאָרן פון סקרוליקאַ, איז דאָס יונגע בחורל אויגוסט פון פּרעסטערוד אַמאָל אין אַן אָוונט אָנגעקומען קיין אַסקעדאַלאַרנאַ.

ער איז אין משך פון פיל יאָרן געווען קלאַראַ גולאַס שול־חבר און איז אין איין צייט מיט איר קאָנפירמירט געוואָרן. ער איז געווען אַן ערנסט, אָרנטלעך בחורל און האָט געהאַט אַ גוטן שם אין דער געמיינדע. זיינע עלטערן, פון דער משפחה דער נאָל, זענען געווען גאַנץ פאַרמעגלעך, אַזוי אַז קיינעם אין דער גאַנצער געגנט האָט נישט געוואַרט אַזאַ גוטע, רויקע צוקונפט, ווי אים.

דאָס לעצטע האַלבע יאָר איז ער נישט געווען אינדערהיים. און ערשט נאָכן צוריקקומען, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז קלאַראַ גולאַ האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַריין, כדי צו פאַר־דינען די צווייהונדערט טאַלער, וואָס אירע עלטערן האָבן באַ־דאַרפט, צו קאָנען באַצאָלן זייערע חובות.

וועגן דערדאָזיקער געשיכטע האָט ער זיך דערוווּסט פון זיין מוטער, און נאָך איידער זי האָט פאַרענדיקט דאָס רעדן, האָט ער שוין געכאַפּט דאָס היטל זיינס און איז אַרויס פון שטוב. ער איז געגאַנגען שנעל און זיך נישט אָפּגעשטעלט פריער, איידער ער איז צוגעקומען צום טירל, וואָס האָט געפירט צו דעם קליינעם באַ־גראָזטן הויפפלאַץ פון סקרוליקאַ.

אָבער ווען ער איז שוין צוגעקומען דאָרט, איז ער נישט אַריין אין הויף, נאָר זיך אָן פּלויט אָנגעשפּאַרט און אַוועקגעשטעלט קוקן אויפן הייזל.

ווי נאָר קאַטרינאַ האָט אים דערזען דורכן פענצטער, איז זי אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, כלומרשט כדי צו ברענגען וואַסער פון קוואַל. אָבער אויגוסט האָט זיך נישט באַגריסט מיט איר, און מיט

דעם מינדסטן זיך נישט פאַררעדן, אַז ער וואָלט געוואָלט מיט איר ריידן.

אַ ווײַלע דערנאָך איז יאַן אָנגעקומען פון וואַלד, טראָגנדיק אַ בינטל האָלץ אויף די פּלייצעס. ווען אויגוסט האָט געזען, אַז ער דערנענטערט זיך צום טירל, איז ער אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט; און ווי נאָר יאַן איז אַרײַן אין הויף, האָט ער צוריק פאַרנומען זײַן פריערדיק אָרט.

ווען ער איז דאָרט שוין געשטאַנען אַ לאַנגע ווײַלע, האָט מען אויפגעעפנט דאָס פענצטערל פון דעם אָרימען לוינאַרבעטערס הײַזעלע, וואָס האָט זיך געפונען נישט מער ווי אַ פּאָר אײַלן ווײַט פונעם פּלויט. אויגוסט האָט דערזען ווי יאַן איז מיט אַ ליולקע אין מויל געזעסן בײַ איין זייט טישל לעבן פענצטער, און בײַ דער אַנדערער זייט, איז געזעסן קאַטרינאַ און געשטריקט אַ זאָק.

— הם... מײַן אַלטיטשקע, ווי גוט עס איז אונז דאָ צו זיצן אין אָוונט, — האָט יאַן הויך געזאָגט. בלויז נאָך איין זאַך וואָלט איך מיר געווינטשן...

— פאַרוואָס עפּעס בלויז איין זאַך? איך וואָלט מיר געווינטשן הונדערטער זאַכן! — האָט קאַטרינאַ זיך אָנגערופן. — און ווען איך וואָלט זיי אפילו אַלע באַקומען, וואָלט איך אויך נאָך נישט צופרידן געווען.

— אַ, ניין, איך וואָלט בלויז געוואָלט, אַז דער נעצנשטרי־קער, אָדער עמעץ אַנדערש, וואָס קאָן אַרײַנקוקן אין די קליינע אותיותלעך, זאָל איצט אַרײַנקומען צו אונז און פאָרלייענען קלאַראַ גולאַס בריוו, — האָט יאַן געזאָגט.

— מנע... דעם בריוו האָסטו שוין אַזוי פיל מאָל געהערט לייענען, זינט דו האָסט אים דערהאַלטן, אַז דו וואָלסט אים כ׳לעבן, שוין געדאַרפט קאָנען וואָרט־בײַ־וואָרט פון אויסנווייניק, — האָט קאַטרינאַ געענטפערט.

— ביסט אפשר גערעכט, מײַן אַלטיטשקע, — האָט יאַן גע־זאָגט, — ס׳איז אָבער פאָרט אַ מחיה צו הערן אים לייענען, ווײַל יעדעס מאָל דאַכט זיך מיר, אַז מײַן קליין מיידעלע שטייט דאָ און רעדט צו מיר, און איך זע דאָן, ווי אירע אויגן שמייכלען

צו מיר בּאַ יעדן וואָרט, וואָס איך הער פונם בריוו אַרויס־לייענען.

— נו, יאָ, איך אַליין וואָלט אים אויך געוואָלט נאָכאַמאָל הערן, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער — אָבער אין אַזאַ שיינעם, מילדן אָוונט וועט אוודאי קיינעם נישט איינפאַלן אַריינצוקוקן אין אונזער פאַרוואָרפן ווינקל; יעדער איי־נער גייט אַהין דאָרט, ווו ער קאָן זיך פאַרווײַלן... ביין, מיין אַל־טער, היינט האָבן מיר זיך נישט אויף וועמען צו ריכטן.

— אָבער ווען איך וואָלט איצט געקאָנט הערן לייענען קלאַ־ראַ גולאַס בריוו, בשעת איך רויכער דאָ מיין ליולקעלע, זיצנדיק באַם פענצטער, וואָלט עס מיר פיל בעסער געשמעקט, ווי דאָס בעסטע שטיקל קוכן צו אַ גוט גלעזל קאַווע, — האָט יאַן געזאָגט. — אָבער איך האָב שוין באַלד פאַרגודעט אַלע מענטשן פון אַסקע־דאַלאַרנאַ, בעטנדיק יעדן איינעם, ער זאָל מיר פאַרלייענען קלאַראַ גולאַס בריוו. איצט האָב איך שוין נישט צו וועמען זיך צו ווענדן...

אָבער אינמיטן דערין האָט יאַן פון גרויס דערשטוינונג זיך אַזש אַ הייב־געטון פונם בענקל, ווייל נאָך איידער ער האָט זיין רעדן פאַרענדיקט, האָט די טיר זיך געעפנט און אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן אויגוסט דער נאַל.

— אָווא, דו קומסט איצט, ווי מען וואָלט ספּעציעל געשיקט נאָך דיר, טייערער אויגוסט, — האָט יאַן דערפרייט אויסגערופן, באַגריסנדיק זיך מיטן גאַסט און בעטנדיק אים זיצן, — איך האָב דאָ אַ בריוו, וואָס איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן פאַרלייענען פאַר אונדז, אַלטע לייט. דאָס איז פון דיין שול־חברטע: דו אַליין וואָלסט אפשר אויך געוועין אַ בעלן צו וויסן, וואָס עס הערט זיך באַ איר און ווי עס דערגייט איר אין דער פרעמד?

אויגוסט דער נאַל האָט רויק און שטיל גענומען דעם בריוו און דורכגעלייענט. יעדעס וואָרט האָט ער אַרויסגערעדט פּאַמעלעך און דייטלעך, גלייך ווי ער וואָלט עס וועלן אַריינזאַפּן אין זיך.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט יאַן געזאָגט:

— דו לייענסט זייער גוט, ליבער אויגוסט. איך קאָן דיר זאָגן, אַז קלאַראַ גולאַס ווערטער האָבן נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שיין געקלונגען פאַר מיר, ווי פון דיין מויל אַרויס. טו מיר דאָס פאַרגעניגן און לייען מיר נאָכאַמאָל פאַר, איך בעט דיך, ליבער אויגוסט!

דאָס בחורל האָט מיט דערזעלבער פייערלעכקייט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו. ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט איצט מיט דאַרשטיקע ליפּן פון אַ ריזלדיקן קוואַל געטרונקען.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער צונויפגעלייגט דעם בריוו און אים מיט דער האַנט געגלעט. ער האָט שוין געוואָלט צוריקגעבן דעם בריוו, אָבער דאָ האָט ער באַמערקט, אַז דאָס פּאַפּיר איז נישט גוט צונויפגעלייגט, דעריבער האָט ער עס נאָכאַמאָל געמוזט צונויפלייגן.

דערנאָך איז ער דאָרט געבליבן זיצן שטילשווייגנדיק. יאַן האָט אפילו געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים, אָבער עס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס בחורל זיך אויפגעהויבן און דערקלערט, אַז ער מוז שוין אַהיימגיין.

— ס'איז זייער גוט, וואָס מען קאָן אַמאָל באַקומען אַ הילף פון עמעצן, — האָט יאַן געזאָגט. — איך וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט האָבן נאָך אַ טובה. אָט, דאָס קעצעלע, וואָס דו זעסט דאָרט, איז קלאַראַ גולאַס; מיר וואָלטן עס אומבאַדינגט געדאַרפט טויטן, ווייל מיר האָבן עס נישט קיין עסן צו געבן; אָבער איך האָב נישט קיין מוט עס צו דערהרגענען. און קאַטרינאַ ווידער, — איר דערלאָזט אויך נישט דאָס האַרץ, זי זאָל עס דערטרינקען... איידער דו ביסט אָנגעקומען, האָבן מיר טאַקע גערעדט וועגן דעם, אַז מיר מוזן עס עמעצן אַוועקגעבן.

אויגוסט דער נאָל האָט עפּעס אַרויסגעפּרעפּלט אַ פּאָר ווערטער, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט הערן.

— קאַטרינאַ, לייג אַריין דאָס קעצעלע אין אַ קאָרב, — האָט יאַן ווייטער גערעדט. — אויגוסט וועט עס מיטנעמען מיט זיך, און

ער וועט שוין געפינען אַן עצה, אַז מיר זאָלן שוין נישט מער זען דאָס קעצעלע.

קאַטרינאַ האָט זיך שטיל צוגעשלייכט צו אַ ווייס קעצעלע, וואָס איז געשלאָפן אויפן בעט. זי האָט עס אַריינגעלייגט אין אַן אַלטן קאָרב, איבערגעבונדן מיט אַ שמאַטע און דאָס דערלאַנגט אויגוסטן.

— ס'טוט מיר זייער הנאה פטור צו ווערן פון דעמדאָזיקן קעצעלע, — האָט יאַן געזאָגט. עס איז אַזוי קלוג און לוסטיק, אַז עס דערמאָנט מיך שוין צו פיל אַן קלאַראַ גולאַן. און טאַקע דער־פאַר איז גלייכער, אַז דאָס קעצעלע זאָל אַוועק פון אונז — — —

אויגוסט דער נאַל האָט אַן אַ וואָרט זיך דערנענטערט צו דער טיר, אָבער פלוצלינג זיך צוריק אומגעקערט, אָנגענומען יאַנס האַנט און זי פעסט געדריקט.

— אַ דאַנק אייך! — האָט ער געזאָגט. — איר האָט מיר דערמיט געגעבן פיל מער, ווי אייך דאַכט זיך!

אָבער ווען דאָס בחור'ל איז שוין הינטער דער טיר געווען, האָט יאַן געזאָגט צו זיך אַליין:

— דאָס זאָלסטו דיר גאָרנישט איינרעדן, מיין ליבער אוי־גוסט דער נאַל! דאָס זענען ענינים, וואָס איך פאַרשטיי מיך גאַנץ גוט אויף זיי! איך ווייס, וואָס איך האָב דיר געגעבן, און איך ווייס אויך, פון וועמען איך האָב מיך דאָס אָפּגעלערנט.

דער ערשטער אָקטאָבער

דעם ערשטן אָקטאָבער איז יאַן פון טקרוליקאַ אַ גאַנצן נאָכ־מיטאָג געלעגן אָנגעטועטערהייט אויפן בעט, מיטן פּנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און עס איז פּשוט אוממעגלעך געווען פון אים אַ וואָרט אַרויסצוקריגן.

פאַרמיטאָג איז ער צוזאַמען מיט קאַטרינאַן געווען באַם

בריקל לעבן דעם שיפֿאָפּשטעל אין באָרג, כּדי אָפּצוּוואַרטן קלאַראַ גולאַן. נישט דערפֿאַר, וואָס זי האָט געשריבן, אַז זי קומט אַהיים; גיין, זי האָט לגמרי נישט צו וויסן־געטון וועגן דעם. אָבער, לויט יאַנס אויסרעכענונג, האָט עס געדאַרפֿט אַזוי געשעען.

דעם ערשטן אָקטאָבער האָט מען דאָך געדאַרפֿט לאַרס גונאַרסאָנען באַצאָלן דעם חוב, און דעריבער האָט קלאַראַ גולאַ געמוזט אַהיימקומען מיטן געלט, שפּעטסטנס ביז דעם טאָג. אַז זי זאָל קומען נאָך פֿריער, אויף דעם האָט זיך יאַן נישט געריכט. ס׳איז געווען פֿאַר אים גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז זי וועט מוזן בלייבן ווי צום לענגסטן אין שטאָקהאָלם, כּדי צו קאָנען פֿאַרדינען אַזאַ גרויסע סומע. אָבער ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זי זאָל וועלן בלייבן דאָרט נאָך לענגער; וואָרים, אויב עס וואָלט איר ביז דעם ערשטן אָקטאָבער נישט געלונגען צונויפֿצוקלייבן די נייטיקע סומע געלט, וואָלט שוין איר פֿאַרבלייבן אין דער פֿרעמד סיי ווי געווען איבעריק, ווייל עס וואָלט שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן געווען.

בעת יאַן איז געשטאַנען באַם ראַנד פֿונעם בריקל, האָט ער זיך אין געדאַנק אַזוי פֿאָרגעשטעלט דאָס באַגעגעניש מיט דער טאָכטער: ווי נאָר קלאַראַ גולאַ וועט זיי דערזען, שטייענדיק באַם באָרטן פֿון דער שיף, וועט זי מאַכן אַ טרויעריקע מינע, און תּיכּף ווי זי וועט אַראָפּשטייגן אויף דער יבשה, וועט זי דאָס ערשטע דערציילן, אַז עס איז איר ליידער נישט געלונגען צונויפֿצוזאַמלען אַזוי פֿיל געלט, וויפֿיל דער חוב באַטרעפֿט.

און דאַן וועלן זיי ביידע, — ער און קאַטרינאַ, — מאַכן דעם אָנשטעל, גלייך ווי זיי וואָלטן גענומען ערנסט אירע רייד; יאַן וואָלט נאָך דערצו דערקלערט, אַז עס חידושט אים זייער, וואָס זי האָט זיך גאָר דערוועגט אַהיימצוקומען, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז סיי ער, סיי קאַטרינאַ. האָבן נישט אין זינען עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס געלט...

אָבער דערביי איז ער זיכער געווען, אַז נאָך איידער זיי וועלן פֿאַרלאָזן דאָס בריקל, וועט די טאָכטער אַרויסנעמען אַן אָנ־

געשטאָפּטן טייסטער מיט באַנקנאָטן און אים איבערגעבן די עלטערן אין די הענט אַריין.

ער האָט בדעה געהאַט צו לאָזן קאַטרינאַן צונעמען דאָס געלט און איבערציילן עס. אָבער ער אַליין וועט זיך בלויז אַוועקשטעלן קוקן אויף קלאַראַ גולאַן.

ערשט דאַן וועט זי זען, אַז אים אינטערעסירט נישט עפּעס אַנדערש, ווי בלויז דאָס, וואָס זי איז שוין אַהיימגעקומען. און זי וועט אים מסתמא זאָגן, אַז ער איז איצט פּונקט אַזאַ נאַרישער און צעבאַלעוועטער, ווי פאַר איר אָפּפאָרן ! . . .

אָט אַזוי האָט יאַן זיך אויסגעטרוימט דעם אַהיימקום פון דער טאַכטער ; אָבער אָט דער חלום זיינער איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין יענעם טאָג האָבן זיי נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן באַם בריקל, ווייל דער דאַמפּער איז גראָד דעמאָלט אָנגעקומען צו דער באַשטימטער צייט. די שיף איז אָבער געווען אַזוי אָנגעפּאַקט מיט סחורות און מענטשן, וואָס זענען געפאָרן צום גרויסן יריד אין ברובי, אַז אין ערשטן מאָמענט האָבן יאַן און קאַטרינאַ נישט געקאָנט באַמערקן, צי קלאַראַ גולאַ געפינט זיך אויף דער דעק, צי נישט.

יאַן האָט געמיינט, אַז זי וועט די ערשטע אַריבערלויפן איבערן לאַנדבריקל. אָבער אָנשטאָט איר, האָט ער דערזען עטלעכע פרעמדע מאַנסלייט. און אַזוי ווי זי האָט זיך דערנאָך אויך נישט געוויזן, האָט ער געוואָלט אַרויף אויפן דאַמפּער, כדי זי דאָרט אויפצוזוכן ; אָבער די ענגשאַפט איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז געבליבן שטעקן צווישן דער מענגע אַראָפּשטייגנדיקע פּאַסאַזשירן. יאַן איז אָבער אַזוי זיכער געווען אין זיין זאַך, אַז ווען מען האָט שוין געזאָלט אַוועקנעמען דאָס לאַנדבריקל, האָט ער אַ געשריי־געטון צום קאַפּיטאַן, ער זאָל נאָך נישט אָפּשווימען מיט דער שיף, ווייל נאָך עמעצער דאַרף אַראָפּשטייגן.

דער קאַפּיטאַן האָט אים צוליב־געטון און געפרעגט באַ זיינע שיפסלייט. צי עס איז נאָך דאָ עמעצער, וואָס וויל אַראָפּשטייגן

באַם בריקל; אָבער זיי האָבן געענטפערט, אַז ניין. — דאַן האָט דער קאַפּיטאַן געגעבן דעם באַפעל אָפּצושווימען.

דאָס אַלטע פאַרפאַלק פון סקרוליקאַ איז דעריבער איינזאַם אהיימגעגאַנגען פון בריקל. און ווי נאָר זיי זענען אין שטיבל אַריינגעקומען, האָט יאַן תיכּף אין אָנטועכץ זיך אַ וואַרף־געטון אויפן בעט. ער איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט נישט געוווּסט, — פונוואַנען עס וועט זיך נאָך נעמען צו אים כּוח, צו קאָנען אויפשטיין פון בעט.

ווען די שכנים פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָבן געזען יאַנען מיט קאַטרינאַן צוריקקומען פונם שיפּאָפּשטעל אָן קלאַראַ גולאַן, האָבן זיי זיך מיט זאָרג געפרעגט, וואָס עס וועט איצט זיין מיט די צוויי אַלטע אָרימע אַרבעטסמענטשן. און דערנאָך זענען די שכנים איי־נער נאָכן אַנדערן אַריינגעקומען צו יאַנען, געוווּיר ווערן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

זיי האָבן כּסדר געפרעגט, צי ס'איז טאַקע אמת, אַז קלאַראַ גולאַ איז נישט געקומען מיט דער שיף; און ווייטער, צי ס'איז אמת, אַז אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן חודש סעפּטעמבער האָבן זיי קיין שום בריוו און קיין שום גרוס נישט דערהאַלטן.

יאַן האָט מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט אויף די אַלע פראַגן. ער איז שווייגנדיק געלעגן אויפן בעט און זיך נישט גע־קימערט וועגן די, וואָס זענען אַריינגעקומען, אָדער אַרויסגע־גאַנגען.

קאַטרינאַ אַליין האָט יעדן איינעם געמוזט ענטפערן, — אַזוי ווי זי האָט געקאָנט. די שכנים האָבן געמיינט, אַז יאַן האָט זיך אַזוי אַוועקגעלייגט פון גרויס עגמת־נפש, וואָס מען וועט באַ אים זיין הייזל צונעמען, אָבער אים איז נישט געווען קיין גרויסע נפקא־מינה, וואָס די שכנים האָבן געקלערט וועגן אים.

זיין ווייב האָט געוויינט און געקלאָגט, און די, וואָס זענען אַריינגעקומען, האָבן איינגעזען, אַז זיי מוזן בלייבן זיצן אַ לענגע־רע ווײַלע, כּדי איר אַרויסצווייזן מיטגעפיל, און כּדי צו געפינען עפּעס אַ טרייסטוואָרט פאַר איר און פאַר יאַנען.

עס איז נישט מעגלעך, אַז לאַרס גונאַרסאָן זאָל האָבן דאָס

־עכט אָוועקצונעמען באַ זיי דאָס הייזל, האָבן זיי געטענהט. די אַלטע באַלעבאָסטע פון פאַליאַ וועט זיכער נישט דערלאָזן דערצו. זי איז אַלעמאָל געווען אַן ערלעכע און רעכטפאַרטיקע פרוי.

און צווייטנס, דער טאָג איז נאָך נישט געענדיקט. קלאַראַ גולאַ קאָן נאָך פון זיך צו וויסן געבן איידער עס וועט זיין שפעט. עס וואָלטווירקלעך געווען אַ גרויס בריהשאַפט פון איר, אויב עס וואָלט איר אין דער קורצער צייט פון דריי חדשים געלונגען אָפּצושפּאָרן די גרויסע סומע פון צוויי־הונדערט טאָלער; הגם דעמדאָזיקן מיידל האָט אַלעמאָל דאָס מזל צוגעשפּילט, — צו וואָס זי זאָל זיך נישט געווען נעמען.

מען האָט גערעדט אַהין און אַהער, און באַקלערט די זאַך פון אַלע זייטן. קאַטרינאַ האָט דערציילט, אַז די ערשטע פאָר וואָכן האָט קלאַראַ גולאַ נישט פאַרדינט קיין גראָשן. זי האָט באַקומען אַ וווינונג באַ אַ באַקאַנטער פאַמיליע פון סוואַרטושעי, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין שטאָקהאָלם; אָבער באַ זיי האָט זי געמוזט באַצאָלן פאַר אַלצדינג.

אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זי אַמאָל באַגעגנט אויף אַ גאַס דעמזעלבן וואַנדערנדיקן הענדלער, וואָס האָט איר געשענקט דעם שטאָף אויפן רויטן קליידל, און ער האָט איר געשאַפן אַ שטעלע אַלס דינסטמיידל.

— און אפשר האָט טאַקע דערזעלבער הענדלער געשאַפן פאַר איר געלט אויך? אוממעגלעך איז עס נישט. — האָט עמעצער פון די שכנים זיך אָנגערופן.

— ניין, אוממעגלעך איז עס טאַקע נישט, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט. — אָבער דערווייל איז זי נישט געקומען, און אין משך פון אַ חודש צייט נישט געשיקט קיין בריוו. דאָס איז אַלזאָ דער בעסטער באַווייז, אַז איר איז פאָרט נישט געלונגען! — — — —

די פאַרזאַמלטע אין שטיבל זענען מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ אומרויקער און באַקלעמטער. זיי האָבן געפילט, אַז מיט די איינוווינער פון דעם אָרימען הייזל וועט באַלד עפּעס שרעקלעכס געשעען.

ווען דידאָזיקע געדריקטע שטימונג איז שוין באַלד געוואָרן

אומדערטערגלעך, האָט זיך געעפנט די טיר און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מאַנספּאַרשוין, וועלכן מען האָט זיכער נאָך קיינמאָל נישט געזען אין אַסקעדאַלאַרנאַ. וואָרים נישט אין אַזעלכע פּאַרוואָרפענע ווינקלען פלעגט ער קומען.

בשעת ער איז אַרייַנגעקומען, איז אין שטיבל געוואָרן אַזוי שטיל, ווי עס קאָן בלויז זיין אין אַ ווינטערנאַכט אין וויסטן וואַלד. אַלע האָבן געווענדט זייערע אויגן צו אים, אַ חוץ יאַנען, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט רירן פון אָרט און צומאָל זיך נישט אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער שטוב; אפילו אויך דאַן נישט, ווען קאַטרינאַ האָט אים אייַנגערוימט אין אויער, אַז עס איז איצט אַרייַנגעקומען דער דעפּוטאַט קאַרל קאַרלסאָן פון סטורוויק.

דער דעפּוטאַט האָט געהאַלטן אין האַנט אַ צונויפגעראָלטן בויגן פּאַפּיר; אַלע פאַרזאַמלטע זענען געווען זיכער, אַז דער דעפּוטאַט איז אַהערגעשיקט געוואָרן פון דעם נייעם באַלעבאָס פון פּאַליאַ, כדי צו וויסן צו געבן יאַנען און קאַטרינאַן, אויף וואָס זיי האָבן זיך צו ריכטן, פאַר דעם נישט באַצאָלן זייער חוב צום טערמין.

אַ סך פאַראומערטע און מיטלייד-בעטנדיקע בליקן זענען אַצינד געווענדט געווען אויף קאַרל קאַרלסאָנען. אָבער זיין מינע איז געווען, ווי געווייַנלעך, שטרענג און האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך-ארץ. קיינער האָט פון זיין שטרענגן פּנים-אויסדרוק נישט געקאָנט זיך דערטראַכטן, וואָסער שווערן קלאַפּ ער וועט דאָ באַלד לאָזן פאַלן אויף דעם אָרימען פּאָרפּאָלק.

צוערשט האָט ער דערלאַנגט די האַנט קאַטרינאַן, דערנאָך אַלע איבעריקע. זיי, ווידער, האָבן זיך יעדער איינער אויפגעשטעלט, ווי נאָר דער דעפּוטאַט איז צוגעקומען, און דרך-ארצדיק זיך באַגריסט מיטן חשובן גאַסט. דער איינציקער, וואָס האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, איז געווען יאַן.

— מיר איז נישט אַזוי געווען באַקאַנט די אומגעגנט, — האָט דער דעפּוטאַט געזאָגט, נאָר אויב איך האָב נישט קיין טעות, געפין איך מיך איצט אויף דער נחלה אין אַסקעדאַלאַרנאַ, וואָס מען רופט זי סקרוליקאַ.

יאָ, געוויס. אַלע האָבן עס באַשטעטיקט, אָבער בלויז מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, ווייל קיינער פון די אַנוועזנדיקע אין שטיבל איז נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פון מויל. עס איז זיי אַ חידוש געווען, ווי אַזוי קאַטרינאַ האָט נאָך געקאָנט אין זינען האָבן אַ ווינק צו טון צו בעריען, ער זאָל זיך אויפהייבן און דערלאַנגען זיין שטול דעם דעפּוטאַט.

דער חשובער קאַרל קאַרלסאָן האָט צוגערוקט די שטול צום טיש, ווו ער האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט, און קודם-כל אַוועקגעלייגט פאַר זיך דעם צונויפגעראָלטן בויגן פּאַפּיר. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זיין טאַבאַקפּושקעלע און עס אַוועקגעשטעלט לעבן דעם פּאַפּיר. ער האָט אויך אַרויסגעשלעפּט זיין בלויע פּאַטשיילע, אויפגעמאַכט דאָס שיידל פון די שפּאַקולן און גענומען אויסווישן די גלעזלעך.

ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעטון די אַלע פּאָרבערייטונגען, האָט ער זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט פון איינעם צום אַנדערן. די אַלע, וואָס זענען דאָרט פאַרזאַמלט געווען, זענען באַשטאַנען פון אַזאַ פּראָסטן עולם, אַז ער האָט זיי צומאָל באַ די נעמען נישט געקענט.

— איך וואָלט געוואָלט רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט יאַן אַנדערסאָנען פון סקרוליקאַ, — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז דער, וואָס ליגט דאָרט אויפן בעט, — האָט דער אַלטער נעצנשטריקער אולאַ געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער.

— צי איז ער נישט-געזונט? — האָט דער דעפּוטאַט געפרעגט.

— ניין, חלילה!... — האָבן עטלעכע מיטאַמאָל געענטפערט.

— ער איז אויך נישט שיכור! — האָט בעריע צוגעגעבן.

— און ער שלאָפט אויך נישט! — האָט דער נעצנשטריקער נאָכאַמאָל זיך אָנגערופן.

— ער איז היינט געגאַנגען אַ גרויסן מהלך וועג, און איז

דעריבער אַזוי מיד, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט. זי איז געווען זי־כער, אַז אַזוי־אַרום וועט זי צום בעסטן דערקלערן די זאַך. דער־ביי האָט זי זיך איינגעבויגן איבער יאַנען, ווילנדיק פועלן בײַ אים, ער זאָל זיך אויפהייבן.

אָבער יאַן האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט פון אָרט רירן.

— צי וועט ער פאַרשטיין, וואָס איך וועל זאָגן? — האָט דער דעפּוטאַט געפרעגט.

— יאָ, געוויס, — האָבן אַלע אין איין קול געענט־פערט.

— ער האָט אפשר מורא פאַר אַ שלעכטער בשורה, איבער דעם, וואָס דער הער דעפּוטאַט קאַרל קאַרלסאָן פון סטורוויק האָט זיך אַליין מטריח געווען מיט אַ וויזיט צו אים, — האָט דער נעצנ־שטריקער באַמערקט.

דער דעפּוטאַט האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט און שאַרף אַ קוק־געטון אויף דעם אַלטן מאַן מיט די גערויטלטע אויגן.

— פון ווען אָן ווייסט אולאַ בענגטסאָ פון ליוסטערבי, אַז מען דאַרף אַזוי שטאַרק מורא האָבן זיך צונויפצוטרעפן מיט קאַרל קאַרלסאָנען פון סטורוויק? — האָט דער דעפּוטאַט בייז גע־פרעגט. — מיר דאַכט זיך, אַז פון אַזאַ באַגעגעניש האָט אולאַ קיינמאָל נישט געהאַט קיין עגמת־נפש!

נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט צום טיש און אָנ־געהויבן לייענען אויפן קול אַ בריוו.

די פאַרזאַמלטע האָבן פּלוצלינג דערפילט אַן אומגעהייערע דערלייכטערונג. אַ ווײַלע דערנאָך האָבן זיי זיך אפילו שטאַרק גע־חידושט: הע, ווי קומט עס?... אין דעם קול פונם דעפּוטאַט האָט מען דאָך איצט געהערט עפּעס אַזוינס, וואָס בײַ גוטן ווילן וואָלט מען עס געקאָנט אָננעמען פאַר פריינטלעכקייט... מען וואָלט אפילו געקאָנט מיינען, אַז זיינע מוילווינקלען האָבן זיך אַ קרום־געטון צום שמייכלען!...

— די זאַך איז אַזוי, — האָט דער דעפּוטאַט געזאָגט, — מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך באַקומען אַ בריוו פון איינער

וואָס רופט זיך קלאַראַ פינאַ גאָלדבאָרג, די טאָכטער פון יאַן און קאַטרינאַ אַנדערסאָן פון סקרוליקאַ. אין דעמדאָזיקן בריוו שרייבט זי מיר, אַז מיט דריי חדשים צוריק איז זי אָװעקגעפאָרן פון איר היים, כדי צו פאַרדינען צווייהונדערט טאָלער, וואָס אירע עלטערן מוזן דעם ערשטן אָקטאָבער באַצאָלן לאַרס גונאַרסאָנען פון פאַליאַ, כדי צו באַקומען דאָס אייגנטומרעכט פון דעם באָדן, אויף וועלכן זייער הייזל שטייט...

דאָ האָט דער דעפּוטאַט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע, כדי זײַנע צוהערער זאָלן אים קאָנען גוט פאַרשטיין.

— און איצט שיקט זי דאָס געלט צו מיר — האָט דער דעפּוטאַט ווײַטער גערעדט, — און בעט מיך, איך זאָל צופאָרן דאָ אַהער קיין אַסקעדאַלאַרנאַ, און אַזוי אָפּמאַכן מיט דעם נײַעם באַלעבאָס פון פאַליאַ, אַז די עלטערן אירע זאָלן שוין דערנאָך קאָנען זיצן רויִק אויף זייער נחלה. — איך מוז אײַך זאָגן, אַז דאָס איז זייער אַ קלוג מיידל, — האָט דער דעפּוטאַט זי געריימט, צופּליײגנדיק דעם בריוו. — זי האָט זיך גלײַך פון אָנהייב אָן געווענדט צו מיר. אויב אַלע וואָלטן אַזוי געטון, ווי זי, וואָלט עס פיל בעסער געווען פאַר אַלע אײַנוווינער פון דערדאָזיקער געמיינדע.

נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט דאָס רעדן, איז יאַן שוין געזעסן אויפן קאַנט פון בעט.

— און דאָס מיידל? ווו איז זי? — האָט ער געפרעגט.

— און איצט פרעג איך די עלטערן, צי זיי זענען מסכּים מיט דער טאָכטער, צו געבן מיר דעם אויפטראָג אָפּצושליסן...

— אָבער דאָס מיידל, דאָס מיידל? — האָט יאַן אים איבערגעשלאָגן די רייד. — ווו איז זי ערגעץ?

— ווו זי איז? — האָט דער דעפּוטאַט איבערגעחזרט און אַ קוק-געטון אין דעם בריוו אַרײַן. — זי שרייבט, אַז זי איז נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרדינען אַזוי פיל געלט אין דער קורצער צייט פון דריי חדשים. אָבער זי האָט באַקומען אַ שטעלע בײַ אַ גוטהאַרציקער באַלעבאָסטע, וואָס האָט איר פאָרויס אויסגעצאָלט די

גרויסע סומע. נאָר זי וועט איצט מוזן בלייבן בײַ איר, ביז זי וועט אָפּדינען פאַר דעם באַקומענעם געלט.

— וועט זי, הייסט עס, נישט אַהיימקומען? — האָט יאַן געפרעגט.

— ניין, ווי איך פאַרשטיי, וועט זי נישט קאָנען קומען אַזוי גיך. זי מוז צוערשט אָפּדינען. — האָט דער דעפּוטאַט געזאָגט.

יאַן האָט זיך צוריק אַנידערגעלייגט אויפן בעט און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

וואָס איז אים שוין אָנגעגאַנגען דאָס הייזל, דער באָדן און אַלצדינג? וואָס האָט אים שוין געטויגט זיין לעבן, אַז זיין טייער מיידעלע איז נישט צוריק אַהיימגעקומען?

דער חלום הייבט זיך אָן

די ערשטע פּאָר וואָכן נאָכן וויזיט פונם דעפּוטאַט, האָט יאַן נישט געקאָנט זיך נעמען צו קיין שום זאַך. ער איז כסדר געלעגן אין בעט, דריקנדיק אין זיך זיין צער.

ער האָט, וואָס אַן אמת, יעדן פרימאָרגן זיך אויפגעהויבן, זיך אָנגעטון און געוואָלט גיין צו זיין אַרבעט אין פאַליאַ. אָבער נאָך איידער ער איז צו דער טיר צוגעקומען, האָט ער זיך דערפילט אַזוי קראַפטלאָז און טויט־מיד, אַז ער האָט זיך געמוזט צוריק אַוועקלייגן אויפן בעט.

קאַטרינאַ האָט זיך באַמיט צו זיין געדולדיק, וויסנדיק, אַז מיט בענקשאַפט דאַרף מען זיך באַגיין, ווי מיט יעדער אַנדערער קראַנקהייט. דאָס מוז געדויערן אַזוי לאַנג, ביז עס גייט אַליין איבער. זי האָט אָבער כסדר געקלערט, ווי לאַנג אַזאַ בענקשאַפט, ווי יאַנס נאָך קלאַראַ גולאַן, קאָן געדויערן. צי וועט ער נישט אַמאָל,

חלילה, בלייבן אַזוי ליגן ביז ווייַנאַכט, און אפשר גאָר דעם גאַנצן ווינטער?

עס וואָלט זיכער געווען אַזוי געשען, ווען דער אַלטער נעצבנשטריקער אוֹלאַ וואָלט נישט אַמאָל אין אַן אָוונט אַריינגעקו־מען צום אייַנזאַמען פּאַרפאַלק און געפרעגט, וואָס יאַן מאַכט אין געזונט. קאַטרינאַ האָט אים דאַן פאַרבעטן צום טיש און מכבד געווען מיט קאַווע.

דער נעצבנשטריקער איז תּמיד געווען אַ גרויסער שווייַגער, ווי עס געשעט אָפט מיט מענטשן, וואָס שוועבן אַרום מיט זייערע געדאַנקען ערגעץ אין דער ווייַטקייט, און דעריבער זעען זיי נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. אָבער ווען מען האָט אוֹלאַן דערלאַנגט דאָס שעלעכל קאַווע און ער האָט אָפּגעגאָסן דערפון אויפן טעצע־לע צום אויסקילן, האָט ער אַלנפאַלס פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף דאָ עפּעס זאָגן.

— היינט וועט, אוודאי, קומען א בריוו פון קלאַראַ גולאַן, — האָט ער זיך אָנגערופן. — ס'האַרץ זאָגט מיר אַזוי.

— זי האָט דאָך ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק צוגעשיקט אַ גרוס, אין דעם בריוו צום דעפּוטאַט קאַרלסאַן, — האָט קאַטרי־נאַ געזאָגט.

דער נעצבנשטריקער האָט געבלאָזן אויף דער קאַווע אין טע־צעלע און אַ ווײַלע געשוויגן, איידער ער האָט זיך ווידער אָנגערופן מיט אַ פּאָר ווערטער.

— אפשר האָט זי אייך עפּעס אַ גוטע בשורה אָנצוזאָגן. ס'קאָן דאָך זיין, אַז עס האָט געטראָפן מיט איר עפּעס אַ פריילע־כע זאַך, וואָס זי וויל ספּעציעל שרייבן וועגן דעם.

— משטיינסגעזאָגט, וואָס פאַראַ פריילעכע זאַכן עס קאָנען זיך איר דאָרט טרעפן, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט. — ווען אַ מענטש איז טאָג ווי נאַכט פאַרהאָרעוועט אין דינסט, גייען די טעג אַוועק מיט גאָרנישט.

דער נעצבנשטריקער האָט אָפּגעביסן פונם קלעצעלע צוקער און דערנאָך לאַנגזאַם אויסגעזופּט די קאַווע פונם טעצל. ווען ער איז

שוין פאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט אין שטיבל אויפסניי געהערשט א לאַנגע, אומהיימלעכע שטילקייט.

— עס קאָן דאָך מעגלעך זיין, אַז קלאַרא גולא האָט זיך צופעליק געטראָפן מיט עמעצן אויף דער גאַס, — האָט דער אַלטער אַרויסגעזאָגט זיין השערה, און דערביי מיט זיינע האַלב־פאַרלאָשענע אויגן שטאַר געקוקט אויף דער פאַדלאָגע. עס וואָלט זיך קיינעם נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער אַלטער אַליין האָט כאָטש פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט.

אויף דעם האָט קאַטרינאַ נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אים אַ צווייט מאָל אָנגעגאָסן קאַווע אין שעלעכל, נישט אויסרעדנדיק דערביי קיין וואָרט.

— עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז די פערזאָן, וועלכע זי האָט געטראָפן אויף דער גאַס, איז געווען אַן אַלטע פרוי, אַ שוואַכע אויף די פיס, און זי איז גראַד אומגעפאַלן בשעת קלאַרא גולא איז דורכגעגאַנגען פאַרביי איר, — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט פונקט אַזוי נישט מיושבדיק ווי פריער.

— און וועגן דעם לוינט דען צו שרייבן אַהיים? — האָט קאַטרינאַ מיט ווידערווילן געזאָגט, גלייך ווי עס וואָלט איר שוין נמאס געוואָרן דאָס עקשנות פון דעם אַלטן, צו האַלטן זיך בא דער זעלבער טעמע.

— אָבער, לאָמיר אָננעמען, אַז קלאַרא גולא איז שטיין געבליבן און איר געהאָלפן זיך אויפהייבן, — האָט דער נעצנשטריקער געזאָגט. — די אַלטע פרוי האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט דער הילף, וואָס זי האָט באַקומען פון דעם יונגן מיידל, אַז זי האָט תיכף אַרויסגענומען איר טייסטער און דערלאַנגט קלאַרא גולאַן אַ קנאַקעדיקן באַנקנאָט פון צען טאַלער. וועגן דעם, מיין איך, וואָלט שוין געלוינט אַהיימצושרייבן... וואָס, — ניין?

— נו, אוודאי, — האָט קאַטרינאַ שוין גאָר אומגעדולדיק געענטפערט, — נאָר דאָס איז געזאָגט געוואָרן, ווען ס׳וואָלט געווען אמת. אָבער איר זיצט דאָ און רעדט זיך איין פאַרשידענע, נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע זאַכן.

— טאָ איז וואָס זשע? דאָס בעסטע מאָלצייט קאָן מען אויף

גאַר פּראָווען בלויז אין דער פאַנטאַזיע, — האָט דער נעצנשטריקער זיך פאַרטיידיקט. — און אַזאַ סעודה איז פיל געשמאַקער, ווי די ווירקלעכע!

— נו, מילא... איר האָט דאָך שוין פאַרזוכט ביידע טעמים!... — האָט קאַטרינאַ געענטפערט.

באַלד דערנאָך האָט דער נעצנשטריקער געדאַנקט פאַרן כיבוד און פאַרלאָזט דאָס שטיבל. נאָך זיין אַוועקגיין האָט קאַטרינאַ שוין מער נישט געקלערט וועגן דער גאַנצער געשיכטע.

יאַן האָט צוערשט זיינע רייד אויך נישט געשענקט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. אָבער ליגנדיק אין בעט, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך אַריינטראַכטן, צי עס קאָן נישט אַמאָל פאַרבאָרגן זיין עפּעס אַ טיפע כוונה אין דעם אַלעם, וואָס דער אַלטער אולאַ האָט געזאָגט?

צי האָט דען נישט געקלונגען עפּעס אַזאַ אויסטערלישער טאָן אין דעם נעצנשטריקערס קול, בשעת ער האָט גערעדט וועגן דעם בריוו? און צי האָט ער דען צונויפגעשטוקעוועט אַזאַ לאַנגע מגילה בלויז, כדי צו האָבן וועגן וואָס צו פּלאַפּלען בעתן טרינקען די קאַווע? אָדער, אפשר האָט ער עפּעס אַ ידיעה? אפשר האָט ער גאָר באַקומען אַ בריוו פון קלאַראַ גולאַן?

ס'איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז איר האָט ווירקלעך געטראָפן אַזאַ גרויס גליק, אַז זי האָט מורא גלייך מודיע זיין די עלטערן וועגן דעם. דעריבער קאָן זיין, אַז זי האָט געשריבן צו אולאַן און אים געבעטן, ער זאָל זיי פריער צוגרייטן?

אָט דאָס טאַקע האָט ער מסתמא געוואָלט היינט טון, אָבער זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען.

— ער וועט אוודאי מאָרגן נאָכאַמאָל קומען! — האָט יאַן געטראַכט. — נו, וועלן מיר זיך שוין דערוויסן דעם גאַנצן אמת.

אָבער דער נעצנשטריקער איז נישט געקומען — נישט צומאָרגנס און נישט איבערמאָרגן. אויפן דריטן טאָג האָט שוין יאַן לענגער נישט געקאָנט באַהערשן זיין נייגיר און בענקשאַפט. ער איז פון בעט אויפגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען צו זיין שכן, כדי

געוויר צו ווערן, צי עס איז ווירקלעך פאַרבאָרגן געווען עפּעס אַ באַהאַלטענע כוונה אין זיינע רייד.

אולאַ איז אייבער אַליין געזעסן אין שטוב און פאַרדאַכטן אַן אַלטע פישנעץ. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט יאַנס אַריינקומען. די לעצטע פּאָר טעג האָט ער געליטן פון אַזאַ שרעקלעכע פּאָדאַגרע, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויסגיין פון שטוב.

יאַן האָט נישט געוואָלט תיכף פרעגן, צי ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון קלאַראַ גולאַן. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט פיל לייכטער דערגרייכן זיין ציל, צוגייענדיק צו דער זאַך אויפן זעלבן אופן, וואָס אולאַ.

— איך האָב פיל געקלערט וועגן דעם, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן קלאַראַ גולאַן, בעת איר זענט לעצטנס געווען באַ אונז, — האָט יאַן אָנגעהויבן דעם שמועס.

דער אַלטער האָט אויף אַ ווײַלע אָוועקגענומען זיין בליק פון דער אַרבעט. עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס יאַן מיינט.

— אַזוי גאָר... — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן, — נו, גייט שוין, ס'איז באַ מיר בלויז אַזאַ איינפאַל געווען.

יאַן האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט צו אים און געזאָגט מיט אַ שטאַרקער באַטאָנונג:

— און דאָך האָב איך געהאַט אַ פאַרגעניגן דאָס צו הערן! איך מיין, אַז איר וואָלט פיל מער געהאַט צו דערציילן, ווען קאַטרינאַ וואָלט נישט אַזוי בולט אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט צו אייערע רייד.

— נו, יאָ, — האָט אולאַ געזאָגט, — דאָס זענען אַלץ אַזעלכע פאַרגעניגנס, וואָס יעדער אייגער פון אַסקעדאַלאַרנאַ קאָן זיך פאַרגינען.

יאַן איז געוואָרן דרייסטער פון דעם אַלטנס צושטימונג.

— מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט נאָך נישט דערציילט דעם סוף פון דער געשיכטע. מסתמא האָט זיך עס נישט פאַרענדיקט דערמיט, וואָס די אַלטע דאַמע האָט קלאַראַ גולאַן דערלאַנגט

אַ באַנקנאָט פון צען טאָלער. אפשר האָט זי פאַרבעטן דאָס מיידל צו זיך אַהיים?

— טאַקע יאָ... אפשר אַזוי... — האָט דער נעצנשטריקער געמורמלט.

— און אפשר איז די אַלטע פרוי אַזאַ נגידיתטע, אַז זי פאַרמאָגט אַ גרויס געמויערט הויז אין דער הויפּטשטאָט? — האָט יאַן פאַרגעשלאָגן.

— זעט איר, יאַן, דאָס איז גאָר אַ גוטער איינפאַל! — האָט אולאַ אויסגערופן.

— אפשר וועט די רייכע פרוי באַצאָלן קלאַראַ גולאַס חוב באַ איר באַלעבאָסטע? — האָט יאַן ווידער אָנגעהויבן. אָבער ער האָט גלייך איבערגעריסן, ווייל אין דער רגע איז אַריינגעקומען אולאַס שנור, און זי האָט ער נישט געוואָלט האָבן פאַר קיין מיטפאַרטרויטע אין דעם געהיימניש.

— אָוואַ, זע באַר, ווער ס'איז געקומען! — האָט זי פאַרחידושט אויסגערופן, באַמערקנדיק יאַנען. — וואָס מאַכט איר עפּעס? ס'טוט מיר ווירקלעך הנאה צו זען אייך ווידער געזונט!

— דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין ליבן שכן אולאַ בענגטסאָן, — האָט יאַן געזאָגט מיט אַ סודותפולן טאָן. — דאָס האָט ער מיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס.

ער האָט זיך געזעגנט און תיכף פאַרלאָזט דעם נעצנשטריקערס הייזל. דער אַלטער אולאַ איז נאָך לאַנג געזעסן און אים נאָכגעקוקט.

— האָסטו געהערט, ליזאַ, איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס ער מיינט מיט דעם, וואָס איך האָב אים געזונט געמאַכט, — האָט ער ענדלעך זיך צו זיין שנור אָנגערופן. — ער זאָל אַמאָל איינדעראַמתן נישט זיין באַ די קלאָרע געדאַנקען — — —

דאָס ירושה־צירונג

אַמאָל אין אַ האַרבסטאָוונט איז יאַן אַהיימגעגאַנגען נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט באַם דרעשן די תבואה אין פאַליאַ.

נאָך דעם שמועס מיטן נעצנשטריקער אולאַ האָט יאַן צוריק באַקומען חשק צו אַרבעטן. ער האָט איינגעזען, אַז ער מוז טון אַלצדינג, כדי זיך צוריק צו שטעלן אויף די פיס, אויב ער וויל נישט אינגאַנצן פאַרלירן די כוחות. ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז די טאָכטער זאָל באַם אַהיימקום געפינען די עלטערן אירע אין דחקות און אָפּגעלאָזנקייט.

גאָכדעם, ווי יאַן האָט יענעם אָוונט שוין אַזוי ווייט זיך געהאָט דערוויטערט פון פאַליאַ, — בעת ער איז געגאַנגען אַהיים, — אַז מען האָט אים שוין נישט געקאָנט באַמערקן דורך די פענצטער פונם פאָלוואַרק, האָט ער דערזען אַ פרוי, וואָס איז אים אַקעגנגעגאַנגען אויפן וועג. הגם ס'איז שוין געווען גוט טונקל, האָט יאַן פאָרט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז די באַלעבאָסטע פון פאַליאַ, — אָבער נישט די יונגע, לאַרס גונאַרסאָנס ווייב, — נאָר טאַקע די אַלטע ברויטגעבערין זיינע.

זי איז געווען איינגעהילט אין אַ גרויסער פאַטשיילע, וואָס האָט איר געגרייכט ביז אַראָפּ צום זוים פון קלייד. יאַן האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי שטאַרק איינגעהילט, און ער האָט געקלערט, צי זי איז נישט פּלוצלינג קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זי טאַקע זייער שלעכט אויסגעזען. ביז עס איז געשען דאָס אומגליק מיט עריקן, האָט זי נישט געהאַט קיין איין גרויע האָר אויפן קאָפּ, און איצט, — בלויז אַ האַלב יאָר דערנאָך, — איז שוין שווער געווען כאָטש איין שוואַרצע האָר אויף איר קאָפּ צו באַמערקן.

זי האָט זיך באַגריסט מיט יאַנען, און דערנאָך פּאַרפירט אַ שמועס מיט אים, בלייבנדיק שטיין אינמיטן וועג. זי האָט אים מיט קיין וואָרט נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי איז ספּעציעל אַרויסגעגאַנגען, כדי אים צו טרעפן, אָבער ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז עס איז פּאַרט אַזוי געווען. ס'איז אים פּלוצלינג אויפן געדאַנק געקומען, אַז אפשר וויל זי אים עפּעס דערציילן וועגן קלאַרא גולאַן, און דעריבער איז ער שטאַרק אַנטוישט געוואָרן, ווען זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן גאָר עפּעס אַנדערש.

— הערט זיך צו, יאַן, — האָט זי געזאָגט, — איר געדענקט, מסתּמא, דעם אַלטן באַלעבאָס פון פּאַליאַ, — מיין פאָטער, מיין איך, — איידער עריק האָט איבערגענומען דאָס באַלעבאַטישקייט?

— ווי הייסט, צי איך געדענק אים? — האָט יאַן צוריקגעפרעגט. — איך בין שוין איבער צוועלף יאָר אַלט געווען, ווען ער איז געשטאָרבן.

— ער האָט געקריגן אַ גוטן איידעם, וואָס—נישט? — האָט די אַלטע געזאָגט.

— אַלץ הייסט אַ גוטן!... האָט יאַן אירע רייד באַשטעטיקט.

די אַלטיקשקע איז אַנטשוויגן געוואָרן און שווער אָפּגעזיפצט, דערנאָך האָט זי ווייטער גערעדט:

— איך האָב מיך שוין לאַנג געקליבן צו באַראַטן זיך מיט אייך וועגן אַ געוויסער זאַך! איך ווייס דאָך, אַז דאָס, וואָס מען דערציילט אייך בסוד, וועט איר נישט אויספּלאַפּלען אויף רעכטס און לינקס.

— אָ, געוויס נישט, איך קאָן האַלטן די צונג צווישן די ציין.

— יאָ, דאָס האָב איך באַמערקט באַ אייך, בפרט דאָס לעצטע האַלבע יאָר!

יאַן איז אויפסניי באַהערשט געוואָרן פון נייגיר. עס וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי אויסטערליש, ווען קלאַרא גולאַ זאָל זיך האָבן געווענדט צו דער אַלטער באַלעבאָסטע פון פּאַליאַ מיט דער בקשה,

אַז זי זאָל צו וויסן־טון אירע עלטערן וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס איר האָט געטראָפן.

דער נעצבנשטריקער אולאַ איז קראַנק געוואָרן אויף רעוומאַ־טישן פיבער באַלד נאָך דעם שמועס, וואָס יאַן האָט געהאַט מיט אים. ער איז אָפּגעלעגן אין גרויס היץ און שווערע יסורים. אַזוי, אַז יאַן האָט דורך דער גאַנצער צייט נישט געקאָנט שמועסן מיט אים. איצט איז ער שוין ווידער אַרומגעגאַנגען, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען זייער שוואַך; און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט צוליב דער קרענק פאַרלוירן דעם זכרון. יאַן איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אין איין דערוואַרטונג, אַז אולאַ וועט באַ אַ געלעגנהייט אַליין צו רייד ברענגען וועגן קלאַראַ גולאַס בריוו. אָבער, אַזוי ווי ער האָט עס נישט געטון און נישט פאַרשטאַנען די אָפּטע אָנצוהערענישן, האָט אים יאַן איינמאָל אַ פרעג־געטון גלייך צו דער זאַך.

דאַן האָט דער אַלטער דערקלערט, אַז ער האָט נישט דער־האַלטן קיין שום בריוו, ער האָט אפילו אַרויסגערוקט דאָס שופלאָד פון טיש, און דערנאָך אויפגעמאַכט דעם קופערט, כדי יאַן זאָל מיט זיינע אייגענע אויגן זען, אַז עס איז דאָרט קיין בריוו נישטאָ.

יאַן האָט אָבער געקלערט, אַז דער אַלטער אולאַ האָט פאַר־געסן ווי ער האָט ערגעץ פאַרטאַכלעוועט דעם בריוו, און אַזוי ווי קלאַראַ גולאַ האָט אַ לאַנגע צייט נישט דערהאַלטן קיין ענטפער אויף איר שרייבן צום נעצבנשטריקער, האָט זי זיך איצט געווענדט צו דער אַלטער באַלעבאָסטע פון פאַליאַ. אַ שאָד בלויז, וואָס זי האָט נישט באַלד פון אָנהייב אַזוי געטון.

די אַלטע פויערטע איז אַ לאַנגע ווילע שווייגנדיק געשטאַ־נען לעבן אים, און ווייזט־אויס זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווי אַזוי אים אויסזאָגן דעם סוד. יאַן איז דערווייל אַזוי זיכער געוואָרן אין זיין זאַך, אַז ער האָט זי נישט גוט פאַרשטאַנען, בשעת זי האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן איר פאָטער:

— ווען מיין פאָטער האָט שוין געהאַלטן באַם שטאַרבן, האָט ער צוגערופן עריקן צום בעט און אים געדאַנקט דערפאַר, וואָס ער

איז תּמיד געווען אַזוי גוט צו אים, הגם ער איז שוין אַ שיינע פּאָר יאָר געווען שוואַך און אויסגעהאָרעוועט און דעריבער נישט געקאָנט ברענגען קיין נוצן אין דער באַלעבאַטישקייט. — „זאָל דער שווער נישט קלערן וועגן דעם“, — האָט עריק געזאָגט. — „אדרבא, עס איז פאַר אונז אַ גרויסע פרייד צו האָבן דעם שווער וואָס לענגער באַ אונז“. — יאָ, אַזוי האָט עריק געזאָגט צו זיין שווער, און ער האָט עס אויך אויפריכטיק געמיינט.

— יאָ, דאָס איז אמת, עריק איז קיינמאָל נישט געווען קיין נידערטרעכטיקער צבועק!

— וואַרט נאָר אַ ווײַלע, יאַן! — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט. — לאָמיר נאָך אַ ביסל רעדן וועגן די אַלטע, איידער מיר גייען איבער צו די יונגע. איר געדענקט דעם לאַנגן שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע, וואָס מיין פאָטער פלעגט באַנוצן בעת זיינע שפּאַצירן אין אַ יום־טוב?

— אוודאי געדענק איך אים, און אויך דאָס הויכע היטל, וואָס ער פלעגט נעמען אויף זיך, גייענדיק אין קירך אַריין.

— אַזוי גאָר, איר געדענקט אויך דעם קאַשקעט? נו, טאָ קאָן איך אייך זאָגן, אַז בעת מיין פאָטער איז געלעגן אויפן טויטנבעט, האָט ער מיך געשיקט נאָך דעם שטעקן און דעם קאַשקעט, און די ביידע זאַכן האָט ער איבערגעגעבן עריקן. — „איך וואָלט דיר אפילו געקאָנט געבן אַזוינס, וואָס איז מער ווערט, ווי דאָס“, — האָט מיין פאָטער געזאָגט, — „אָבער איך שענק דיר ליבערשט די דאָזיקע זאַכן, דערפאַר וואָס יעדער איינער ווייסט, אַז איך אַליין האָב זיי געטראָגן, און דעריבער וועט עס פאַר דיר זיין אַ גרויסער כבוד, אַלס באַווייז, אַז דו ביסט געווען גוט צו מיר!“

— זיכער, זיכער! — האָט יאַן מסכּים געווען. — עריק האָט זיך דאָס ערלעך פאַרדינט.

בשעת ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, האָט ער באַמערקט, ווי די אַלטיטשקע הילט זיך נאָך מער איין אין דער פאַטשיילע. זי האָט דאָרט זיכער געהאַט עפּעס באַהאַלטן; מסתּמא עפּעס אַ געשיקטע זאַך פון קלאַראַ גולאַן. ער האָט געהאָפט, אַז זי וועט באַלד אָנהייבן רעדן וועגן דעם אויך, זאָל ער נאָר געדול־

דיק וואַרטן. די רייד וועגן דעם פֿאָטער זענען זיכער געווען נישט
מער, ווי אַן אַריינפֿיר צום וויכטיקערן שמועס.
— איך האָב עס אַ סך מאָל דערציילט מיינע קינדער, און
אויך לאַרס גונאַרסאָנען, — האָט די אַלטיטשקע ווייטער גערעדט. —
און ווען עריק איז דעם פֿאַרגאַנגענעם פֿרילינג אַזוי שווער קראַנק
געוואָרן, גלייב איך, אַז סיי מיין אײדעם לאַרס, סיי מיין טאָכטער
אַננאַ האָבן געוואַרט, אַז עריק זאָל צורופֿן לאַרסן צום בעט, —
פּונקט ווי עריק אַליין איז אַמאָל צוגערופֿן געוואָרן דורך מיין פֿאָ-
טער. איך האָב אַרויסגענומען די זאַכן, כּדי ער זאָל זיי האָבן אונ-
טער דער האַנט, אויב ער וואָלט זיי געוואָלט אָוועקשענקען לאַרסן.
אָבער עריק האָט צומאָל נישט דערמאַנט וועגן דעם.
דאָס קול פֿון דער אַלטער באַלעבאָסטע האָט זיך געבראָכן, און
בעת זי האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן, זענען די ווערטער אירע אַרויס-
געקומען ציטערדיקע, נישט-דרייסטע.
— איינמאָל, ווען אַ חוץ אונז ביידע איז קיינער נישט גע-
ווען אין שטוב, האָב איך אים געפֿרעגט, וואָס ער האָט בדעה צו
טון מיט דידאָזיקע זאַכן. נו, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז איך
האָב אַ ברירה צו טון מיט זיי, ווי עס געפֿעלט מיר. אויב איך וויל
קאָן איך זיי נאָך זיין טויט אָוועקשענקען לאַרסן. איבעריקנס, האָט
ער שוין נישט קיין כּוח צו האַלטן אַ דרשה פֿאַר אים, ווי עס פֿאָ-
דערט זיך אין אַזאַ מאָמענט — האָט עריק געזאָגט.
באַ די רייד האָט די אַלטיטשקע פֿונאַנדערגענומען די פֿאַ-
טשיילע, און איצט האָט יאַן דערזען, אַז זי האָט דאָרטן געהאַט
באַהאַלטן אַן אומגעווייגלעך לאַנגן שטעקן מיט אַ גרויסער זילבער-
נער גאַלקע און אויך אַ הויכן, שטייפֿן קאַשקעט.
— פֿאַראַן אַזעלכע ווערטער, וועלכע עס איז שווער אַרויס-
צוברענגען פֿאַרן מויל, — האָט זי מיט טיפֿן ערנסט געזאָגט. —
דערום בעט איך אייך, יאַן, ענטפֿערט מיר בלויז מיט אַ צייכן, אויב
איר קאָנט נישט אַנדערש, — צי איז לאַרס ראָוי דערצו, אַז איך
זאָל אים איבערגעבן דידאָזיקע זאַכן?
יאַן האָט זיך אַ פֿאַרחידושטער אָפּגערוקט אויף אַ שריט צו-
ריק. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזוינס, וואָס ער האָט שוין לאַנג

נישט געקלעדט דערפון. אים האָט זיך איצט געדאַכט, אַז עריק איז שוין טויט אַזוי פיל יאָרן, אַז ער געדענקט שוין נישט, וואָס דע־מאָלסט איז פאָרגעקומען.

— פאַרשטייט איר מיך. יאַן, איך וואָלט נישט מער געוואָלט וויסן, צי לאַרס קאָן צונעמען דעם שטעקן און דאָס היטל מיטן זעלבן רעכט און מיט אַזאַ ריין געוויסן, ווי עריק האָט געהאַט, ווען ער האָט זיי צוגענומען בײַ מיין פאָטער? דאָס ווייסט איר זייער גוט, ווייל איר זענט דאָך מיטגעווען מיט אים אין וואַלד! — — —

יאַן האָט נאָך אַלץ געשוויגן, דאַן האָט זי ווייטער גערעדט:

— עס וואָלט פאַר מיר זייער גוט געווען, ווען איך זאָל מיט אַ רויק האַרץ קאָנען אָוועקשענקען די זאַכן לאַרסן. איך גלייב, אַז די איצטיקע יונגע באַלעבאַטים פון פאַליאַ וואָלטן מיך דאַן בעסער באַהאַנדלט! — — —

דאָס קול האָט זיך איר ווידער געבראָכן, און יאַן האָט ערשט איצט אָנגעהויבן פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט זיך דאָס לעצטע האַל־בע יאָר אַזוי שנעל געעלטערט. זיינע אייגענע געדאַנקען זענען לעצטנס געווען פאַרנומען מיט קלאַראַ גולאַן, אַזוי אַז ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די רעיונות וועגן נקמה־נעמען אָן דעם נייעם באַ־לעבאָס.

— דאָס בעסטע איז צו לעבן בשלום און מוחל זיין יעדן איינעם, — האָט ער שטיל געזאָגט. — דאָס איז דער בעסטער וועג אין לעבן!

די אַלטיטשקע האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

— אַזוי זאָגט איר, יאַן? נו, איז עס דאָך טאַקע, ווי איך האָב די גאַנצע צייט געגלייבט, — האָט זי שאַרף אויסגערופן.

זי האָט זיך שטייף אויסגעגלייכט, אַזוי אַז זי איז מיטאַמאָל געוואָרן עפּעס אַזוי אויסטערליש הויך.

— איך וויל אייך נישט פרעגן, ווי אַזוי ס׳איז דאָרט צוגע־גאַנגען אין וואַלד. ס׳איז אפשר בעסער פאַר מיר, אַז איך ווייס עס נישט. אָבער איין זאַך איז מיר שוין איצט קלאָר: לאַרס טאָר זיך נישט צורירן צו מיין פאָטערס שטעקן!

זי האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעקערט צום אַוועקגיין, אָבער דאַן איז זי ווידער שטיין געבליבן און נאָכאַמאָל זיך געווענדט צו יאַנען.

— הערט זיך צו, יאַן, — האָט זי געזאָגט. — נאַט אייך דעם שטעקן און דאָס היטל אויך. איך וויל, אַז די זאַכן זאָלן זיך געפינען אין גוטע, ערלעכע הענט. איך וואַג דאָס נישט צוריק אַהיימצוטראָגן, ווייל זיי וואָלטן מיך געקאָנט צווינגען, איך זאָל עס געבן לאַרסן. באַהאַלט דאָס פאַר אייערטוועגן, אַלס אָנדענק פון אייער אַלטן באַלעבאָס, וועלכער האָט אייך תמיד אין זינען געהאַט צום גוטן!

זי איז אַוועקגעגאַנגען אַ גלייכע און שטאָלצע, און יאַן איז דאָרט שטיין געבליבן מיטן שטעקן און היטל אין דער האַנט.

ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי דאָס איז געשעען. ער האָט זיך עס קיינמאָל נישט געהאַט פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל נאָך באַם לעבן זוכה זיין צו אַזאַ גרויסן כבוד! צי זאָל טאַקע דאַסדאָזיקע ירושה־צירונג, דידאָזיקע בכבודיקע פאַמיליע־חפצים, פאַרבלייבן זיין אייגנטום?

אָבער מיטאַמאָל איז אים די זאַך קלאָר געוואָרן. אין דעם אַלעם האָט געשטעקט קלאַראַ גולאַס האַנט. די אַלטע באַלעבאָסטע פון פאַליאַ האָט נאַטירלעך געוווּסט, אַז ער וועט באַלד אַזוי דער־הויבן ווערן, אַז קיין שום זאַך איז פאַר אים שוין צו טייער און צו חשוב. אגב, אויב דער גאַנצער שטעקן וואָלט אפילו גע־מאַכט געווען פון ריין זילבער און דאָס היטל פון גאָלד, וואָלט עס זיכער געווען אַ מער אַנטשפּרעכנדיקע מתנה פאַר קלאַראַ גולאַס פאָטער!...

אין זיידענע קליידער

אַ לאַנגע צייט איז נישט געקומען קיין בריוו פון קלאַראַ גולאַן, אָבער יאַן האָט זיך שוין איצט נישט אַזוי שטאַרק געקימערט וועגן דעם. וואָרים ער האָט דאָך געוווּסט, אַז זי שווייגט בלויז דערפאַר, כּדי שפּעטער נאָך מער איבערראַשן און דערפרייען די עלטערן, ווען עס וועט פאַר איר קומען די צייט באַקאַנט צו מאַכן די גרויסע, דערשטוינענדיקע נייעס.

אָבער פונדעסטוועגן האָט עס יאַנען שטאַרק הנאה געטון, וואָס עס איז אים פאָרט געלונגען צו כאַפּן אַ בליק אין אירע קאָרטן. אַז נישט וואָלט ער זיך נאָך געקאָנט לאָזן מאַכן צום נאַרן קאָפּ פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי ווייסן פיל מער, ווי די אייגענע טאַטע־מאַמע, מיט וואָס קלאַראַ גולאַ פאַרנעמט זיך אין דער גרויסער שטאָט, און אויף וואָס פאַראַ וועג זי איז דאָרט אַוועק.

אָט, למשל, איז ווערט צו דערציילן, וואָס עס איז געשעען מיט קאַטרינאַן, ווען זי איז אַמאָל אין אַ זונטיק אַוועק אין דער קירך אַריין.

זי איז געגאַנגען אין דער קירך אַריין דעם ערשטן אַדווענטזונטיק, און ווען זי איז צוריקגעקומען, איז זי געווען זייער נידערגעשלאָגן און טרויעריק.

זי האָט דאָרט געזען עטלעכע יונגע בחורים, וואָס זענען צוריקגעקומען פון שטאָקהאָלם, וווהין זיי זענען אין האַרבסט אַוועקגעפאָרן אויף בויאַרבעט. זיי זענען איצט געשטאַנען פאַר דער קירך און פריילעך געשמועסט מיט אַנדערע יונגעלייט. — ווען קאַטרינאַ האָט זיי דערזען, האָט זי געקלערט, אַז פון זיי וועט זי אפשר קאָנען עפּעס געוווּיר ווערן וועגן קלאַראַ גולאַן. דעריבער איז זי צוגעגאַנגען און געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט זיי.

זיי האָבן, ווייזט־אויס, גראָד געהאַלטן אין דערציילן עפּעס לוסטיקע מעשיות; די מאַנסליים האָבן אַזוי הויך געלאַכט, אַז קאַטערינאַ איז פאָרגעקומען, ווי אַ חילול־הקודש, צו טון אַזוינס, בעת זיי שטייען אַזוי נאָענט פון דער קירך. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, אַליין אויך זיך געכאַפּט, אַז זיי פאַרהאַלטן זיך נישט אַנשטענדיק, וואָרים, ווי נאָר קאַטערינאַ האָט זיך דערנענטערט צו זיי, האָבן זיי זיך קעגנזייטיק אָנגעשטויסן מיט די עלנבויגנס און אַנטשוויגן געוואָרן.

זי האָט אָבער נאָך באַוויזן צו הערן אַ פּאָר ווערטער פון אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען מיטן רוקן צו איר, אַזוי אַז ער האָט נישט געזען זי אָנקומען.

— און שטעלט אייך נאָר פאָר, זי איז איצט אַנדערש נישט געוווינט, ווי נאָר צו טראָגן בלויז זיידענע קליידער...

אָבער אין דערזעלבער רגע האָט ער באַקומען אַזאַ העפּטיקן שטויס פון אַ יונג מיידל, וואָס איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט אים, אַז אויך ער איז אינמיטן אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אומגעקוקט, און דערזעענדיק קאַטערינאַן הינטער זיך, איז ער ווי אַ בוראַק רויט געוואָרן. אָבער באַלד דערנאָך האָט ער מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון און הויך אויפן קול געזאָגט:

— וואָס פעלט דיר אייך? פאַרוואָס זאָל איך נישט טאָרן זאָגן, אַז די קייסערין טראָגט בלויז זייַדענע קליידער?...

ווי נאָר ער האָט דאָס געזאָגט, האָט חברה יונגוואַרג אַרויסגעפּלאַצט אין אַ נאָך הילכיקער געלעכטער. קאַטערינאַ איז שווייגנדיק דורכגעגאַנגען און נישט געקאָנט פועלן באַ זיך, צו פרעגן זיי אויף קלאַראַ גולאַן.

זי איז אַהיימגעקומען פון קירך אַזאַ אומעטיקע, אַז יאַן האָט איר שוין געוואָלט דערציילן, ווי עס דערגייט אויף אַן אמת קלאַראַ גולאַן. אָבער ער האָט זיך מישב געווען און געבעטן, זי זאָל נאָכאַמאָל איבערחזרן, וואָס די יונגעלייט האָבן געזאָגט וועגן דער קייסערין.

זי האָט אים צוליב געטון.

— אָבער זיי האָבן דאָס געזאָגט, בלויז כדי צו פאַרבאָרגן פאַר מיר דעם אמת, — האָט קאַטרינאַ צום סוף דערקלערט.

יאַן האָט זיך נאָך אַלץ מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן. ער האָט אָבער ווי נישט ווילנדיק פאַרצויגן די ליפּן צו אַ שמייכל.

— וועגן וואָס קלערסטו איצט? — האָט קאַטרינאַ גע־פרעגט. — דו האָסט שוין עטלעכע טעג עפּעס אַזאַ אויסטערלישע מינע אויפן פּנים! דו ווייסט אפשר, וואָס די חברהלייט האָבן געמיינט?

— ניין, פונוואַנען זאָל איך וויסן? — האָט יאַן געענט־פערט. — אָבער אַזוי פיל צוטרוי מעגן מיר נאָך האָבן צו אונזער מיידעלע, מיין ליבע קאַטרינאַ, אַז מיר זאָלן גאָרנישט צווייפלען און זיין זיכער, אַז אַלץ איז דאָרט, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— אָבער, איך שרעק מיך אַזוי — — —

— ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט צו רעדן, נישט פאַר זיי, און נישט פאַר מיר, — האָט יאַן פייערלעך געזאָגט. — מסתמא האָט קלאַראַ גולאַ אַליין געבעטן די בחורים, אַז זיי זאָלן אונז דערווייל נאָך גאָרנישט דערציילן. און אויך מיר ביידע דאַרפן זיך פאַרהאַלטן רויק, לאָמיר וואַרטן און שווייגן. וועסט זען, אַז אַלץ וועט אויסגיין צום גוטן, ליבע קאַטרינאַ!

די שטערן

אין אַ שיינעם העלן טאָג איז די „משוגענע אינגעבאָרג" אַריינ־געקומען אין דעם שייער, ווו יאַן האָט געדראָשן תבואה. עס האָט שוין דעמאָלט געקאָנט זיין אַן ערך אַכט חדשים, זינט קלאַראַ גולאַ איז אַוועק פונדערהיים.

אינגעבאָרג איז געווען זיינס אַ שוועסטער, אָבער יאַן האָט זי זעלטנס־ווען פאַר די אויגן געזען, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר קאַטרינאַן. און אויך איצט האָט זי אים אויפגעזוכט, בעת ער

האָט געאַרבעט אין דעם תּבֿואה־שייער פֿון פּאַליאַ, כּדי אויסצומיידן זיך צונויפֿצוטרעפֿן מיט איר שוועגערין.

יאַן האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק דערפֿרייט מיט איר, בשעת ער האָט זי דערזען. אין אמתן איז זי נישט געווען קיין משוגענע, ניין, דאָס נישט; אָבער זי איז אויך נישט געווען באַם קלאָרן שכל, און חוצדעם, האָט זי אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין רעדן, וואָס איינס צום צווייטן איז נישט געקומען.

יאַן האָט ווייטער געאַרבעט מיט זיין דרעשעטעקן, ווי ער וואָלט זי כּלומרשט נישט געזען אַריינקומען.

— הער־אויף אַ ווײַלע צו דרעשען, יאַן! — האָט זי געזאָגט, — איך וויל דיר דערציילן, וואָס ס׳האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט וועגן דיר!

— וועסט מיר דערציילן אַ צווייט מאָל, אינגעבאָרג! — האָט ער געענטפֿערט. — ווי נאָר לאַרס גונאַרסאָן וועט דערהערן, אַז איך רו מיך אָפּ פֿון דרעשען, וועט ער תּיכּף אַריינקומען געוויר ווערן, וואָס ס׳איז דאָ געשען אַזוינס.

— איך וועל עס דיר דערציילן אַזוי גיך, אַזוי גיך! — האָט די „משוגענע אינגעבאָרג" געפּלאַפּלט. — דו געדענקסט דאָך, אַז איך בין געווען די קלוגסטע פֿון אַלע קינדער אינדערהיים. אַלע אַנדערע האָבן דאָך צו גאָרנישט געטויגט. — צו קיין שום זאַך נישט, און ס׳איז טאַקע איצט אויך נישטאָ מיט וועמען זיך צו באַרימען!...

— דו האָסט דאָך מיר געוואָלט דערציילן אַ חלום, — האָט יאַן דערמאָנט.

— באַלד, באַלד! דו האָסט דיך נישט וואָס צו שרעקן... איך פֿאַרשטיי, כ׳פֿאַרשטיי... אוודאי... ס׳אַ שטרענגער באַלעבאָס, דער נייער באַלעבאָס פֿון פּאַליאַ... כ׳ווייס, כ׳ווייס... אָבער פֿאַר מיר דאַרפֿסטו דאָך נישט מורא האָבן. דו וועסט נישט כאַפּן פֿון אים קיין אָפּשניט צוליב מיר. דער וואָס געפֿינט זיך לעבן מיר, האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, — אַזאַ קלוגע, ווי איך בין!

יאַן האָט אפֿילו גערן געוואָלט הערן, וואָס א״ר האָט זיך געקאָנט חלומען וועגן אים. וואָרים, ווי זיכער ער איז נישט געווען

אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון זײַנע האָפֿנונגען, האָט ער דאָך אומעטום געזוכט אַ באַשטעטיקונג פֿאַר זיי. אָבער די „משוגענע אינגעבאָרג״ האָט איצט געבלאָנדזשעט איבער די שטעגן פֿון אירע אייגענע צעשטרייטע געדאַנקען און עס איז שוין נישט מעגלעך געווען זי אָפּצוהאַלטן.

זי איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו יאַנען, בײַ יעדער פֿראַזע זיך אָנגעבויגן, געמרוזשעט די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און גערעדט אַזוי שנעל, אַז די ווערטער האָבן איר פֿונעם מויל געשפּריצט.

— דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, יאַן! ניין, גאָרנישט! צי וואָלט איך מיך דען דערוועגט אַרײַנצוגיין צו עמעצן אין שייער פֿון פֿאַליאַ, בשעת יענער האַלט אין דרעשען די תּבֿואה, ווען איך וואָלט נישט געוווּסט, אַז דער באַלעבאָס איז אין וואַלד אַרײַן אַוועקגעגאַנגען און די באַלעבאָסטע איז אויפֿן מאַרק אַוועק, פּוטער פֿאַרקויפֿן? „איר זאָלט זיי שטענדיק פֿאַר די אויגן האָבן״... שטייט אין קאַטעכיזם, און דאָס איז אַלעמאָל מײַן ווערטל. נישקשה, איך ווייס, אַז כ׳מוז מיך גוט היטן דאָ אַהער צו קומען, ווען זיי קאָנען מיך זען!

— שמועס נישט אין וועג, אינגעבאָרג — האָט יאַן אַ געשריי געטאָן. — איך קאָן דיר נאָך טרעפֿן מיטן דרעששטעקן אין קאָפּ אַרײַן!

— ס׳שאַדט נישט! געדענקסט, ווי איר, ייִנגלעך, פֿלעגט מיך שלאָגן אינדערהיים? און ווער ס׳וויל, שלאָגט מיך נאָך הײַנט אויך. נאָר, אויב ס׳גייט וועגן קענטעניש אין רעליגיע, קאָן זיך קיינער נישט גלײַכן צו מיר. „אינגעבאָרגן קאָן קיינער נישט כאַפּן אויפֿן האַטשיק״, — אַזוי זאָגט דער דעקאַן, — „זי ווייסט אַלצדינג״. און כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז כ׳בין שטאַרק באַפֿרײַנדעט מיט די יונגע פֿרײַלינס פֿון לעיוודאַלאַ. איך לייען זיי פֿאָר גאַנצע שטיקער פֿונעם קאַטעכיזם, סײַ די פֿראַגן, סײַ די ענטפֿערס, אַלצדינג פֿונעם אָנהייב ביזן סוף. ווי דו זעסט, אַלזאָ, האָב איך זייער אַ גוטן זכּרון! איך קאָן אַפֿילו פֿון אויסנווייניק די גאַנצע ביבל און גאַנץ תּהילים, און אויך אַלע דרשות פֿונעם דעקאַן, וואָס ער האָט אין דער קירך געהאַלטן. אפֿשר זאָל איך דיר עפּעס פֿאָרלייענען, אָדער אפֿשר ווילסטו גאָר, איך זאָל פֿאַר דיר אַ קאַפּיטל תּהילים זינגען?

יאַן האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אויפסניי זיך גענומען צום דרעשען.

די „משוגענע אינגעבאָרג" האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ גאַרב תבואה, אָפּגעזונגען אַ צוואַנציק פסוקים פון תהילים און פאַרגעלייענט אויסנווייניק אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון דער ביבעל. צום סוף האָט זי זיך אויפגע־הויבן און פאַרלאָזט דעם שייער, נישט זאָגנדיק צומאָל קיין „גוטן טאָג". אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי שוין ווידער באַ דער טיר זיך באַוויזן.

— זײַ נאָר שטיל אַ רגע... זײַ שטיל! — האָט זי אויס־גערופן. — איצט וועל איך זאָגן בלויז דאָס, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן. אָבער זײַ שטיל, שאַ־שטיל!...

זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און אָנגעוויזן בלויז מיטן ווײַז־פינגער. און אַליין איז זי אומבאַוועגלעך שטיין געבליבן און ברייט די אויגן צעעפנט.

— קיין שום אַנדערע געדאַנקען!... אַוועק מיט זיי!... קיין שום אַנדערע געדאַנקען!... — האָט זי צו זיך אַליין גע־רעדט. — לאָמיר צו דער זאַך רעדן! אָבער הער־אויף אַ רגע צו דרעשען!...

זי האָט געוואַרט ביז יאַן האָט זי געפאָלגט.

— דו ביסט מיר די נאַכט צו חלום געקומען, — יאָ, אַזוי איז געשעען... דו ביסט צו מיר צוגעקומען און איך האָב דיך גע־פרעגט: „דו מאַכסט, זע איך, אַ שפּאַציר, דו, יאַן פון אַסקעדאַ־לאַרנאַ"?*) — „ניין", האָסטו געזאָגט, איך הייס שוין איצט יאַן פונעם „בענקשאַפטסטאָל". — „אַזוי גאָר? נו, טאָ נאַ־זשע דיר שלום־עליכם" — האָב איך געזאָגט. „איך באַגריס דיך אַלס אַלט־באַזעסענע פונעם דאָזיקן טאָל, ווײַל דאָרט האָב איך מײַן גאַנץ לעבן פאַרבראַכט!" — — —

ווי נאָר זי האָט דאָס געזאָגט, איז זי ווידער פאַרשוווּנדן

---

*) דערדאָזיקער נאָמען באַדײַט: טאָל פון אַסינעבוימער. מ. פּ.

פונם שייער. און יאַן האָט זיך פאַרטראַכט וועגן אירע רייד. ער האָט זיך נישט גלייך גענומען צו דער אַרבעט, נאָר איז דאָרט אומבאַוועגלעך געשטאַנען און געקלערט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי אויפסניי אַריינגעקומען.

— איצט האָב איך מיך שוין דערמאָנט, צוליב וואָס איך בין דאָ אַהערגעקומען, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב דיר געוואָלט ווייזן מיינע שטערן.

זי האָט געהאַט הענגען אויפן אָרעם אַ קליינעם קאָרב, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שמאַטע. בשעת זי האָט אויפגעקניפּט די שמאַטע, האָט זי געהאַלטן אין איין פּלוידערן.

— דאָס זענען אמתע שטערן! — האָט זי דערקלערט. — דער מענטש, וואָס וווינט אין „בענקשאַפטסטאָל" קאָן זיך נישט צופרידנשטעלן מיט ערדישע זאַכן, נאָר ער מוז תמיד זוכן שטערן. ער קאָן נישט אַנדערש טוען. דו מוזט זיך איצט אויך אַוועקלאָזן זוכן שטערן.

— ניין, אינגעבאָרג, מוחל... — האָט יאַן געזאָגט. — איך וויל בעסער זיך האַלטן בײַ ערדישע זאַכן.

— שווייג שטיל! — האָט זי אויסגערופן. — דו מיינסט, אַז כ'בין אַזוי משוגע, אַז כ'וויל גרייכן צו די שטערן, וואָס לייכטן אין הימל? ניין, איך זוך בלויז אַזעלכע, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן. איך בין דאָך עפּעס אַ מענטש מיט שכל אין קאָפּ!

זי האָט געעפנט דעם קאָרב, און יאַן האָט דערזען, אַז ער איז פול מיט פאַרשידענע סאָרטן „שטערן". זי האָט זיי מסתמא אויסגעבעטלט אין די רייכע פויערשע און פריצישע הייף; דאָס זענען געווען „שטערן" פון צין, בלעך, פּאַפּיר און גלאָז, מערסטנטייל שפּילצייג פאַר קינדער אָדער באַפּוצונגען פון ווייַנאַכטסביימער און קאַרמעלן.

— דאָס זענען אַלץ אמתע שטערן! — האָט זי אים נאָכאַמאָל פאַרזיכערט. — זיי זענען אַראָפּגעפאַלן פון הימל. נאָר דיר אַליין ווייז איך זיי; און אויב דו וועסט דאַרפן עטלעכע שטערן,

איידער דו וועסט געפינען דיינע אייגענע, וועל איך דיר דערוויל געבן פון מיינע.

— אַ שיינעם דאַנק דיר, אינגעבאָרג! — האָט יאַן גע־זאָגט. — אַז עס וועט קומען די צייט, ווען איך וועל דאַרפן האָבן שטערן, און דאָס קאָן אפשר געשעען גאָר אינגיכן, וועל איך מיך געוויס נישט צו דיר ווענדן נאָך אַזעלכע זאַכן. אָ, ניין, נישט צו דיר! — — —

איצט איז זי שוין ענדלעך אַוועק, די „משוגענע אינגעבאָרג". אָבער ס'האָט נאָך געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע ביז יאַן האָט זיך ווי־דער גענומען צום דרעשען.

אויך דאָס איז, אַלזאָ, געווען אַן אָנווייז, האָט יאַן געטראַכט. נישט ווײַל אַזאַ משוגענע ווי אינגעבאָרג זאָל קאָנען האָבן געוווּסט עפּעס וועגן קלאַראַ גולאַס אויפפירן זיך אין דער פרעמד; נאָר זי איז פונדעסטוועגן געווען אַזאַ איינע, וואָס האָט אינסטינקטיוו געקאָנט דערפילן, אויב עס איז ווירקלעך געשעען עפּעס אויסטערלישס. זי האָט געקאָנט הערן און זען אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע מענטשן מיט קלאָרן שכל האָבן אפילו קיין אַנונג נישט געקאָנט האָבן.

אין דערוואַרטונג

דער אינזשיניער באָרעאוס פון באָרג פלעגט כמעט יעדן פאַרמיטאָג מאַכן אַ שפּאַציר צום שיפּאָפּשטעל און זיך צוקוקן, ווי דער דאַמפער קומט־אָן און שווימט־אָפּ. אין דעם איז, נאַטירלעך, נישט געווען קיין שום אויסטערלישס. פונם באָרגישן פּאַלאַץ ביז צום שיפּאָפּשטעל איז געווען בלויז אַ קליין שטיקל וועגס דורך דעם שיינעם סאָסנעפּאַרק; און חוצדעם, האָט זיך צווישן די פּאַ־סאַזשירן אויף דער שיף אַלעמאָל געפונען אַ מענטש, מיט וועמען ער האָט געקאָנט אַ קורצן שמועס כאַפּן. דאָס איז פאַר אים גע־

ווען אַן אָנגעזעמע אָפּוועקסלונג אין דעם מאָנאָטאָנעם לעבן אויפֿן דאָרף.

גראָד אויף יענעם אָרט, וווּ דער וועג צום שיפֿאָפּשטעל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שאַרפֿער משופּעקייט, האָבן פֿון דער ערד אַרויסגעשטאַרצט עטלעכע גרויסע, גאָלע, פֿלאַכע שטיינער. עס פֿלעגט אָפֿט טרעפֿן, אַז מענטשן, וואָס זענען געקומען פֿון ווייט, האָבן זיך אויף די דאָזיקע שטיינער אַנידערגעזעצט וואַרטן אויפֿן דאַמפֿער.

דעריבער פֿלעגט טאַקע קיינמאָל נישט פֿעלן קיין וואַרטנדיקע באַם שיפֿאָפּשטעל אין באַרג, ווייל מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט גענוי וויסן, ווען דער דאַמפֿער וועט אָנקומען. פֿאַר צוועלף אַ זייגער איז ער, וואָס אַן אמת, זעלטן ווען אָנגעקומען, אָבער מען האָט אויך קיינמאָל נישט געקאָנט זיין זיכער, צי ער וועט נישט אַמאָל שוין אַרום עלף זיין באַם בריקל; עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן געווען, אַז מען זאָל דאָרט דאַרפֿן וואַרטן ביז איינס און צוויי אַ זייגער. ווער עס האָט אַלזאָ נישט געוואָלט פֿאַרשפּעטיקן דעם דאַמפֿער, איז שוין אַרום צען אַ זייגער געווען באַם בריקל, און אַ סך מאָל פֿלעגט מען דאָרט אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג אָפּזיצן אויף די פֿלאַכע שטיינער.

דורך דעם פֿענצטער פֿון זיין קאַבינעט אין באָרג האָט דער אינזשיניער באַרעאַוס געהאַט זייער אַ פּרעכטיקן אויסבליק אויף דער אָזערע לעיוועז; ער האָט געזען, ווי דער דאַמפֿער קריכט אַפֿער פֿון הינטער די ערדשפּיצן און פֿלעגט דעריבער קומען צום בריקל אין דער ריכטיקער צייט. דער אינזשיניער האָט, אַלזאָ, קיינמאָל נישט באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען אַן אָרט אויף די פֿלאַכע שטיינער. אָבער, פֿאַרבייגייענדיק, פֿלעגט ער אַלעמאָל וואַרפֿן אַ בליק אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט אָוועקגעזעצט וואַרטן.

אין אַ געוויסן זומער האָט ער באַמערקט אַ קליינעם מאַנספֿאַרשוין מיט אַ מילדן און פֿריינטלעכן פּנים־אויסדרוק. דער דאָזיקער פֿאַרשוין פֿלעגט יעדן טאָג וואַרטן אויפֿן דאַמפֿער. ער האָט זיך רויק און גלייכגילטיק געקוקט אין דער ווייטקייט, ביז די שיף פֿלעגט זיך באַווייזן. דאַן איז ער מיט אַ העל־שטראַלנדיק פּנים אויפֿ-

געשפּרונגען פון די שטיינער און שנעל אַראָפּגעלאָפן צום אָפּ־שטעל, פאַרנעמענדיק אַן אָרט באַם סאַמע ראַנד פונם בריקל, גלייך ער וואָלט דאָרט זיכער געהאַט עמעצן אָפּצוואַרטן פון די פּאַסאַ־זשירן. אָבער קיינער איז צו אים נישט אַראָפּגעקומען. ווען די שיף איז צוריק אַוועק, פלעגט ער דאָרט שטיין בלייבן פונקט אַזוי איינזאַם ווי פריער.

דאַן איז די פרייד אויף זיין פּנים פאַרלאָשן געוואָרן, און ווען ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן וועג אַהיים, האָט ער גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַלטן, מידן מאַן. אין פלוג האָט זיך אפילו געקאָנט דאַכטן, אַז ער וועט קיין כּוח נישט האָבן זיך אַרויפ־צושלעפּן אויפן משופּעדיקן ברעג.

דער אינזשיניער האָט נישט געוווּסט ווער דערדאָזיקער פאַר־שוין איז. אָבער אין אַ שיינעם זוניקן טאָג, ווען ער האָט אים ווידער געזען דאָרט זיצן און קוקן אויפן וואַסער, האָט ער פאַר־פירט אַ שמועס מיט אים. ער האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז דער קליינער פאַרשוין וואַרט דאָ אויף זיין טאָכטער, וועלכע איז אַוועק־געפאָרן פונדערהיים, און איצט וואַרט ער זי אָפּ באַם שיפאָפּשטעל.

— צי ווייסט איר דען באַשטימט, אַז זי וועט היינט קו־מען? — האָט דער אינזשיניער געפרעגט. — ס'איז שוין צוויי חדשים, ווי איך זע אייך דאָ יעדן טאָג. מסתּמא, האָט זי אייך פריער נישט ריכטיק צו וויסן־געטון?

— הייבט זיך נישט אָן, — האָט דער אומבאַקאַנטער דאָרפס־מענטש געזאָגט — קיין נישט־ריכטיקע ידיעות האָט זי אונז נישט צוגעשיקט.

— אָבער, אום גאָטס ווילן, — האָט דער אינזשיניער גע־זאָגט שוין אַ ביסל העפטיקער, ווייל ער איז געווען אַ שנעל דער־צאָרנטער מענטש, — וואָס מיינט איר דערמיט? אין פאַרלויף פון צוויי חדשים צייט זענט איר דאָ טאָג־טעגלעך געזעסן און זי אָפּ־געוואַרט, אייער טאָכטער, און איר קאָנט נאָך זאָגן, אַז זי האָט אייך נישט געשיקט קיין נישט־ריכטיקע ידיעות וועגן דער צייט פון איר אַהיימקומען?

— ניין, — האָט דאָס קליינע פויערל געזאָגט און מיט זיי־

נע מילדע, וואָסערדיק קלאָרע אויגן אַ קוק־געטון אויף דעם אינ־זשיניער, — דאָס האָט זי נישט געטון, פּשוט דערפֿאַר, ווייל זי האָט אונז בכלל גאָרנישט צו וויסן־געטון.

— איר האָט, אַלזאָ, נישט דערהאַלטן קיין שום בריוו פֿון איר? — האָט דער אינזשיניער געפֿרעגט.

— ניין, מיר האָבן שוין זינט דעם ערשטן אָקטאָבער פֿון פֿאַריקן יאָר אָן נישט דערהאַלטן קיין בריוו פֿון איר.

— פֿאַרוואָס־זשע קומט איר יעדן טאָג דאָ אַהער? — האָט באַרעאוס זיך געחידושט. — איר זיצט דאָ אָפּ האַלבע טעג, גאָר־נישט טועגדיק. ווי קאָנט איר גאָר אומזיסט־אומנישט פֿאַרלאָזן אייער אַרבעט אויף אַזוי פֿיל שעהן?

— אמת... ס׳איז טאַקע אַ גרויסע עוולה פֿון מיר, — האָט דער קליינער מאַן געזאָגט און ווי צו זיך אַליין געשמייכלט — אָבער, נישקשה, עס וועט שוין אַלץ גוט זיין!

— געוואַלט געשריגן, ווי קאָן מען דאָס זיין אַזאַ שוטה, אַזאַ בהמה, — האָט דער אינזשיניער באַרעאוס אויסגערופֿן מיט גרימ־צאָרן, — ווי קאָנט איר גאָר זיצן דאָ באַם בריקל און וואַרטן אָן אַ שום סיבה? מען וואָלט אייך, כ׳לעבן, געדאַרפֿט אין אַ משוגעים־הויז פֿאַרשפּאַרן!

דאָס פֿויגל האָט גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט אַרומגענו־מען די קני זיינע מיט די הענט און פֿאַרבליבן זיצן שטיל און פֿאַרטראַכט, גלייך ווי נישט אים וואָלט מען דאָ געמיינט מיט די זלזולים. דאָס שמייכעלע האָט זיך אַלץ מער צעשטראַלט אויף זיין פּנים און מיט יעדער סעקונדע געוואָרן אַלץ זיגערישער, זעלבסט־זיכערער.

דער אינזשיניער האָט אַ הייב־געטון די אַקסלען, אים זיצן געלאָזט און אַוועקגעגאַנגען. אָבער אינמיטן וועג איז ער שטיין גע־בליבן, חרטה געקריגן און זיך צוריק אומגעקערט. אויף זיין פּנים האָט זיך איצט צעלייגט אַ פֿריינטלעכער אויסדרוק, און די שטענ־דיקע ביטערקייט, וואָס זיינע פּנים־שטריכן פֿלעגן אויסדריקן, איז אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט איצט געפֿילט גרויס מיט־

לייד צו דעמדאָזיקן אָרימען מענטש; ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו אים און אים די האַנט דערלאַנגט.

— איך האָב אייך נאָר געוואָלט בלויז די האַנט דריקן, — האָט ער געזאָגט. — פריער האָב איך געמיינט, אַז איך בין דער איינציקער אין דערדאָזיקער געמיינדע, וועלכער ווייסט וואָס אמתע בענקשאַפט איז, אָבער איצט, זע איך, אַז דאָ איז פאַראַן נאָך איי־נער, וואָס קען זיך דערויף פיל בעסער פון מיר.

די קייסערין

דרייצען חדשים זענען שוין פאַרביי, זינט קלאַרא גולא פון סקרוליקא איז אַוועקגעפאָרן פון איר היים. אָבער איר פאָטער, יאַן, האָט נאָך ביז איצט מיט קיין איין וואָרט נישט פאַרראָטן, אַז ער ווייסט עפּעס וועגן די גרויסע, דערהויבענע געשעענישן, וואָס זע־נען בא איר פאָרגעקומען. ער האָט זיך פאָרגענומען צו שווייגן ביז זי אַליין וועט צוריקקומען; אויב קלאַרא גולא וועט נישט חושד זיין, אַז ער ווייסט שוין עפּעס נאָך פון פריער, וועט עס פאַר איר זיין אַ פיל גרעסערע פרייד איבערצוראַשן אירע עלטערן מיט איר הער־לעכקייט און פּראַכט, וואָס זי האָט דערגרייכט אין דער גרויסער שטאָט.

אָבער אויף אונזער וועלט קומען פאָר פיל מער אומגעריכטע געשעענישן, ווי די, אויף וועלכע מיר ריכטן זיך מיט זיכערקייט. עס איז געקומען אַ טאָג, אין וועלכן יאַן האָט געמוזט „אַוועקנע־מען די האַנט פון האָרץ" און אויסזאָגן, וואָס ער ווייסט. און נישט צוליב זיך אַליין האָט ער עס געטון; ער וואָלט בתשועת־חן ווי־טער געטראָגן זיינע צעפליקטע קליידער, און ווי לאַנג ס'וואָלט נייטיק געווען, ווייטער געלאָזט די מענטשן מיינען, אַז ער איז נישט עפּעס מער, ווי אַן אָרימער לאַסטאַרבעטער. בלויז צוליב

דעם טייערן מיידעלע איז ער געצוווּנגען געווען דעם גרויסן סוד צו אַנטפּלעקן.

אין אַ געוויסן טאָג, — אָנהייב חודש אויגוסט, — איז ער ווידער געזעסן באַם בריקל און געוואַרט אויף זיין טאָכטער. ער האָט זיך אַלנפאַלס נישט געקאָנט אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן צו גיין יעדן טאָג צום שיפּאָפּשטעל, כדי בייצוווינען איר אָנקום. ער איז געווען איבערצייגט, אַז זי קאָן אים דאָס נישט פאַראיבל האָבן.

דער דאַמפּער איז צוגעשוווּמען צום בריקל און יאַן האָט דערזען, אַז קלאַראַ גולאַ איז אויך דאָסמאָל נישט געקומען. ער האָט אָבער געהאַט געגלייבט, אַז זי וועט דאָס מאָל שוין האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלצדינג און צוריק אַהיימקומען. אָבער מסתמא האָבן זיך איר ווידער געמאַכט נייע שטערונגען, אַזוי ווי ס'איז דעם גאַנצן זומער געשעען. נו, מילא, פאַרפאַלן... דער, וואָס האָט אַזוי פיל צו פאַראַרבעטן, ווי קלאַראַ גולאַ, קאָן נישט לאָזן אַלצדינג שטיין און ליגן און אַוועקפאָרן.

עס איז אים אָבער געווען אַ גרויסער שאָד, וואָס זי איז נישט געקומען גראָד יענעם טאָג, ווייל באַם בריקל זענען דאַן צופעליק פאַרזאַמלט געווען אַ סך פון אירע אַלטע באַקאַנטע. יאַן האָט דאָרט געזען דעם דעפּוטאַט קאַרל קאַרלסאָן פון סטורוויק, ווי אויך איר שול-חבר אויגוסט פון פרעסטערויד. ביערן הינדריקסאָנס איידעם איז אויך דאָרט געווען, און אפילו דער אַלטער אַגריפּאַ פרעסטבערג. אַגריפּאַ האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט פאַרגעסן דאָס שפּיצל, וואָס קלאַראַ גולאַ האָט אים אָפּגעטון מיט די שפּאַקולן. און יאַן האָט זיך איצט פאָרגעשטעלט, ווי שיין עס וואָלט געווען, ווען קלאַראַ גולאַ וואָלט זיך באַוויזן אויפן דעק פונם דאַמפּער, — גראָד יענעם טאָג, בשעת פּרעסטבערג וואָלט זי געקאָנט זען אין איר הערלעכקייט.

אַזוי ווי אָבער זי איז אויך דאָסמאָל נישט געקומען, האָט יאַן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צוריק אַהיימצוגיין איינער אַליין. ער האָט שוין געוואָלט פאַרלאָזן דאָס בריקל, ווי

דער אַלטער בייזוויליקער אַגריפּאַ האָט אים דעם וועג פֿאַרשטעלט...

— ווי איך זע, ביסטו היינט אויך געקומען אהערצולויפֿן נאָך דיין טאָכטערשי? — האָט „גרעפּאַ" מיט אַ גיפֿטיקן חוזק־שמייכל געזאָגט.

מיט אַזאַ חברהמאַן, ווי אַגריפּאַ, איז צום בעסטן געווען נישט אַריינצולאָזן זיך אין קיין לאַנגע טענות; און דערום האָט יאַן זיך אָן אַ זייט אָפּגערוקט און געוואָלט פֿאַרבייגיין.

— נו, מאַ... — האָט דער אַלטער פּגע־רע געזאָגט, — איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דו וואָלסט דיך שטאַרק דערפֿרייט צו באַגעגנען זיך מיט אַזאַ גרויסאַרטיקער דאַמע, ווי דיין קלאַראַ גולאַ איז איצט געוואָרן!...

אָבער אין דערזעלבער רגע איז אויגוסט פֿון פּרעסטערוד צוגעלאָפֿן צו אַגריפּאַן, אים באַם אַקסל אָנגעכאַפּט און אַ ווינק געגעבן, ער זאָל שווייגן.

אַגריפּאַ האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— די גאַנצע געמיינדע ווייסט וועגן דעם! — האָט ער געזאָגט, — ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז די עלטערן זאָלן אויך וויסן, ווי די זאַך האַלט. יאַן אַנדערסאָן איז אַן אָרנטלעכער מענטש, כאָטש ער האָט צופֿיל צעבאַלעוועט זיין טאָכטער. איך קאָן עס שוין מער נישט אויסהאַלטן, אַז ער זאָל אַ וואָך נאָך אַ וואָך אָפּזיצן דאָ באַם בריקל און וואַרטן אויף אַזאַ — — —

דאָ האָט ער געזאָגט אַזאַ מיאוס וואָרט וועגן דעם קליינעם מיידעלע פֿון סקרוליקאַ, אַז איר פֿאָטער יאַן וואָלט עס נישט געוואָלט אפֿילו אין געדאַנק איבערחזרן.

אַגריפּאַ האָט אים הויך אויפֿן קול אַ שליידער־געטון דאָס דאָזיקע וואָרט אין פּנים אַריין, אַזוי אַז אַלע מענטשן אויפֿן בריקל האָבן עס געהערט. דעריבער האָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין משך פֿון אַ יאָר צייט פֿאַרבאָרגן אין זיך, זיך אַ וועג דורכגעבראָכן און כמעט ווי אַליין זיך אַנטפּלעקט. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט פֿאַרהוילן דעם סוד. זיין קליין מיידעלע וועט אים זיכער

שוחל זיין, וואָס ער האָט זי פאַרראַטן. עס האָט זיך דאָך גע־האַנדלט אין איר כבוד!

דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ער אַרויסגע־רעדט אָן שום צאָרן, אָן שום גאווה. ער האָט מיט דער האַנט אַ מאַך־געטון און די ליפּן פאַרצויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט זיין פאַראַכטונג אַרויסווייזן צו ענטפערן אויף אַזאַ גע־מיינקייט.

— איך ווייס נישט, צי דו וועסט נאָכאַמאָל אַרויסרעדן דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט איצט געלאָזט פאַלן, — האָט יאַן גע־זאָגט, — דאַן, ווען די קייסערין וועט קומען.

— וואָס פאַר אַ קייסערין? — האָט „גרעפּאַ" שפּאָטיש גע־פרעגט, פּונקט ווי ער וואָלט ביז איצט נאָך נישט געהאַט געהערט וועגן דער הערלעכקייט, צו וועלכער דאָס קליינע מיידעלע פון סקרו־ליקאַ איז דערהויבן געוואָרן.

אָבער יאַן האָט זיך נישט געלאָזט שטערן און גערעדט ווייטער מיט דערזעלבער רויקייט, וואָס פריער:

— — — ווען עס וועט קומען די קייסערין קלאַראַ פון פּאָר־טוגאַל, און זי וועט דאָ אַראָפּשטייגן אויפן בריקל מיט אַ גאָלדע־נער קרוין אויפן קאָפּ. זיבן מלכים וועלן נאָכטראָגן דעם שלעפּ פון איר מאַנטל, און זיבן טרעסירטע לייבן וועלן בײַ אירע פיס ליגן. זיבנאונזיבציק קריגסהאַרן מיט גאָלדע שווערדן אין די הענט, וועלן בראש פון איר סוויטע שפּאַנען! נו, וועלן מיר זען, צי דו, אַגריפּאַ פּרעסטבערג, וועסט דאַן זיך דערוועגן איבערצוחזרן דאָס, וואָס דו האָסט אַקאָרשט מיר געזאָגט!

ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס רעדן, איז ער דאָרט נאָך אַ ווײַלע שטיין געבליבן, הנאה האָבנדיק צו זען די שרעק, וואָס האָט זיך איצט אָפּגעשפּיגלט אויף די פּנימער פון די אַרום אים פאַרזאַמלטע. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועקגע־גאַנגען, אָבער גאַנץ געלאַסן, נישט געאײַלט און אָן שום אויסדרוק פון שטאָלץ אָדער האָפּערדיקייט אויפן פּנים.

ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די פּאָר־

זאַמלטע אויפן בריקל, איז צווישן זיי אַנטשטאַנען אַ ווילדע מהומה. יאַן האָט צוערשט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, אָבער ווען ער האָט אַ ווײַלע דערנאָך דערהערט, ווי עמעצער איז שווער אומגע־פאַלן, האָט ער זיך שוין געמוזט אומווענדן.

דער אַלטער אַגריפּאַ איז געלעגן אומגעוואָרפן אויפן בריקל און אויגוסט פון פּרעסטערוד איז מיט געבײַלטע פויסטן געשטאַנען אײַנגעבויגן איבער אים.

— דו געמיינער נפש, דו האָסט דאָך געוווּסט, אַז ער וועט עס נישט איבערהאַלטן, ווען ער וועט זיך דערוויסן דעם אמת, — האָט אויגוסט אויסגערופן. — דו מוזסט זיכער נישט האָבן קיין האַרץ, דו אכזר!

אָט דאָס האָט יאַן פון סקרוליקאַ נאָך געהערט. אָבער ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין שום קריגערייען און אַמפּערנישן. דע־ריבער איז ער ווײַטער געגאַנגען, נישט וועלנדיק צומאָל געוווּיר ווערן די סיבה פונם געשלעג.

אָבער דאַן איז מיט אים געשען עפּעס אויסטערלישס. ווי נאָר ער איז אַוועק אַזוי ווײַט, אַז די מענטשן האָבן אים שוין נישט געקאָנט זען, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך, פאַר־צווייפלט געוויין. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז; מסתמא זענען דאָס געווען טרערן פון פרייד, צוליב דעם וואָס ער האָט שוין ענדלעך געקאָנט אַנטפּלעקן דעם סוד. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז שוין דערמיט אַליין האָט ער צוריקבאַקומען זײַן קליין מיידעלע.

דער קייסער

דעם ערשטן זונטיק אין חודש סעפטעמבער איז אין דער סוואַרטזשעישער קירך פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט די פאַרזאַמלטע דאַווגער אַריינגעבראַכט אין גרויס שטויגונג.

אין דערדאָזיקער קירך געפינט זיך אַ גרויסער, ברייטער כאָרגאַניק, וואָס שניידט אַדורך אין דער קווער דעם גאַנצן מיטלטייל פון דער קירכגעביידע. און בײַ דעם פאָדערשטן שטענדער פון דעם כאָרגאַניק זענען אַלעמאָל געזעסן די חשובסטע לייט פון דער געגנט: די הערן רעכטס און די פרויען לינקס. דערדאָזיקער מנהג איז שוין דאָרט איינגעפירט געווען פון קדמונים אָן.

אמת, עס איז קיין אַנדערע פשוטע בשר=ודמס אויך נישט פאַרווערט געווען דאָרטן זיך אַוועקצוזעצן. אַלע ערטער אין דער קירך זענען געווען פריי פאַר יעדן איינעם. אָבער אַן אָרימען לאַסטאַרבעטער וואָלט עס פאָרט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פאַרנעמען אַן אָרט גראָד אויף דעמדאָזיקן שטענדער.

יאַן האָט אַלעמאָל הנאה געהאַט צו קוקן אויף די חשובע, רייך=געקליידטע לייט, וועלכע זענען דאָרטן געזעסן; און אפילו אין יענעם זונטיק האָט ער אויך גערן אָנערקענט, אַז סיי דער באַלעבאָז פון דער הוטע אין דיוונעז, סיי דער לייטענענט לילייעקרונאַ פון לעיוודאַלאַ און דער אינזשיניער באָרעאוס פון באָרג זענען פרעכטיקע מענער, וועמען עס פאַסט ווירקלעך צו זיצן אויבנאָן. אָבער וואָסער באַדייט האָט עס, משטיינסגעזאָגט, געהאַט לגבי דער הערלעכקייט, וואָס די דאַווגער האָבן דאָרט איצט געקאָנט זען?! וואָרים, צי האָט זיך דען עמעצער געקאָנט ריכטן דערויף, אַז בײַ דעם שטענדער פון די דאָרטיקע נגידים וועט זיך אַמאָל אַוועקזעצן אַן אמתער קייסער?

אָבער אָט איז דאָרט אין דער קליינער דאָרפישער קירך, פונדעסטוועגן געזעסן אַזאַ גרויסער האַר, — סאַמע אויבנאָן, בײַ דעם פאָדערשטן שטענדער. ער האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויף אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ זילבערנער גאַלקע, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכן לעדערנעם קאַשקעט, און אויף זיין ברוסט האָבן געבלאַנקט צוויי גרויסע „שטערנס“: איינער האָט אויסגעזען, ווי פון גאָלד, דער צווייטער פון זילבער.

ווען דער אָרגל האָט געלאָזט הערן זיינע ערשטע טענער, האָט דער קייסער אויפגעהויבן זיין קול און געזונגען. וואָרים, אַז אַ קייסער געפינט זיך אין קירך בשעת אַ גאָטדיסט, מוז ער זינגען הויך און קלאָר, — אפילו ווען ער קאָן נישט האַלטן דעם ריכטיקן טאָן און זיך צופּאַסן צום טעמפּאָ פון דער מעלאָדיע; מענטשן האָבן סיי ווי הנאה צו הערן אים.

די חשובע לייט, וואָס זענען געזעסן לעבן דעם קייסער, האָבן זיך כסדר אומגעווענדט און געקוקט אויף אים. וואָס פאַראַ חידוש איז עס, — זיי האָבן דאָך איצט צום ערשטן מאָל געהאַט אַזאַ גרויסן האַר צווישן זיך!

דעם קאַשקעט האָט ער, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַראָפּנעמען, ווייל דאָס מוז אפילו אַ קייסער אויך טון, ווען ער קומט אַריין אין אַ קירך. ער האָט אים אָבער, ווי מעגלעך לענגער געהאַלטן אויפן קאָפּ, כדי די פאַרזאַמלטע זאָלן זיך קאָנען גענוג זאַט אָנקוקן אויף זיין מלכותדיק היטל.

אַ סך פון די דאָרפער, וואָס זענען דעמאָלט געזעסן אונטן אין דער קירך, האָבן זייערע קעפּ אויסגעדרייט און אומאויפהערלעך געקוקט אַרויף־צו, צום כאָרגאַניק. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן היינט פיל מער אויפמערקזאַמקייט געשענקט דעם קייסער, ווי דער דרשה, וואָס דער גלח האָט געהאַלטן. אָבער דאָס האָט מען זיי געמעגט מוחל זיין. נישקשה, עס וועט איבערגיין, — ווי באַלד זיי וועלן זיך שוין האָבן צוגעוווינט צו דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ גרויסן שררה אין זייער באַשיידענער קירך.

קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך אַ ביסל געחידושט אויף זיין פּלוצלינגדיקער דערהייבונג. זיי האָבן אָבער געדאַרפט פאַרשטיין, אַז

דער, וואָס איז אַ פּאַטער פון אַ קייסערין, האָט אַליין אויך געמוזט ווערן אַ קייסער; אַנדערש האָט עס דאָך נישט געקאָנט זיין.

ווען ער איז נאָך דעם גאָטדינסט אַרויסגעקומען אויף דעם פרייען פּלאַץ פאַר דער קירך, האָבן אַ סך פון די פאַרזאַמלטע זיך דערנענטערט צו אים, אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרפירן אַ שמועס מיט קיינעם פון זיי, ווייל דער קירכאויפזעער סוואַרטלינג איז שנעל צוגעגאַנגען צו אים און געבעטן אַריינגיין אין דעם גלחס אַמטשטוב.

בשעת יאַן איז צוזאַמען מיטן קירכאויפזעער אַריינגעקומען אין דער אַמטשטוב, איז דער גלח געזעסן אויף אַ פּאָטעל מיט אַ הויכן אַנלען, געווענדט מיטן רוקן צום אַריינגאַנג. ער איז געווען פאַרטיפט אין אַ לעבהאַפטן שמועס מיטן דעפּוטאַט קאַרל קאַרלסאָן. לויטן קול האָט מען געהערט, אַז דער גלח האָט זיך שטאַרק מצער געווען איבער עפּעס. עס האָט אפילו נישט געפעלט קיין סך, ער זאָל אויסברעכן אין אַ געוויין! . . .

— ווי זאָל מיר נישט וויי־טאָן מיין האַרץ, ווען איך זע, אַז צוויי נפשות פון מיין עדה זענען פאַראומגליקט געוואָרן, און אַלץ צוליב מיין שולד! — האָט ער אויפגערעגט געזאָגט.

דער דעפּוטאַט האָט געפּרוּווט טרייסטן דעם גלח.

— אָבער, הער פּאַסטאָר, איר קאָנט דאָך נישט טראָגן קיין אחריות פאַר די געמיינקייטן און רשעות, וואָס ווערן אָפּגעטון אין די גרויסע שטעט! — האָט ער אים אויסגערעדט.

דער גלח האָט זיך אָבער נישט געלאָזט באַרויקן. ער האָט זיך פאַרשטעלט מיט די הענט זיין שיין, יונג פּנים און געוויינט.

— ניין, דאָס קאָן איך טאַקע נישט, — האָט ער אין אַ ווייל אַרום געזאָגט. — אָבער צי האָב איך דען געגעבן השגחה אויף דעם יונגן, אַכצניעריקן מיידל, דעמאָלט, ווען זי איז שוצלאָז אַרויסגעשליידערט געוואָרן אין דער גרויסער, זינדיקער וועלט אַריין? און וואָס האָב איך געטון, כדי צו טרייסטן איר פאָטער. פאַר וועלכן די טאָכטער איז געווען דער איינציקער ציל אין לעבן?

— איר, הער פּאַסטאָר, זענט דאָך איצט נישט לאַנג אין

אונזער געמיינדע, — האָט דער דעפּוטאַט געזאָגט. — אויב עס האַנדלט זיך וועגן אחריות, טראָגן מיר אַלע, וועלכע האָבן גע־וווסט די סיבּות דערפון, — די גרעסטע שולד. ווער האָט אָבער געקאָנט גלייבן, אַז דאָס וועט זיך אַזוי שלעכט ענדיקן? פאַרפאַלן, דאָס יונגוואַרג מוז אָוועק אין דער פרעמד. ס'רוב אייניוווינער פון אונזער געמיינדע זענען אויך אַמאָל דורכן גורל אַזוי אַרויסגע־שליידערט געוואָרן אין דער גרויסער וועלט אַריין, אָבער צי האָט עס וועמען פון אונז אַזאַ שאָדן געבּרענגט?

— גאָט אין הימל, העלף מיר, איך זאָל קאָנען מיט אים רעדן! — האָט דער גלח שטיל מתפּלל געווען. — באַלייכט מיין געדאַנק און לערן מיך, ווי אַזוי איך זאָל קאָנען אויפהאַלטן זיין צאַנקענדיקן שכל — — —

דער קירכאויפזעער סוואַרטלינג, וואָס איז געשטאַנען לעבן יאַנען, האָט אַ הוסט־געטון, און דער גלח האָט זיך האַסטיק אויס־געדרייט צו זיי.

ער איז שנעל אויפגעשטאַנען פונם פאָטעל, האָט זיך דער־נענטערט צו יאַנען און מיט ביידע הענט זיין האַנט אָנגע־נומען.

— ליבער יאַן! — האָט ער אָנגעהויבן.

דער גלח איז געווען אַ הויכגעוואַקסיקער, אַ בלאָנדער און שיינער יונגערמאַן. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו עמעצן, רעדנדיק מיט זיין ווייכער, וואַרימער שטים, און געקוקט אויף יע־נעם מיט זיינע מילדע, בלויע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט רחמנות און מיטגעפיל האָט קיינער נישט געקאָנט ביישטיין קעגן אים. אָבער דאָ, אין דעם פאַל, האָט יאַן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי גלייך אויפן אָרט אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם גלח אויף זיין טעות, און ער האָט עס טאַקע באַלד געטון.

— טייערער הער פּאַסטאָר, איר האָט פאַר זיך שוין מער נישט קיין יאַן; איצט שטייט פאַר אייך דער קייסער יאָהאַנ־נעס. — דער הערשער איבער גאַנץ פּאָר־טוגאַל, און דער, וואָס וויל אים באַם ריכטיקן נאָמען נישט אָנרופן, מיט דעם האָט ער נישט וואָס צו רעדן!

אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט יאַן באַגנעדיקט דעם גלח מיט אַ קייסערלעכן שאָקל פון קאָפּ צום אָפּשיד, אָנגעטון דעם קאַשקעט און זיך אויסגעדרייט צום אַרויסגאַנג.

די דריי מענטשן אין דער אַמטשטוב זענען שטיין געבליבן געפּלעפּטע און מיט שרעק באַכגעקוקט יאַנען, בשעת ער האָט געעפנט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען.

III

דער קײַסערלעכער הימן

אויפן וואַלדיקן בערגל, העכער אַרויף פונם דאָרף ליובי, זעי-
נען נאָך עד־היום פאַרבליבן שפּורן פון אַן אַלטן שליאַך. דאָס איז
אַמאָל געווען אַ וועג, איבער וועלכן עס פלעגן פאַרצייטנס זיך
שלעפּן אַ סך רייען פורלעך. איצט אָבער איז דערדאָזיקער וועג אינ-
נאַנצן פאַרלאָזן געווען, דערפאַר, וואָס ער האָט געקלעטערט איבער
אַלע בערגלעך און הו־כפלאַכן און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אַלע
משופּעקייטן, אָנשטאָט צו לויפן פאַזע די ווענט פון די בערג. דער
וועג, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון אַמאָל איז געווען אַזוי משופּע,
אַז איצט האָט מען גאָרנישט געקאָנט קלערן צו פאָרן דאָרט מיט
אַ פערד־און־וואָגן. דאַקעגן, פוסגייער פלעגן זיך נאָך טיילמאָל באַ-
נוצן מיט דעם וועג, ווייל ער איז געווען אַ קירצערער, און פון
דאָרט האָט מען געהאַט אַ פּראַכטפולן אויסבליק אויף דער גאַנצער
וואַלדיקער געגנט.

דערדאָזיקער וועג האָט זיך איצט אַלץ נאָך געצויגן מיט אַזאַ
רחבותדיקייט, ווי אַן אמתער קיניגלעכער שליאַך, און איז גאָך
אַלץ באַדעקט געווען מיט דראָבנע שטיינדלעך. ער איז אפילו איצט
נאָך שענער געווען ווי אַמאָל, ווייל עס זענען שוין נישט געווען
אויף אים קיין רעדערשפּורן, ווי אויך קיין שמוץ און שטויב. לענג-
אויס די ראַנדן זענען געוואַקסן פאַרשידענע געוויקסן, — סיי רי-
מעניק, סיי וויקע און ראַנונקל. די ראָוועס פון ביידע זייטן וועג

זענען שוין לאַנג פאַרשאָטן געוואָרן, אַזוי אַז אַ גאַנצע מענגע טע-נענביימער האָבן זיך דאָרט געקאָנט באַזעצן. דאָס זענען געווען בלויז יונגע טענענביימער, אַלע פון זעלבן הויכן וווּקס, פריש-גרינע און פון די וואָרצלען ביזן שפּיץ באַדעקטע מיט צווייגן. זיי זענען דאָרטן געוואַקסן געדיכט, איינער לעבן אַנדערן, שאַפנדיק אַ שיי-נעם שפּאַלער, ענלעך צו אַן אַלייע, וואָס פירט צום פּאַלאַץ פון אַ גרויסן שררה. קיין איינע פון זייערע צווייגן איז נישט געווען פאַר-וועלקט, און קיין איינע האָט נישט געשטאַרצט מיט קיין פאַרדאַרטע ריטלעך. אויף די שפּיצן פון די קרוינען האָבן זיי אַלע געהאַט העל-גרינע קעפּלעך פון פרישע קנאָספּן. צווישן אַלע האָט זיך גע-טראָגן אַ געררויש און אַ זשומען, ווי פון אַ מחנה בינען, וואָס ראַיען אין שיינע זומערטעג איבער גרינע פעלדער, בשעת די זון שיינט-אַראָפּ אויף זיי פון אַ קלאָרן הימל, אָדער ווי דאָס קול פון אַ וואַכטלפויגל, וואָס רופט זיך אָן אין שטילע פאַרנאַכטן איבער נידעריקלענדישע זומפּן.

אין יענעם זונטיק, ווען יאַן האָט זיך צום ערשטן מאָל באַ-וויזן אָן אויסגעפּוצטער אין זיינע קייסערלעכע חפצים, האָט ער זיך בשעתן אַהיימקער פון קירך פאַרקירעוועט גראָד אויף דעם אַלטן פאַרלאָזטן וועג. עס איז דאָן געווען אַ זוניקער, וואַרימער טאָג, און בשעת יאַן איז געגאַנגען באַרג-אַרויף, האָט ער אַזוי בולט גע-הערט דאָס מעלאָדישע זשומען צווישן די ביימער, אַז ער איז אַזש שטיין געבליבן פאַרחידושט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז טענענביימער זאָלן אַזוי זינגען, און עס איז אים פּלוצלינג איינ-געפאַלן אַ געדאַנק, ער זאָל אויספאָרשן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך גראָד אין יענעם טאָג אַזוי שטאַרק געלאָזט הערן.

אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט צוליב וואָס זיך צו אײַלן אַהיים, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויפן ריינעם באָדן פון די דראָבנע שטיינדלעך, אויסדרייענדיק זיך מיטן רוקן צו דער גרי-נער וואַנט פון די טענענביימער. דעם הויכן שטעקן האָט ער אַוועק-געלייגט לעבן זיך, אַראָפּגענומען דעם קאַשקעט פון קאָפּ און אָפּ-געווישט דעם שווייס פונם שטערן. דערנאָך איז ער אַזוי מיט פאַר-

לייגטע הענט געבליבן זיצן שטיל און אויפמערקזאַם זיך איינגעהאָרכט.

אויפן הימל האָט זיך נישט געוויזן קיין מינדסט וואָלקנדל, ס'האָט נישט געבלאָזן קיין ווינטל, וואָס וואָלט געקאָנט באַוועגן די צווייגן און דאַדורך אַרויסרופן די מוזיק. עס איז נישט געווען אַנדערש צו גלייבן, נאָר אַז די טענענביימער האָבן זיך אַזוי שיין צעזונגען, כּדי דערמיט אַרויסצווייזן זייער פרייד, וואָס זיי זענען אַזוי יונג, פריש און גרין; קיינער שטערט זיי נישט צו וואַקסן במנוחה לענגויס דעם אַלטן פאַרלאָזטן שליאַך, און זיי האָבן נאָך אַזוי פיל יאָרן פאַר זיך, איידער עס וועט די מענטשן איינפאַלן זיי אויסצוהאַקן!

אויב ס'איז ווירקלעך געווען אַזוי, איז עס פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט געווען קיין גענוגנדע דערקלערונג, פאַרוואָס זיי האָבן זיך גראָד היינט אַזוי שטאַרק צעזונגען. מיט די אַלע שיינע מתּנות פונם הימל וואָלטן זיי דאָך אויך יעדן אַנדערן זוניקן טאָג געקאָנט זיך פרייען און אָפּגעבן אַ לויב דערפאַר. צוליב וואָס האָבן זיי עפּעס דווקא היינט איינגעאָרדנט אַזאַ ספּעציעלן קאָנצערט?

יאַן איז שטיל געזעסן אינמיטן וועג און זיך איינגעהאָרכט נאָך אויפמערקזאַמער ווי פריער.

אַך, ווי שיין עס האָט געקלונגען אָט דאָס זשומען צווישן די ביימער, הגם דער טאָן איז געווען כּסדר דערזעלבער, אָן שום פּויזעס אָדער טאַקטן, אָן מינדסטער ענלעכקייט צו אַ מעלאָדיע — — —

הכּלל, ס'איז טאַקע געווען מחיהדיק אויפן וואַלדיקן בערגל, און קיין חידוש נישט, וואָס די ביימער האָבן זיך געפילט אַזוי פריילעך און גליקלעך. אָבער, דאָס אויסטערלישע האָט דאָ געשטעקט דערין, וואָס זיי האָבן אַלנפאַלס נישט געקאָנט שפּילן נאָך בעסער... יאַן האָט באַטראַכט די קלענערע צווייגלעך, וואָס אויף זיי איז אפילו יעדעס קלענסטע נאָדעלע געווען פריש-גרין און איז צירלעך געוואַקסן אויף זיין ריכטיקן אָרט. ער האָט טיף אַריינגעאָטעמט דעם באַלזאַמישן דופט פון ביימפעך, וואָס האָט פון זיי אַרויסגעשטראָמט און די לופט אַרום אָנגעפילט. אין אמתן, עס איז

נישט פאַראַן נאָך אַזאַ קרייטעכץ אויפן פעלד אָדער אַ בלימל אויף אַ לאָנקע, וואָס זאָל אַרויסגעבן אויך אַזאַ פיינעם דופט. ער האָט אויך באַטראַכט די יונגע, האַלב־רייפע שישקעס מיט זייערע קינסטלעריש צונויפגעלייגטע שופן, וואָס דאַרפן אָפּהיטן די זוימען.

דידאָזיקע ביימער, וואָס האָבן אַזוי גוט זיך פאַרשטאַנען אויף אַלץ וואָלטן, כ'לעבן, געמעגט זיין בעסערע מייסטערס אויף מוזיק, אַזוי, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען באַגרייפן, וואָס זיי מיינען מיט זייער געזאַנג.

אָבער די ביימער זענען נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצוברענגען עפּעס מער, ווי די פּאָר טענער. עס האָט אים אַזש אָנגעהויבן שלעפערן פון דעם כסדרדיקן הערן איינס און דאָס זעלבע, און עס וואָלט אפשר גאָרנישט נאָריש געווען זיך אויסצוציען אויף די ריינע, דראָבנע שטיינדלעך און טאַקע כאַפּן אַ דרימל!...

אָבער וואַרט נאָר! וואָס איז דאָס ווידער? ווי נאָר יאַן האָט באַוויזן אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ אויפן שטיינערנעם באָדן און פאַרמאַכן די אויגן, האָט זיך אים תיכף געדאַכט, אַז ער הערט שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אַצינד איז שוין אין דער מוזיק פון די ביימער געווען אי ריטם, אי מעלאָדיע.

אַזוי גאָר? הייסט עס, אַז דאָס פריערדיקע איז בלויז געווען אַ פאָרשפּיל? למשל, ווי די טענער פונם אָרגל אין דער קירך, איידער מען הייבט־אָן דאָס תהילים־געזאַנג? און אַצינד האָט ער שוין געהערט אפילו ווערטער אויך, — ווערטער, וועלכע ער האָט געקאָנט פאַרשטיין!...

נו, יאָ, ער האָט שוין פון דער ערשטער מינוט אָן געהאַט אַ פאָרגעפיל וועגן דערדאָזיקער אַנטפּלעקונג, כאָטש ער האָט עס צומאָל פאַר זיך אַליין נישט געוואָלט אַרויסזאָגן, — אפילו נישט אין געדאַנק. די ביימער האָבן, אַלזאָ, געוווּסט וועגן אַלצדינג, וואָס מיט אים איז געשעען... יאָ, אפילו זיי אויך!... און טאַקע פאַר זיין כבוד וועגן האָבן זיי דאָס אָנגעהויבן אַזוי הויך צו זינגען און שפּילן, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן.

אינדעראמתן, איצט האָט מען שוין נישט געקאָנט קיין טעות

האָבן, אַז דאָס זינגען זיי וועגן אים. ווייל ערשט דאַן, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז ער שלאָפט שוין, האָבן זיי געגומען באַנוצן זייערע בעסטע קלעזמער און זינגער. וואָרים זיי האָבן לכתחילה נישט געוואָלט, אַז ער זאָל הערן, ווי זיי פאַרערן אים...

אָ, וואָס פאַרא ליד! וואָס פאַרא הערלעך געזאַנג! ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער דערפאַר נאָך בעסער געהערט. אפילו דעם מינדסטן קלאַנג האָט ער נישט פאַרלוירן!

נאָכדעם ווי דער ערשטער פּערז איז אָפּגעזונגען געווען, האָט זיך דערהערט אַ צושפּיל אָן ווערטער, און דאָס איז ערשט געווען דאָס הערלעכסטע!

דאָס איז שוין איינמאָל געווען מוזיק! נישט בלויז די יונגע טענענביימער, לענגויס דעם אַלטן שליאַך, האָבן איצט מיטגעשפּילט, נאָר אויך דער גאַנצער וואַלד האָט אָנטיילגענומען אין דער קאַפּעליע. עס האָבן דאָרטן געברויזט אָרגלען און עס האָבן געקלאַפּט און געשאַלט פּויקן און טרומפּייטן. דאָס דראָזדל האָט נאָכגעמאַכט אַ פלייט און דער בוכפינקל האָט זיך צעלאָזט אויף זיין דודע. צו דעם אַלעם האָט זיך פאַרייניקט דאָס מעלאָדישע ריזלען פון קוועלעכלעך און דאָס סודותפולע געזאַנג פון וואַסערמיידלעך, דאָס שטילע געקלאַנג פון די „בלויע בלומענגלעקלעך", און דאָס קלאַפּערנדיקע קול פון די שפּאַקן — אַלץ איז געווען איין סימפאָניע.

ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ שיינע מוזיק, און טאַקע דערפאַר האָט ער נאָך קיינמאָל נישט אַזוי אויפמערקזאַם זיך איינגעהאָרכט אין אַ ניגון, ווי אַצינד. דער ניגון איז אים אַריינגעדרונגען טיף אין די אויערן, אַזוי, אַז ער האָט אים שוין מער נישט געקאָנט פאַרגעסן.

ווען דאָס געזאַנג האָט זיך געענדיקט, און דער וואַלד איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט יאַן אויפגעוואַכט פון זיינע חלומות, און תיכף, אָן שום איבערלייגונג, אָנגעהויבן נאָכצוזינגען פון אָנהייב ביזן סוף דאָסדאָזיקע גרויסע געזאַנג, דעם קייסערלעכן הימן פונם וואַלד, כדי ער זאָל אים שוין מער נישט אַראָפּ פון זכרון:

דער מאָנאַרכינס פּאָטער — דער גרויסער מלך —
באַגריסט זיך מיט אַלע לוסטיק, פרייליך.

דאָ האָט זיך געדאַרפט איבערחזרן דער רעפריין, נאָר ער האָט אים נישט אַזוי געניי אויפגעכאַפּט. אָבער אַלנפאַלס האָט ער ווייטער געזונגען, לויט דעם, ווי עס האָט אים נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערן:

איר ווייסט דאָך דאָס אַליין,
פון גרויס ביז קליין,
געשריבן האָט דאָס בלאַט:
עסטרייך, מעץ, יאַפּאַן זיך האָבן שוין אַרומגעקוקט,
צו פּאָרטוגאַל זיך פיין געבוקט.
שפּילט-זשע אויף, שפּילט-אויף
טראַראַראַ! טראַראַראַ!
באַם! באַם! באַם!

אַ קרוין פון גאָלד איז זיין קאַשקעט,
און רייך געצירט איז זיין פּלאַרעט.
איר ווייסט דאָך דאָס אַליין,
פון גרויס ביז קליין,
געשריבן האָט דאָס בלאַט:
עסטרייך, מעץ, יאַפּאַן זיך האָבן שוין ארומגעקוקט,
צו פּאָרטוגאַל זיך פיין געבוקט.
שפּילט-זשע אויף, שפּילט-אויף!
טראַראַראַ! טראַראַראַ!
באַם! באַם! באַם!

ער בראַקט גאָלדענע רענדלעך,
ווי פּעטרישקע אין זיינע פּענדלעך!
איר ווייסט דאָך דאָס אַליין,
פון גרויס ביז קליין.

געשריבן האָט דאָס בלאַט:
עסטרייך, מעץ, יאַפּאַן זיך האָבן שוין אַרומגעקוקט,
צו פּאָרטוגאַל זיך פֿיין געבוקט.
שפּילט־זשע אויף, שפּילט־אויף!
טראַראַראַ! טראַראַראַ!
באָם! באָם! באָם!"

פֿאַרלאָזט ער נאָר פֿון הויז די טרעפּ,
די דאַמען הויפֿישע די קעפּ
פֿאַרנייגן דאַן — איר ווייסט אַליין,
פֿון גרויס ביז קליין,
געשריבן האָט דאָס בלאַט:
עסטרייך, מעץ, יאַפּאַן זיך האָבן שוין אַרומגעקוקט,
צו פּאָרטוגאַל זיך פֿיין געבוקט.
שפּילט־זשע אויף, שפּילט־אויף!
טראַראַראַ! טראַראַראַ!
באָם! באָם! באָם!

אין וואַלד אַריין ווי נאָר ער גייט,
דאַן יעדעס בלעטעלע זיך פֿריידט.
איר ווייסט דאָך דאָס אַליין,
פֿון גרויס ביז קליין.
געשריבן האָט דאָס בלאַט:
עסטרייך, מעץ, יאַפּאַן זיך האָבן שוין אַרומגעקוקט,
צו פּאָרטוגאַל זיך פֿיין געבוקט.
שפּילט־זשע אויף, שפּילט־אויף!
טראַראַראַ! טראַראַראַ!
באָם! באָם! באָם!

דווקא דערדאָזיקער „באָם! באָם!" האָט געקלונגען צום שענסטן פֿון אַלצדינג. באַ יעדן „באָם!" האָט יאַן אַ שטאַרקן

קלאַפּ־געטון מיטן שטעקן אין דער ערד און אָנגעשטרענגט דאָס קול, עס זאָל זיין אַזוי טיף און מעכטיק ווי נאָר מעגלעך.

ער האָט געזונגען און געזונגען, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַזוי אַז ס'האָט אַזש אָפּגעהילכט אין גאַנצן וואַלד. סאַראַ וווּנדערבאַר ליד דאָס איז געווען! יאַן איז נישט מיד געוואָרן כסדר עס צו זינגען.

און ס'איז טאַקע נישט קיין חידוש! דאָס ליד איז דאָך אַנטשטאַנען אויף אַזאַ מערקווירדיקן אופן, און עס איז געווען דאָס בעסטע, דאָס שענסטע ליד פון אַלע לידער אין דער וועלט. אַלס באַווייז. ווי אויסגעצייכנט דאָסדאָזיקע ליד איז געווען, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס צום ערשטן מאָל אין לעבן איז אים געלונגען אויפצוכאַפּן אַ מעלאָדיע, וועלכע ער זאָל קאָנען אַזוי פּינקטלעך מיט אַלע אַנטשפּרעכנדיקע פויזעס און טאַקטן נאָכזינגען.

דער זיבצענטער אויגוסט

דער ערשטער וויזיט, וואָס יאַן האָט אַמאָל אָפּגעשטאַט בײַם לייטענאַנט ליליעקרונאַ אין זיין געבוירנטאָג, דאָס הייסט, אין זיבצענטן אויגוסט, האָט זיך נישט געענדיקט אַזוי בכבודיק, ווי יאַן האָט זיך דאָס געווונטשן. און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין מער נישט געוויזן אין לעוודאַלאַ, הגם ער האָט פון מענטשן, וואָס האָבן בייגעוווינט די פייערלעכקייטן, געהערט דערציילן, אַז פון יאָר צו יאָר האָט דער לייטענאַנט מיט אַלץ גרעסערן פּאַראַד געפּראַוועט דעם יום־טוב פון זיין געבוירנטאָג.

אָבער איצט, נאָך דער אומדערהערטער דערהייבונג, צו וועלכער זיין טאָכטער האָט זוכה געווען, האָט זיך יאַנען אַלץ פאָרגעשטעלט גאָר אין אַן אַנדער ליכט. ער איז געווען זיכער, אַז דער לייטענאַנט ליליעקרונאַ וואָלט זיך געפילט שטאַרק אַנטוישט, ווען אַזאַ מעכטיקער האר ווי דער קייסער יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל וואָלט

אים נישט באַערט מיט זיין אָנוועזנהייט, כדי אים צו ווינטשן גליק בעת ער פייערט זיין געבוירנטאָג.

ער האָט אַלזאָ גענומען מיט זיך זיינע קייסערלעכע חפצים און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. ער האָט זיך אָבער גוט געהיטן, ער זאָל נישט זיין איינער פון די ערשטע געסט. פאַר אים, אַלס קייסער, איז עס נאַטירלעך געווען אַמבעסטן נישט צו ווייזן זיך פריער, ווי אַלע פאַרבעטענע געסט וועלן זיך שוין האָבן פאַרזאַמלט און זיך פילן אַ ביסל היימישער, אַזוי אַז די פאַרווײלונג זאָל שוין דאַן זיין אין פולן גאַנג.

בעת זיין ערשטן באַזוך, האָט יאַן נישט געהאַט די דרייסטקייט צוצוגיין ווייטער ווי ביז צום סאָד, און דערנאָך, שוין באַלד באַם סוף פון דער פייערונג, האָט ער ערשט זיך דערוועגט צו שטעלן נאָך אַ פאָר טריט פאָרויס, אָבער נישט מער ווי ביז צום זאַמדשטעגל פאַרן הויז. ס'איז אים דאַן צומאָל נישט איינגעפאַלן זיך צו דערנענטערן צו די פריצישע לייט, כדי זיך צו באַגריסן מיט זיי. אָבער איצט האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אַז ער זאָל זיך אויפפירן אַזוי נישט טאַקטיש. פאַרקערט, איצט האָט ער תיכף געווענדט זיינע טריט גלייך צו דער גרויסער אַלטאַנע, וואָס געפינט זיך לינקס פון די טרעפּ באַם אַריינגאַנג. דאָרטן איז דער לייטענאַנט ליליעקרונאַ געזעסן אין אַ קרייז פון הויכגעשטעלטע לייט, סיי פון דער געמיינדע סוואַרטזשעי, סיי פון אַנדערע געגנטן. יאַן איז צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס פונם הויז, אָפּגעגעבן אים אַ ברייטן שלום־עליכם און אים צוגעווונטשן פיל גוטע, געזונטע יאָרן.

— אָווואַ... ס'קאָצל קומט! עליכם־שלום, יאַן! אַ דאַנק, אַ דאַנק!... — האָט דער לייטענאַנט געענטפערט אַ ביסל פאַרחידושט. ער האָט זיך, ווייזט־אויס, נישט גערעכנט אויף אַזאַ גרויסן כבוד, און איז דעריבער אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, אָנרופנדיק יאַנען באַם אַלטן נאָמען.

אָבער אַזאַ גוטהאַרציקער מענטש, ווי דער לייטענאַנט איז געווען, האָט זיכער נישט געמיינט קיין שום שלעכטס דערמיט, דערין איז יאַן געווען זיכער, און טאַקע דערפאַר האָט ער אים

בלויז געמאַכט אַ קליינע באַמערקונג, אָבער אין זייער אַ מילדן טאָן:

— בנוגע דעם לייטענאַנט ליליעקרונאַ וועל איך נישט אַזוי שטאַרק מקפּיד זיין, בפּרט היינט, ווען ער פּראַוועט זיין געבוירנטאָג. אָבער איך וויל נאָר באַמערקן, אַז אינדעראמתן הייס איך: קייסער יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל.

יאַן האָט דאָס געזאָגט זייער געלאַסן און באַשיידן, אָבער טראָצדעם האָבן די געסט שטאַרק אָפּגעלאַכט פונם לייטענאַנט, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי נאַריש אויפגעפירט. אָבער אַזאַ פאַרדרוס האָט אים יאַן נישט געוואָלט פאַרשאַפן גראָד אין זיין יובלטאָג, און דעריבער האָט ער זיך שנעל געווענדט אויך צו די אַנדערע הערן, כדי אַזוירנאָך צו פאַררייבן דעם שלעכטן איינדרוק פון דעם לייטענאַנטס אומטאַקטישקייט.

— אַ גוטן מאָרגן אייך, אַ גוטן מאָרגן, מיינע ליבע הערן גענעראַלן, ביסקופן און גובערנאַטאָרן! — האָט ער אויסגערופן און דערביי אַראָפּגענומען דעם קאַשקעט פון קאָפּ, מאַכנדיק דערמיט אַ גרויסאַרטיקן זשעסט אין דער לופט, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר אַ קייסער. נאָכדעם האָט ער בדעה געהאַט אַרומצוגיין צו אַלע געסט און יעדן איינעם פון זיי אָפּגעבן שלום־עליכם, — ווי מען דאַרף טאַקע טון, קומענדיק אויף אַ שמחה.

לעבן דעם לייטענאַנט איז געזעסן אַ קליינגעוואַקסיקער, דיקער הער, אָנגעטון אין אַ ווייס וועסטל און אַ פראַק מיט אַ גאָלדגעהאָפּטענעם קאָלנער און מיט אַ שפּאַדע באַ דער זייט. ווען יאַן איז צוגעקומען צו אים, כדי זיך צו באַגריסן, האָט אים דער קליינער הער דערלאַנגט אָנשטאָט די גאַנצע האַנט, — בלויז צוויי פינגער.

ער האָט אפשר אויך נישט געמיינט קיין שום שלעכטס דערמיט; אָבער אַזאַ מאַן, ווי דער קייסער יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל, האָט שוין געוווּסט, ווען ער דאַרף נישט דערלאָזן צו אַ פאַרלעצונג פון זיין ווירדע.

— דו וועסט מוחל זיין מיר געבן דווקא די גאַנצע האַנט, מיין ליבער ביסקופּ און פראָווינצהאַר, — האָט יאַן געזאָגט מיט

דערזעלבער מילדקייט אין קול, וואָרים ער האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט שטערן די יום-טובדיקע שטימונג.

אָבער שטעלט אייך נאָר פאָר: דאָסדאָזיקע געפּאַשעטע פאַרשוינדל האָט נאָך אַ העזה געהאַט צו מאַכן אַ זויערע מינע!

— איך האָב אַקאָרשט גאַנץ גוט געהערט, אַז ס'האָט דיר נישט שטאַרק געשמעקט, וואָס ליליעקרונאַ האָט דיך „געדוצט", — האָט ער גאווהדיק געזאָגט. — אָבער נאָך אַלעמען, איז מיר פאָרט אַ חידוש, ווי דו קאָנסט גאָר האָבן די חוצפּה מיר צו זאָגן „דו". צי זעסטו נישט, ווער איך בין! — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף דריי קליינע, נעבעכדיקע שטערנדלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויף זיין פראַק.

נו, אויב מען האָט שוין יאָ געהערט אַזעלכע רייד, איז אויך פאַר יאַנען שוין די העכסטע צייט געווען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס „מאַנטל פון באַשיידנקייט". ער האָט שנעל אויפגעקנעפּלט דעם קאַפּטאַן, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט זען דאָס וועסטל זיינס, וואָס איז אינגאַנצן באַהאָנגען געווען מיט גרויסע, שיינע „מענדאַלן", — אי גאָלדענע, אי זילבערנע. געוויינלעך פלעגט יאַן אַרומגיין מיט אַ פאַרקנעפּלטן קאַפּטאַן, אַז נישט וואָלטן די שטערן גיך אָפּגעבליאַקירט, אָדער די שפּיצן וואָלטן זיך לייכט אָפּגעבראָכן. אגב, האָבן די מענטשן זיך געפילט זייער אומבאַקוועם און נישט דרייסט אין דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ גרויסן האַר. דערום האָט יאַן נישט געהאַט קיין האַרץ בחינם זיי אָפּצושרעקן מיט דעם שטענדיקן באַווייזן זיך אין זיין גאַנצן קייסערלעכן שטאַט. אָבער איצט איז געקומען די צייט צו אַנטפּלעקן זיין הערלעכקייט פאַר דער גאַנצער וועלט.

— אַנו, גיב אַקאָרשט אַ קוק! — האָט ער געזאָגט — פּש... פּש... דו ביסט מיר אויך אַ קנאַקער? אָט-אָ דאָס, ברודערקע, מוז מען האָבן, אויב מען וויל זיך פאַר עמעצן באַרימען. סאַראַ באַדייט האָבן, משטיינסגעזאָגט, דיינע דריי נעבעכדיקע שטערנדלעך.

דער רושם איז געווען אַן אומגעהייערער. אַצינד האָט דאָס געפּאַשעטע פאַרשוינדל ערשט אויף אַן אמת באַקומען רעספּעקט

פאַר דעם קייסער. נו, מסתמא, האָט אים דערפירט דערצו דאָס, וואָס די גאַנצע געזעלשאַפט האָט איצט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ שאַלנדיק געלעכטער, אָפּשפּעטנדיק פון דעם שוטה, וואָס האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן דאָס מינדסטע וועגן דעם קייסער און זיין קייסערטום.

— צו אַלדי רוחות... אַזוי גאָר! — האָט דער קליינער הער פאַרחידושט אויסגערופן. — נו מילא, אַצינד זע איך טאַקע, אַז איך שטיי פאַר אַ מלכות: אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט פאַרשטייט דאָך אפילו, ווי אַזוי צו געבן אַ געהעריקן אָפּשניט!...

אָט אַזוי געשעט טאַקע אַלעמאָל, ווען מען ווייסט נאָר ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט מענטשן. פון די אַנוועזנדיקע חשובֿע הערן איז דערנאָך קיינער נישט געווען אַזוי להוט נאָך אַ שמועס מיטן רעגענט פון פּאָרטוגאַל, ווי דווקא דאָס דעקאָרירטע פאַרשווינדל, וואָס איז פריער געווען אַזאַ בעל-גאווה, — נישט צו וועלן געבן דעם קייסער מער ווי צוויי פינגער, דאַן ווען יענער האָט אים דערלאַנגט די גאַנצע האַנט!

עס איז, נאַטירלעך, כמעט ווי איבעריק צוצוגעבן, אַז קיינער פון די פּראָמינענטע לייט, וואָס זענען פאַרזאַמלט געווען אין דער אַלטאַנע, האָט זיך שוין נישט אָפּגעזאָגט ווי געהעריק צו באַגריסן דעם קייסער פון פּאָרטוגאַל. די ערשטע איבערראשונג און צעטומלטקייט פון די חשובֿע הערן איז שנעל איבערגעגאַנגען, און דאַן האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שווער צודערצוקומען מיט אים, כאָטש ער איז אַ קייסער. זיי האָבן אַלע אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דער דערציילונג, ווי אַזוי זיין טאָכטער איז פון אַ פּשוט מיידל דערהויבן געוואָרן ביז צום פּאָרטוגעזישן טראָן, און ווי זי וועט — שוין אַלס קייסערין — אין קורצן צוריקקערן אַהיים אין איר געבוירנדאָרף.

צום סוף איז אַנטשטאַנען אַזאַ גוטפריינטשאַפט צווישן דעם קייסער און דער נאָבעלער געזעלשאַפט, אַז ער האָט פאַר זיי געזונגען דעם קייסערלעכן הימן, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין וואַלד. דערמיט האָט ער זיי אפשר אַרויסגעוויזן צו פיל חסד, אָבער

זעענדיק סאַראַ נחת־רוח זיי האָבן פון יעדן וואָרט זיינעם, וואָס ער רעדט אַרויס, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן זיי מהנה צו זיין מיט דעם שיינעם געזאַנג.

עס איז פשוט נישט צום באַשרייבן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף די אַרומיקע, בשעת ער האָט אָנגעהויבן זינגען דעם הימן. באַלד באַ די ערשטע פאָר ווערטער זיינע האָט זיך שוין דאָס געזעמל פון צוהערער אַרום אים פאַרגרעסערט. עס זענען זיך צונויפגעקומען די אַלטע גרעפינס און גענעראַלינס, וואָס זענען ביז איצט געזעסן אויף דער סאָפע אין דער גאַסטשטוב און געטרונקען טיי און געגעסן צוקערוואַרג. עס זענען אפילו זיך צונויפגעלאָפן די יונגע באַראָנען און הויפדאַמען, וואָס האָבן געהאַלטן אינמיטן טאַנצן אין גרויסן סאַלאָן. די אַלע אַריסטאָקראַטן האָבן זיך געשטופּט צו הערן אים זינגען; זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַן ענגן קרייז אַרום אים, איינהאַרכנדיק זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און אַלעמענס בליקן זענען איצט געווענדט געווען צו אים, — ווי עס געשיקט זיך טאַקע, בשעת מען שטייט פאַר אַ קייסער! . . .

אַזאַ ליד האָבן זיי נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געהערט. און ווי נאָר ער האָט אָפּגעזונגען דעם לעצטן פערז, האָבן זיי אַלע פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל עס נאָכאַמאָל זינגען. תחילת האָט ער זיך אפילו געלאָזט שטאַרק בעטן, ווייל אַ קייסער דאַרף נישט באַלד נאָכגעבן, אָבער זיי האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן, ביז וואַנען ער האָט נישט דערפילט זייער בקשה. און ווי נאָר ער איז צוגע־קומען צום רעפריין, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן מיטזינגען; און ווען ער האָט שוין געהאַלטן באַם „באָם, באָם!" האָבן די יונגע באַראָ־נען צוגעטופּעט מיט די פיס און די יונגע גרעפינס און הויפדאַמען האָבן צוגעפּלעסקעט מיט די הענט צום טאַקט.

דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ ליד! ווען ער האָט עס נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און די גאַנצע פיין געקליידטע געזעלשאַפט האָט אונטערגעהאַלטן, און די שיינע יונגע מיידלעך האָבן אים פריינטלעכע בליקן צוגעוואָרפן, און אַזוי פיל חשובע הערן האָבן אים נאָך יעדן פערז צוגערופן „בראַוואָ!", האָט זיך יאַנען שטאַרק דער קאָפּ פאַרדרייט, אַ שטייגער ווי נאָך אַ לענגערן טאַנץ. ס׳האָט

זיך אים פאַרגעשטעלט, ווי עפּעס אַן אויסטערלישע קראַפט וואָלט אים אונטער די אָרעמס גענומען און הויך אין דער לופט אַוועקגעטראָגן.

ער האָט אָבער נישט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין; פאַרקערט, ער האָט די גאַנצע צייט גוט געוווסט, אַז ער איז אויף דער ערד שטיין געבליבן. אָבער איינציייטיק איז עס געווען פאַר אים אַ נחת־רוח צו פילן, אַז ער שטייגט הויך, גאַר הויך איבער אַלעמענס קעפּ, יאָגט זיי איבער מיט זיין שטאַרקערן אויפשוווּנג, ערגעץ־וווהין צו די הימלען אַרויף. פון איין זייט איז ער געטראָגן געוואָרן פון כבוד, און פון דער צווייטער זייט — פון העריעכקייט. זיי האָבן אים אויף שטאַרקע פליגלען גענומען, און פאָרויס זענען געשוווּמען די מעכטיקע טענער פונם קייסערלעכן הימן. אַזוי ערנאָך זענען זיי מיט אים אַוועקגעפלויגן אין די ווייטע רוימען, ווו זיי האָבן אים אַוועקגעזעצט אויף אַ פּראַכטפולן קייסערלעכן טראָן, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געווען צווישן די רויט־באַשטראַלטע אונטערוואַלקנס.

בלויז איין זאַך האָט אים געפעלט... אַך, ווי גרויס וואָלט זיין פרייד געווען, ווען דאָ וואָלט זיך איצט געפונען די מעכטיקע קייסערין, — דאָס טייערע מיידעלע קלאַראַ גולאַ פון סקרוּליקאַ!

ווי נאָר דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך אַריינגעגנבעט אין דער נשמה פונם קייסער, אַזוי איז דער גאַנצער גאָרטן, דאָס הויז און די מענטשן פאַרגאַסן געוואָרן פון אַ פּורפּור־רויטער שיין. ווען ער האָט זיך נאָכאַמאָל גוט אַרומגעקוקט, האָט ער באַמערקט, אַז דערדאָזיקער בליאַסק שטראָמט פון אַ רויט־געקליידט מיידל, וואָס איז אַרויסגעקומען פונם הויז און שטיין געבליבן אויפן אויבערשטן שטאַפּל פון די טרעפּ, וואָס באַם אַריינגאַנג.

זי איז געווען אַ הויכגעוווקסיקע און אַ שלאַנקע, מיט אַ קאָפּ פּאַליענדיקע בלאָנדע האָר. איר פּנים האָט ער נישט געקאָנט זען, ווייל זי איז געשטאַנען האַלב־אָפּגעווענדט פון אים, אָבער... דאָס האָט דאָך נישט געקאָנט זיין עמעץ אַנדערש, ווי קלאַראַ גולאַ!

ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט זיך עפּעס דעם היינטיקן אָוונט געפילט אַזוי גליקלעך! דאָס איז אַלזאָ געווען אַ פאָרגעפיל, אַז זי געפינט זיך דאָ אין דער באָענט.

ער האָט איבערגעריסן דאָס זינגען, אַוועקגעשטופּט אָן אַ זייט די מענטשן, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג, און גלייך צוגעלאָפן צום הויז.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער נידעריקסטער שטיג, האָט ער געמוזט שטיין בלייבן, ווייל דאָס האַרץ האָט אין אים געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געמיינט, עס וועט אים באַלד אויפרייסן דעם ברוסטקאַסטן!

ביסלעכווייז האָט ער ווידער באַקומען כוח צו באַוועגן זיך פאָרויס. ער האָט זיך פּאַמעלעך געשלעפּט אַרויף איבער די טרעפּ. ענדלעך איז ער אַרויפגעקומען סאַמע אינדערהייך, אויסגעשפּרייט די אָרעמס און אַרויסגעפּליסטערט איר נאָמען.

דאַן האָט זיך דאָס יונגע מיידל אויסגעדרייט צו אים — אוי וויי, דאָס איז דאָך נישט געווען קלאַראַ גולאַ... דאָס איז גאָר געווען אַ ווילד-פרעמדע, וואָס האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט. ——

ער האָט צומאָל קיין איין וואָרט נישט געקאָנט פאַרן מויל אַרויסברענגען. בלויז די טרערן האָבן זיך אים אַ גאָס-געטון פון די אויגן. ער האָט זיי בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן.

אַ רגע דערנאָך איז ער צוריק אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, אָפּקערנדיק זיך פון דער גאַנצער הערלעכקייט און פּראַכט, פונם גאַנצן גליק און פרייד פון זיין דערהייבונג, און ער איז אַוועק אין דער אַלייע צום אַרויסגאַנג.

די געסט האָבן אים נאָכגערופן; זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל זיך צוריק אומקערן צו זיי און זיי ווייטער זינגען זיין ליד. אָבער ער האָט שוין איצט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיי. ער האָט זיך געאיילט צו פאַרלאָזן דעם הויף, כדי ווי צום שנעלסטן אַריינצוקומען אין וואַלד, וווּ ער האָט זיך מיט זיין טיפן צער אונטער די שאָטנס פון די ביימער געקאָנט באַהאַלטן.

יאַן און קאַטרינאַ

יאַן פון סקרוליקאַ האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פיל דאגות אויפן קאָפּ און אַזוי פיל צו טראַכטן, ווי זינט ער איז געוואָרן אַ קייסער.

באַלד פון ערשטן טאָג אָן פון זיין דערהייבונג האָט ער קודם־כל געמוזט אין זינען האָבן, ער זאָל נישט באַהערשט ווערן פון גאווה. ער האָט תמיד געמוזט געדענקען, אַז מיר מענטשן זענען אַלע פון איין ליים געקנעטן און שטאַמען אַלע פון איינע־און־דיזעלבע עלטערן. הוצדעם זענען מיר אַלע זינדיקע און שוואַכע נפשות, אַזוי אַז אַרום־און־אַרום האָבן מיר נישט מיט וואָס זיך איבערצונעמען איינער קעגן אַנדערן.

זיין גאַנץ לעבן האָט יאַן ביז צום נמאס ווערן זיך צוגעקוקט, ווי יעדער מענטש האָט דורכויס געוואָלט זיך האַלטן העכער פונם אַנדערן; און דעריבער האָט ער עס איצט נישט געוואָלט נאָכמאַכן. אָבער ער האָט באַמערקט, אַז אין לעבן איז נישט אַזוי לייכט צו האַלטן זיך בײַ דער אמתער באַשיידנקייט, — בפרט, פאַר אַזאַ איינעם, וועלכער איז פּלוצלינג אַזוי דערהויבן געוואָרן, אַז אין דער גאַנצער געמיינדע איז נישטאָ זיינס גלייכן.

דערעיקרשט האָט ער זיך געהיטן נישט צו טון אָדער זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט באַליידיקט אָדער געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אַלס גרינגשעצונג קעגן די אַלטע פריינט זיינע, וואָס האָבן זיך ווייטער געמוזט מאַטערן מיט דער טאָג־טעגלעכער שווערער האָרעוואַניע פאַרן אָרימען שטיקל ברויט. הגם ער האָט איצט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו זיין אַ גאַסט אויף אַלע פאַרוויילונגען און שמחות, וואָס זענען געפּראַוועט געוואָרן אין דער געגנט, האָט ער פאָרט קיינמאָל נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט וועגן דעם אַלעם, וואָס מיט אים איז געשען, נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געקאָנט

חושד זיין זיינע אַלטע פריינט, אַז זיי פאַרגינען אים נישט דעם כבוד, חס וחלילה. אָבער ער האָט זיי אַלנפאַלס געוואָלט פאַרשפּאָרן דאָס עגמת־נפש, וואָס זיי וואָלטן געהאַט, פאַרגלייכנדיק זיך מיט אים.

ער האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט פאַרלאַנגען פון אַזעלכע מענטשן, ווי פון זיין אַמאָליקן חבר פון דער אַרבעט, — דעם פּאַראַבעק בעריש — און אויך פון דעם אַלטן נעצבנשטריקער אולאַ, אַז זיי זאָלן אים טיטולירן „קייסער". אַזעלכע אַלטע גוטע פריינט האָבן אים איצט אויך געמעגט רופן „יאַן", פּונקט ווי אין די פריערדיקע צייטן. אגב, וואָלטן זיי זיך שוין סיי ווי נישט געקאָנט צוגעוווינען צו עפּעס אַן אַנדערן נאָמען פאַר אים.

אָבער די גרעסטע דאגה איז באַ אים געווען, ווי אַזוי צום פאַרזיכטיקסטן זיך נוהג צו זיין מיט זיין אַלט ווייב. זי איז נאָך אַלץ געבליבן זיצן אין דעם קליינעם הייזעלע, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום אָרימען לויינאַרבעטער יאַן אַנדערסאָן פון סקרוליקאַ. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אים וואָלט דאָס געווען אַ גרויסע דערלייכטערונג און אַ פרייד, ווען צו קאַטרינאַן וואָלט דאָסגלייכן אָנגעקומען אַ בשורה, אַז זי איז אויך אַזוי דערהויבן געוואָרן, ווי איר מאַן. דאָס איז אָבער נישט געשען, און דערום איז זי טאַקע פאַרבליבן דיזעלבע קאַטרינאַ, וואָס פריער.

און אפשר האָט עס גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין? קלאַראַ גולאַ האָט מסתמא אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז קאַטרינאַן האָט מען שוין נישט געקאָנט מאַכן פאַר אַ קייסערין. וואָרים, קיינער וואָלט זיך עס נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאַן, ווען זי גייט אַוועק אין קירך אַריין, זאָל זי וועלן אָנטון אויף אירע גרויע האָר אַ גאָלדענעם שטערנבאַנד. זי וואָלט בעסער געבליבן זיצן אינדערהיים, איידער פאַר מענטשן זיך צו דאַרפן ווייזן מיט עפּעס אַנדערש אויפן קאָפּ, ווי מיט איר געוויינלעך, שוואַרץ, זיידן שטערנטיכל.

קאַטרינאַ האָט אים באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן דערקלערט, אַז זי וויל נישט הערן וועגן דעם, אַז איר טאָכטער איז געוואָרן אַ קייסערין. יאַן איז נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת געקומען

צום באַשלוס, אַז עס איז אפשר דאָס גלייכסטע איר נאָכצוגעבן אין דער הינזיכט.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזעלכן, וואָס איז יעדן פרימאָרגן אַראָפּגעגאַנגען צום שיפּאָפּשטעל און דאָרט געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן אים באַ יעדע פּאָר ווערטער אָנגערופן נישט אַנדערש ווי „קייסער“, — פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזעלכן איז באמת נישט אַזוי לייכט געווען אַראָפּצוואַרפן פון זיך זיין גאַנצע אויסדערוויילטקייט, — ווי נאָר ער האָט די שוועל פון זיין אייגענער היים אַריבערגעטרעטן. און מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס איז נישט געווען פאַר אים קיין גרויסער נסיון — צו טראָגן האַלץ און שעפּן וואַסער פאַר קאַטרינאַן, בפרט נאָך, וואָס זי האָט גערעדט צו אים מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט גאָר געווען טיף געזונקען, אָנשטאָט דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי דער־הויבן.

וואָלט זיך קאַטרינאַ כאָטש באַגנוגנט דערמיט, מילא, איז פאַר־פאַלן. אָבער ניין, זי האָט זיך נאָך באַקלאָגט, וואָס ער וויל נישט גיין צו דער אַרבעט, ווי אַלעמאָל, און דערפאַר אים געמאַכט בי־טערע פאָרווורפן. אָבער ווי נאָר זי פלעגט צושטיין צו אים מיט דידאָזיקע טענות, האָט ער זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט דאָך געוווסט, אַז די קייסערין פון פּאָרטוגאַל וועט אים אַ ליאַדע טאָג שיקן אַזוי פיל געלט, אַז ער וועט שוין נישט מער דאַרפן נעמען אויף זיך זיינע אַרבעטסקליידער. די קייסערין וואָלט אים זיכער פאַראיבל געהאַט, אויב ער וואָלט אין דער־דאָזיקער זאַך אויך געווען נאָכגיביק לגבי קאַטרינאַן.

* * *

אַמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, סוף חודש אויגוסט, בשעת יאַן איז געזעסן אויפן שטיינערנעם טרעפּ פאַר זיין הייזל און געריכערט זיין ליולקעלע, האָט ער פּלוצלינג דערהערט יונגע, קלינגענדיקע קולות

פונם וואַלד אַרויס. באַלד נאָכדעם האָט ער דערזען, ווי צווישן די ביימער שימערן העלע קליידלעך.

קאַטרינאַ איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען אין דעם יונגן בערע־זעוועלדל, כדי אָפּצושניידן ריטלעך אויף אַ בעזים. אָבער פֿאַרן אַוועקגיין האָט זי אים דערקלערט, אַז פֿון היינטמאָל אָן מוז אַלצדינג איבערגעאַנדערשט ווערן. זי וועט גיין צו לאַרס גונאַרסאָנען און זיך אָנבאָטן צו גראָבן אויף די פעלדער פֿון פֿאַליאַ, און ער וועט מעגן בלייבן אין שטוב: קאָכן וואַרמעסן און פֿאַרלאַטען די מלבושים; ווארים ער אַליין איז דאָך לעצטנס געוואָרן אַ צו גרויסער יחסן, ער זאָל גיין אַרבעטן באַ יענעם.

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט, הגם ער האָט זיך גע־פילט שטאַרק געטראָפן פֿון אירע רייד; און דעריבער האָט עס אים זייער הנאה־געטון צו קאָנען אַצינד פֿאַרנעמען די געדאַנקען מיט גאָר עפעס אַנדערש.

ער איז שנעל אַריינגעלאָפֿן נאָכן קייסערלעכן שטעקן און לעדערנעם קאַשקעט, און נאָך באַוויזן אַרויסצוקומען צום טירל גראָד ווען די יונגע פרייליינס זענען דאָרט פֿאַרבייגעגאַנגען.

זיי זענען געווען אַזש פינף אויף אַמאָל, און צווישן זיי, — דעם לייטענאַנט ליליעקרונאַס דריי יינגערע טעכטערלעך; די איבעריקע צוויי זענען מסתמא געקומען אויף אַ באַזוך קיין לעיוודאַלאַ.

יאַן האָט ברייט אויפגעפראַלט דאָס טירל און אַרויסגעגאַנגען זיי מקבל־פנים זיין.

— אַ גוטן אָוונט אייך, מיינע טייערע הויפדאַמען! — האָט ער געזאָגט, פֿאַרנייגנדיק זיך, און דערביי געמאַכט אַזאַ ברייטן רע־ווערצנס מיטן קאַשקעט אין דער האַנט, אַז ער האָט מיט אים כמעט ווי די ערד באַרירט.

זיי זענען שטיין געבליבן און לכתחילה זיך געפילט אַ ביסל זשעניִרט; אָבער יאַן האָט זיי מיט זיינע ערשטע פּאָר ווערטער באַלד אַרויסגעבראַכט פון דער פֿאַרלעגנהייט.

און דאַן האָבן זיי אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם, — פון רעכטס און פון לינקס, — און באַ יעדער ווענדונג האָט מען גע־

הערט : „אַך, אונזער ליבער קייסער", „אונזער טייערער קייסער". מען האָט באַשײנפּערלעך געזען, סאַראַ גרויסע פרייד עס האָט זיי פאַרשאַפט די באַגעגעניש מיט אים.

דידאַזיקע יונגע מיידלעך פון לעיוודאַלאַ זענען געווען פון גאָר אַן אַנדערן טיפּ מענטשן ווי קאַטרינאַ, אָדער ווי די איינוווי-נער פון אַסקעדאַלאַרנאַ. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, ער זאָל זיי דערציילן וועגן דער קייסערין. אדרבא, זיי האָבן תּיכּף געפרעגט, וואָס עס הערט זיך עפּעס נייעס פון איר און ווען זי האָט בדעה אַהיימצוקומען.

דערנאָך האָבן זיי געפרעגט, צי ער וואָלט זיי געוואָלט דער-לויבן אַריינצוגיין אַ קוק-טון, ווי עס זעט-אויס בײַ אים אין דער וווינונג. יאַן האָט נישט געדאַרפט זיי אָפּזאָגן, ווייל קאַטרינאַ האָט תּמיד געהאַלטן דאָס שטיבל ציכטיק און אויפגערוימט, אַזוי אַז אפילו די חשובסטע פּערזענלעכקייט וואָלט דאָרט צו יעדער צייט מיט פאַרגעניגן געמעגט אַריינקומען אויף אַ באַזוך.

בשעת די יונגע פריצישע טעכטער זענען אַריינגעקומען אין שטיבל, איז בײַ זיי געווען אַ גרויסער חידוש צו זען, אַז די באַ-רימטע קייסערין איז גאָר אויפגעוואַקסן אין אַזאַ קליין הייזעלע. נו, מילא, פריער איז עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה, — זי איז שוין געווען צוגעוווינט צו דער ענגשאַפט. אָבער וואָס וועט זיין, ווען זי וועט צוריקקומען, — האָבן די יונגע מיידלעך געפרעגט. — צי וועט זי דאָ בלייבן וווינען בײַ אירע עלטערן, אָדער צוריקפאָרן קיין פאָרטוגאַל ?

יאַן האָט שוין נישט איינמאָל געקלערט וועגן דעם. ער אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז קלאַראַ גולאַ קאָן נישט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין אַסקעדאַלאַרנאַ, ווארים זי מוז דאָך רעגירן איבער איר מדינה. און דערום האָט ער זיי געענטפערט :

— איך בין זיך משער, אַז זי וועט דאָ פאַרברענגען בלויז אַ קורצע צייט און דערנאָך זיך צוריק אומקערן קיין פאָר-טוגאַל.

— און דאַן וועט איר דאָך אוודאי מיטפאָרן מיט איר? — האָט איינע פון די יונגע מיידלעך געפרעגט.

יאַן האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט גלייכער געווען, ווען זי זאָל אים נישט האָבן געשטעלט דידאָזיקע פראַגע. ער האָט איר טאַקע נישט באַלד געענטפערט דערויף, אָבער דאָס מיידל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— מסתמא, ווייסט איר נאָך אַליין נישט, ווי אַזוי עס וועט זיין? — האָט זי געזאָגט.

פאַרקערט, יאַן האָט דווקא יאָ געוווּסט, ווי אַזוי עס וועט זיין, אָבער ער האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געהאַט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון, ווי אַזוי די מענטשן וועלן זיך באַציען צו זיין באַשלוס. אפשר וועלן זיי דאַן זאָגן, אַז אַזאַ האַנדלונג שטייט נישט אָן פאַר אַ קייסער?

— איך וועל מוזן בלייבן אינדערהיים, — האָט ער צום סוף דערקלערט. — ס'איז דאָך נישט יושרדיק, איך זאָל דאָ איבערלאָזן קאַטרינאַן איינע אַליין.

— אַזוי גאָר, קאַטרינאַ וועט נישט מיטפאָרן?

— ניין, ס'איז נישט מעגלעך צו פועלן באַ איר, זי זאָל פאַרלאָזן דאָס הייזל — האָט יאַן געענטפערט. — און איך ווידער, מוז דאָך אויך בלייבן באַ איר. פאַרפאַלן, אויב מען האָט שוין איינ־מאָל צוגעשווירן צו זיין געטריי אין גוטע, ווי אין שלעכטע צייטן...

— נו, יאָ, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דידאָזיקע שבועה טאָר מען נישט ברעכן, — האָט זיך אָנגערופן די יונגע פריצישע פריילין, וואָס האָט אַזוי גערן געוואָלט אַלצדינג וויסן. — איר האָט געהערט, מיידלעך, — האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אירע באַגלייטערינס, — יאַן וועט נישט פאַרלאָזן זיין ווייב, כאָטש עס וואַרטן אויף אים אַלע הערלעכקייטן פון דער מדינה פאָר־טוגאַל!

אָבער, שטעלט אייך פאָר, אַז דערדאָזיקער ענטפער האָט זיי גאָר שטאַרק דערפרייט! זיי האָבן אים געקלאַפּט איבער דער פּליי־צע און דערקלערט, אַז ער האַנדלט זייער ריכטיק. און חוצדעם, האָבן זיי געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן: הייסט עס, אַז דער

אַלטער יאַן אַנדערסאָן פון סקרוליקאַ איז נאָך נישט אינגאַנצן קיין פאַרפאַלענער.

ער האָט נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן געמיינט דערמיט. זיי זענען מסתמא שטאַרק צופרידן געווען, וואָס ער וועט פאַרבלייבן באַ זיי אין דאָרף — — —

די פריילינס האָבן זיך געזעגנט מיט אים און זענען געגאַנגען ווייטער. זיי זענען, בעמלעך, פאַרבעטן געווען אויף אַ שמחה באַ די באַלעבאַטים פון דער דיוונעזישער הוטע.

אָבער ווי נאָר זיי זענען אַוועק, אַזוי איז קאַטרינאַ תיכף אַריינגעקומען אין שטיבל. זי האָט אוודאי געמוזט שטיין פאַר דער טיר און וואַרטן, ביז די פרעמדע מיידלעך וועלן פאַרלאָזן דאָס הייזל. אָבער קיינער האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט וויסן, ווי לאַנג זי איז דאָרט געשטאַנען און וואָס זי האָט אַלץ געהערט פון יאַנס שמועס מיט די פריצישע קינדער.

נאָר, ווי עס זאָל נישט זיין, האָט זי איצט געהאַט אַ סך אַ מילדערע און פריינטלעכערע מינע, ווי שטענדיק.

— דו ביסט שוין איינמאָל אַ טפש! — האָט זי גלייך באַם אַריינקום געזאָגט. — איך וואָלט געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָס אַן אַנדערע פרוי וואָלט געזאָגט, האָבנדיק אַזאַ מאַן. אָבער דו ביסט כאָטש אַן אָרנטלעכער מענטש דערמיט, וואָס דו ווילסט מיך נישט דאָ איבערלאָזן איינע אַליין!

די לווי

צו יאַן אַנדערסאָנען פון סקרוליקאַ האָט מען נישט געשיקט קיין שליח, ער זאָל קומען צו דער לוויה פון ביערן הינדריקסאָן פון ליובי. מעגלעך, אַז דעם פאַרשטאָרבענעמס משפחה האָט נישט געוווסט, צי ער וויל זיך נאָך אַלץ רעכענען פאַר זייערס אַ קרוב,

נאָכדעם ווי ער איז דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הערלעכקייט און פּראַכט, אין וועלכער ער האָט לעצטנס פאַרברענגט זיינע יאָרן.

און אפשר וואָלטן זיי געהאַט גרויסע שוועריקייטן באַם איינאָרדנען אַלצדינג אויף צו קאָנען אַנטשפּרעכנד אויפנעמען אַזאַ חשובן גאַסט און זעען, אַז דער לוויה-צערעמאָניאַל, ווי אין דער אַנווועזנהייט פון אַזאַ הויכגעשטעלטער פּערזענלעכקייט, זאָל זיין ווי עס געהער צו זיין.

די נאָענטסטע קרובים פון ביערן הינדריקסאָנען האָבן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט פאָרן אין דער ערשטער ריי פון דעם לוויה-צוג. אָבער, אייגנטלעך, וואָלט מען דאָך פאַר אים — אַלס קייסער — געדאַרפט מאַכן אַ פּלאַץ דווקא אין שפּיץ פון דער פּראָצעסיע.

זיי האָבן אָבער גאָרנישט געוווּסט, ווי ווינציק ער האָט זיך גערעכנט מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס באַ אַנדערע האָט עס דווקא געשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער האָט אָן דעם אויך געוווּסט, ווער ער איז. און עס איז אים נאָך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פאַרלויפן דעם וועג אַזאַ איינעם, וואָס פילט זיך גליקלעך, ווען ער קאָן פאַרנעמען דעם אויבנאָן אויף אַ גאַסטמאָלצייט.

כדי נישט צו פאַרשאַפן קיינעם קיין בייזבלוט, איז ער אינדערפרי נישט געגאַנגען צום טרויערהויז, איידער דער לוויה-צוג האָט גערירט פון דאָרט, נאָר ער איז גלייך אַוועק אין קירך אַריין. ערשט ווען די גלאָקן האָבן זיך שוין געהאַט שטאַרק צעקלונגען און ער האָט געזען, אַז די לאַנגע פּראָצעסיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאָרמירן אויף דעם פּלאַץ פאַר דער קירך, — דאַן איז ער ערשט אויך צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די אַנדערע קרובים.

אויף די פּנימער פון די לוויה-באַגלייטער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ בולטע שטוינונג. ווען זיי האָבן אים דערזען צווישן זיך. ער האָט עס גוט באַמערקט, אָבער ער איז שוין געווען געוווינט דערצו, אַז מענטשן זאָלן ווערן איבערראַשט פון זיין לייטזעליקייט; דעריבער האָט ער נישט געלייגט קיין אכט אויף דעם רושם, וואָס זיין באַווייזן זיך האָט אַרויסגערופן באַם עולם. ער איז

באַ זיך געווען זיכער, אַז זיי וואָלטן אים פאַרבעטן אין דער ערשטער ריי אַריין, נאָר ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט דערויף, ווייל די פּראָצעסיע האָט שוין גערירט אין דער ריכטונג פון בית-עולם.

נאָך דער קבורה איז ער אויך אַריינגעגאַנגען צוריק אין קירך און פאַרנומען אַן אָרט צווישן די נאָענטסטע קרובים. און אויך אַצינד האָט ער באַמערקט, ווי דערשטוינט זיי זענען געווען פון זיין אויפפירן זיך. אָבער קיינער פון זיי איז נישט דרייסט געווען אויפמערקזאַם צו מאַכן די פאַרזאַמלטע אויף דעם גרויסן כבוד, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט מיט דעם, וואָס ער האָט באַוויליקט צו פאַרלאָזן זיין אָנגעזעצן אָרט אויף דעם כאָרגאַניק און זיך אַוועקצוזעצן לעבן זיי.

עס איז איצט סיי ווי נישט געווען דער פּאַסנדער מאָמענט פאַר אַנטשולדיקונגען, ווייל גראָד אין דער רגע האָט דער אָרגל אויפגעשפּילט צום פּסאַלם, וואָס מען זינגט פאַר דער תּפילה.

נאָכן גאָטדינסט זענען צוגעפאָרן צו דער קירך די אַלטע וועגענער און ברישקעס, וואָס האָבן געהערט צו די באַגלייטער פון דער לוויה. יאַן איז צוגעגאַנגען צו דעם גרויסן פלאַכן וואָגן, אויף וועלכן מען האָט געבראַכט צו פירן די טרומנע און זיך אַוועקגעזעצט אויף אים. ער האָט געוווסט, אַז דערדאָזיקער וואָגן וועט צוריקפאָרן אַ ליידיקער, און דעריבער איז ער ליבערשט דאָרט אַרויפגעקראָכן, כדי נישט צו פאַרנעמען עמעצנס אָרט.

ביערן הינדריקסאָנס טאָכטער און איידעם זענען אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעגאַנגען און זייטיק אָנגעקוקט דעם מאַן, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט גראָד אויף דעמדאָזיקן וואָגן. יאַן האָט געמיינט, אַז זיי זענען זיך מצער איבער דעם, וואָס זיי האָבן אים נישט געקאָנט אָנבאָטן צו פאָרן אויף דעם שענסטן וואָגן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז צוליב אים זאָל מען איצט אָנהייבן איבערבייטן די ערטער, וואָס עס וואָלט זיכער אַרויסגערופן גרויס צעמישונג אין דער פעסטגעשטעלטער אָרדנונג. נישקשה, ער האָט אַזוי אויך געוווסט, ווער ער איז.

ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער קירך, האָט ער נישט

געקאָנט פּטור ווערן פון דער דערינערונג וועגן דעם שפּאַצירגאַנג קיין ליובי, וואָס ער האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק געמאַכט צוזאַ־מען מיט קלאַרא גולאַן, כדי צו זיין אויף אַ באַזוך בײַ זיינע רייכע קרובים. אָבער איצט האָט זיך אַלצדינג איבערגעדרייט קאַפּויר. נו, אדרבא, ווער איז היינט דער מעכטיקער און אָנגעזעענער? און ווּעמענס ריי איז היינט אַרויסצווייזן גרויס לייטזעליקייט דערמיט, וואָס ער באַוויליקט צו באַזוכן זיינע קרובים?

ווי נאָר די באַגלייטער זענען אָנגעקומען צום טרויערהויז, האָט מען זיי גלייך אַריינגעפירט אין דער גרויסער גאַסטשטוב אין פּאַרטער, וווּ זיי האָבן פון זיך אַראָפּגענומען די אויבערשטע מלבושים. לויט דעם דאָרטיקן מנהג, האָט אַ שכניש פּאָרפאָלק איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט בעתן צוגרייטן דאָס טרייסטמאָלצייט. און איצט האָבן זיי טאַקע פאַרבעטן די חשובסטע פון די געסט אַרויפצוגיין אויפן גאָרן, ווו עס זענען שוין געשטאַנען גרייט די טישן, גע־דעקטע צום מיטאָג.

עס איז אָבער געווען זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, אויסצווײלן פון צווישן די פאַרזאַמלטע די סאַמע חשובסטע געסט, וואָס זאָלן די ערשטע זיך צום טיש זעצן. וואָרים עס זענען געקו־מען אַזוי פיל באַגלייטער צו דער לוויה, אַז עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלע אויף אַמאָל. מען האָט געמוזט צעטיילן דעם עולם: ווען איין טייל וועט האָבן שוין אָפּגעגעסן, וועט זיך דער צווייטער טייל זעצן צום טיש. אָבער צווישן די פאַרזאַמלטע זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס וואָלטן קיינמאָל נישט מוחל געווען די גרינגשעצונג, ווען מען וואָלט זיי נישט פאַרבעטן צו זיין די ערש־טע צום טיש.

וואָס שייך יענעם, וועלכער איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ קייסער, האָט ער אין אַ סך פאַלן געקאָנט זיך דער־לויבן אויף לייטזעליקייט קעגן אַנדערע; אָבער דאָ אויף דעמדאָזיקן טרייסטמאָלצייט, ווו עס זענען געווען פאַרזאַמלט אַזוי פיל הויכגע־שטעלטע לייט פון דער גאַנצער געגנט, האָט ער אומבאַדינגט גע־מוזט באַשטיין דערויף, ער זאָל זיין צווישן די ערשטע פאַרבעטע־נע צום טיש. אַז נישט וואָלטן נאָך די מענטשן געקאָנט מיינען, אַז

ער הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס אים שטייט־אָן אַלס קייסער. וואָרים, זייענדיק פון אַזאַ הויכן שטאַנד, וואָלט מען אים אייגנטלעך געדאַרפט פאַרבעטן דעם סאַמע ערשטן.

אָבער ער האָט זיכער נישט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך, אַז די מענטשן זאָלן באַקומען אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן אים, — כאָטש מען האָט אים פאַקטיש נישט פאַרבעטן אַרויפצוגיין אויפן גאָרן צוזאַמען מיט די ערשטע געסט. ס'איז דאָך געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער דאַרף זיך זעצן צום טיש צוזאַמען מיטן גלח און מיט די איבעריקע מיוחסים. נישקשה, ער דאַרף זיך נישט באַאומרויקן, צי עס וועט טאַקע אַזוי געשען, — האָט ער געטראַכט.

אָבער דערווייל איז ער שטיל און איינזאַם געזעסן אויף אַ זייטיקער באַנק. דאָ אין דעם הויז האָט זיך באַטירלעך נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל האָבן חשק צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן דער קייסערין. דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך איצט געפילט זייער נידערגעשלאָגן. אַוועקגייענדיק פון דערהיים, האָט אים קאַטרינאַ געוואָרנט, ער זאָל ליבערשט נישט גיין צו דערדאָזיקער לוויה, ווייל די פויערים פון דעם הויף זענען פון אַזאַ אַלטער, שטאָלצער משפחה, אַז זיי מאַכן נישט קיין גרויס וועזן נישט פון קיין קיניג, נישט פון קיין קייסער. און איצט האָט עס שוין באַלד אַזוי אויסגעזען, אַז קאַטרינאַ איז טאַקע גערעכט געווען. די מיטגלידער פון די זייער אַלטע פויערים־משפחות, וועלכע זיצן שוין זינט דעם וועלטבאַשאַף אויף דיזעלבע נחלאות, האַלטן זיך פאַר פיל גרעסערע יחסנים, ווי אַלע אַנדערע געקרוינטע און נישט געקרוינטע שררות.

עס איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, ביז מען האָט צונויפגענומען די געסט, וועלכע האָבן זיך די ערשטע געזאָלט זעצן צום טיש. די שכנים, וואָס האָבן היינט איבערגענומען די ראָל אַלס באַלעבאַטים פונם הויז, זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער גרויסער שטוב, אויסקלייבנדיק די חשובסטע פון די געסט. אָבער צו אים, צום קייסער, זענען זיי נישט צוגעקומען.

לעבן אים אויף דער באַנק האָבן זיך אַוועקגעזעצט צוויי

אַלטע בתולות, וועלכע האָבן לגמרי נישט דערוואַרט, מען זאָל זיי באַלד אין אָנהייב פאַרבעטן צום מאַלצייט; און דעריבער זענען זיי דאָרט רויק געזעסן און געמיטלעך געשמועסט. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, ווי ווייל דאָס איז געווען, וואָס ליבאַרט ביערנסאָן, ביערן הינדריקסאָנס זון, האָט נאָך באַוויזן אַהיימצוקומען און זיך איבערבעטן מיטן פאָטער.

אייגנטלעך, האָט צווישן זיי נישט געהערשט קיין בולטע שנאה. אָבער זייער אומפריינטשאַפט איז אַנטשטאַנען אויף אַזאַ אופן: אַן ערך מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ליבאַרט איז אַלט געווען אַ יאָר צוויי־דרייאונצוואַנציק און בדעה געהאַט חתונה־האָבן, האָט ער געפרעגט דעם פאָטער, צי ער וויל אים לאָזן איבערנעמען דעם הויף, אָדער אויף אַן אַנדערן אופן אים העלפן ווערן אַ זעלבסטשטענ־דיקער באַלעבאָס. אָבער דער אַלטער ביערן האָט אים אָפּגעזאָגט — אַזוי דאָס ערשטע, ווי דאָס צווייטע. זיין ווונטש איז געווען, אַז דער זון זאָל פאַרבלייבן באַ אים אין הויף, ווי ביז איצט, און די באַ־לעבאַטישקייט זאָל ער איבערנעמען ערשט דאַן, ווען ער, דער פאָ־טער, וועט אויף אייביק פאַרמאַכן די אויגן.

אָבער דערויף זאָל אים דער זון האָבן געענטפערט:

— ניין, איך וויל נישט פאַרבלייבן אינדערהיים און זיין בלויז אַ פאַראָבעק, — הגם באַ מיין אייגענעם פאָטער. איך וועל ליבערשט אַוועקגיין אין דער ווייטער וועלט אַריין און מיר שאַפן מיין אייגן באַלעבאַטישקייט. איך וויל זיין האַר איבער מיר אַליין, אַזוי ווי דער פאָטער. אַז נישט, האָב איך מורא, וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן די פריינטשאַפט צווישן אונז.

דאַן האָט אים דער פאָטער געזאָגט:

— נו, אויב דו וועסט זיך איינעקשנען דווקא צו גיין מיט דיין אייגענעם וועג, וועט צו דער פריינטשאַפט סיי ווי נעמען אַ סוף! — — —

דער זון איז אַוועק אין די גרויסע וועלדער, וואָס ציען זיך אויף צפון און אויף מזרח פון דער אַזערע דיוזשעי. דאָרט האָט ער זיך באַזעצט אין דער וואַלדיקער וויסטעניש, אויסגעוואָרצלט דיביימער אויף אַ היפּשן שטח אַרום און דערנאָך באַאַרבעט דעם

באָדן. זיין נחלה איז געלעגן אין דער געמיינדע ברו, און זינט ער איז אַוועק פונדערהיים, האָט ער זיך שוין מער נישט געוויזן אין סוואַרטזשעי. דרייסיק יאָר האָבן אים די עלטערן נישט געזען פאַר זייערע אויגן. אָבער מיט אַכט טעג צוריק איז ער אַהיימגעקומען, גראָד דאַן, ווען זיין פאָטער ביערן האָט שוין געהאַלטן באַ שטאַרבן — — —

יאַנען איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרץ, בשעת ער האָט זיך צוגעהערט צום שמועס, וואָס די צוויי פרויען האָבן געפירט. דאָס איז געווען אַ גוטע בשורה פאַר אים!

דעם פאַרגאַנגענעם זונטיק, ווען קאַטרינאַ איז אַהיימגעקומען פון קירך און דערציילט, אַז מיט ביערן הינדריקסאָנען האַלט שוין גאָר שמאָל, האָט ער באַלד געפרעגט, וואָס עס הערט זיך מיטן זון און צי מען האָט שוין געשיקט נאָך אים.

ניין, דאָס האָט מען נישט געטון. קאַטרינאַ האָט געהערט דערציילן, אַז ביערן הינדריקסאָנס ווייב האָט זייער געבעטן דעם מאַן, ער זאָל דערלויבן צו שיקן אַ ידיעה צום זון, אָבער ער האָט עס איר שטרענג פאַרווערט. דער אַלטער האָט דערקלערט, אַז ער וויל כאָטש אויפן טויטנבעט האָבן מנוחה.

אָבער יאַן אַנדערסאָן האָט זיך נישט באַרויקט דערמיט; ער האָט נישט געקאָנט אויפהערן צו טראַכטן וועגן ליגאַרטן, וועלכער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אין זיינע וועלדער און נישט געוווסט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זיין פאָטער געפינט זיך. צום סוף האָט יאַן באַשלאָסן צו טון פונקט פאַרקערט, ווי עס איז געווען דעם אַלטן ביערנס ווונטש, און ער האָט טאַקע צו וויסן-געטון דעם זון, ווי עס האַלט מיט זיין פאָטער.

ער האָט נישט געוווסט, ווי די זאַך איז ווייטער צוגעגאַנגען, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפירט זיין מיסיע. ערשט איצט האָט ער דאָ געהערט די צוויי פרויען רעדן וועגן דעם. און זייער שמועס האָט אים אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, דאָס מען האָט אים נישט פאַרבעטן נישט צום ערשטן מאָל גיין צום טיש און נישט צום צווייטן מאָל.

— — — ווען דער זון איז אַהיימגעקומען, — האָט איינע

פון די פרויען ווייטער דערציילט, — האָט ער זיך זייער האַרציק באַגריסט מיטן פאָטער. דער אַלטער האָט געלאַכט, קוקנדיק אויפן זונס קליידער.

— ווי איך זע, ביסטו געקומען אין דיינע אַרבעטסקליי־דער, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— נו, יאָ, איך וואָלט מיך, אייגנטלעך, געדאַרפט איבערטון יום־טובדיק, ווייל מיר האָבן דאָך היינט זונטיק, — האָט דער זון געענטפערט. — אָבער, בײַ אונז האָט היינטיקן זומער כּסדר גע־רעגנט. און דעריבער האָב איך איבערן זונטיקדיקן נאָכמיטאָג, ווען עס האָט שוין אַמאָל אויפגעהערט צו רעגענען, געוואָלט אַראָפּנע־מען אַ ביסל האָבער פונם פעלד.

— נו, האָסטו טאַקע באַוויזן דאָס צו טון ?

— איך האָב שוין געהאַט אָנגעלאָדן איין פורל, אָבער איך האָב עס געלאָזט שטיין אויפן פעלד, ווייל דער שליח איז גראָד דאַן אָנגעקומען. איך האָב זיך תּיכּף אָנגעטאָן אין וועג אַריין נישט איבערטוענדיק זיך אפילו.

— ווער האָט עס דיר געבראַכט די ידיעה ? — האָט דער פאָטער געפרעגט אין אַ ווײַלע אַרום.

— איך האָב נאָך דעם מענטש קיינמאָל פאַר מיינע אויגן נישט געזען, — האָט דער זון געענטפערט. — ס׳איז מיר צומאָל נישט אויפן געדאַנק געקומען, איך זאָל אים פרעגן, ווי ער הייסט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער.

— דעמדאָזיקן פאַרשוין מוזסטו אויפזוכן, לינאַרט ! — האָט דער אַלטער ביערן געזאָגט מיט שטאַרקער באַטאָנונג. — דו זאָלסט אים אָפּגעבן כּבוד, ווו נאָר דו וועסט אים טרעפן. ווייזט־אויס, אַז ער איז אונדז אַלע אַ גוטער פריינט !

אָט אַזוי געמיטלעך און האַרציק האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, און דער זון איז נישט אָפּגעטרעטן פונם פאָטערס בעט, ביז ס׳איז נישט געקומען דער סוף. זיי זענען ביידע געווען אַזוי גליק־לעך דערמיט וואָס זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, אַז עס האָט אויס־געזען, ווי דער טויט וואָלט זיי געבראַכט פרייד, אָנשטאָט צער. — — —

יאַן האָט אויפגעציטערט פון ווידערווילן, ווען ער האָט דער־הערט, אַז ליבאַרט ביערנסאָן האָט אים אָנגערופן „אַן אַלטער בעט־לער". אָבער ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס דאָס איז זיכער געשעען דערפאַר, ווייל אַוועקגייענדיק אויפזוכן ליבאַרטן אין דער וואַלדיקער וויסטעניש האָט ער נישט מיטגענומען נישט דעם גרי־נעם קאַשקעט און נישט דעם קייסערלעכן שטעקן.

דאָס האָט צוריקגעפירט זיינע געדאַנקען צו זיין איצטיקער פאַרלעגנהייט, און דאַן איז אים געוואָרן שטאַרק אומעטיק. ער איז שוין געגנוג דאָ אָפּגעזעסן און געוואַרט. אַצינד וואָלט מען אים שוין געדאַרפט האָבן פאַרבעטן צום מאָלצייט, אַז נישט וועט דאָך שוין זיין נאָך אַלעמען. דאָ איז מסתמא עפּעס נישט אין אָרדנונג געוועזן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט זיכערע טריט אַדורכגע־גאַנגען די גאַסטשטוב, דערנאָך אַדורכגעשפּאַנט איבערן פעדערהייזל, אַרויף איבער די טרעפּ, און געעפנט די טיר, וואָס פירט צום גרויסן זאַל אויפן גאָרן.

ער האָט גלייך דערזען, אַז די סעודה איז שוין געווען אין פולן גאַנג. די טישן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער פורם פון אַ פּאַדקאָווע זענען געווען געדיכט באַזעצט מיט געסט און מען האָט שוין אַרומגעטראָגן דאָס ערשטע מאכל; איצט האָט ער שוין באַשיינפּערלעך איינגעזען, אַז מען האָט אים לחלוטין נישט בדעה געהאַט צו פאַררעכענען צו די חשובסטע געסט.

אָט זענען דאָרט געזעסן אי דער גלח, אי דער קירכאויפזע־ער און לעבן זיי — דער לייטענאַנט ליליעקרונאַ פון לעיוודאַלאַ מיט זיין ווייב. קורץ — דאָרט זענען געזעסן די אַלע, וועמען עס איז, — לויט שטאַנד און יחוס — געקומען צו זיין די ערשטע באַם טיש; נאָר ער אײנער אַליין איז דאָרט נישט געווען.

איינע פון די יונגע מיידלעך, וואָס האָבן אַרומגעטראָגן די פולמעסיקן אַרום די טישן, האָט דערזען יאַנען, באַלד ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן אין דער טיר און איז שנעל צוגעגאַנגען צו אים.

— וואָס טוט איר דאָ, יאַן? — האָט זי שטילערהייט גע־פרעגט. — גייט צוריק אַראָפּ!

— אָבער טייערע באַלעבאָסטעשי! — האָט ער געזאָגט. איך

מיין, אַז דעם קייסער יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל מעג מען נאָך אַלץ פאַררעכענען צו די יחסנישע געסט און אים פאַרבעטן צווישן די, וואָס זעצן זיך די ערשטע צום טיש.

— שווייגט שוין, יאַן! — האָט דאָס מיידל פאַרדראָסיק געזאָגט. — היינט איז נישט קיין טאָג פאַר אייערע שטותים. גייט אַראָפּ אונטן און וואַרט דאָרט, וועט איר שוין באַקומען אייער פאַרציע עסן, ווען עס וועט זיין אייער ריי!

יאַן האָט באמת געהאַט אַ סך מער רעספּעקט פאַר דערדאָזיקער משפחה, ווי פאַר וועלכער עס איז אַנדערער פון דער גאַנצער געמיינדע. און דווקא דערפאַר איז אים גאָר שטאַרק געגאַנגען דערין, אַז מען זאָל אים דאָ אין דעם הויז אויפנעמען מיטן געהעריקן כבוד, — טאַקע ווי עס שטייט אים אָן אַלס קייסער פון פּאָרטוגאַל. און דעריבער איז ער, בשעת דאָס מיידל האָט גערעדט צו אים אין אַזאַ שאַרפן טאָן, שטיין געבליבן מוטלאָז, מיטן היטל אין דער האַנט, נישט וואַגנדיק די שוועל אַריבערצוטרעטן. ער האָט געפילט, ווי ער פאַרלירט איצט די גאַנצע קייסערלעכע ווירדע.

אָבער גראָד אין דערדאָזיקער פאַרלעגנהייט זיינער האָט ער דערהערט ווי לינאַרט ביערנסאָן רופט-אויס הויך אויפן קול:

— דאָרט שטייט דאָך דער מאַן, וועלכער איז פאַריקן זונטיק געקומען צו מיר מיט דער ידיעה, אַז מיין פאָטער איז אַזוי געפערלעך קראַנק!

— וואָס רעדסטו? — האָט זיין מוטער פאַרחידושט געפרעגט. — צי ביסטו זיך נישט אַמאָל טועה?

— ניין, איך בין זיך נישט טועה, דאָס איז דערזעלבער מענטש, — האָט לינאַרט געענטפערט, — איך האָב אים היינט שוין איינמאָל געזען, נאָר פריער האָב איך אים נישט דערקענט, ווייל ער איז געווען עפּעס אַזוי אויסטערליש פאַרקליידט, אָבער איצט דערקען איך אים אויסגעצייכנט!

— נו, אויב דאָס איז דערזעלבער, — האָט די מוטער געזאָגט, — דאַרף ער דאָך נישט שטיין בייַ דער טיר, ווי אַ בעטלער. מיר מוזן דאָ מאַכן פאַר אים אַן אָרט באַם טיש. מיר זענען אים שולדיק גרויס כבוד און דאַנק, וואָרים נאָר ער האָט ביערן הינ-

דריקסאָנען לייכטער געמאַכט דעם טויט. און מיר אַליין האָט ער געבראַכט די איינציקע טרייסט, נאָכדעם ווי איך האָב פאַרלוירן אַזאַ גוטן מאַן!

און מען האָט טאַקע גלייך געמאַכט אַן אָרט פאַר יאַנען, כאָטש עס איז שוין פריער אויך גענוג ענג געווען באַם טיש. מען האָט אים אַוועקגעזעצט סאַמע אויבנאָן, אַקעגנאיבער דעם גלח. וועגן אַ בעסער אָרט האָט ער אפילו נישט געקאָנט חלומען!

לכתחילה איז ער געווען אַ ביסל צעטומלט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס מען צאַצקעט זיך אַזוי מיט אים; זאָל דאָס זיין בלויז דערפאַר, וואָס ער איז געלאָפן אַ פאָר מייל דורכן וואַלד מיט דער ידיעה צו לינאַרט ביערנסאָנען?...

אָבער אַ ווײַלע דערנאָך איז אים שוין אַלץ קלאָר געוואָרן. דערמיט האָבן זיי, נאַטירלעך, געוואָלט באַערן דעם קייסער פון פאָרטוגאַל. זיי האָבן עס אָבער איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער פון די גרויסע שררות און פריצים, וואָס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט, זאָל זיך נישט פילן געטראָפן אָדער גרינגגעשעצט.

קיין אַנדערע דערקלערונג האָט ער נישט געקאָנט געפינען. וואָרים, זינט ער געדענקט, איז ער תמיד געווען פריינטלעך און ביהילפיק יעדן איינציקן. אָבער בלויז דערפאַר האָט מען אים נאָך קיינמאָל נישט אָפגעגעבן קיין כבוד און נישט געמאַכט אַזאַ פּאַראַד פאַר אים, ווי דאָ אין דעם הויז.

עס האָט אַלזאָ געמוזט זיין אַ ספּעציעלע סיבה, וואָס מען האָט אים דאָ, אין דעם הויז, גראָד היינט אַזוי פיין אויפגענומען און אַזוי גוט מהנה געווען.

דאָס צאַנקענדיקע האַרץ

ווען דער אינזשיניער באַרעאוס פלעגט מאַכן זיינע טעגלעכע שפּאַצירן צום בריקל באַם שיפּאָפּשטעל, האָט ער באַמערקט, אַז זינט אַ געוויסער צייט טרעפט ער דאָרט אַלעמאָל אַ געזעמל מענטשן אַרום דעם אָרימען פויערל פון סקרוליקאַ, מיט וועלכן ער האָט מיט אַ צייט צוריק געשלאָסן באַקאַנטשאַפט. אָבער לעצטנס האָט דאָסדאָזיקע פויערל שוין פאַרשפּאָרט צו זיצן איינזאַם און פאַרטרייבן דעם אומעט, קוקנדיק אויפן וואַסער און פאַרזינקענדיק אין חלומות, ווי ער פלעגט טון אין אָנהייב זומער. איצט איז ער יעדן טאָג שוין געווען אַרומגערינגלט פון די אַלע, וואָס פלעגן וואַרטן אויפן דאַמפּער און פלעגן וועלן הערן דערציילן וועגן דעם אַהיימקומען פון דער קייסערין, — באַזונדערס, וועגן דעם פייערלעכן מאָמענט, ווען זי וועט אַראָפּשטשייגן באַם בריקל אין באָרג. יעדעס מאָל, וואָס דער אינזשיניער באַרעאוס איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן דעם געזעמל אַרום דעם פויערל, האָט ער געהערט רעדן וועגן דעם גאָלדענעם שטערנבאַנד, וואָס די קייסערין וועט טראָגן אויף די האָר, און וועגן די גאָלדענע בלומען, וואָס וועלן אַרויסשפּראָצן אויף דיביימער און קוסטעס, ווי נאָר זי וועט אַראָפּשטעלן איר פוס אויף דער יבשה.

אינמיטן אָקטאָבער, אַן ערך דריי חדשים נאָך יענעם טאָג, אין וועלכן יאַן פון סקרוליקאַ האָט באַם בריקל צום ערשטן מאָל פאַר פרעמדע מענטשן אַנטפּלעקט דעם סוד פון קלאַראַ גולאַס דערהייבונג, האָט דער אינזשיניער אין אַ געוויסן פאַרמיטאָג געזען, אַז דאָסמאָל איז יאַן אַרומגערינגלט געוואָרן גאָר פון אַ גרויסער מאַסע נייגיריקע צוהערער. דער אינזשיניער האָט בדעה געהאַט, ווי תּמיד, רויק פאַרבייצוגיין און זיך באַגנוגענען בלויז מיט אַ קורצער

באַגריסונג, אָבער אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך מישב געווען און געבליבן שטיין, ווילנדיק געוווּר ווערן, וואָס דאָרט קומט פֿאָר.

באַם ערשטן בליק האָט ער נישט געקאָנט באַמערקן קיין שום אויסטערלישס. יאַן איז, ווי אַלעמאָל, געזעסן אויף די פּלאַכע שטייגער; אָבער היינט האָט ער געהאַט זייער אַ פֿייערלעכע און ווירדיקע מינע. לעבן אים איז געזעסן אַ גרויסגעוווּקסיקע פֿאַרשוינטע, וואָס האָט געפּלאַפּלט אַזוי שנעל און אייפֿריק, אַז די ווערטער האָבן איר ווי אַ שטראָם געזעצט פֿון מויל אַרויס. זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ, געזשמורעט די אויגן און פֿאַמעלעך זיך איינגעבויגן, אַזוי אַז איידער זי האָט באַוויזן פֿון זיך אַרויסצובאַקומען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, האָט זי שוין כמעט באַרירט מיטן פּנים די ערד.

דער אינזשיניער באַרעאַוס האָט באַלד דערקענט די „משוגענע אינגעבאָרג", אָבער תּחילת נישט געקאָנט באַגרייפֿן, וואָס זי רעדט. ער האָט דעריבער געמוזט פֿרעגן איינעם פֿון די צוהערער, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

— זי בעט אים, ער זאָל זיך באַמיען פֿאַר איר, אַז אויך זי זאָל קאָנען מיטפֿאָרן מיט דער קייסערין, ווען זי וועט זיך צוריק אומקערן קיין פּאָרטוגאַל, — האָט דער געפֿרעגטער דערקלערט, — זי וויל אומבאַדינגט זיין דאָרט. זי שטייט שוין דאָ אַ לאַנגע ווײַלע און טענהט־איין מיט אים, אָבער ער וויל איר נאָך אַלץ נישט געבן קיין צוזאָג.

נאָך אַזאַ אויפֿקלערונג האָט דער אינזשיניער שוין געקאָנט נאָכפֿאָלגן אינגעבאָרגס רייד. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געהערט, האָט אים, ווייזט־אויס, נישט פֿאַרשאַפֿן קיין פֿרייד, ווײַל דער ווערטיקאַלער קנייטש צווישן זיינע ברעמען איז וואָס אַמאָל געוואָרן נאָך טיפֿער און רויטער.

אָט איז דאָ געזעסן דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, אַ חוץ יאַנען אַליין, וואָס האָט אויך געגלייבט אין דער הערלעכקייט פֿון זיין הערשערשאַפֿט איבער פּאָרטוגאַל, און דווקא איר האָט ער נישט געוואָלט געבן די מעגלעכקייט אויסצוּוואַנדערן אין דעם אויסגעטרוימטן לאַנד אַריין.] די אָרימע פֿרוי איז געווען איבער־

ציִיגט, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין הונגער, קיין דחקות און אויך נישט קיין בייזוויליקע, ברוטאַלע מענטשן, וואָס מאַכן חוזק פון אַן אומגליקלעכן; און באַזונדערס זענען דאָרט נישטאָ קיין ווילדע קונדסים, וואָס זאָלן נאָכלויפן אַן איינזאַמען, הילפלאָזן וואַנדערער און אים באַוואַרפן מיט שטיינער.

דאָרט הערשט אייביקע מנוחה און גוטע שפע, און זי האָט דורכויס געוואָלט, מען זאָל זי דאָרט אַהינפירן, כדי פטור צו ווערן פון דעם עלנט פון איר אומגליקלעך, פאַרהושכט לעבן. זי האָט געוויינט און געבעטן מיט די אינערלעכסטע תחנונים, אָנגעשטרענגט איר גאַנצע פעיקייט איבערצורעדן, אָבער אַלץ נישט באַקומען קיין אַנדערן ענטפער, ווי — ניין, ניין...

און דערדאָזיקער פאַרשוין, וואָס איז איצט געווען טויב צו אירע אַלע תחנונים, — ער אַליין האָט דאָך דאָס לעצטע יאָר אויך פאַרבראַכט אין עגמת־נפש און בענקשאַפט. מיט עטלעכע חדשים צוריק, בעת זיין האַרץ האָט נאָך געקלאַפּט פריש און קרעפטיק, וואָלט ער איר אפשר נישט געווען אָפּגעזאָגט. אָבער איצט, בעת עס האָט אים אָפּגעגליקט, איז זיין האַרץ, ווייזט־אויס, ווי פאַרשטיינט געוואָרן.

אפילו זיין אויסזען האָט אויך עדות געזאָגט דערויף, אַז מיט אים איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרענדערונג. ער האָט באַקומען דיקע באַקן, אַ טאָפּלטן גוידער און אויף דער אויבערשטער ליפּ זענען אים אַרויסגעוואַקסן שוואַרצע, געדיכטע וואָנסעס. די אויגן זענען געוואָרן שמאָלציקע, מוטנע און דער בליק אין זיי פאַרגליווערט, טעמפּ. די האָר זענען אים, וואַרשיינלעך, אינגאַנצן אויסגעקראָכן, ווייל עס האָט זיך נישט אָפּערגעזען קיין איינציקע האָר פון אונטערן לעדערנעם קאַשקעט אַפּער.

פון זיין ערשטן שמועס אָן מיט יאַנען, וואָס איז פאָרגעקומען אָנהייב זומער, האָט דער אינזשיניער אים נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. ער האָט באַמערקט, אַז נישט די גרויסע בענקשאַפט האָט לעצטנס יאַנען געטריבן אַראָפּצוקומען יעדן טאָג צום בריקל. ניין, איצט האָט ער קוים באַוויליקט צו וואַרפן אַ בליק אויפן דאַמפּער. ער איז געקומען דאָרט אַהין, בלויז כדי זיך צונויפצוטרעפן מיט

מענטשן, וואָס וועלן מסכים זיין אויף זיינע משוגעתן און אים רופן „קייסער", אויסהערן זיינע פֿאַנטאַסטישע גוזמאות וועגן זיין קייסערטום און אים בעטן, ער זאָל פֿאַר זיי דעם הימן זינגען.

אָבער, איבער וועמען האָט מען זיך דאָ געדאַט צו ערגערן? מען האָט דאָך געהאַט צו טון מיט אַ משוגענעם!

— אָדער, — אפשר האָט מען גאָרנישט געדאַרפֿט דערלאָזן דערצו, אַז דאָס משוגעת זאָל אים אַזוי שטאַרק באַהערשן? — האָט דער אינזשיניער געטראַכט. — קאָן זיין, אַז ווען מען וואָלט אים פֿון סאַמע אָנהייב אָן געווען העפֿטיק און אומבאַרחמנותדיק אַראָפּגעשטויסן פֿון זיין אויסגעטראַכטן קייסערלעכן טראָן, וואָלט מען אפשר נאָך געקאָנט אים אָפּראַטעווען?

דער אינזשיניער האָט ווידער געוואָרפֿן אַ פֿאָרשנדיקן בליק אויף יאַנען פֿון סקרוליקאַ. דאָס פֿויערל האָט געהאַט אַ מינע פֿון גנעדיקן באַדויערן, אָבער ער איז פֿאַרבליבן האַרט און איינגעעקשנט קעגן דער „משוגענער אינגענבאָרג".

אין דער אויסגעטרוימטער פֿאָרטוגעזישער מדינה איז, נאַטירלעך, געווען אָן אָרט בלויז פֿאַר פּרינצן, גענעראַלן און אַנדערע פֿיין-געקליידעטע לייט. עס איז נישט קיין שום ספֿק, אַז די „משוגענע אינגעבאָרג" וואָלט אין איר היימיש-געשטריקטן קאָפּטל און מיטן באַוועלנעם שטערנטיכל אויפֿן קאָפּ נישט געפּאַסט צו דערדאָזיקער פֿיינער געזעלשאַפֿט.

אָבער, גאָט אין הימל, די „משוגענע אינגעבאָרג" האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אָפּטרעטן! — — —

משמעות, אַז דער אינזשיניער אַליין האָט איצט געוואָלט געבן יאַנען די לעקציע, וואָס ער האָט זיך גוט פֿאַרדינט. אָבער אַ ווײַלע דערנאָך האָט ער בלויז אַ הייב-געטון מיט די אַקסלען. ניין, ער איז נישט דער פּאַסנדער מענטש דערצו. ער וואָלט נאָר פֿאַרערגערט דאָס שלעכטס — — —

דער אינזשיניער האָט זיך שטילשווייגנדיק דערווייטערט פֿון דעם גענעמל מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אַרום יאַנען, און אַראָפּגעגאַנגען צום בריקל, ווײַל גראָד אין דער רגע האָט מען געקאָנט

זען, ווי דער דאַמפּער גליטשט זיך אַפּער פון דעם נאָענטסטן ערדי־
שפּיץ.

די דעטראָניזירונג

מיט יאָרן צוריק, אַ לענגערע צייט פאַר דעם איידער לאַרס גונאַרסאָן האָט חתונה־געהאַט מיט אַננאַ עריקסדאָטער*) פון פאַליאַ, האָט ער אַמאָל בייגעוווינט אַ ליציטאַציע.

מען האָט דאַן פאַרקויפט דאָס ביסל שטובזאַכן פון אַן אָרי־מער משפחה, און עס האָבן זיך דאָרט, ווייזט־אויס, נישט געפונען קיין ווערטפולע חפצים, ווייל דאָס מסחר איז צוגעגאַנגען זייער פויל, הגם מען האָט דאָרט געקאָנט דערוואַרטן אַ בעסערן רעזולטאַט, כאָטש בלויז דערפאַר, וואָס דער אויסרופער איז געווען דער באַרימטער ליציטאַטאָר יענס פון קיסטערוד. ער איז געווען אַזאַ אומפאַרגלייכלעכער וויצלער און שפּאַסמאַכער, אַז מענטשן זענען זיך פון זייער וווייט צונויפגעקומען אים הערן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם, וואָס עס וועט זיין צו קויפן. אָבער כאָטש יענס האָט זיך דאָסמאָל געלאָזט הערן מיט אַלע זיינע חכמהלעך, האָט ער עפּעס גאָרנישט געקאָנט אויפמונטערן די אָנבאָטן. צום סוף האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אוועקצולייגן דאָס הע־מערל, דערקלערנדיק, אַז ער איז היינט אַזוי הייזעריק, אַז ער קאָן שוין מער נישט מאַכן קיין אויסרופן.

— דער הער דעפּוטאַט וועט מוחל זיין צושיקן אַ צווייטן, וואָס זאָל קאָנען אויסרופן, — האָט ער זיך געווענדט צו קאַרל קאַרלסאָנען פון סטורוויק, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער ליצי־

---

*) דער „פאָטערנאָמען״ פון אַ זון איז אויף שוועדיש — „סאָן״ און פון אַ טאָכטער — „דאָטער״. מ.

טאַציע. — איך בין שוין אַזוי הייזעריק געוואָרן פֿון שרייען צו די לײמענע גולמס, וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעשמעלט אַרום מיר, אַז איך מוז אַהיימגיין און זיך אַוועקזעצן שווייגן אַ פּאָר וואָכן, איידער איך וועל קאָנען צוריקבאַקומען דאָס לשון.

פֿאַרן דעפּוטאַט איז דאָס געווען נישט קיין קליינע זאָרג צו בלייבן אָן אַן אויסרופֿער, דאַן ווען דאָס רוב זאַכן זענען נאָך געווען נישט פֿאַרקויפֿט. דערום האָט ער זיך שטאַרק באַמיט צו ווירקן אויף יענסן פֿון קיסטערוד, ער זאָל פֿאָרטזעצן די ליציטאַציע. אָבער יענס האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. ער האָט נישט געוואָלט ריזיקירן מיט זיין רעפּוטאַציע אַלס גוטער ליציטאַטאָר, מחמת דעם גאָר שוואַכן רעזולטאַט פֿונם מסחר מיט דעם אביונס שטובזאַכן. און דעריבער איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי הייזעריק, אַז ער האָט צומאָל נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסשעפּטשען. ער האָט בלויז געסיקעט.

— אפשר וואָלט עמעצער פֿון די אַנוועזנדיקע אַ קורצע צייט געוואָלט אויסרופֿן, ביז יענס וועט זיך אָפּרוען? — האָט דער דעפּוטאַט הויך געפֿרעגט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט צווישן דעם היפּשן געזעמל מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם ליציטאַטאָרס טיש, הגם ער האָט סיי ווי נישט געהאָפֿט אַזוי גיך צו געפֿינען אַ פֿאַרטרעטער אויף יענסעס אָרט. אָבער דאַן האָט לאַרס גונאַרסאָן זיך דורכגעשטופּט צום דעפּוטאַטס טיש און דערקלערט, אַז ער איז גרייט אים בייהילפֿיק צו זיין. לאַרס איז נאָך דעמאָלט געווען אַזאַ יונג בחורל, און האָט דערצו נאָך אויסגעזען אַזוי פֿיל ייִנגער פֿון זיינע יאָרן, אַז קאַרל קאַרלסאָן האָט פֿון אים אָפּגעלאַכט, דערקלערנדיק, אַז באַ דער געלעגנהייט דאַרף ער נישט האָבן קיין ייִנגלעך, וואָס זענען נאָך צומאָל נישט קאָנפֿירמירט. אָבער לאַרס האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט שוין אפֿילו אָפּגעדינט אין מיליטער. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעבעטן, מען זאָל אים דערלויבן איבערצונעמען דעם ליציטאַטאָרס העמערל, אַז דער דעפּוטאַט האָט צום סוף נאָכגעגעבן.

— נו, מילא, מיר וועלן דיך לאָזן פּרוּוון אַ ווײַלע, —

האָט ער געזאָגט. — ערגער ווי ביז איצט קאָן דאָך שוין אוודאי נישט צוגיין מיטן פאַרקויפן!

לאַרס האָט פאַרגומען יענסעס אָרט אויף דער בימה פאַרן ליציטאַטאָר און גענומען אין דער האַנט אַריין אַן אַלט אָפּגענוצט פוטערפעסל, כדי עס אויסצורופן. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון מאַכן דעם ערשטן אויסרוף, און מיט אַ רויקער מינע באַטראַכט דאָס פעסל פון אַלע זייטן. ער האָט עס איבערגע־דרייט אַרויף און אַראָפּ, געקנאַקט מיט די פינגער אין דער דעק און אין די זייטן, און בשעת־מעשה אויסגעזען, ווי ס'וואָלט אים שטאַרק געחידושט, וואָס ער געפינט עפּעס נישט קיין שום פעלער אין דעם פעסל. ערשט נאָכדעם האָט ער אויסגערופן דעם פּרייז, אָבער מיט אַזאַ פאַראומערט קול, גלייך, ווי ער וואָלט ממש געווען פאַרצווייפלט, וואָס ער מוז איצט פּטרן אַזאַ טייער חפץ!

ער האָט אויך מיט זיינע תנועות געגעבן צו פאַרשטיין די פאַרזאַמלטע, אַז ער וואָלט זיך געוווּנטשן, קיינער זאָל נישט מאַכן קיין אָנבאָט. לויט זיין מיינונג, וואָלט פאַרן אייגנטימער געווען זייער גוט, ווען עס וואָלט זיך קיינער נישט פאַרשטאַנען סאַראַ ווויל פעסל דאָס איז, אַזוי אַז עס וואָלט ליבערשט געבליבן בּאַם אייגנטימער.

אַזוי ווי אָבער עס האָט אָנגעהויבן פאַלן איין אָנבאָט נאָכן אַנדערן, האָט מען באַשיינפּערלעך געזען, סאַראַ גרויס עגמת־נפש לאַרס האָט דערפון. ווען די אָנגעבאָטענע פּרייזן זענען נאָך געווען גאָר נידעריקע, האָט ער זיך געמאַכט נישט הערנדיק, און דערביי זיך בלויז געקרימט אַ ביסל; אָבער ווען דער מקח אויף דעם לי־ציטירטן פעסל האָט אָנגעהויבן שטייגן וואָס אַמאָל אַלץ העכער, איז זיין פּנים ממש פאַרענדערט געוואָרן פון קרענקונג, וואָס די מעשה פון אָט דעם פאַרקויף האָט אים פאַרשאַפט. צום סוף האָט ער אָבער פאָרט געמוזט ברענגען דעם קרבן און פאַרן העכסטן פּרייז אוועקגעבן דעם לעצטן קונה דאָס אַלטע, פאַרשימלטע פוטער־פעסל.

דערנאָך איז געקומען די ריי אויף עמערס, שעפלעך און באַליעס. לאַרס גונאַרסאָן האָט נאָך ווי עס איז נאָכגעגעבן, ווען

ס'האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן אַלטוואַרג, און ער האָט עס פאַרקויפט, נישט זיפצנדיק אַזוי שווער. אָבער ווען ער האָט געהאַלטן בײַ ליציטירן נײַערע זאַכן, האָט ער זיי עטלעכע מאָל אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט, בפירוש נישט ווילנדיק זיי פאַרקויפן.

— די זאַכן איז דאָך אַ שאָד צו לאָזן פאַלן אונטערן האַמער, — האָט ער געזאָגט צום באַלעבאָס, — אָט, למשל, דאָס שעפל איז נאָך אַזוי ווייניק אָפגעניצט, אַז איר וואָלט עס, כ'לעבן, אַלס שפּאָגל־נײַע כּלי געקאָנט אויפן מאַרק פאַרקויפן!

די פאַרזאַמלטע אויף דער ליציטאַציע האָבן אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי האָבן דאָ מיט אַזאַ ברען אָנגעהויבן מאַכן איין אָנבאָט נאָכן אַנדערן, שלאָגנדיק זיך אין מקח אַרײַן. לאַרס גונאַרסאָן האָט אָבער בײַ יעדן נײַעם אויסרוף אַרויסגעוויזן אַזאַ אומצופרידנקייט, אַז מען האָט באַשײַנפּערלעך געזען, ווי נישט ניחה ס'איז אים דער ברען פון די אויפקויפער. אָבער די פאַרזאַמלטע זענען פלוצלינג געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דאָ ווערן פאַרקויפט גאָר ווערטפולע זאַכן; דאַן האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז גראָד די און יענע זאַך פעלט אין זייער ווירטשאַפט. ווײַזט־אויס, אַז מען קאָן דאָ מאַכן נישט קיין שלעכט מסחר, און דעריבער, מסתמא, וויל דער צופעליקער ליציטאַטאָר נישט, אַז די סחורה זאָל אַרײַנפאַלן אין פרעמדע הענט. מען האָט איצט געקויפט נישט ווי אַמאָל, דערפאַר, וואָס מען האָט געוואָלט דערמיט אויפמונטערן יענעם, ער זאָל לאָזן הערן זײַנע חכמהלעך, נאָר ווײַל איינער בײַם אַנדערן האָט געוואָלט די מציאות אויסכאַפּן...

נאָך דערדאָזיקער מייסטערהאַפט אַדורכגעפירטער ליציטאַציע, האָט מען לאַרסן תמיד פאַרבעטן אַלס אויסרופער. און זינט ער האָט גענומען דאָס ליציטאַציעהעמערל אין דער האַנט אַרײַן, איז שוין אויף די ליציטאַציעס, אַזוי פרײַלעך נישט געווען, ווי פריער. אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט אַזוי אַרײַנטרײַבן די אָנוועזנדיקע אין אַ ליידנשאַפטלעכן פאַרלאַנג צו באַזיצן עפּעס אַ שברה־כּלי, אָדער אונטערהעצן צוויי רײַכע בעלי־גופים, זיי זאָלן זיך אָן אַ שיעור טרײַבן אין מקח אַרײַן צוליב עפּעס אַ זאַך, וואָס זיי

האָבן לחלוטין נישט געדאַרפט האָבן, — בלויז כדי צו ווייזן, אויף וואָס זיי קאָנען זיך אַלץ פאַרגינען.

אויף די ליציטאַציעס, ווו לאַרס גונאַרסאָן האָט פונקציאָנירט אַלס אויסרופער איז טאַקע אַלצדינג געוואָרן אויספאַרקויפט. בלויז איינאיינציק מאָל איז אים שיער נישט געגאַנגען שלימזלדיק, געמלעך, בעת דער ליציטאַציע אויף די זאַכן פון דעם פאַרשטאָר־בענעם סווען עסטערבערג פון סטורסטיבגאַ בא בערגוויק. ער האָט דאָרטן געהאַט צו ליציטירן אַ פיינע באַלעבאַטישקייט און עס איז זיך טאַקע צונויפגעקומען אַ גרויסער עולם. כאָטש ס'איז שוין געווען שפעט אין האַרבסט, איז דעמאָלט פּאָרט געווען אַזאַ וואַרעם, שיין וועטער, אַז די ליציטאַציע איז פאָרגעקומען אונטערן פרייען הימל, אָבער דאָס מסחר איז פאָרט צוגעגאַנגען זייער שלעפעדיק; לאַרס איז נישט אימשטאַנד געווען צו פאַראינטערעסירן די אַנ־וועזנדיקע מיט זיינע אויסרופן, זיי זאָלן לכל־הפחות מאַכן איין ערנסטן אָנבאָט. עס האָט שוין באַלד געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל דאָ האָבן דעמזעלבן סוף, וואָס יענס פון קיסטערוד האָט געהאַט, בשעת ער האָט דאָס ליציטאַציעהעמערל געמוזט איבערגעבן אין לאַרסנס הענט אַריין.

אָבער לאַרס גונאַרסאָן האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין חשק איבערצוגעבן זיין אַמט אַ צווייטן. דעריבער האָט ער זיך אויפ־מערקזאַם אַרומגעקוקט, פרווונדיק דערגיין, פאַרוואָס די מענטשן זענען איצט אַזוי צעשטרייטע און ווילן נישט מאַכן קיין מסחר מיט אים. נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט ער טאַקע אַנטדעקט די סיבה.

לאַרס האָט זיך געהאַט אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש, כדי אַלע אַנוועזנדיקע זאָלן קאָנען זען די זאַך, וואָס ער האָט געזאָלט פאַרקויפן. אַט פון דעמדאָזיקן דערהויבענעם אָרט איז אים פאַר אים נישט געווען אַזוי שווער צו באַמערקן, אַז דער פריש־געבאַקענער קייסער, וואָס האָט געוווינט אין דעם אָרימען הייזל אין שכנות פון פאַליאַ, ווו ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַן אָרימער לאַסטאַר־בעטער, איז אַצינד אַרומגעגאַנגען צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם. לאַרס האָט געזען, ווי ער באַגריסט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס

מיט אַ גנעדיקן שמייכל אויף די ליפּן, און דערלויבט די נייגיריקע מענטשן צו באַקוקן זיין פיינעם שטעקן און די בלאַנקענדיקע „שטערנס" אויף זיין וועסטל. אַ לאַנגע ריי קליינוואַרג און יוגנט האָט אים באַגלייט אויף טריט און שריט, און אפילו די עלטערע מענטשן האָבן אויך נישט געהאַלטן פאַר אַן אומכּבוד צו רעדן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. נישט קיין חידוש טאַקע, וואָס ס'איז אַזוי שלימזלדיק צוגעגאַנגען מיט דער ליציטאַציע, — דאַן ווען צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך געפונען אַזאַ הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט צו זיך צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

לאַרס האָט נישט איבערגעריסן די ליציטאַציע. ער האָט בלויז אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט יאַנען פון סקרוליקאַ, ביז יענער האָט זיך דורכגעשטופּט צו דער ערשטער ריי, סאַמע פאַרן טיש פונם אויסרופער. ס'איז דאָ נישט געווען וואָס מורא צו האָבן, אַז זיין מאַיעסטעט יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל וועט דאַרפן שטיין בלייבן אָן אַ זייט. ער האָט, וואָס אַן אמת, אָפּגעגעבן שלום-עליכם יעדן באַקאַנטן און געלייטזעליקייט יעדן איינעם מיט אַ פּאָר גנעדיקפריינטלעכע ווערטער, אָבער גלייכצייטיק זיך געשטופּט פאָרויס, ביז וואַנען ער האָט זיך אַריינגעקריגן אינמיטן ראָד.

אָבער אין דער רגע איז לאַרס אַראָפּגעשפּרונגען פונם טיש און זיך געוואָרפן אויפן קייסער, צוכאַפּנדיק בײַ אים סיי דעם שטעקן, סיי דעם לעדערנעם קאַשקעט; דערנאָך תּיכּף צוריק אַרויף אויפן טיש, — נאָך איידער יאַן האָט באַוויזן אַ ווידערשטאַנד צו שטעלן.

יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל האָט פאַרצווייפלט אַ געשריי-געטון און געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויפן טיש, כּדי צוריק אָפּצונעמען זיינע אוועקגערויבטע אוצרות; אָבער לאַרס האָט אַזוי דראָענדיק געפאָכעט מיטן שטעקן, אַז דער קייסער האָט זיך געמוזט צוריקציען. גלייכצייטיק האָט זיך אָבער צווישן עולם דערהערט אַ געמורמל פון אומצופרידנקייט. נאָר לאַרס האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אויסגערופן אויף זיין שטאַרק קול אַזוי הויך, אַז מען האָט אים געהערט איבערן גאַנצן הויף:

— ווי איך זע, געפעלט אייך נישט מיין האַנדלונג ? אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז דערדאָזיקער שטעקן און דאָס היטל געהערן אונזער משפחה פון פּאַליאַ. דאָס איז אַ ירושה פון מיין שווער עריק ערסאַ, וואָס ער ווידער האָט זיי באַקומען אין ירושה נאָך דעם אַלטן באַלעבאָס, וועלכער איז געווען פאַר אים. דידאָזיקע זאַכן זענען אין אונזער משפחה תּמיד געהאַלטן געוואָרן אין גרויס כּבוד. און איך קאָן נישט פאַרטראָגן, אַז אַזאַ אַלטער לץ זאָל מיט זיי טרייבן זיינע משוגענע שטיק. איך ווייס נישט ווי אַזוי זיי זענען אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט, אָבער איך וועל מער נישט דערלויבן, אַז ער זאָל אַרומגיין און שטאָלצירן מיט אונזערע חפצים!

יאַן האָט זיך זייער שנעל באַרויקט און שטיין געבליבן מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט און מיט אַזאַ אויסדרוק אויפן פּנים, ווי עס וואָלט אים להלוטין נישט אָנגעגאַנגען דאָס, וואָס לאַרס רעדט. אָבער ווי נאָר יענער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט יאַן זיך געווענדט מיט אַ באַפעלערישן זשעסט צו די אַרומיקע:

— נו, איצט, מיינע טייערע הויפלייט, וועט איר אַזוי גוט זיין צוריק אָפּנעמען בײַ אים מיין קרוין און מיין סצעפּטער!

אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, כּדי אים צו העלפן, פאַרקערט, נישט איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט אָפּגעלאַכט פון אים. אַלע ווי איינער האָבן זיך געשטעלט אויף לאַרסנס צד.

בלויז איינאיינציקער מענטש האָט רחמנות געהאַט אויפן קייסער; אַ פּרויענשטים האָט הויך אויפן קול אויסגערופן פון דעם געזעמל אַרויס צום ליציטאַטאָר:

— לאַרס, גיט אים צוריק די „קייסערלעכע" חפצים! איר אַליין קאָנט דאָך סיי ווי נישט טראָגן אַזאַ משונהדיק היטל און אַזאַ לאַנגן שטעקן!

— איך וועל אים געבן איינס פון מיינע אייגענע היטלען, ווי נאָר איך וועל אַהיימקומען! — האָט לאַרס געענטפערט, —

אָבער איך וועל אים, צו אַלדי רוחות, נישט לאָזן מאַכן קיין ספּעק־טאַקל פון אונזער ירושה־צירונג!

נאָך דערדאָזיקער דערקלערונג האָט זיך פונם עולם דער־הערט אַ הילכיק געלעכטער; יאַן איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער איז שטיין געבליבן ווי פּאַרגליווערט, וואַרפנדיק אומזיכערע בליקן אַרום זיך. ער האָט געקוקט פון איינעם צום אַנדערן, און נישט געקאָנט קומען צו זיך פון גוואַלטיקער דערשטוינונג: סטייטש? ווי איז דאָס גאָר מעגלעך, אַז צווישן די אַלע, וואָס האָבן אים אַזוי געשעצט און אָפּגעגעבן כבוד אויף יעדן טריט און שריט, זאָל זיך נישט געפינען קיין איינער, וואָס זאָל אים וועלן אַרויסהעלפן אין אַ נויט? אָבער זיי זענען געשטאַנען ווי גולמס אַרום אים. ער האָט אַציגד איינגעזען, אַז ער איז טאַקע פאַר זיי אַ גאָרנישט־שבגאָרנישט און זיי וועלן צומאָל נישט מיט קיין פינגער אַ ריר־טון פאַר זיינעטוועגן. דאַן איז אים באַפאַלן אַ ווילדע שרעק, — ער האָט געפילט, ווי די גאַנצע קייסערלעכע ווירדע פאַלט־אַראָפּ פון אים, ווי אַ בלאַט פאַלט־אַראָפּ פון אַ בוים אין האַרבסט. ער איז געשטאַנען אַ נידערגעשלאָגענער, אַ ציטערדיקער, ענלעך צו אַ קינד, וואָס האַלט באַם אויסברעכן אין אַ געוויין, דערפאַר וואָס שלעכטע קונדסים האָבן עס צוגענומען די באַליבטע שפּילעכ־לעך.

לאַרס האָט זיך אַציגד געווענדט צו דעם גרויסן שטויס זאַכן, וואָס זענען געלעגן אויפגעשטאַפּלט לעבן אים אויפן טיש און גע־וואָלט ווידער זיך נעמען צום אויסרופן די פּרייזן. אָבער דאַן האָט יאַן געמאַכט אַ פּרווו אַליין זיך אַן עצה צו געבן קעגן לאַרסן. ווייזנדיק און קלאָגנדיק, איז ער צוגעגאַנגען ביז צום טיש, אויף וועלכן לאַרס איז געשטאַנען, און ווי נאָר ער איז גאָר נאָענט צו־געקומען, האָט ער זיך שנעל אַראָפּגעבויגן און געפּרווט איבער־דרייען דעם טיש צוזאַמען מיט לאַרסן.

אָבער לאַרס גונאַרסאָן האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אי־בערראַשן. ער האָט בליץ־שנעל אַ כאַפּ־געטון דעם פּאָרטוגעזישן „סצעפּטער" און מיט אים דערלאַנגט יאַנען אַזאַ קלאַפּ איבערן

רוקן, אַז ער האָט יאָמערלעך אויפגעשריגן פון ווייטיק און זיך גע־מוזט צוריקציִען.

— אַ פֿייג! אונזערע זאַכן וועסטו שוין נישט צוריקקריגן! — האָט לאַרס דערצאַרנט אויסגערופן. — און איך מיין, אַז דו האָסט שוין גענוג צייט פאַרלוירן אויף דיין „קייסערשאַפט", דו אַלטער לץ! גיי בעסער אַהיים און נעם זיך צוריק צום גראָבן די קאַנאַ־ווען אויף די פעלדער אין פּאַליאַ! אַזעלכע בטלנים ווי דו האָבן דאָ גאָרנישט וואָס צו טון אויף ליציטאַציעס!

אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז יאַן האָט נישט קיין חשק צו פאָלגן אים; ער האָט, ווייזט־אויס, געוואָלט אָפּוואַרטן אַ געלעגנ־הייט צו אַ צווייטן אָנפאַל. אָבער דאַן האָט לאַרס נאָכאַמאָל אַ פּאָכע־געטון מיטן שטעקן; און דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז דער מעכטיקער קייסער יאָהאַננעס פון פּאָרטוגאַל זאָל נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און מאַכן אַ שנעלן ויברח פון דאָרט.

קיינער האָט צומאָל נישט אין זינען געהאַט אים נאָכצולויפן, כדי אים כאָטש צו טרייסטן מיט אַ פריינטלעך וואָרט, און קיינער האָט אים אויך נישט צוריקגערופן. פאַרקערט, דאָס רוב פון זיי האָט זיך אפילו נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, כדי נישט צו שפּאָסן פון אים, זעענדיק ווי ער האָט זיך אָן שום ווירדע און נאָך דערצו אַזוי הילפ־לאָז און נעבעכדיק געלאָזט באַרויבן זיין קייסערלעכן שטאַט.

אָבער לאַרסן האָט דאָס פאַרהאַלטן זיך פונם עולם אויך נישט געפעלן. ער האָט נעמלעך געוואָלט, אַז אויף זיינע ליציטאַציעס זאָל אַלץ צוגיין אַזוי פייערלעך, ווי אויף אַ גאָטדינסט.

— איך האַלט, אַז ס'איז פיל גלייכער צו רעדן ערנסט מיט יאַנען, ווי אָפּצולאַכן פון אים, — האָט ער מיט אַ שטרענגער מי־נע געזאָגט. — פאַראַן אָבער אַ סך מענטשן, וואָס האָבן איינגע־שטימט אויף זיינע משוגעתן, רופנדיק אים: „קייסער!" אָבער אין תוך גענומען איז דאָס נישט יושרדיק געהאַנדלט קעגן אים. ס'איז פיל בעסער צו געבן אים אויף יעדן טריט און שריט צו פאַרשטיין וער ער איז אין דער ווירקלעכקייט, — כאָטש דאָס איז נישט אַזאַ גרינגע און אָנגענעמע אויפגאַבע, און אים אַליין וועט עס זיכער נישט שמעקן. אָבער אַזוי ווי איך בין אַזאַ לאַנגע צייט געווען זיין

ברויט־עבער, איז עס באַטירלעך מיין פליכט, אים ווידער צוצו־געוווינען צו זיין שטענדיקער אַרבעט; דידאַזיקע פליכט נעם איך גערן אויף זיך; אַז נישט וועט ער שוין אין אַ קורצער צייט אַרום פאַלן צו לאַסט דער געמיינדע!

נאָך דעמדאָזיקן אינצידענט האָט לאַרס דורכגעפירט אַ גרויס-אַרטיקע ליציטאַציע, מיט שנעלע אָנבאָטן און אַרויפגעשרויפטע פרייזן. און זיין צופרידנקייט פון דעמדאָזיקן רעזולטאַט איז זיכער נישט געמינערט געוואָרן, בשעת ער איז צומאָרגנס, נאָכן אַהיים-קומען, געוווּיר געוואָרן, אַז יאַן פון סקרוּליקאַ האָט צוריק אָנגעטון זיינע אַרבעטסקליידער און ווידער גענומען גראָבן די דרענאַזש־קאַנאַוועס אויף די פעלדער פון פאַליאַ.

— נו, אויב אַזוי, טאָרן מיר אים קיינמאָל מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנען אָן זיינע משוגעתן, — האָט לאַרס גונאַרסאָן אָנ־געזאָגט אַלעמען אין זיין הויז. — אפשר וועט ער נאָך פאָרט בלייבן באַם קלאָרן זינען. איבריקנס, ער האָט דאָך פריער אויך סיי ווי נישט געהאַט קיין צו פיל שכל אין קאָפּ!...

דער גלחישער פאַרהער

קיין שום זאַך האָט לאַרס גונאַרסאָנען נישט אַזוי פיל הנאה־געטון, ווי זיין איינפאַל צוצונעמען באַ יאַנען פון סקרוּליקאַ דעם לאַנגן שטעקן און דעם לעדערנעם קאַשקעט. וואָרים, ער האָט גע־מיינט, אַז דערמיט האָט ער אים אויך אינאיינוועגס צוגענומען דאָס משוגעת.

אַ פאָר וואָכן נאָך דער ליציטאַציע אין בערגוויק האָט מען זיך אין פאַליאַ גענומען גרייטן צום יערלעכן פאַרהער, אויף וועלכן די גלויביקע האָבן דורכן גלח געזאָלט געפּרוּווט ווערן אין זייער קענטניש פון קאַטעכיזם. אין דעם באַשטימטן טאָג זענען זיך צו־נויפגעקומען די איינוווינער פון דער געגנט אַרום דער אָזערע

דיוזשעי, און צוזאַמען מיט אַלע איז אויך געקומען דאָס אַלטע פֿאַרפֿאַלק פֿון סקרוליקאַ. און ווי וווּנדערלעך דאָס זאָל נישט זײַן, האָט מען אָבער אויף יאַנען פֿאַרט נישט געקאָנט באַמערקן, אַז ער איז נישט בײַ די ריכטיקע געדאַנקען. . .

אַלע בענק און שטולן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין פֿאַליאַ, האָט מען אַראָפּגעטראָגן אין דער גרויסער שטוב אַריין אין פּאַר־טער; די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך אויסגעזעצט אין געדיכטע רייען, כּדי פֿאַרהערט צו ווערן דורכן גלח, צי זיי זענען גענוג באַקאַנט מיט די עיקרים פֿון קריסטנטום. יאַן האָט זיך אויך געפֿונען צווישן זיי, אָבער היינט האָט ער זיך שוין נישט געשטופּט צו פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן, נאָר זיך באַגנוגנט מיט דעם אָרט, וואָס מען האָט אים אָנגעוויזן. דער באַלעבאָס פֿונם הויז, לאַרס גונאַרסאָן, האָט אים די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון אויג. אָבער צום סוף האָט ער זיך אַליין געמוזט מודה זײַן, אַז דאָס משוגעת האָט, ווייזט־אויס, שוין געמוזט אָפּטרעטן פֿון אים. יאַן האָט זיך איצט אויפֿגעפֿירט, ווי יעדער אַנדערער מענטש!

אָבער יאַן האָט כּסדר געשוויגן, און אויף די באַגריסונגען פֿון באַקאַנטע אָפּגעענטפֿערט בלויז מיט אַ קורצן שאָקל מיטן קאָפּ. קאָן זײַן, אַז דערצו האָט גורם געווען זײַן יראת־הכּבֿוד פֿאַרן גלח און פֿאַר דעם אָרט, וווּ ער האָט זיך געפֿונען, ווײַל דער פֿאַרהער אין קענטניש פֿון קאַטעכיזם ווערט דאָך באַטראַכט אַלס אַ מין גאָטדינסט.

איידער דער אייגנטלעכער פֿאַרהער האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען צוערשט געמוזט פֿאַרשרייבן אַלע אָנוועזנדיקע. ווען דער גלח האָט אויסגערופֿן יאַן אַנדערסאָנען פֿון סקרוליקאַ, האָט דאָס אָרימע פֿויערל אָן שום קווענקלעניש געענטפֿערט: יאָ! גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל דאָרט נישט געווען עקזיסטירט קיין „קייסער יאָהאַננעס פֿון פּאָרטוגאַל" — — —

דער גלח איז געזעסן אויבנאָן בײַ אַ טיש, וואָס איז גע־שטאַנען אין דער טיף פֿון שטוב, האַלבנדיק פֿאַר זיך דאָס גרויסע קירכלעכע בוך, אין וועלכן ער האָט אַרײַנגעשריבן די אויסגערו־פֿענע נעמען. לעבן אים איז געזעסן לאַרס גונאַרסאָן, וועלכער האָט

אים צוגעהאָלפן, אינפאָרמירנדיק אים וועגן די אויסגערופענע : ווער פון זיי עס האָט זיך דאָס יאָר אַרויסגעקליבן פון דעמדאָזיקן ראַיאָן, און ווער פון זיי עס האָט שוין חתונה־געהאַט.

בשעת יאַן האָט געגעבן אַ ריכטיקן און קלאָרן ענטפער, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע געזען, ווי דער גלח האָט זיך געווענדט צו לאַרסן און אים שטילערהייט געפרעגט וועגן עפּעס.

— ס׳איז לחלוטין נישט אַזוי געפערלעך מיט אים, ווי ס׳האָט תחילת אויסגעוויזן, — האָט לאַרס געענטפערט. — איך האָב פון אים אַרויסגעטריבן דאָס משוגעת, האָב איך!... איצט קומט ער שוין יעדן טאָג צו זיין באַשעפטיקונג אין פּאַליאַ און אַרבעט פּונקט ווי פריער!

לאַרס האָט נישט געהאַט אַזוי פיל טאַקט, ער זאָל רעדן אַזוי שטיל ווי דער גלח. און דעריבער האָבן אַלע פאַרשטאַנען וועמען ער מיינט דערמיט און אַ סך אויגן האָבן זיך געווענדט אויף יאַ־נען. אָבער ער אַליין איז געזעסן אַזוי רויק, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט.

דער פאַרהער האָט זיך אָנגעהויבן, און פּלוצלינג האָט דער גלח אויפגעפאָדערט איינעם פון די איבערגעשראָקענע יוגנטלעכע, וועלכע מען האָט די ערשטע געזאָלט עקזאַמינירן אין זייער קענט־ניש אין קריסטנטום, — ער זאָל אים פאַרלייענען דאָס פינפטע געבאָט.

דאָס איז געווען נישט קיין צופאַל, וואָס דער גלח האָט גראָד דעמאָלט געוואָלט רעדן וועגן דעמדאָזיקן געבאָט. ער איז דאָרט געזעסן אין אַן איינגעפונדעוועטער, נגידיש־באַלעבאַטישער שטוב, מיט צוגעפּעסטיקטע בענק לענגויס די ווענט און מיט אַלטפרענקישע שטוב־חפצים. ווו מען זאָל נישט געווען דעם בליק ווענדן, האָט מען אומעטום דייטלעך אָנגעזען דעם וווילשטאַנד פון די באַלעבאַטים. דעריבער האָט ער דערפילט אַ פאַרלאַנג צו דערמאַנען זיינע צוהע־רער, וואָס פאַר אַ מזל־ברכה עס ברענגט די משפחות דאָס צוזאַ־מענהאַלטן זיך אַ דור נאָך אַ דור ; בפרט דאָרט, וווּ די יוגנט לאָזט די עלטערן אָנפירן מיט אַלע ענינים, — אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן נאָר כוח דערצו, — און פאָלגן שפּעטער אויך זייער דעה, און

גיבן זיי אַפּ גרויס כבוד, — די רעשט יאָרן, וואָס די אַלטע האָבן נאָך צו לעבן.

ער האָט נאָר-וואָס געהאַט אָנגעהויבן צו דערקלערן פאַר זיי דעם באַדייט פון גאַטס גרויטן צוזאָג פאַר די, וועלכע האַלטן בכבוד זייער פאָטער און מוטער, אָבער דאַן האָט יאַן פון סקרוליקאַ זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— עמעצער שטייט פאַר דער טיר און וואָגט נישט אַריינצו-גיין!

— בעריע, איר זיצט דאָך צום נאָענטסטן פון דער טיר זייט-זשע מוחל, טוט אַ קוק ווער עס איז דאָרטן! — האָט דער גלח אים געבעטן.

בעריע האָט זיך אויפגעהויבן, געעפנט די טיר און אַרויסגע-קוקט אין פּעדערהייזל.

— קיינער איז דאָרט נישטאָ! — האָט ער געזאָגט — יאַן האָט, ווייזט-אויס, שלעכט געהערט.

דער אונטעררריכט האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן. דער גלח האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיין עדה, אַז דאָסדאָזיקע געבאָט קאָן פיל מער באַצייכנט ווערן אַלס גוטע עצה, ווי אַלס באַפעל, און יעדער איינער, וואָס וויל האָבן הצלחה אין לעבן, דאַרף עס פאָלגן. דער גלח האָט אפילו מודה געווען, אַז ער אַליין איז נאָך אויך אַ יונגער מענטש, אָבער ער האָט שוין זייער אַ סך דערפאַרן אין לעבן, און מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אַ סך פאַלן, ווו גרינגשעצונג און אומגעהאָרכזאַמקייט קעגן די עלטערן האָבן דעם גרונט געלייגט צו די מיסדערפאָלגן און אומגליקן פון גאַנצן לעבן.

בעת דער גלח האָט גערעדט, האָט יאַן כסדר געוועגדט דאָס פּנים זיינס צו דער אַריינגאַנגסטיר, און געוווּנקען צו קאַטרינאַן, — וואָס איז געזעסן אין דער לעצטער ריי און דעריבער געקאָנט גרינגער צוקומען צו דער טיר, — אַז זי זאָל צוגיין עפענען. זי האָט אַ לאַנגע ווײַלע זיך אָפּגעהאַלטן, אָבער צו יענער צייט האָט זי מורא געהאַט אים נישט נאָכצוגעבן אין זיינע קאַפּריזן; דערי-בער האָט זי אים צום סוף געפאָלגט. אָבער ווען זי האָט אויפגע-עפנט די טיר, האָט זי אויך נישט געזען קיין לעבעדיק נפש אין

דעם פעדערהייזל. זי האט דעריבער געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין צום מאל און צוריק פארנומען איר ארט.

דער גלח האט נישט געלייגט קיין אכט אויף קאטרינאס ארומדרייען זיך איבער דער שטוב. צו דער גרויסער פרייד פון די, וואס האבן געוואלט פארהערט ווערן, האט ער גאר אינגאנצן פארגעסן צו שטעלן פראגן און אנשטאט דעם אנגעהויבן אנטוויקלען פאר די פארזאמלטע די אלע שיינע געדאנקען, וואס זענען אים אצינד אויפן זינען געקומען.

— שטעלט אייך נאר פאר, — האט ער געזאגט, סארא ווילע זאך דאס איז, ווען מיר האבן זיצן ליבע זקנים אין אונזער היים! צי איז דען נישט א נחת פאר אונז, צו קאנען זיין א שטיצע פאר די, וואס האבן אונז געהאלפן, בעת מיר זענען נאך קליינע קינדער געווען און אליין נישט געקאנט זיך אן עצה געבן אין לעבן? סארא פרייד איז דאס, צו קאנען פארגרינגערן דאס לעבן פון די, וואס האבן אפשר געליטן הונגער און קעלט, בלויז כדי צו באזארגן אונז מיט חיונה? עס איז א גרויסער כבוד פאר א יונג פארפאלק צו האבן בא זיך אן אלטן פאטער אדער מוטער, וואס זאל זיך פילן בא זיי גליקלעך און צופרידן...

גראד בשעת דער גלח האט דאס געזאגט, האט זיך פון א ווינקל פון צווייטן עק שטוב דערהערט א שטיל געוויין. לארס גונארסאן, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסן מיט א פרום-אראפגעבויגענעם קאפ, האט זיך תיכף אויפגעשטעלט. כדי נישט צו שטערן דעם גלח, איז ער אויף די שפיצפינגער און אזוי שטיל ווי מעגלעך אדורכגעגאנגען איבער דער שטוב, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין שוויגער; דארט האט ער זי ארומגענומען בא דער טאליע און זי צוגעפירט צום טיש, ווו דער בעל-דרשן איז געזעסן.

לארס האט זי אוועקגעזעצט אויף זיין ארט און אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט הינטער איר און אראפגעקוקט צו דער וויינענדיקער אלטיטשקער... ער האט אויך א ווונק-געטון צו זיין ווייב, און זי איז תיכף צוגעגאנגען צו אים און זיך אוועקגעשטעלט אין דער צווייטער זייט פון דער שטול. דאס האט זייער שיין אויסגעזען. אלע האבן פארשטאנען, אז לארס האט דערמיט געוואלט ווייזן,

אַז באַ אים אין הויז פירט זיך פּונקט אַזוי, ווי עס דאַרף, לויט דעם גלחס רייד, אומעטום זיך פירן.

דעם גלח האָט עס שטאַרק הנאה־געטון און ער האָט מיט פריידיק שטראַלנדיקע אויגן געקוקט אויף דער אַלטער מוטער און אירע קינדער. עס האָט אים בלויז באַאומרויקט אַ ביסל דאָס, וואָס די אַלטע האָט כּסדר אַזוי געוויינט, אַז זי איז שיער נישט צעגאַנגען אין טרערן. ביז איצט איז אים נאָך קיינמאָל נישט געלונגען אַזוי טיף צו רירן אַ צוהערער פון זיין עדה.

ער האָט אַ רגע זיך אָפּגערוט און דערנאָך ווייטער גערעדט:

— יאָ, מיינע טייערע, עס איז נישט שווער צו פאָלגן דאָס פינפטע געבאָט, כּל־זמן מיר זענען יונג און געפינען זיך אין רשות פון אונזערע עלטערן; ערשט דערנאָך פאָדערט עס אַ געוויסע מאָס אָנשטרענגונג און קרבנוויליקייט. ווייל, ווי נאָר מיר ווערן דערוואַקסן, דאַכט זיך אונז, אַז מיר זענען אוודאי אַזוי קלוג, ווי די עלטערן, אויב נישט נאָך מער — —

דאָ איז דער גלח אויפּסניי געשטערט געוואָרן דורך יאַנען, וועלכער האָט זיך ענדלעך אַליין קוים צוגעשטופּט צו דער טיר און זי אויפגעעפנט.

יאַן האָט געהאַט מער מזל, ווי די אַנדערע. מען האָט געהערט, ווי ער זאָגט „גוטן אָוונט!" צו עמעצן, וואָס איז, ווייזטאויס, געשטאַנען אין פעדערהייזל.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן געווענדט זייערע אויגן צו דער אַריינגאַנגסטיר, כּדי צו זען, ווער דאָס איז, וועלכער האָט דורך דער גאַנצער צייט פונם עפנטלעכן פאַרהער אין רעליגיע נישט געוואַגט אַריינצוגיין צו די פאַרזאַמלטע. זיי האָבן געהערט, ווי יאַן האָט זיך שטאַרק געבעטן, יענער זאָל אַריינגיין, און האָט אפילו ברייט אויפגעפּראַלט די טיר, אָבער דער, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן האָט, ווייזט־אויס, אַצינד אויך זיך געקווענקלט. צום סוף האָט יאַן פאַרמאַכט די טיר און איז איינער אַליין אַריינגעקומען אין שטוב. אָבער ער איז שוין איצט נישט צוריק צוועק אויף זיין פריערדיק

אָרט, נאָר זיך מיט גרויס מי אַדורכגעשטופּט ביז צום טיש, וווּ דער גלח איז געזעסן.

— אַנו, יאַן, — האָט דער גלח געפרעגט אַ ביסל אומגעדולדיק, — צי קאָנען מיר שוין וויסן וועד עס שטערט אונז דעם גאַנצן אָוונט?

— הינטער דער טיר איז געשטאַנען עריק, דער אַלטער באַלעבאָס פון פאַליאַ, — האָט יאַן דערקלערט, לגמרי נישט זייענדיק דערשטוינט אָדער צעטומלט פון זיינע אייגענע רייד. — ער האָט נישט געוואָלט אַרייַנגיין, אָבער מיך געבעטן צו זאָגן לאַרסן, אַז ער זאָל זיך גוט היטן דעם ערשטן זונטיק נאָך דער יאָהאַן־חגא.

באַלד אין ערשטן אויגנבליק האָבן נישט אַלע פאַרשטאַנען דעם פאַרבאָרגענעם באַדייט פון די ווערטער. די, וואָס זענען געזעסן אין די הינטערשטע רייען האָבן נישט אַזוי גוט געהערט, וואָס יאַן האָט געזאָגט. אָבער פון דעם, ווי דער גלח איז פאַרצאַפּלט געוואָרן, האָבן זיי זיך משער געווען, אַז דאָס האָט אַלנפאַלס געמוזט זיין עפּעס שרעקלעכס. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך אָנגעהויבן שטופּן צום אויבנאַן, פרעגנדיק אויף רעכטס און לינקס בא די, וואָס זענען געזעסן נענטער צום טיש:

— פון וועמען האָט יאַן באַקומען דעם גרוס?...

— אָבער, יאַן! — האָט דער גלח אויסגערופן מיט אַ שטרענגן טאָן. — צי ווייסטו כאָטש, וואָס דו רעדסט?

— געוויס ווייס איך! — האָט יאַן באַשטעטיקט זיינע רייד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. — איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געהערט, ווי ער דרייט זיך אַרום אינדרויסן. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אַרייַנגיין, אָבער ער האָט נישט געוואָלט. און ווי נאָר ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם גרוס צו זיין איידעם, איז ער שוין צוריק אַוועק. „גיב אים איבער" — האָט עריק געזאָגט — „אַז איך אַליין וויל אים נישט טון קיין שום שלעכטס, דערפאַר וואָס ער האָט מיך, בעת דעם אומגליק אין וואַלד, אַזוי לאַנג געלאָזט ליגן אין שניי און נישט באַצייטנס געאיילט צו מיר מיט

הילף, — כאָטש ער האָט עס נאָך געקאָנט באַווייזן. איך אַליין וויל זיך נישט נוקם זיין אָן אים, אָבער דאָס פינפטע געבאָט איז זייער אַ שטרענג געבאָט! גריס אים פון מיר און זאָג אים, אַז דאָס בעסטע איז פאַר אים, ער זאָל חרטה האָבן און תשובה־טון. ער האָט צייט דערויף ביז דעם ערשטן זונטיק נאָך דער יאָהאַן־חגא".

יאַן האָט דאָס געזאָגט אַזוי קלאָר און אַזוי מיושבדיק און גלייבווירדיק איבערגעגעבן די מערקווירדיקע בשורה, אַז אי דער גלח, אי אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך עטלעכע סעקונדן געפונען אונטער דער רושם, אַז דער פאַרשטאָרבענער עריק פון פאַליאַ איז טאַקע געשטאַנען פאַר דער טיר פון זיין הויז און געפירט אַ שמועס מיט זיין אַמאָליקן לויבאַרבעטער יאַן אַנדערסאָן פון סקרוליקאַ. און דעריבער האָבן זיך די אויגן פון אַלע אָנוועזנדיקע כמעט ווי נישט ווילנדיק געווענדט אויף לאַרס גונאַרסאָנען, כדי צו זען וואָס פאַר אַ ווירקונג די דאָזיקע רייד וועלן האָבן אויף אים.

לאַרס האָט זיך אָבער שטאַרק צעלאַכט.

— איך האָב געמיינט, אַז יאַן איז שוין צוריק מיושבדיק געוואָרן — האָט ער געזאָגט, — אַז נישט וואָלט איך אים דאָך נישט געלאָזט בייוויזן דעם פאַרהער אין קאַטעכיזם. איך האָף, אַז דער חשובער הער פאַסטאָר וועט נישט פאַראיבל האָבן פאַר די שטערונגען. ווייזט־אויס, אַז דאָס משוגעת באַהערשט אים שוין ווידער!

— געוויס אַזוי!... — האָט דער גלח געזאָגט און זיך אַ וויש־געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן, אָפּזיפצנדיק דערלייכטערט. ער איז שוין גרייט געווען צו גלייבן, אַז ער האָט זיך דאָ צונויפגעטראָפן מיט עפּעס איבערנאַטירלעכס. אָבער פון לאַרס גונאַרסאָנס באַמערקונג איז אים תיכף קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט דאָ צו טון בלויז מיט אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם.

— דער חשובער הער פאַסטאָר דאַרף וויסן, — האָט לאַרס צוגעגעבן, — אַז יאַן פילט נישט צו מיר קיין גרויסע פריינטשאַפט, און דערמיט פאַרראַט ער זיך איצט, בעת ס'איז פון אים ווידער צוגענומען געוואָרן דער קלאָרער שכל, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן דערפון. אַגב, מוז איך זיך מודה זיין, אַז ווען מען זאָל זיך וועלן

גוט אַריינטראַכטן אין דער זאַך, איז עס טאַקע מיין שולד, וואָס די טאָכטער זיינע האָט געמוזט אַוועק אין דער פרעמד אַריין, כדי געלט צו פאַרדינען. אָט וואָס יאַן קאָן מיר נישט מוחל זיין.

דעם גלח האָט שטאַרק געחידושט זיין אייפריק פאַרטיידיקן זיך און בפרט זיין אומדערוואַרטעטע עפנטלעכע ווידוי. זיינע טיפע, בלויע אויגן האָבן אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין גונאַרסאָנס פּנים, אָבער יענער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעמדאָזיקן בליק און אָפּגעווענדט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אָבער תּיכף געכאַפּט, אַז ער האָט נישט גוט געטון און דעריבער זיך אָנגעשטרענגט צו קאָנען קוקן דעם גלח גלייך אין פּנים אַריין. דאָס איז אים פאָרט נישט געלונגען, און ער האָט צוריק אַוועקגעדרייט זיין קאָפּ, אַרויסשליידערנדיק דערביי אַ שאַרפע קללה.

— לאַרס גונאַרסאָן! — האָט דער גלח אויסגערופן. — וואָס איז דאָס מיט אייך?

לאַרס האָט זיך תּיכף באַהערשט.

— איך קאָן גאָרנישט פּטור ווערן פון דעם משוגענעם! — האָט ער מיט פאַרביטערונג געזאָגט, כלומרשט ווי ער וואָלט מיט דער קללה געמיינט יאַנען. — דער חשובער הער פּאַסטאָר און אַלע מיינע שכנים קוקן איצט אויף מיר מיט אַזעלכע בליקן, גלייך איך וואָלט אינדערמתן געווען אַ מערדער. און דאָס געשעט מיר בלויז דערפאַר, וואָס דער אַלטער אידיאָט פילט צו מיר אַזאַ טיפע שנאה. איך זאָג דאָך אייך, אַז דאָס וויל ער זיך נוקם זיין אָן מיר פאַר דער טאָכטער זיינער. אָבער איך האָב דאָך נישט געקאָנט וויסן, אַז איבער דעם, וואָס איך וועל שטרענג פאָדערן פון אים מיין חוב, וועט מיט דעם מיידל געשען אַזאַ אומגליק. צי קאָן דען נישט עמעצער פון די אָנוועזנדיקע זיך פאַרנעמען מיט יאַנען, אַזוי, אַז דער חשובער הער פּאַסטאָר זאָל אימשטאַנד זיין צו פאַרענדיקן די דרשה?

דער גלח האָט זיך ווידער אַ וויש־געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן. ער האָט זיך געפילט פיינלעך געטראָפן פון לאַרס גונאַרסאָנס רייד, אָבער פאָרט נישט געקאָנט אים אויסמוסרן. ער האָט דאָך נישט געוווּסט קיין שום באַשטימטס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און

געזוכט מיט די אויגן די אַלטע באַלעבאַסטע, אָבער יענע האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאַרט פון שטוב. דערנאָך האָט ער אַרומגעצוי־ מען מיטן בליק אַלע פאַרזאַמלטע, אָבער פון זייערע פנים־אויסדריקן גאָרנישט געקאָנט אַראָפּלייענען, הגם ער איז געווען זיכער, אַז יע־ דער איינער פון זיי ווייסט גאַנץ גוט, צי לאַרס איז טאַקע שולדיק אין דעם פאַרברעכן, צי נישט. אָבער ווי נאָר זיין בליק איז גע־ פאַלן אויף דער עדה, אַזוי האָבן זיך אַלע פנימער, אונטער דער־ דאָזיקער באַריירונג, ווי אין זיך פאַרשלאָסן, גלייך ווי יעדער אויס־ דרוק פון לעבן וואָלט מאָמענטאַל פאַרלאָשן געוואָרן אין זיי. זיי האָבן פשוט מורא געהאַט...

דערווייל איז קאַטרינאַ צוגעקומען צום טיש און גענומען יאָנען אונטערן אָרעם. זיי האָבן זיך ביידע דערנענטערט צו דער טיר, און דער גלח האָט זיי נישט פאַרהאַלטן, ווייל דעם משוגע־ נעם האָט ער דאָך סיי ווי נישט געוואָלט פאַרהערן.

— איך מיין, אַז אויף היינט וועט שוין גענוג זיין, — האָט דער גלח שטילערהייט דערקלערט. — מיר וועלן איצט פאַרענ־ דיקן.

ער האָט אָפּגעזאָגט אַ קורצע תפילה, און נאָכדעם האָט די גאַנצע עדה געזונגען אַ קאַפּיטל תהילים.

באַלד דערנאָך האָבן אַלע פרעמדע פאַרלאָזט די שטוב.

דער גלח איז אַוועק דער לעצטער.

בעת לאַרס גונאַרסאָן האָט אים באַגלייט צום טירל פונם פּלויט, האָט לאַרס אַליין צוריקגעפירט דאָס געשפּרעך צום נאַר־ וואָס פאָרגעקומענעם.

— צי האָט דער חשובער הער פּאַסטאָר געהערט, אַז איך וועל מוזן זיין פאַרזיכטיק דעם ערשטן זונטיק נאָך דער יאָהאַן־הגא? — האָט ער געפרעגט. — זיינע רייד זענען דער בעסטער באַווייז, אַז יאָן וויל זיך נוקם זיין אָן מיר פאַר זיין טאָכטער; זיין גאַנץ משוגעת שטאַמט דאָך בלויז דערפון, וואָס זי האָט אים פאַרלאָזט. דאָס איז געווען פאַראַיאָרן, גראָד דעם ערשטן זונטיק נאָך דער יאָהאַן־הגא, ווען איך בין געווען בײַ יאָנען, כדי צו פאָדערן בײַ אים דעם חוב פאַר דעם שטיקל באָדן...

דעם גלח איז פון די אַלע דערקלערונגען געוואָרן אַלץ מער קאַלמוטנע אויף דער נשמה. ער האָט מיט אַ שנעלע באַוועגונג אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף לאַרס גונאַרסאָנס אַקסל און געפּרוווט אים אַריינקוקן טיף אין די אויגן.

— הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, לאַרס גונאַרסאָן! — האָט דער גלח זיך אָנגערופן מיט אַ וואַרימער, האַרציקער שטימע. — איך בין נישט קיין שופט. אָבער פאַרגעסט נישט, אַז אויב איר האָט עפּעס אויפן געוויסן, מעגט איר דרייסט קומען צו מיר. אַלזאָ, געדענקט-זשע! איך וועל יעדן טאָג וואַרטן אויף אייך! אָבער, איך בעט אייך, לאַרס גונאַרסאָן, זעט, אַז עס זאָל שוין דאַן נישט צו שפּעט זיין!

דער אַלטער מכשף

עס איז שוין אָנגעקומען דער צווייטער ווינטער, זינט דאָס מיידל פון סקרוליקאַ איז אַוועק פונדערהיים. סוף יאַנואַר יענעם יאָר האָט זיך געשטעלט אַ שרעקלעכע, ביטערע קעלט. דער פראָסט איז געווען אַזאַ ברענענדיקער, אַז די איינוווינער פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָבן געמוזט אָנשיטן הויכע קופּעס שניי אַרום זייערע נידריקע הייזלעך, כדי אַזויערנאָך צו קאָנען איינהאַלטן די וואַרימקייט אין די שטיבלעך. און די קי אין די שטאַלן האָט מען יעדן אָוונט געמוזט איבערדעקן מיט שטרוי, כדי זיי זאָלן איבערנאַכט נישט געפרוירן ווערן.

אַזאַ וויסטע קעלט האָט דאַן געהערשט, אַז אי דאָס ברויט, אי דער קעז איז געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין און אויך די פּוטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק אייז. און עפּעס ווי דאָס פייער אַליין וואָלט פאַרלוירן די קראַפט צו וואַרימען, ווייל ווי שטאַרק מען זאָל נישט האָבן אייַנגעהייצט, האָט זיך די וואַרימקייט נישט ווייטער פאַרשפּרייט ווי ביז צום ראַנד פונעם קאַמין.

אַ געוויסן טאָג, ווען דער פראָסט איז געווען שוין נישט צום אויסהאַלטן, איז יאַן פון סקרוליקאַ נישט אַוועק צו דער אַרבעט. ער איז פאַרבליבן אינדערהיים און צוגעהאָלפן קאַטרינאַן אָפּהיטן דאָס פייער אין קאַמין, צולייגנדיק כסדר גראָבע שטיקער האָלץ. נישט ער, נישט קאַטרינאַ האָבן זיך פון אינדערפרי אָן נישט דערוועגט אַרויסצושטעקן די נאָז פאַר דער טיר; אָבער וואָס לענגער זיי זענען געזעסן אין שטוב, אַלץ מער איז די קעלט זיי אַריין אין די ביינער. אַרום פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט שוין אָנגעהויבן פינצטער ווערן, און קאַטרינאַ האָט זיך געווענדט צום מאַן, אַז ס'גלייכסטע וואָלט געווען, זיי זאָלן זיך שוין לייגן אונטער די פערענעס. עס האָט דאָך נישט געהאַט קיין זין, זיי זאָלן כסדר צולייגן האָלץ אין פייער אַריין און דאָך זיצן און געפרוירן ווערן לעבן דעם קאַמין.

אַלע שויבן זענען געווען באַדעקט מיט אַ דיקער שיכט פון פראָסטבלומען. אָבער אין איין ווינקל לעבן דער ראַם פונם פענצטער איז נאָך פאַרבליבן אַ קליין שטיקל דורכזיכטיקע שויב, און יאַן איז עטלעכע מאָל נאָכמיטאָג צוגעגאַנגען דאָרט און אַרויסגעקוקט.

— דו, אַז דו ווילסט, קאָנסטו זיך לייגן אין בעט, ליבע קאַטרינאַ! — האָט יאַן געזאָגט, בשעת ער האָט איצט ווידער אַרויסגעקוקט דורך דעם נישט פאַרפרוירענעם שטיקל שויב. — אָבער איך מוז נאָך דאָ בלייבן אַ ווײַלע.

— אַהאַ, וואָס נאָך וועסטו זאָגן? — האָט קאַטרינאַ ביין געפרעגט. — די וויכטיקע אַרבעט, וואָס דו האָסט איצט צו טון, וועסטו אויך אַן אַנדערשמאָל נישט פאַרזוימען! פאַרוואָס זאָלסטו איצט נישט קאָנען זיך לייגן שלאָפן, אַזוי גוט ווי איך, האַ?...

יאַן האָט נישט תיכף געענטפערט אויף איר פראַגע. אָבער אַ ווײַלע דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך קאָן נישט פאַרשטיין די סיבה, פאַרוואָס איך האָב נאָך אַלץ נישט געזען אַגריפּאַ פרעסטבערגן פאַרבייגיין דאָ לעבן הויז?

— אַזוי גאָר? אויף אים דאַרפסטו עס אַזוי לאַנג וואַרטן? —

האָט קאַטרינאַ פאַרחידושט אויסגערופן — אַזאַ גוטער פריינט איז ער דיר געווען, אַז דו זאָלסט צוליב אים לײַדן קעלט און נישט וועלן זיך לייגן שלאָפן?

יאַן האָט מיט אַ באַפעלערישער באַוועגונג אויפגעהויבן די האַנט; אָט דער זשעסט איז אים נאָך פאַרבליבן פון די „קייסער־לעכע" צייטן זיינע, און ער האָט אים נישט געקאָנט פאַרגעסן. יאַן האָט, וואָס אַן אמת, זיך נישט גערעכט אויף קיין באַזוך פון פרעסט־בערגן, אָבער ער האָט געהערט דערציילן, אַז דער אַלטער איז פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ הוליאַנקע צו איינעם פון די אַסקעדאַ־לאַרנישע פישער; דעריבער האָט עס אים שטאַרק געחידושט, וואָס ער האָט נאָך אַלץ נישט געזען דעם אַלטן פרעסטבערגן פאַרביי־גיין אויפן וועג אַהינצו.

— מסתמא האָט ער נאָך געהאַט אַזוי פיל שכל אין קאָפּ, ער זאָל בעסער בלייבן זיצן אינדערהיים באַם וואַרימען אויוון! — האָט קאַטרינאַ געזאָגט.

וואָס מער די נאַכט האָט אָנגערוקט, אַלץ קעלטער איז גע־וואָרן. די ווענט און די בעלקעס פון די פּולאַפּן האָבן אַזש גע־קנאַקט, גלייך ווי דער „מלך־פראָסט" אַליין וואָלט אָנגעקלאַפּט, בעטנדיק, מען זאָל אים אַרײַנלאָזן. אַלע קוסטעס און ביימער האָבן זיך איבערגעדעקט מיט פעלצן פון שניי און פראָסטיקן טוי, אַזוי אַז מען האָט איצט נישט געקאָנט אונטערשיידן זייערע פריערדיקע פאָרמען; עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אויך געוואָלט זיך אָנטון אין די אַלע מלבושים, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט באַקומען, כדי זיך צו שיצן קעגן דער וויסטער קעלט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט קאַטרינאַ ווידער פאָרגעשלאָגן, זיי זאָלן זיך שוין לייגן שלאָפן.

— איך זע טאַקע, אַז דער זייגער איז נישט מער ווי האַלב צוועלף, — האָט זי געזאָגט, — אָבער איך גיי שוין אַלנפאַלס צו־שטעלן די גריץ צום אָנטעסן. נאָכדעם וועסטו זיך שוין מעגן אַרומדרייען איבער דער קאַלטער שטוב, וואַרטנדיק אויף פרעסט־בערגן, אָדער וועסט זיך אויך לייגן אונטער דער פערענע. — ווי דו וועסט וועלן!

יאַן איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון פענצטער.

— נישט מעגלעך, ער זאָל שוין האָבן פאַרבייגעגאַנגען, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן ווידער זיך אָנגערופן, — איך וואָלט אים דאָך געזען!

— סאַראַ נפקא־מינה איז עס דיר, צי אַזאַ הברהמאַן איז שוין פאַרבייגעגאַנגען, אָדער נישט?... — האָט קאַטערינאַ דער־בייזערט געזאָגט; עס זענען איר שוין נמאס געוואָרן צו הערן די ניין מאָס רייד וועגן דעם אַלטן שלעפּער.

יאַן האָט שווער אָפּגעזיפצט. קאַטערינאַ איז געווען נאָך מער ווי גערעכט. וואָרים יאַנען האָט לגמרי נישט אינטערעסירט, צי אַגריפּאַ איז שוין יאָ פאַרבייגעגאַנגען, אָדער נישט. ער האָט בלויז געוואָלט האָבן אַן אויסרייד צו קאָנען שטיין בײַם פענצטער און אַרויסקוקן; דערום האָט ער געזאָגט, אַז ער וואַרט אויף דעם אַלטן שנאָרער.

פון יענער צייט אָן, זינט לאַרס פון פאַליאַ האָט צוגענומען בײַ אים די גאַנצע קייסערלעכע מאַכט און ווירדע, האָט ער נישט דערהאַלטן קיין שום ידיעה פון דער גרויסער קייסערין, — אַט פון דעם טייערן מיידעלע פון סקרוליקאַ. ער האָט אפילו גע־ווּסט, אַז דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט געשען אָן איר הסכמה; און פון דעם האָט ער זיך משער געווען, אַז ער האָט אוודאי גע־מוזט האָבן געטון עפּעס אַזוינס, וואָס איז איר נישט געפעלן געוואָרן, און אפשר האָט עס זי אפילו גאָר שטאַרק פאַרדראָסן? ער האָט אָן אויפהער זיך געמאַטערט דעם מוח, אָבער בשום אופן נישט גע־קאָנט זיך דערטראַכטן, וואָס דאָס האָט געקאָנט זיין אַזוינס. ער האָט זיך געגריבלט דערין בעת די לאַנגע ווינטעראָוונטן און אויך בעת די פינצטערע פרימאָרגנס, — אַלצאיינס, צי ער האָט דאָן געדרעשעט תבואה אין שייער פון פאַליאַ אָדער געפירט האָלץ פון וואַלד אין פאַלווארק אַריין.

עס האָט זיך אים נישט געגלייבט, אַז זי זאָל אים אַזוי פאַר־איבל האָבן מחמת זיינע האַנדלונגען אין די ענינים, וואָס האָבן גע־האַט אַ שיכות צו זיין „קייסערשאַפט“. אין פאַרלויף פון דריי חדשים איז דאָך אַלץ צוגעגאַנגען גאָר ווויל; דאָס איז פאַר אים געווען אַ

צייט פון אַזוי פיל גליק, וואָס ער האָט פריער צומאָל חלומען וועגן דעם נישט געוואַגט. ער האָט דאַן איבערגעלעבט ממש נסים, וואָס געשעען כמעט קיינמאָל נישט אין לעבן פון אַזאַ אָרימען לווינאַרבעטער, ווי ער. אָבער וואָס פאַראַ סיבה האָט קלאַראַ גולאַ געהאַט צו זיין נישט צופרידן דערפון?

ער האָט אַלזאָ געמוזט זאָגן אָדער טון עפּעס אַזוינס, פון וואָס זי האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש, און דעריבער איז ער אַזוי האַרב באַשטראָפט געוואָרן.

אָבער ווי געשיקט זיך דאָס, אַז קלאַראַ גולאַ זאָל זיין אַזוי שטרענג קעגן אים, אַז זי זאָל אים נאָך אַלץ נישט וועלן מוחל זיין? וואָלט זי כאָטש געוואָלט אים צו וויסן־טון די סיבה פון איר פאַרדרוס! ער וואָלט געטון אַלץ, וואָס זי וואָלט נאָר געפאָדערט פון אים, געווען גרייט זיך אונטערצוּוואַרפן יעדן באַפעל אירן, — אַבי זי זאָל זיך שוין אַמאָל לאָזן איבערבעטן! אָט האָט זי דאָך געזען, אַז ער האָט תיכף גענומען אויף זיך זיינע אַרבעטסקליידער און צוריק אַוועק צו זיין שווערער לאַסטאַרבעט אין פאַליאַ, — ווי נאָר ער האָט באַקומען פון איר אַ ווינק, צו אַזוי איז איר פאַרלאַנג!

אָבער וועגן דעם, וואָס אים איז איצט פאָרגעקומען האָט ער נישט געוואָלט רעדן נישט מיט קאַטרינאַן, נישט מיטן אַלטן בעצנשטריקער. ער האָט געמוזט געדולדיק וואַרטן אויף אַ צייכן פון קלאַראַ גולאַן אַליין. ער האָט אָפט געפילט, ווי דערדאָזיקער צייכן דערנענטערט זיך שוין צו אים, און איז טיילמאָל שוין געווען גאָר נאָענט; ער וואָלט אים ממש געקאָנט דערגרייכן, אויסשטרעקנדיק די האַנט.

זינט עס האָבן זיך געשטעלט די גרויסע פרעסט, איז ער ווידער באַהערשט געוואָרן פון דעמדאָזיקן געפיל. און היינט, זיצנדיק אין פאַרמאַכטן שטיבל, איז אָט דאָס געפיל אויפגעגאַנגען אין אים, ווי אַ פולקאָמע זיכערקייט, אַז איצט וועלן שוין באַלד אָנקומען ידיעות פון קלאַראַ גולאַן. און טאַקע אויף די ידיעות האָט ער איצט געוואַרט, דעמדאָזיקן פריידיקן צייכן האָט ער איצט אויסגעקוקט דורך דעם דורכזיכטיקן שטיקל שויב פון דעם פאַרפרוירענעם פענצטערל אין זיין אָרים הייזל. אָבער דערביי האָט

ער אויך געפילט, אַז אויב דידאָזיקע ידיעות וועלן נישט באַלד אָנקומען, וועט ער נישט אימשטאַנד זיין איבערצוהאַלטן זיין וויסט לעבן מיט דער טאָג־טעגלעכער פיין פון אומזיכערער דערוואַרטונג.

ס'איז אָבער געוואָרן אַזוי פינצטער, אַז ווייטער ווי ביז צום טירל פונם פּלויט האָט ער שוין נישט געקאָנט זען. דעריבער האָט ער שוין פאַרלוירן יעדע האָפענונג, אַז עס זאָל נאָך קאָנען געשען עפּעס אין דעם אָוונט און גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. ווען קאַטרינאַ האָט נאָכאַמאָל פאָרגעשלאָגן, זיי זאָלן אַרונטערקריכן אונטער די פערענעס. קאַטרינאַ האָט דערלאַנגט די גריץ צום טיש, זיי האָבן שנעל אָפּגעגעסן, און נאָך איידער דער זייגער האָט געוויזן אַ פערטל אויף זיבן, האָבן זיי זיך שוין געהאַט אין בעט אַריין געלייגט.

זיי זענען באַלד איינגעדרימלט, אָבער דער שלאָף זייערער האָט נישט לאַנג געדויערט. ווי נאָר דער גרויסער זייגער האָט געשלאָגן האַלב זיבן, איז יאַן אויפגעשפּרונגען פונם געלעגער. ער האָט האַסטיק אַריינגעוואָרפן אַ פאָר שטיקלעך האָלץ אין פייער, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלאָשן געווען, און נאָכדעם זיך שנעל גענומען אָנטון.

ער האָט זיך באַמיט צו טון דאָס אַלץ אַזוי שטיל, ווי מעגלעך, כדי נישט אויפצוּוועקן קאַטרינאַן. אָבער זי האָט זיך פאָרט אויפגעכאַפּט, דערשראָקן זיך אויפגעזעצט אין בעט און געפרעגט, צי עס טאָגט שוין.

יאַן האָט זי באַרויקט און געבעטן, זי זאָל ווייטער שלאָפן. ער אַליין האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף, ווייל ס'האָט זיך אים געחלומט, אַז קלאַראַ גולאַ האָט אים גערופן און באַפוילן אַרויסצוקומען אין וואַלד אַריין.

איצט האָט ווידער קאַטרינאַ אָנגעהויבן שווער זיפצן. אַך, דאָס משוגעת האָט שוין, ווייזט־אויס, ווידער באַהערשט איר אָרימען יאַן! וואָס אַן אמת, האָט זי זיך פון טאָג צו טאָג געריכט דערויף, ווייל ער איז לעצטנס אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַראומערט און אומרויִק.

זי האָט זיך נישט באַמיט צו ווירקן אויף אים, ער זאָל

בלייבן אין שטוב. אַנשטאָט דעם, איז זי אויך אַרויס פון בעט און זיך אָנגעטון.

— וואַרט צו אַ ווײַלע! — האָט זי געזאָגט, זעענדיק, אַז יאַן שטייט שוין בײַ דער טיר. — אויב דו מוזסט אומבאַדינגט אַרויסגיין אין וואַלד אַרײַן, אינמיטן דער פּראָסטיקער נאַכט, טאָ וועלן מיר שוין גיין ביידע צוזאַמען. איך וועל דאָך דיך נישט לאָזן אַליין!

זי האָט געמיינט, אַז יאַן וועט נישט איינשטימען דערויף, אָבער ער האָט איר נישט אָפּגעזאָגט, נאָר געבליבן שטיין בײַ דער טיר און געוואַרט ביז זי איז פאַרטיק געוואָרן. ער האָט זיך אפילו שטאַרק געאײַלט, אָבער גלייכצײַטיק איז ער איצט געווען פיל מיושבדיקער און געלאַסענער, ווי אַ גאַנצן טאָג.

דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ קאַלטע נאַכט אויף צו מאַכן אַ שפּאַציר! ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעקומען אינדרויסן, האָט דער פראָסט זיי אַ שלאָג־געטון אין פּנים אַרײַן, גלייך זיי וואָלטן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מויער פון שאַרפע און שטעכיקע גלאָז־שערבעלעך. עס האָט זיי געשניטן די הויט, ווי מיט מעסערס, און זיי האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט ווערן זייערע נעזער אָפּגעריסן ביזן וואָרצל. אין די שפּיצפינגער האָט זיי אַזוי וויי געטון, גלייך ווי זיי וואָלטן אַ ליאַדע רגע געהאַלטן בײַ פלאַצן, און די פינגער פון די פיס זענען ווי מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט געוואָרן · די אַלטע לייט האָבן נישט געקאָנט פילן, צי זיי האָבן נאָך די פינגער.

אָבער יאַן האָט צומאָל קיין פּיפּס נישט געטון, און קאַטרינאַ האָט אויך געשוויגן. זיי זענען שנעל געגאַנגען פאָרויס. יאַן האָט באַלד פאַרקירעוועט אויף דעם ווינטערדיקן וועג איבער דער הויכקייט, — דערזעלבער, איבער וועלכן זיי זענען מיט יאָרן צוריק געגאַנגען אין אַ ווײַנאַכטסבאַגינען, צוזאַמען מיט קלאַראַ גולאַן; אָבער דאַן איז זי נאָך אַזוי קליין געווען, אַז מען האָט זי געמוזט טראָגן אויף די הענט.

דער הימל איז געווען אַ לויטערער, אָן שום וואָלקנדל, און אין מערב האָט געבלאַנקט אַ שמאָלע זילבערנע האַלבע לבנה, אַזוי אַז ס'איז לחלוטין נישט געווען פינצטער. אָבער עס איז זיי פאָרט

שווער געווען צו האַלטן זיך באַם וועג, ווייל דער שניי האָט פאַרשאָטן און אויסגעגלייכט אַלץ אַרום. עטלעכע מאָל זענען זיי אַראָפּ פונעם האַרטן באַדן און געזונקען אין טיפן שניי.

זיי האָבן זיך אָבער ענדלעך דערשלעפּט צום גרויסן פעלזנשטיין, וואָס אַ פּאַרצייטישער טיטאַן האָט אַ שליידער-געטון קעגן דער קירך אין סוואַרטזשעי. יאַן איז דאָרט שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען, אָבער קאַטרינאַ, וועלכע איז געגאַנגען הינטער אים האָט פּלוצלינג דערשראָקן אַ געשריי-געטון:

— יאַן! יאַן! זעסטו דען נישט, אַז דאָ זיצט עמעצער?

יאַן האָט נישט געהערט, זי זאָל אַזוי יאָמערלעך שרייען, זינט יענעם טאָג, בעת לאַרס גונאַרסאָן האָט באַ זיי געוואָלט צונעמען דאָס הייזל.

יאַן האָט זיך אומגעקערט און צוגעגאַנגען צו איר. אָבער עס האָט דאָן נישט געפעלט קיין סך, זיי זאָלן ביידע וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דאָרט. און עס איז, כ'לעבן, געווען פאַרוואָס זיך צו שרעקן! אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן אַ פעלז און איינגאַנצן איבערגעדעקט מיט ווייסן פראָסטיקן טוי, איז דאָרט געזעסן אַן אַלטער מכשף מיט אַ צעכראַסטעטער, שטעכיקער באָרד און מיט אַ נאָז ווי אַ שנאָבל! — —

ער איז געזעסן פולקאָם שטיל, און מען האָט געקאָנט בלויז גלייבן, אַז ער איז אַזוי פאַרשטייפט געוואָרן פון קעלט, אַז ער איז שוין מער נישט אימשטאַנד געווען צוריק זיך צו דערשלעפּן אין זיין אונטערערדישער הייל אַריין — אָדער ווו ער האָט ערגעץ אַנדערש געהאַט זיין באַהעלטעניש.

— אָוואַ, אָוואַ! אויף דעם האָב איך מיך נישט געריכט, איך זאָל נאָך ווען ס'איז מיט מיינע אייגענע אויגן זען איינעם פון דער כּתּה, — האָט קאַטרינאַ זיך געחידושט. — כאָטש איך האָב געהערט אַזוי פיל דערציילן וועגן זיי. פונדעסטוועגן האָט זיך מיר נישט בעגלייבט, אַז זיי גייען נאָך אַלץ אַרום אויף דער וועלט!

יאַן האָט זיך אָבער דער ערשטער באַזינען און באַלד דערקענט וועמען ער האָט דאָרט פאַר זיך.

— דאָס איז נישט קיין מכשף, קאַטרינאַ, — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז דאָך אַגריפּאַ פּרעסטבערג!

— וואָס רעדסטו? — האָט קאַטרינאַ דערשטוינט אויסגערופן. — גאָט אין הימל, ס׳איז דאָך טאַקע, ווי דו זאָגסט! אָבער, געוואַלט געשריגן, זע נאָר, ווי ער זעט אויס. מען קאָן דאָך אים ווירקלעך אָננעמען פאַר אַ מכשף!

— ער האָט זיך דאָ אַוועקגעזעצט און איינגעשלאָפן, — האָט יאַן געזאָגט. — ווער ווייסט, צי ער איז שוין נישט טויט!

זיי האָבן גערופן דעם אַלטן באַם נאָמען און פעסט געטרייסלט אים, אָבער ער איז פאַרבליבן זיצן שטייף און אומבאַוועגלעך.

— לויף גיך צוריק נאָכן שליטעלע, וועלן מיר אים אַהיימשלעפּן! — האָט יאַן אין אַ באַפעלערישן טאָן געזאָגט. — איך וועל דאָ בלייבן און אים איינרייבן מיט שניי, ביז ער וועט אויפוואַכן.

— דו זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרפרוירן ווערן, דו אויך, איידער איך וועל צוריקקומען! — האָט קאַטרינאַ געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול.

— טייערע קאַטרינאַ, — האָט יאַן איר געענטפערט, — ס׳איז מיר שוין לאַנג אַזוי וואַרים נישט געווען, ווי הייַנטיקן אָוונט. איך בין העכסט גליקלעך פון דעם צייכן, וואָס קלאַראַ גולאַ האָט מיר געגעבן. צי איז עס דען נישט זייער שיין פון איר זייט, וואָס זי האָט אונדז אינמיטן דער פּראַסטיקער נאַכט אַרויסגעשיקט דאָ אַהער, כּדי מיר זאָלן מציל זיין דווקא דעם מענטש, וועלכער האָט אַזוי פיל רכילות פאַרשפּרייט וועגן איר?...

*

אַ פּאָר וואָכן דערנאָך, בעת יאַן איז אַמאָל אַהיימגעגאַנגען פון זיין אַרבעט האָט ער באַגעגנט אַגריפּאַ פּרעסטבערגן.

— נו, יאַן אַנדערסאָן, איצט בין איך שוין געזונט און קאָן שוין ווידער באַוועגן מיט מיינע אברים, — האָט אַגריפּאַ פריילעך געזאָגט. — אָבער איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז ווען נישט דו מיט

קאַטרינאַן וואָלטן מיר נישט געווען געהאָלפן, וואָלט שוין איצט נישט געווען קיין זכר פון יאָהאַן אוטער אַגריפּאַ פּרעסטבערג — דעם פּייקלער פון זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט. און דערפאַר האָב איך מיר די גאַנצע צייט געמאַטערט דעם מוח, ווי אַזוי און מיט וואָס איך זאָל אייך אָפּדאַנקען.

— איר דאַרפט אונז נישט דאַנקען, אַגריפּאַ, ס'איז נישטאָ פאַרוואָס ! — האָט יאַן געענטפערט און געמאַכט אַ ביטולדיקן זשעסט מיט דער האַנט.

— אַנו, שווייג נאָר אַ מינוטקעלע און הער מיך אויס ! — האָט פּרעסטבערג זיך געהיצט, — אויב איך זאָג, אַז איך האָב אייך ביידע געוואָלט אָפּדאַנקען, איז עס נישט סתם גערעדט; בישקשה, אַגריפּאַ פּרעסטבערג האָט נאָך דעם קאָפּ אויפן קאַרק, דו פאַרשטייסט, צי נישט? אַלזאָ, איצט איז עס שוין אָפּגעטון; מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געפּאַקט דעם וואַנדערנדיקן הענדלער, וואָס האָט געשענקט אייער טאָכטער דעם רויטן שטאָף אויפן קלייד.

— וועמען ? ! — האָט יאַן איבערגעפרעגט און דערביי אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז ס'האָט אים אַזש אָטעם פאַרפעלט.

— איך זאָג דאָך דיר וועמען: דעם פאַרשוין, וועלכער האָט געשענקט דיין טאָכטער דעם שטאָף אויפן רויטן קלייד און וועלכער האָט זי דערנאָך געטראָפן אין שטאָקהאָלם און פון גלייכן וועג אַראָפּגעפירט. דער הברהמאַן איז — געווען שולדיק אין דעם גאַנצן אומגליק אייערן. נו, האָב איך אים אין דיין נאָמען אַריינגעצימבלט, וויפיל ס'איז נאָר אַריין אין אים, און נאָכדעם האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך נאָכאַמאָל ווייזן אין דער געגנט, וועל איך אים אַזוי די ביינער אָנברעכן, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן. אָט טאַקע מיך, — יאָהאַן אוטער אַגריפּאַ פּרעסטבערגן !

יאַן האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן.

— אָבער וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט יאַן מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט. — צי האָט איר אים נישט געפרעגט, וואָס עס

הערט זיך איצט מיט קלאַראַ גולאַן? צי האָט ער נישט געהאַט אי־בערצוגעבן קיין שום גרוס פון איר?

— וואָס האָט ער דען געזאָלט זאָגן? איבריקנס, איך האָב אים צומאָל נישט געפרעגט. ער האָט שווייגנדיק צוגענומען די קלעפּ, וואָס ער האָט פון מיר אַריינגעכאַפּט און שנעל געמאַכט פּליטה. נו, ווי דו זעסט, האָב איך דיר גאַנץ פיין אָפּגעדינט, און איצט זענען מיר קוויט. דאָס טוט מיר שטאַרק הנאה, ווייל יאָהאַן אוטער אַגריפּאַ פּרעסטבערג האָט פיינט צו זיין אַ בעל חוב! —

אָפּזאָגנדיק דאָס, איז אַגריפּאַ געגאַנגען ווייטער, אָבער יאַן איז שטיין געבליבן און האָט הויך אויפן קול געיאָמערט:

— מיין טייער מיידעלע! מיין טייער מיידעלע! זי האָט דאָך מיר געוואָלט צושיקן אַ ידיעה דורכן הענדלער, און מסתמא האָט זי מיר געהאַט אָנצוזאָגן אַ פריילעכע בשורה! און אַצינד וועל איך זיך שוין גאָרנישט דערוויסן, ווייל דער שליח איז דאָך פאַריאָגט געוואָרן פונדאַנען!

יאַן האָט פאַרבראָכן זיינע הענט. ער האָט נישט געוויינט, אָבער זיין לייב איז איצט צעווייטיקט געווען פון אַזעלכע יסורים, וואָס זענען געווען פיל ערגער ווי די יסורים פון אַ שווערער קראַנק־הייט.

איצט האָט ער שוין גוט פאַרשטאַנען קלאַראַ גולאַס כוונה: פּרעסטבערג, וועלכער האָט שטענדיק אַרומגעוואַנדערט אין דער געגנט, האָט געזאָלט איבערנעמען די ידיעה פונם הענדלער און זי ברענגען צו יאַנען. אָבער מיט פּרעסטבערגן איז געשעען דאָס זעל־בע, וואָס מיט אַלע מכשפים, — אַלצאיינס — צי זיי ווילן העלפן אָדער שאַדענען, — אַן אומגליק ברענגען זיי שטענדיק מיט זיך!

דער ערשטער זונטיק נאָך דער יאָהאַן=חגא

דעם ערשטן זונטיק נאָך דער יאָהאַן=חגא זענען אַלע שכנים פון אַסקעדאַלאַרנאַ פאַרבעטן געוואָרן אויף דער גרויסער שמחה, וואָס דער נעצנשטריקער און זיין שנור האָבן איינמאָל אין יאָר, גראָד אין דער צייט, געפּראַוועט באַ זיך אין הייזל.

עס איז אפשר אַ חידוש, וואָס אַזעלכע צוויי אביונים האָבן זיך יעדעס יאָר געקאָנט פאַרגינען אויף אַזאַ גרויסאַרטיקער סעודה. פאַר די אָבער, וואָס זענען באַקאַנט געווען מיט דער סיבה פון דערדאָזיקער שמחה, איז דאָס שוין נישט געווען אַזוי קשה.

וואָרים, די זאַך איז געווען אַזוי: ווען דער נעצנשטריקער איז נאָך געווען אַ גרויסער נגיד, האָט ער יעדן פון זיינע צוויי זין געשענקט אַ נחלה. דער עלטערער פון זיי האָט אָבער גיך אַ תּל געמאַכט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן, — אָט ווי אולאַ בענגטסאַ אַליין האָט געטון מיט דעם חלק, וואָס איז אים געבליבן נאָכן צעטיילן, — און ער איז געשטאָרבן אין אָרימקייט. דאַקעגן, דער ייִנגערער זון — איז שוין געווען מער לייטיש און אַרבעטזאַם; ער האָט געהאַלטן אין אָרדנונג זיין הויף און נישט פאַרתּכלעוועט צוּמאָל דאָס מינדסטע פון זיין אייגנטום. פאַרקערט, ער האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין באַזיץ און זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ גאַנץ גישקשהדיקן ווילשטאַנד.

אָבער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט היינט פאַרמאָגט, איז פאָרט געווען אַ שיבוש אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער וואָלט געקאָנט האָבן אין זיין באַזיץ, אויב דער פאָטער וואָלט נישט געווען געפירט אַזאַ פאַרשווענדעריש לעבן און נישט צו ניוועץ געמאַכט דאָס גאַנצע פאַרמעגן זיינס; דער אַלטער האָט נעמלעך אומזיסט און אומנישט געפּטרט זיינע היפּשע אָפּגעשפּאָרטע סומעס אין מזומנים, ווי אויך די פיל פעלדער און פאַלוואַרקן. אויב אַזאַ עשירות וואָלט

אַריינגעפאַלן צום זון אין די הענט, בעת ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, איז שווער צו זאָגן, ווי ווייט ער וואָלט דערגרייכט. קאָן זיין, ער וואָלט שוין איצט אין זיין באַזיץ געהאַט אַלע וועל־דער פון לעווזשעאישן ראַיאָן, און חוצדעם געעפנט אַ גרויס געשעפט אין ברובי, און אויף אַן אייגענער דאַמפשיף געפירט פראַכטן איבערן טייך לעיוועו. און אַ קשיא אויף אַ מעשה, — ער וואָלט אפשר געקאָנט ווערן דער באַלעבאָס אפילו פון דער רייכער עקזיביער הויטע!

דער זון האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט מוחל זיין דעם פאָטער זיין פאַרשווענדערישע באַלעבאַטישקייט. אָבער ער האָט זיך אַלנפאַלס שטענדיק באַהערשט און געגנומען אין אַכט, ער זאָל נישט אַמאָל דורך אַ שאַרף וואָרט דערפירן צו אַן איבעררייס פון די באַציונגען צווישן אים און דעם פאָטער.

ווען אולאַ בענגטסאַ האָט באַנקראָטירט, האָבן אַ סך מענטשן געמיינט, — און דער פאָטער אַליין אויך, — אַז דער זון וועט אים זיכער צו הילף קומען מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט. אָבער צו וואָס וואָלט דאָס געטויגט? דאָס אַלץ וואָלט דאָך סיי ווי אַריינגעפאַלן צו די בעל־חובות! און דעריבער האָט דער זון נישט אָפּגעגעבן צומאָל דאָס מינדסטע פון דעם, וואָס ער האָט באַקומען, ווילנדיק, אַז דער פאָטער זאָל כאָטש האָבן וווּ זיך אַהינצוטון, ווען ער וועט שוין האָבן אַלצדינג געפּטרט.

נישט זיין שולד איז עס געווען, וואָס דער פאָטער האָט זיך דאַן אַריינגעקליבן צו דער אַלמנה נאָכן עלטערן זון און צוזאַמען מיט איר זיך מפרנס געווען פון שטריקן נעצן. נישט איינמאָל, נאָר הונדערטער מאָל, האָט ער שוין געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל ליבערשט וווינען בא אים. אָבער דאַדורך, וואָס דער אַלטער האָט אים כסדר אָפּגעזאָגט, האָט דער זון זיך געפילט אויפסניי באַעוולט. ס'איז אים, נעמלעך, געווען אַ חרפה פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט אין וואָסער אָרימקייט אולאַ בענגטסאַ לעבט.

אָבער אפילו איבער דעם איז אויך נישט געקומען צו קיין ברוגז צווישן אים און דעם פאָטער, און כדי צו באַווייזן זיין פריינטשאַפט צו אים, האָט ער, צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער, איינ־

מאָל אין יאָר אין אַ זומערטאָג געוואַנדערט איבער דעם סכּנותדיקן וועג קיין אַסקעדאַלאַרנאַ און אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט באַם פאַטער אין הויז.

די פרעמדע מענטשן האָבן גאָרנישט געוווּסט, ווי באַקלעמט ער און זיין ווייב זענען יעדעס מאָל, ווען זיי געפינען זיך אין דעם קליינעם אָרימען הייזעלע, לעבן דער צעפאַלנדיקער שאַפּע. ווי שווער עס איז דאַן פאַר זיי ביידע געווען צו באַטראַכטן די נעבעכדיקע קאַר־טאָפלבייטן אויף דעם שטיינערדיקן באָדן און צו קוקן אויף זיין שוועגערינס אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער כאַליאַסטרע קינדער, וואָס זענען שטענדיק הונגעריק. ווען די מענטשן וואָלטן דאָס געוווּסט, וואָלטן זיי אויך פאַרשטאַנען, ווי צוגעבונדן ער האָט זיך געפילט צום פאַטער, — ווייבאַלד ער האָט געקאָנט פועלן באַ זיך צו פאַרטראָגן דאָס אַלץ, אַבי זיך צו זען מיט אים.

אָבער ס'ערגסטע איז פאַר אים און פאַר זיין ווייב געווען דאָס, וואָס צוליב זייער כּבוד וועגן האָט דער פאַטער און די שוועגערין צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיק מאָלצייט, הגם זיי האָבן יעדעס יאָר באַם אַוועקפאָרן שטאַרק געבעטן דעם פאַטער, אַז איבעראַיאָר זאָל ער שוין נישט פאַרבעטן אַזוי פיל שכנים און נישט מאַכן אַזאַ פאַראַד לכּבוד זייער קומען צו גאַסט. אָבער דער אַלטער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן צו פּראַווען די גרויסאַרטי־קע סעודה, כאָטש עס האָט אים זיכער נישט געקלעקט קיין געלט־מיטלען דערויף. קוקנדיק אויף דעם שטאַרק געעלטערטן, עובר־בטלדיקן אונאַ בענגטסאַ, וואָלט קיינער נישט געוואָלט גלייבן, אַז אין אים קלאַפּט נאָך אַן אַדער פון דעם אַמאָליקן רייכן פויער פון לוסטערבי. וואָרים, ער האָט טאַקע נאָך אַלץ נישט געקאָנט פּטור ווערן פון דער געוווינהייט צו לעבן אויפן ברייטן, פאַרשווענדערישן שטייגער, — כאָטש דידאָזיקע געוווינהייט האָט אים דאָך דערפירט צו אַלע זיינע צרות!

דער זון איז געווויר געוואָרן פון פרעמדע מענטשן, — און אַליין האָט ער עס אויך פאַרשטאַנען, — אַז דער פאַטער און די שוועגערין האָבן אַ גאַנץ יאָר זיך אָפּגענומען דעם ביסן פון מויל און געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, — אַבי צו קאָנען פּראַווען

אַ גרויסאַרטיקע סעודה לכּבוד זיין קומען צו גאַסט. אָבער דאַן איז טאַקע נישט געווען קיין שיעור און קיין ערך צו די מאכלים און, געטראַנקען. ווי נאָר די געסט האָבן באַוויזן אַראָפּצושטייגן פונם פורל האָט אויף זיי שוין געוואַרט אַ פיין סערווירטער טיש מיט געשמאַקער קאַווע און צובייסעכץ. און אַ גבירישן מיטאָג איז דאָרט געווען געגרייט פאַר אַלע שכנים. מען האָט דערלאַנגט פיש און געבראָטן פלייש און אַ פעטן קוגל פון רייז מיט ראָזינקעס און מיט פרוכטזאַפט, און צו דעם אַלעם האָט נישט געפעלט קיין משקה, — פון וואָס נאָר מען האָט געוואָלט. צוזעענדיק דאָס אַלץ, האָט אים און זיין ווייב אַזוי גע־ווייטיקט דאָס האַרץ, אַז זיי האָבן זיך יעדעס מאָל שיער נישט צעוויינט. . . זיי ביידע האָבן צומאָל מיט דאָס מינדסטע נישט אויפגעמונטערט דידאָזיקע משוגענע אויסבערענגערישקייט. דער כּיבוד, וואָס זיי האָבן מיטגעפירט צום פאָטער, איז תּמיד באַשטאַנען בלויז פון אַזעלכע מאכלים, וואָס פּשוטע מענטשן קאָנען זיך פאַרגינען צו עסן יעדן טאָג. אָבער טראָצדעם, האָט דער זון קיינמאָל נישט געקאָנט פועלן באַם פאָטער, ער זאָל אויפהערן צו פראַווען אַזעלכע רייכע סעודות.

זיי האָבן זיך אַ סך מאָל מישב געווען, צי עס וואָלט נישט געווען פיל גלייכער, זיי זאָלן אויפהערן באַזוכן דעם פאָטער, כּדי ער זאָל אַזויערנאָך פאַרשפּאָרן זיך צו רויניִרן נאָך אַ צווייט מאָל. אָבער זיי האָבן מורא געהאַט, מען זאָל נישט שלעכט אויסטייטשן זייערע כּוונות דערביי, וויבאַלד זיי וואָלטן איבערגעריסן מיט די יערלעכע וויזיטן.

און מיט וואָס פאַראַ מענטשן האָבן זיי דאַן געמוזט זיך זעצן צום טיש! וואָרים, צו דידאָזיקע סעודות זענען זיך דאַך צו־נויפגעקומען בלויז אַלטע שמידן, פישער, אָרימע אַרענדאַרן און פאַראָבקעס. ווען נישט דאָס, וואָס אויך די באַלעבאַטים פון פאַליאַ פלעגן נעמען אַן אָנטייל אין דער שמחה, וואָלט פאַר דעם נעצנ־שטריקערס זון נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצו־רעדן.

פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער באַהעביקער פויער האָט גע־האַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר דעם אַלטן עריק פון פאַליאַ.

אָבער ער האָט אויך געשעצט לאַרס גונאַרסאָנען, וועלכער האָט נאָכן טויט פון זיין שווער איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט פון פּאַליאַ. וואָס אַן אמת, האָט לאַרס נישט געשטאַמט פון קיין מיוחס־דיקער משפּחה, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַזאַ פּיפּיקער יונג־גערמאַן, וואָס האָט געהאַט שכל צו טון אַזאַ גוטן שידוך, איז געווען מער ווי זיכער, אַז ער וועט זיך נאָך אַרויפאַרבעטן אי צו גרויס עשירות, אי צו גרויס כבוד און אָנזען אין דער געמיינדע.

און דעריבער איז פאַר אים געווען אַ גרויסע אַנטוישונג, וואָס ער האָט אים דאַסמאָל — דאָס דריטע יאָר נאָך עריקס טויט — נישט געטראָפן צווישן די געסט בּאַם פּאַטער. באַלד נאָכן באַגריסן זיך מיט די אָנוועזנדיקע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז לאַרס גונאַר־סאָן וועט מסתמא נישט קומען צו דער סעודה.

— דאָס איז נישט מיין שולד, — האָט דער אַלטער נעצנ־שטריקער זיך פאַרענטפערט. — הגם ער געהערט נישט צו די מענטשן פון מיין שטאַנד, אָבער צוליב דיר בין איך געכטן פונ־דעסטוועגן אַריבערגעגאַנגען קיין פּאַליאַ און אים אויך פאַרבעטן אויף דער שמחה.

— אפשר זענען אים שוין נמאס געוואָרן די גרויסע סעודות, תאָס דער פּאַטער האָט ליב צו פּראַווען ? — האָט דער זון גע־פרעגט.

— אדרבא, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — ער האָט עס דווקא נישט פיינט, און איך מיין, אַז ער וויל גערן פאַרבעטן ווערן דאָ אַהער, צו אונז. עס איז אָבער געשען גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס האָט אים געשטערט צו קומען.

דער אַלטער האָט נישט אויפגעקלערט, וואָס ער האָט געמיינט דערמיט. נאָר בעת מען האָט דערלאַנגט די ערשטע שעלעכלעך קאַווע, האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם.

— דו דאַרפסט נישט באַדויערן, וואָס לאַרס איז נישט גע־קומען, — האָט ער זיך געווענדט צום זון, — ווייל, עס איז גאָר נישט זיכער, צי דו וואָלסט זיך היינט געפילט גוט אין זיין גע־זעלשאַפט ; לעצטנס, פירט ער זיך אויף זייער נישט אָנשטענדיק.

— ער האָט נישט אַמאָל אָנגעהויבן שיכורן ? — האָט דער זון געפרעגט.

— דו האָסט געטראָפן אַקוראַט אין פּינטל אַריין ! — האָט דער אַלטער באַשטעטיקט. — פון פרילינג אָן האָט ער זיך גענומען דערצו, און זינט דער יאָהאַן-חגא איז ער נאָך קיין איין שעה נישט געווען ניכטער !

געוויינלעך פלעגט בשעת דידאָזיקע סעודות צוגיין אַזוי, אַז דער פאָטער מיטן זון האָבן באַלד נאָכן אָפּטרינקען די קאַווע, גענומען פאַנגשטעקנס און אַוועקגעגאַנגען צו דער אָזערע כאַפּן פיש. דערביי פלעגט דער אַלטער ס׳רוב זיך פאַרהאַלטן שטילשווייגנדיק, כדי נישט צו דערשרעקן די פיש ; אָבער דאַסמאָל האָט ער זיך גאָר אַנדערש אויפגעפירט.

ער האָט כסדר געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיטן זון. ווי שטענדיק באַ אים, איז עס אין אָנהייב צוגעגאַנגען שווערלעך ; ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע פראַזן, אָבער מען האָט באַשיינפערלעך געקאָנט דערקענען אָן אים, אַז היי-יאָר איז ער עפּעס מער אויפגעהייטערט ווי אַלעמאָל און ער האָט גרויס חשק זיך אויסצוטענהן מיטן זון.

זיין פאַרהאַלטן זיך האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט דאָ געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ וועגן אַ ספּעציעלן ענין, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ווי ער וואָלט פון זיין זון געוואָלט באַקומען אַן ענטפער אויף עפּעס. ער האָט זיך אויפגעפירט ווי איינער, וואָס שטייט פאַר אַ ליידיק הויז און שרייט אַריין דערין און רופט, און וויל אַלץ נישט אויפגעבן די האָפנונג, אַז עמעצער וועט אים פאָרט דערהערן און עפענען דאָס טויער.

ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעהויבן רעדן וועגן לאַרס גונאַרסאָנען. שילדערנדיק דאָס געשעעניש בעת דעם לעצטן גלהישן פאַרהער אין פאַליאַ, האָט ער אויך איבערגעחזרט די אַלע רכילות און קלאַנגען, וואָס זענען נאָך עריקס טויט אַרומגעגאַנגען וועגן לאַרסן אין גאַנץ אַסקעדאַלאַרנאַ.

דער זון האָט מסכים געווען מיטן פאָטער, אַז לאַרס איז מסתמא נישט אינגאַנצן אומשולדיק, והו ראיה — דאָס, וואָס ער

האָט לעצטנס אָנגעהויבן שיכּורן אַזוי פיל, איז אויך נישט קיין גוטער סימן.

— נו יאָ, איך בין טאַקע נייגיריק צו וויסן, ווי אַזוי דער היינטיקער טאָג איז אים צוגעגאַנגען, — האָט דער אַלטער אוּלאַ געזאָגט.

אָבער אין דעם אויגנבליק איז דאָס שטריקל פון דעם זונס פאַנגשטעקן האַסטיק אַראָפּ אין וואַסער אַריין, — אַ סימן אַלזאָ, אַז אַ פיש האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן דעם האַטשיקל. צוליב דעם האָט ער פאַרשפּאַרט ענטפערן. אין דער גאַנצער געשיכטע האָט ער נישט געזען קיין רמז אויף דעם פאַרהעלטניש צווישן אים און דעם פאָטער; אָבער דער זון האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער אַלטער האָט דאָ געהאַט אַ באַהאַלטענע כּוונה אין זיינע רייד.

— לאָמיר האָפן, אַז ער וועט היינט אין אָוונט צופאָרן צום גלח — האָט דער אַלטער געזאָגט. — וואָרים, מחילה קאָן ער זיך נאָך אויסבעטן, ער זאָל נאָר אויפריכטיק וועלן תּשובה טון — —

נאָך די ווערטער האָט דאָרט אַ לאַנגע ווײַלע געהערשט אַ שטילשווייגן. דער זון האָט זיך אַזוי געאיילט אַרויפצוציען אַ פריש שלענגל אויפן האַטשיקל, אַז ער האָט נישט געקאָנט תּיכּף ענטפערן. אגב, איז דאָ נישט געווען אויף וואָס צו ענטפערן. אָבער דאַן האָט דער אַלטער אַזוי שווער אָפּגעזיפצט, אַז דער זון האָט געמוזט אַ קוק-טון אויף אים.

— צי זעט דען נישט דער פאָטער, אַז ער האָט געכאַפּט אַ פיש? — האָט דער זון אויסגערופן. — דער אָקאָן וועט נאָך באַם פאָטער דעם פאַנגשטעקן אַרויסשלעפּן!

דער אַלטער האָט אַ צאַפּל-געטון. ער האָט אַראָפּגענומען דעם פיש פונם האַטשיקל, אָבער האָט עס געטון אַזוי אומגעלומפּערט, אַז דער אָקאָן איז צוריק אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

— ווייזט-אויס, אַז איך האָב היינט נישט קיין הצלחה צו די פיש, — האָט ער געזאָגט, — כאָטש דווקא היינט ווילט זיך מיר כאַפּן עטלעכע.

נו, יאָ, ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער אַלטער

האָט איצט געוואָלט דערפֿירן דעם זון, ער זאָל זיך מודה זיין אין אַ באַגאַנגענעם פֿעלער, אָדער אין עפּעס אַן עוולה, וואָס ער האָט געטון דעם פֿאָטער. אָבער בלויז צוליב דעם האָט ער נאָך נישט געדאַרפֿט אַן אויפֿהער רעדן וועגן לאַרס גונאַרסאָנען. וואָרים, ער האָט דאָך אַלנפֿאַלס נישט געקאָנט העלפֿן פֿאַרגלייכן זיין זון צו אַזאַ איינעם, וועלכן מען האָט עפּנטלעך חושד געווען, אַז ער האָט אומ־געבראַכט זיין שווער.

דער אַלטער האָט נישט אַרויסגעזעצט קיין פֿריש שלעגל אויפֿן האַטשיקל. ער איז מיט פֿאַרלייגטע הענט געשטאַנען אויף אַ פּלאַטשיקן שטיין און מיט זיינע האַלב־פֿאַרלאָשענע אויגן זיך איינגעקוקט אין וואַסער.

— יאָ, יאָ... פֿאַראַן מחילה אפֿילו פֿאַר די אַלטע, וואָס קי־מערן זיך נישט וועגן זייערע עלטערן און מיט פֿאַרשטיינערטע הערצער לאָזן זיי די אַלטע לייט אומזיסט וואַרטן אויף הילף אין אַ נויט... זיי אַלע קאָנען זיך נאָך אויסבעטן מחילה, — איידער דער טאָג וועט זיך נייגן צום אונטערגאַנג... שפּעטער שוין נישט! — האָט דער אַלטער פֿייערלעך צוגעגעבן.

דערמיט האָט ער נישט געקאָנט מיינען דעם זון. מסתמא האָט דער אַלטער גערעדט צו זיך אַליין, ווי ס'איז די טבע פֿון זקנים.

דער זון האָט אָבער דורכויס געוואָלט אַרויספֿירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— וואָס הערט זיך עפּעס וועגן דעם אָרימען פֿאַרשוין פֿון אַסקעדאַלאַרנאַ, וועלכער איז פֿאַראַיאָרן אַראָפּ פֿון זינען? — האָט ער געפֿרעגט.

— אַהאַ, דו מיינסט אוודאי יאָנען פֿון סקרוליקאַ, — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט, — נישקשה, ער איז דעם גאַנצן ווינטער געווען באַם קלאָרן שכל, אָבער ער וועט אויך היינט נישט קומען אויף אונזער סעודה. נאָר ער וועט דיר זיכער נישט פֿעלן: ער איז דאָך נישט מער, ווי אַן אָרימער אַרבעטער, אַזוי גוט ווי איך.

אמת איז דאָס געווען, אָבער דעם זון האָט איצט פֿאָרט הנאה־געטון צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי מכוח דעם חשד אויף לאַרס גונאַרסאָנען. דעריבער האָט ער מיט גרויס מיטלייד געפֿרעגט,

וואָס די סיבה איז געווען פֿון יאַן אַנדערסאָנס מוח־קראַנקהייט.

— ער איז פּשוט קראַנק געוואָרן פֿון בענקשאַפֿט נאָך זיין טאָכטער, וועלכע האָט מיט צוויי יאָר צוריק פֿאַרלאָזט די היים און זינט דאַן נישט געשיקט קיין שום ידיעה צו די עלטערן.

— אָט דיזעלבע טאָקע, וועלכע איז אין דער גרויסער שטאָט אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג ? — האָט דער זון גע־פֿרעגט.

— אַזוי גאָר, דו ווייסט שוין אויך וועגן דעם ? אָבער נישט בלויז איבער דעם אַליין איז ער זיך אַזוי שטאַרק מצער ; ער גלייבט נישט דערין. זיין האַרצביטערניש שטאַמט פֿון איר גלייכ־גילטיקייט, פֿון איר פֿאַרפֿרעמדקייט צו אים — — —

דעם זון האָט שוין איצט שטאַרק באַאומרויקט די באַרעדעוו־דיקייט פֿונם פֿאָטער ; פֿאַר דעם אַלטן שווייגער איז דאָס זיכער שוין געווען צופֿיל רייד אויף איין מאָל.

— איך וועל מיך פּרוּוון אַוועקשטעלן אָט אויף יענעם לעצטן שטיין דאָרט, — האָט דער זון געזאָגט. — איך זע, ווי די פֿיש וואַרפֿן זיך אַרום אים.

אומבאַייטנדיק דאָס אָרט, האָט ער זיך אַזוי דערווייטערט פֿונם אַלטן, אַז ער האָט נישט געהערט וואָס ער רעדט ; און דער־נאָך האָבן זיי שוין אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג נישט געהאַט קיין געלעגנ־הייט ווידער אָנצוהייבן דעם שמועס וועגן לאַרס גונאַרסאָנען. אָבער ווו דער זון איז געגאַנגען, האָט ער כּסדר געפּילט, ווי דעם פֿאָ־טערס מאַטע האַלב־פֿאַרלאָשענע אויגן פֿאָלגן אים נאָך.

דאַסמאָל האָט ער זיך ממש דערפֿרייט, ווען די געסט זענען אָנגעקומען. דער טיש אויפֿן הויף, לעבן הייזל, איז געווען סער־ווירט און באַפּוצט מיט גרינס. בעת דער פֿאָטער האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט צום טיש, האָט ער זיך באַמיט אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך אַלע דאגות און צרות. זיצנדיק אַלס בעל־שמחה בײַ אַ סעודה, האָט אין אים אַזוי שטאַרק אויפֿגעלעבט דער אַלטער אולאַ בענגטסאָ, — דער גביר, — אַז דערפֿון האָט מען זיך שוין געקאָנט משער זיין, סאָראַ מענטש ער איז געווען אין זיינע ייִנגערע, גליקלעכערע יאָרן, ווען ער האָט נאָך פֿאַרמאָגט זיין גאַנץ עשירות.

פון פאַליאַ איז קיינער נישט געקומען, אָבער עס איז געווען באַשיינפּערלעך, אַז לאַרס גונאַרסאָן ליגט אַלעמען אין זינען. נישט קיין חידוש, — מען האָט אים דאָך געוואָרנט, אַז גראָד דעם טאָג זאָל ער זיך גוט היטן! בעת דער סעודה האָט אולאַ בענגטסאָס זון נאָכאַמאָל געהערט דערציילן וועגן דעם מערקווירדיקן גלחישן פּאַר־הער אין פאַליאַ; ווי אויסטערליש דאָס איז געווען, וואָס גראָד אין יענעם טאָג האָט דער פּאַסטאָר געפונען פּאַר נייטיק צו דרשענען וועגן די פליכטן פון קינדער לגבי זייערע עלטערן. דער זון האָט זיך צוגעהערט צו די אַלע רייד, אָבער אַזוי שטאַרק הנאה־געטון האָט עס אים נישט. ער האָט זיך, וואָס אַן אמת, צומאָל מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגערופן, אָבער דער פאָטער האָט באַמערקט פון זיין מינע, אַז ער לאַנגווייליקט זיך, און דעריבער האָט ער זיך געווענדט צו אים:

— אַנו, נילס, וואָס זאָגסטו צו דעם אַלעם? איך גלייב, אַז דו זיצסט איצט און טראַכסט, אַז ס׳איז אַ גרויסער חידוש, וואָס דער רבונו של עולם האָט נישט באַשטימט אַ געבאָט אויך פאַר די עלטערן, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אויפפירן קעגן זייערע קינדער?...

דידאָזיקע ווענדונג האָט שטאַרק איבערראַשט דעם זון. ער האָט דערפילט, ווי ער ווערט רויט אויפן פנים, גלייך ווי מען וואָלט אים דאָ געכאַפּט בײַ דער האַנט, בשעתן באַגיין אַ געמיינע זאַך.

— אָבער ליבער פאָטער! — האָט ער געזאָגט. — איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געטראַכט און פאַרן מויל נישט אַרויסגע־בראַכט...

— ניין, דאָס איז אמת! — האָט דער אַלטער אים איבערגע־שלאָגן די רייד, און ווענדנדיק זיך צו די געסט, האָט ער צוגעגעבן: — איך ווייס, אַז ס׳וועט אייך אפשר זיין שווער צו גלייבן, וואָס איך וועל איצט זאָגן. אָבער ס׳איז אמת, ווי ס׳איז איצט טאָג אויף דער וועלט, אַז נישט מיין זון און נישט די ייִנגערע שנור מיינע האָבן מיר קיינמאָל נישט געזאָגט קיין שלעכט וואָרט.

דער אַלטער האָט דאָס נישט געזאָגט ספּעציעל צו עמעצן

פון די פרעמדע געסט אַרום טיש, און דעריבער האָט טאַקע קיי־
נער פון זיי נישט געפונען פאַר נייטיק צו ענטפערן דערויף.
— זיי האָבן שוין איבערגעלעבט זייער שווערע צייטן, —
האָט אולאַ בעגגטסאָ ווייטער גערעדט. — איבער מיין שולד האָבן
זיי פאַרלוירן גרויסע פאַרמעגנס. זיי וואָלטן שוין איצט געקאָנט
זיין אָנגעזעענע גבירים, — ווען איך וואָלט נישט געווען פאַר־
תכלעוועט מיין אייגנטום. אָבער זיי האָבן מיר דאָס קיינמאָל נישט
פאַרגעוואָרפן. און יעדן זומער קומען זיי צו גאַסט דאָ אַהער, כדי
צו ווייזן, אַז זיי זענען נישט בייז אויף מיר.

דאָס פנים פון דעם אַלטן מאַן איז איצט שוין ווידער גע־
ווען ווי אָפּגעשטאָרבן. ער האָט גערעדט שטיל און פייערלעך. דער
זון האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, צי דער פאָטער האָט עפּעס
אַ ספּעציעלע כוונה מיט זיינע פראַזן, אָדער ער האָט זיך סתם
צערעדט.

— זיי באַהאַנדלען מיך גאָר אַנדערש, ווי ליזאַ, — האָט
דער אַלטער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף זיין עלטערער שנור,
באַ וועלכער ער האָט געוווינט. — זי בייזערט זיך אויף מיר
יעדן טאָג, פאַרוואָס איך האָב געפּטרט מיין גאַנץ פאַרמעגן.

אָבער די שנור האָט זיך לחלוטין נישט געפילט געטראָפן
פון דעם אַלטנס פאַרוואורף. פאַרקערט, זי האָט זיך גוטמוטיק צע־
לאַכט און תיכף בעענטפערט:

— און דער שווער בייזערט זיך תמיד אויף מיר, פאַרוואָס
איך באַוויין נישט צו פאַרלאָזן אַלע לעכער אין די צעריסע הויזן
פון מיינע יינגלעך!

— אמת, אמת, — האָט דער אַלטער מודה געווען. — זעט
איר, מיינע ליבע פרייבט, מיר ביידע זשעגירן זיך נישט איינער
פאַרן אַנדערן: וואָס אויף דער לונג, דאָס האָבן מיר באַלד אויף
דער צונג, און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, דאָס איז אירס, און וואָס
זי פאַרמאָגט, איז מיינס. און דעריבער האָב איך לעצטנס אָנגע־
הויבן איינצוזען, אַז דאָס איז זי גאָר מיין אמתדיק קינד — — —

דער זון האָט זיך איצט אויפסניי געפילט נידערגעשלאָגן
און אומרויק. דער אַלטער האָט, ווייזט־אויס, געוואָלט עפּעס אַרויס־

גרעסן פון אים; מסתמא אַן ענטפער אויף אַ באַשטימטער פראַגע, וואָס האָט אים אַ גאַנצן טאָג געטשעפּעט, ווי אַ וואָרעם. אָבער ער האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרלאַנגען, אַז דער זון זאָל עס אים זאָגן דאָ אויפן אָרט, — צווישן אַזוי פיל פרעמדע מענטשן.

אין דער רגע האָט נילס דערלייכטערט אָפּגעאָטעמט: אויפ־הייבנדיק דעם בליק, האָט ער דערזען, אַז לאַרס גונאַרסאָן מיט זיין ווייב זענען צוגעקומען צום טירל און גייען שוין אַריין אין הויף.

און נישט בלויז ער אַליין, נאָר אַלע אַנוועזנדיקע זענען גע־וועזן זייער צופרידן פון זיין קומען. עס האָט זיך אַפילו געקאָנט דאַכטן, אַז קיינער פונם עולם האָט שוין איצט נישט אין זינען געהאַט די פינצטערע חשדים קעגן לאַרסן.

די איצט אָנגעקומענע האָבן זיך פיל מאָל אַנטשולדיקט פאַר זייער פאַרשפּעטיקונג. אַלס תירוץ האָבן זיי אָנגעגעבן, אַז לאַרס האָט אַ גאַנצן טאָג געליטן פון אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן שוין אינגאַנצן נישט קאָנען קומען; אָבער אַזוי ווי לאַרס פילט זיך שוין אַ ביסל בעסער, האָט ער באַשלאָסן אָנטייל־נעמען אין דער שמחה בא אולאַ בענגטסאָן. ער האָפט, אַז זייענדיק צווישן פרעמדע מענטשן, וועט ער גיכער קאָנען פאַרגעסן זיינע ווייטיקן.

לאַרס האָט איצט געהאַט איינגעפאַלענע אויגן, און בא די שלייפן זענען אים די האָר אינגאַנצן אויסגעקראָכן. אָבער ער איז פונדעסטוועגן געווען פונקט אַזוי פריילעך און געמיטלעך, ווי אויף דער פאַראַיאָרעדיקער סעודה באַם נעצנשטריקער. ער האָט קוים באַוויזן צו נעמען אַ פּאָר ביסן אין מויל אַריין, ווי ער איז שוין פאַרטיפט געווען אין אַ שמועס מיט נילסן וועגן וואַלד־מסחרים, וועגן גרויסע רווחים און וועגן די באַדייטנדיקע סומעס געלט, וואָס זיי האָבן אַוועקגעבאָרגט אויף פראָצענט.

די אָרימע אַרבעטסמענטשן, וואָס זענען געזעסן אַרום זיי, זענען געוואַלטיק דערשטוינט געוואָרן, הערנדיק וועגן די מסחרים, וואָס די צוויי פאַרמעגלעכע פויערים האָבן געפירט, און קיינער פון זיי האָט זיך נישט דערוועגט מיט אַ וואָרט אָנצורופן. אָבער

דער אַלטער אולאַ האָט דווקא איצט געפונען אַ געלעגנהייט זיך אַריינצומישן אין זייער שמועס.

— אַז איר רעדט שוין יאָ וועגן געלט, וואָלט איך טאַקע געוואָלט וויסן, צי דו, ניִלס, קאָנסט זיך דערמאָנען אָן דעם חוב־צעטל אויף זיבעצן טויזנט טאַלער, וואָס דער אַלטער באַלעבאָס פון דער דיוונעזישער הוטע האָט מיר אויסגעשטעלט? דו געדענקסט מסתּמא, אַז דאָס צעטל איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, און איך האָב עס נישט געקאָנט געפונען, בעת איך בין געווען אויף גרויסע צרות. איך האָב דאַן אַלנפאַלס אָנגעשריבן אַ פאָדערונגס־בריוו צום אַלטן פריץ, אָבער מען האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָלט שוין בײַ שטאַרבן. נאָך זײַן טויט האָבן די עקזעקוטאָרן פון דער צוואה נישט געפונען מײַן חוב אײַנגעשריבן אין די האַנדלס־ביכער פון דער הוטע. מען האָט מיר דאַן צו וויסן־געטון, אַז מען קאָן מיר נישט אויסצאָלן די סומע, וואָס מיר קומט, וויבאַלד איך וועל נישט צושטעלן דאָס חוב־צעטל. איך און מײַנע בײדע זין האָבן אַ לאַנגע צײַט געזוכט דאָס צעטל, אָבער מיר האָבן עס אין ערגעץ נישט געפונען.

— דער פּאָטער וויל אפשר דערמיט זאָגן, אַז ער האָט עס איצט אויפגעזוכט? — האָט דער זון אויסגערופן.

— ווי אויסטערליש דאָס איז!... — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט. — איינמאָל איז צו מיר אַרײַנגעקומען יאַן אַנ־דערסאָן פון סקרוליקאַ און מיט אַ באַשטימטן טאָן דערקלערט, אַז ער ווייסט, אַז דאָס חוב־צעטל ליגט אין אַ באַהאַלטן שופלעדל פון מײַן מלבושים־קופערט; ער האָט געזען אין חלום, ווי איך נעם פון דאָרטן אַרויס דאָס צעטל.

— אָבער דער פּאָטער האָט עס דאָך דאָרט אויך גע־זוכט?

— אמת, איך האָב עס געזוכט אין אַ באַהאַלטן שופלעדל, וואָס געפינט זיך אין דער לינקער זײַט פונעם קופערט. אָבער יאַן האָט געזאָגט, אַז דאָס חוב־צעטל ליגט גאָר אין דער רעכטער זײַט אין קופערט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויפסניי אָנגעהויבן אַרומ־זוכן און אַרומנישטערן אין קופערט; און אפשר מיינט איר, אַז איך

האָב טאַקע נישט דערשנאַפּט אַ באַהאַלטן שופלעדל אויף דער סאַ־מע דעק פונם קופערט, אָבער אין דער רעכטער זייט, אַקוראַט ווי יאַן האָט געזאָגט? און ווען איך האָב אויפגערוקט דאָס שופלעדל, האָב איך דאָרט דערזען דאָס חוב־צעטל!

— מסתמא האָט דער פאָטער עס אַריינגעלייגט אַהין, זייענ־דיק בגילופין! — האָט דער זון אַרויסגעזאָגט זיין השערה.

— גאַנץ מעגלעך! — האָט דער פאָטער מסכים געווען.

דער זון האָט אויף אַ קורצער ווײַלע אַוועקגעלייגט דעם גאָפּל און מעסער, אָבער באַלד דערנאָך זיי ווידער גענומען אין דער האַנט אַריין. אין דעם פאָטערס קול איז אים געוואָרן אויפפאַלנד אַ טאָן, וואָס האָט אים, ווי געוואָרנט, ער זאָל זיך היטן, ווייל אפשר איז גאָר די גאַנצע זאַך אַן אויסגעטראַכטע?

— אָבער דאָס חוב־צעטל איז שוין זיכער געווען נישט גיל־טיק? — האָט ער צום סוף געפרעגט.

— נו, יאָ, ווען איך וואָלט געהאַט צו טון מיט אַ צווייטן בעל־חוב וואָלט שוין דאָס צעטל גאָרנישט ווערט געווען, ווייל דער טערמין איז שוין לאַנג אַריבער. איך האָב מיך אָבער גלייך אַרי־בערגעשיפּט צום יונגן פריץ פון דיוונעז, און ער האָט תיכף אויפן אָרט אַנערקענט דאָס חוב־צעטל. „ס'איז קלאָר ווי דער טאָג", — האָט דער פריץ דערקלערט, — „אַז איך וועל באַצאָלן דעם חוב פון מיין פאָטער, וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען מיין גאַנץ פאַר־מעגן. אָבער איר מוזט מיר געבן צייט אַ פּאָר וואָכן. הער אולאַ בענגטסאָ פאַרשטייט דאָך אַליין אויך, אַז דאָס איז אַזאַ גרויסע סומע, וואָס איך קאָן זי נישט אויסצאָלן אויף אַמאָל!"

— אָט דאָס הייסט גערעדט, ווי אַן אָרנטלעכער מאַן! — האָט דער זון געזאָגט און אַ קלאַפּ־געטון מיט דער האַנט אין טיש אַריין. נישט געקוקט דערויף, וואָס די גאַנצע מעשה האָט זיך אים נאָך אַלץ אויסגעוויזן גאָר פאַרדעכטיק, האָט אָבער אויך אין זיין האַרץ זיך אַריינגעגנבעט אַ גרויסע פרייד. סאַראַ אויסטערלישער מענטש זיין אַלטער פאָטער איז! „ווי קאָן מען גאָר זיך אַרומ־טראָגן מיט אַזאַ פרייילעך נייעס און אַ גאַנצן טאָג צומאָל מיט קיין וואָרט זיך נישט אַרויסכאַפּן וועגן דעם?" האָט ער געטראַכט.

— נו, דאָן האָב איך אים געזאָגט, אַז איך פאַרלאַנג נישט, ער זאָל מיר באַלד באַצאָלן, — האָט דער אַלטער נעצנשטריקער דערקלערט. — אויב ער וועט מיר נאָר אויסשטעלן אַ נייַ הוב־צעטל, קאָן די גאַנצע סומע בלייבן בײַ אים אויף פּראָצענט.

— דאָס איז אויך גוט געענטפערט! — האָט דער זון אים געלויבט.

עס איז אים געווען שווער צו פאַרהאַלטן זיך אַזוי רויק, ווי ער האָט געוואָלט. זיין שטימע האָט געקלונגען הויך און פריילעך, — דגם ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם אַלטן אולאַ האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט זיין זיכער, צי ער שפּאַסט, אָדער ער רעדט ערנסט. ווייל אַ ווײַלע דערנאָך קאָן אים גאָר אייַנפאַלן צו זאָגן, אַז דאָס אַלץ האָט ער בלויז אויסגעטראַכט.

— אפשר גלויבסטו מיר נישט? — האָט דער אַלטער געפרעגט. — דו ווילסט אפשר זען דאָס נייע הוב־צעטל? ליזאַ, ווייז עס אַקאָרשט אַהער!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער זון געהאַלטן דאָס חוב־צעטל אין דער האַנט. ער האָט צוערשט אַ קוק־געטון אויפן אונטער־שריפט און תיכף דערקענט דאָס לעזבאַרע, דייטלעכע כתב פון דעם נייעם באַלעבאָס פון דער דיוונעוישער הויטע. דערנאָך האָט ער קאָנטראָלירט די סומע און געזען, אַז עס שטימט מיט דעם פאָטערס רייד.

ער האָט אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ צו זיין ווייב, — וועלכע איז געזעסן אַקעגנאיבער אים, — געבנדיק איר אַזויערנאָך אַ ווונק, אַז אַלץ איז אמת און צוגלייך איר דערלאַנגט דאָס צעטל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל אוודאי מיט אירע אויגן זען דעם וווּנדער־לעכן דאָקומענט.

זי האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דאָס גאַנצע הוב־צעטל, — פון אָנהייב ביזן סוף.

— אָבער, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — האָט זי פאַרהידושט געזאָגט און נאָכאַמאָל געלייענט: „איך וועל באַצאָלן ליזאַ פּערס־דאָטערן פון אַסקעדאַלאַרנאַ, די אלמנה נאָך בענגט אולסאָן פון לוסטערבי“ — — — פאַרוואָס עפּעס אויף ליזאַס נאָמען?

— די גאַנצע סומע האָב איך איר געשענקט, — האָט דער אַלטער געלאַסן געענטפערט. — זי איז מיין אמתדיק קינד.

— אָבער, דאָס איז דאָך אַן עוולה קעגן — — —

— קיין שום עוולה איז דאָ קיינעם נישט געשעען, — האָט אולאַ בענגטסאַ געזאָגט מיט זיין מיד קול. — איך האָב דערליי־דיקט אַלע מיינע חובות און בין קיינעם גאָרנישט שולדיק. איך האָב, וואָס אַן אמת, געמיינט, — האָט ער ווייטער גערעדט מיט שטאַרקער באַטאָנונג, זיך ווענדנדיק צום זון, — אַז עס געפינט זיך נאָך ערגעץ עפּעס אַ בעל־חוב, וועלכער וואָלט אפשר געהאַט דאָס רעכט צו שטעלן מיר פאָדערונגען; איצט אָבער ווייס איך שוין, און האָב מיך שוין אפילו איבערצייגט, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט נישט קיין רעכט דערויף!

— נו, יאָ, דער פאָטער מיינט דאָך מיך, — האָט דער זון זיך אָנגערופן, — וועגן מיר קימערט איר זיך קיינמאָל נישט, וויל — — —

אָבער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אַצינד געוואָלט זאָגן דעם פאָטער, איז נישט אַרויסגערעדט געוואָרן. פון דעם צווייטן עק טיש האָט זיך דערהערט אַ קוויטש.

לאַרס גונאַרסאָן האָט דאָרט פלוצלינג געכאַפּט אַ פולע פלאַש בראָנפן און זי צוגעשטעלט צום מויל. זיין ווייב האָט פון גרויס שרעק פאַרצווייפלט אַ געשריי־געטון, און געוואָלט בא אים צונעמען די פלאַש. אָבער ער האָט זי אָפּגעשטופּט אַן אַ זייט און אויסגעזופּט ביז דער העלפט. ערשט דאַן האָט ער צוריק אַוועק־געשטעלט די פלאַש אויפן טיש און זיך געווענדט צו זיין ווייב. דאָס פּנים זיינס איז געווען רויט ווי אַ בוראַק, די אויגן האָבן אים געשפּאַרט פון די לעכער, ווארפנדיק ווילדע בליקן אַרום זיך, און ער האָט געטרייסלט זיינע געבײַלטע פויסטן.

— צי האָסטו דען נישט געהערט, אַז יאַן האָט געפונען דאָס חוב־צעטל? — האָט ער מיט צאָרן אויסגערופן. — עס איז אמת. — אַלץ, וואָס אים חלומט זיך, איז הוילער אמת! דו דאַרפסט דאָך שוין איצט פאַרשטיין, אַז יאַן איז אַ העלזעער!... אויב

אַזוי, וועט מיך נאָך היינט טרעפן דאָס אומגליק. וואָס ער האָט מיר פאַרויסגעזאָגט!

— ער האָט דיך בלויז געוואָרנט, אַז דו זאָלסט דיך היטן! — האָט זי געפּרוּווט אים באַרויקן.

— דו האָסט מיך נישט צורו געלאָזט, ביז איך האָב איינגעשטימט מיטצוגיין דאָ אַהער, — האָט ער געשריגן. — דו ביסט געווען זיכער, אַז דאָ וועל איך פאַרגעסן, וואָס פאַרא טאָג ס׳איז היינט. אָנשטאָט דעם, האָט מען מיך דאָ, אויף אַ שטייגער, דערמאָנט וועגן דעם!

ער האָט ווידער געכאַפּט די פלאַש און זי צוגעשטעלט צום מויל, אָבער זיין ווייב האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז, געבעטן און געוויינט מיט ביטערע טרערן. דאַן האָט ער צוריק אַוועקגעשטעלט די פלאַש אויפן טיש און דערביי אַרויסגעפּלאַצט אין אַ היסטעריש געלעכטער.

— נאַ, נעם־צו די פלאַש, אַ דאגה האָב איך! — האָט ער שפּאָטיש אויסגערופן, אויפשטייענדיק פונם בענקל און אַוועקשטויסנדיק עס פון זיך. — אַ גוטע נאַכט, ליבער אולאַ בענגטסאָ! האָט נישט פאַראיבל, וואָס איך גיי שוין אַוועק פונדאַנען. איך מוז נאָך היינט צופאָרן אין אַ געוויס אָרט, ווו איך וועל אומגעשטערט קאָנען שיכּורן ביז צום פאַרגעסן זיך!

ער האָט זיך דערנענטערט צום טירל פונם פּלויט, און זיין ווייב איז אים נאָכגעגאַנגען.

אָבער ווען זיי האָבן שוין געזאָלט דורכגיין דורכן טירל, האָט האָט ער זי ברוטאַל אָפּגעשטויסן פון זיך און אַ געשריי־געטון:

— וואָס ווילסטו פון מיר! טראָג דיך אָפּ! איך האָב שוין באַקומען מיין וואָרנונג. און אַצינד גיי איך אַקעגן מיין סוף!

אַ זומערנאַכט

אין זעלבן טאָג, וואָס מען האָט בײַ אולאַ בענגטסאָן געפּראַוועט די גרויסע סעודה, איז יאַן אַנדערסאָן פון סקרוליקאַ אָפּגעזעסן אין זײַן שטיבל פון אײַנדערפרי אָן און ערשט פאַרנאַכט אַרויסגעגאַנגען און זיך, ווי תמיד, אַוועקגעזעצט אויפן פלאַכן שטיינערנעם טרעפּ פאַר דער שוועל.

ער איז איצט, וואָס אַן אמת, נישט געווען קראַנק, אָבער זיך פאָרט געפילט זייער מיד און שוואַך. דאָס שטיבל איז אַ גאַנצן טאָג שטאַרק אָנגעוואַרעמט געוואָרן פון דער הייסער זון, און אינעווייניק איז איצט געווען זייער דומפּיק. ער האָט דעריבער געוואָלט אָפּעטעמען מיט אַ ביסל פרישער לופט, אָבער באַלד דערפילט, אַז אינדרויסן וועט ער זיך אויך נישט קאָנען אָפּקילן. דאָך איז ער שוין דאָרט געבליבן זיצן, מייסטנס דערפאַר, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אַזאַ שיינעם אויסבליק.

דער חודש יוני איז אין יענעם יאָר געווען אויסערגעוויינלעך הייס און טרוקן. און פונקט ווי אין אַלע הייסע זומערן, האָבן אויך דאָס יאָר שוין אָנגעהויבן בושעווען די וואַלד־שריפות, וואָס פלעגן אין יענע מקומות פאַרוויסטן ריזיקע וואַלד־שטחים. יאַן האָט דאָס גלייך פאַרשטאַנען, בשעת ער האָט פאַר זיך דערזען די שיינע ווייס־בלויע שטיקער רויך, וואָס האָבן זיך אויפגעטורעמט איבער דעם דיוושעאישן באַרגפּאַס, אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פון דער אָזערע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווייטער אויף דרום־צו דערזען אַ ווייסן, געקרייזלטן באַל פון רויך. און בשעת יאַן האָט אָפּגעקערט זײַן בליק אויף מערב, אין דער ריכטונג פון סטורסניפּאַ, האָט ער אויך דאָרט דערזען גרויע, מיט רויך אַדורכגעזאַפּטע, וואָלקנס, וואָס

זענען אויפגעשטיגן אינדערהייך. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שׂרפֿה.

פון דעם אָרט, ווו ער איז געזעסן, האָט ער נישט געזען קיין שום פלאַמען. אָבער טראָצדעם, איז אַ שוידער אַריבער איבער זיין לייב, בשעת ער האָט געטראַכט וועגן דער ריזיקער שׂרפֿה, וואָס האָט זיך איצט אומגעצאַמט פאַרשפּרייט איבערן וואַלד. עס איז נאָר געווען צו האָפן, אַז דאָס פייער וועט לויפן בלויז איבער די ביימער און וועט נישט קאָנען זיך וואַרפן אויף די הייזלעך און פאָלוואַרקן.

ס'איז אים געווען שווער צו אָטעמען, גלייך ווי די לופט פון אַרום וואָלט אויך פאַרברענט געוואָרן. מיט קורצע הפסקות האָט צו אים דערגרייכט דער גערוך פון עפּעס צוגעברענטס און אים גע־רייצט די נאָז. אָבער דערדאָזיקער ריח האָט זיך נישט געטראָגן פון אַ קיך ערגעץ אין אַסקעדאַלאַרנאַ. דאָס איז געווען אַ גרוס פון די געוואַלטיקע שייטערהויפנס פון נאָדלביימער, מאָך און טרוקענע ריטלעך, וואָס האָבן געפלאַקערט און געסיקעט אויף אַ מהלך פון עטלעכע מייל פון אַסקעדאַלאַרנאַ.

די זון איז אַ ווײַלע פריער פאַרגאַנגען העליש רויט, אָבער נאָך איבערגעלאָזט אַזוי פיל פורפור, אַז עס האָט געקלעקט צו באַ־פאַרבן דעם גאַנצן הימל. נישט בלויז דער מערב, ווו די זון איז נאָר־וואָס געשטאַנען, נאָר אויך דער גאַנצער הימלקרייז איז באַ־גאָסן געוואָרן מיט אַ העל־רויטער שיין. גלייכצייטיק איז דאָס וואַ־סער פון דער דיוונעזישער אָזערע, צופוסנס די הויכע בערג, שוואַרץ געוואָרן, ווי דער קאָליר פון שפּיגל אויף דער לינקער זייט, און אי־בער דערדאָזיקער גלאַטיקער, שוואַרצער אויבערפלאַך האָבן זיך געגליטשט שטרייפן פון פורפור און שימערנדיקן גינגאָלד.

אַ רויטע זומערנאַכט. און אין אַזאַ נאַכט קאָן מען נישט טראַכטן וועגן דער ערד; — זי איז דעמאָלט אפילו אַ בליק נישט ווערט. אַלץ, וואָס איז שפלדיק, הערט דאַן אויף צו עקזיסטירן. מען זעט בלויז דעם הימל און דאָס וואַסער, אין וועלכן דער הימל שפּיגלט זיך אָפּ; און אויף דעם לוינט צו קוקן — — —

אינדעם, ווי ער איז דאָרט אַזוי געזעסן פאַר זיין הייזל און

זיך אײַנגעקוקט אין דעם װוּנדערלעכן בילד, האָט יאַן באַמערקט עפּעס אויסטערלישס. עס קאָן נישט זײַן, ער זאָל דאָס האָבן געזען אויף דער װאָר, — דאָס איז זיכער געװען נישט עפּעס אַנדערש, װי אַ װיזיע. אָבער ער האָט פּאָרט דײַטלעך באַמערקט, אַז דער הימל האָט אָנגעהויבן זינקען אַראָפּ־צו... לפּחות פּאָר זײַנע אויגן האָט איצט דער הימל אויסגעזען צו זײַן פיל נענטער צו דער ערד, װי תּמיד.

ער איז שוין איצט געװען איבערצײַגט, אַז דאָ קומט־פּאָר אַן איבערנאַטירלעך געשעעניש. ער האָט עס דאָך דײַטלעך געזען, אָבער װאָס דאָס איז אַזוינס, האָט ער נישט געקאָנט באַגרײַפן און נישט געװוּסט, װאָס ער זאָל דאָ פריער גלייבן. איין זאַך איז אים אָבער געװען קלאָר: דער גרויסער, בלאַס־ראָזער הימלישער קופּאָל האָט זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. צוגלײַך מיט דערדאָזיקער באַװעגונג האָט זיך געשטאַרקט די דומפּיקייט און די היץ, אַזוי, אַז ער האָט זיך געשראָקן, אַז אָט־אָט קומט ער אום. ער האָט שוין געפילט די שוידערלעכע היץ, װאָס האָט געשלאָגן פון דעם צעשמאָלצענעם אַראָפּפאַלנדיקן הימלגעװעלב.

יאַן האָט אָפט געהערט דערצײלן, אַז די װעלט װעט אַמאָל אונטערגיין, ס'רוב פלעגט ער זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס װעט באַגלייט װערן פון בליצן און דונערקנאַלן. איבער דער אויבערפלאַך פון דער ערד װעט אויפגיין אַ געדיכטער רויך, אַזוי װי פון אַ קאַלכאויװן. די ערד אַליין װעט זיך שפּאַלטן פון אַ ציטערניש, װאָס װעט אַרײַנשליידערן די בערג אין די ימען, און די װאַסערן פון טײַכן און אָזערעס װעלן פאַרפלייצן די טאָלן און דאָס פלאַכלאַנד, אַזוי, אַז יעדעס לעבעדיקע נפש װעט פאַרטיליקט װערן. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז די ערד װעט אונטערגיין אויף אַזאַ אופן, װערנדיק באַגראָבן אונטער דעם אַראָפּפאַלנדיקן הימלגעװעלב, און אַז די מענטשן װעלן אומקומען פון היץ און שטיקעניש...

דאָס װאָלט שוין געװען דער ערגסטער טויט.

ער האָט אָװעקגעלייגט זײַן ליולקעלע, כאָטש ער האָט עס נאָך נישט געהאַט אויסגערויכערט מער װי ביז דער העלפט, אָבער

ער אַליין האָט זיך אַלנפֿאַלס נישט גערירט פֿון אָרט. וואָס האָט ער געהאַט צו טון? קעגן דעם, וואָס האָט איצט געוואָלט געשעען, האָט מען זיך, מיט קיין שום זאַך נישט געקאָנט שיצן, און אַנטרינען װערן איז אויך נישט געווען ווהין. ווען מען וואָלט אַפֿילו געקאָנט אויסליידיקן אַלע ימען און טייכן, וואָלטן זייערע וואַסערן אויך נישט געקלעקט אויף צו פֿאַרלעשן די היץ פֿון דעם צעשמעלצטן הימלישן קופּאָל. ווען מען זאָל אַפֿילו אָפּרייסן די בערג פֿון זייערע וואָרצלען און זיי אויפֿשטאַפּלען איינעם איבערן אַנדערן, כּדי זיי זאָלן אַזוי־אַרום דינען אַלס אונטערשפּאַרונג, וואָלטן זיי אויך נישט אימשטאַנד געווען צו דערטראָגן די משא פֿון דעם זינקענדיקן הימלגעוועלב, פּשוט דערפֿאַר, וואָס אין די עולמות איז שוין אַזוי באַשטימט געוואָרן, אַז ער זאָל אַראָפּפֿאַלן און מאַכן אַש און שטויב פֿון דער ערד.

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז דערביי געווען, וואָס קיינער חוץ אים האָט נישט באַמערקט דאָס געשעעניש.

אָבער... טוט נאָר אַ קוק!... וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס איז אויפֿגעשטיגן אָט־אָט דאָרט, ווייט, ווייט איבער די באַרגשפּיצן? צי איז דאָס נישט אַ מענגע שוואַרצע פֿינטעלעך, וואָס האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן אויפֿן פּאָן פֿון די העלע רויכוואָלקנס? דידאָזיקע פֿינטעלעך האָבן זיך צונויפֿגעקנוילט, זענען אויפֿגעשטיגן אינדערהייך, דערנאָך זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ סך רייען פֿון קורצע שטריכן, ענלעך צו אַ מחנה בינען בשעתן פֿליען.

דאָס זענען נאַטירלעך געווען פֿייגל. געוואָרנט פֿון אַ וווּנדערלעכן אינסטינקט, האָבן זיי פֿאַרלאָזט זייערע נעסטן אויף די צווייגן, זיך אויפֿגעהויבן אויף זייערע פֿליגל און אינמיטן נאַכט אַוועקגעפֿלויגן אין דער ווייטקייט.

די פֿייגל ווייסן פֿון פֿיל זאַכן, וואָס זענען פֿאַרהוילן פֿאַר מענטשן; האָבן זיי אויך איצט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט באַלד געשעען עפּעס אויסטערלישס.

די נאַכט האָט אָנגערוקט, אָבער עס איז נישט געוואָרן קילער, ווי עס וואָלט זיכער געשעען אין אַ צווייטער נאַכט; פֿאַרקערט, די היץ איז געשטיגן מיט יעדער מינוט. און עפּעס אַנדערש האָט

מען דאָך נישט געקאָנט דערוואַרטן, דאַן ווען דער רויט־אָנגעגליטער הימלישער קופּאָל האָט זיך כּסדר דערנעענטערט צו דער ערד. יאַנעק האָט זיך געדאַכט, אַז דער קופּאָל איז שוין אַזוי נידעריק אַראָפּגעזונקען, אַז ער באַרירט שוין דעם קאָפּ פונעם באַרג סטורסניפּאַ, וואָס האָט זיך דאָרט, העט ווייט געריסן אינדערהייך אַרויף.

נאָר ווען דער אונטערגאַנג פון דער וועלט איז שוין געווען אַזוי נאָענט און ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט האָפן צו באַקומען אַ ידיעה פון קלאַראַ גולאַן, און אַ פּשיטא שוין, זיך נאָך צו קאָנען זען מיט איר, איידער אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט, וועט אומקומען, האָט ער כאָטש געוואָלט אויסבעטן פאַר זיך איינאיינציקן גנאָד: ער זאָל זיך קאָנען דערטראַכטן, וואָסער שלעכטס ער האָט געטון קעגן איר; דאַדורך וועט ער נאָך אפשר באַווייזן צו פאַרגיטיקן איר דערפאַר, איידער דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער ערד וועט פאַרניכטעט ווערן. מיט וואָס האָט ער זיך דאָס אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט קעגן איר, וואָס זי האָט אים נאָך אַלץ נישט געקאָנט מוחל זיין? פאַרוואָס האָט מען באַ אים צוגענומען די קייסערלעכע צירונג?

גראָד ווען ער האָט זיך געשטעלט די דאָזיקע פראַגן איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ שטיקל גאָלדפּאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, נישט ווייט פון אים. דאָס פּאַפּירל האָט געגלאַנצט און געבלינצלט, ווי עס וואָלט געוואָלט צוציען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, אָבער זיינע געדאַנקען זענען אַצינד נישט געווען צו אַזעלכע זאַכן. דאָס איז מסתמא געווען אַ זכר פון איינעם פון די גאָלדענע „מענדאַלן”, וואָס די משוגענע אינגעבאָרג האָט אים געבאָרגט. אָבער אַ גאַנצן ווינטער האָט ער צומאָל אין זינען נישט געהאַט די פּוסטע נאַרישקייטן.

ס'איז געוואָרן אַלץ הייסער און שווערער צו אָטעמען. דער סוף פון דער וועלט האָט זיך גיך דערנעענטערט. יאַן האָט דאַן געטראַכט, אַז עס איז אפשר גלייכער אַזוי, אַז דער אונטערגאַנג זאָל פאַר די מענטשן קומען מיטאַמאָל, אומגעריכט.

ער האָט געפילט, ווי ער ווערט מיט יעדער מינוט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו

זיצן, דעריבער האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פונם שטיינערנעם טרעפּ און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

עס איז אפשר געווען אַן עוולה קעגן קאַטרינאַן, פאַרוואָס ער האָט איר נישט צו וויסן־געטון וועגן דעם, וואָס עס וועט איצט גע־שען. אָבער זי איז נאָך אַלץ נישט אַהיימגעקומען פון דער פריי־לעכער סעודה באַם אַלטן נעצנשטריקער. אָ, וואָלט ער כאָטש נאָך כוח געהאַט זיך אַוועקצושלעפּן דאָרט אַהין! ער וואָלט זיך גערן געוואָלט געזעגענען אויך מיט אולאַ בענגטסאָן!

אָבער אין דער רגע האָט ער טאַקע דערזען, אַז קאַטרינאַ דערנענטערט זיך צו אים, און הינטער איר גייט אויך דער אַלטער אולאַ בענגטסאָ. יאָ האָט זיך זייער דערפרייט. ער האָט אפילו גע־וואָלט אַ רוף־טון, זיי זאָלן זיך צואיילן, אָבער ער איז שוין נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פאַרן מויל. באַלד דערנאָך זענען זיי ביידע שוין געשטאַנען איינגעבויגן איבער אים.

קאַטרינאַ איז שנעל געלאָפן נאָך וואַסער און אים געגעבן צו טרינקען. דאָס האָט אים אַ ביסל אָפּגעפרישט, אַזוי, אַז ער האָט לפּחות באַקומען כוח זיי אָנצוזאָגן, אַז די וועלט שטייט שוין איצט פאַר דעם לעצטן יום־הדין.

— אַזוי גאָר? — האָט קאַטרינאַ זיך אָנגערופן. — מע האָט שוין געהערט וועגן אַזעלכע זאַכן. באַ דיר גאָר אַ לעצטן יום־הדין! ווי איך זע, האָסטו באַקומען היץ און רעדסט גאָר פון וועג!

דאַן האָט יאָן זיך געווענדט צום נעצנשטריקער:

— און איר, אולאַ בענגטסאָ, צי זעט איר אויך נישט, אַז דער הימל זינקט טיפער און טיפער אַראָפּ צו דער ערד?

דער נעצנשטריקער האָט אים גאָרנישט געענטפערט. אָנשטאָט דעם, האָט ער זיך געווענדט צו קאַטריכאַן.

— ניין, ווייטער טאָרן מיר דאָס נישט לאָזן גיין אַזויער־נאָך, — האָט ער געזאָגט. — איך מיין, אַז איצט האָבן מיר שוין נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי פּרווון דאָס, וועגן וועלכן מיר האָבן

גערעדט אויפן וועג דאָ אַהער. דאָס בעסטע וועט זיין, איך זאָל תּיכף אַריבערגיין קיין פּאַליאַ.

— אָבער לאַרס וועט זיכער נישט דערלויבן! — האָט קאַטערינאַ געזאָגט.

— איר ווייסט דאָך, אַז לאַרס איז אַוועקגעפאָרן צו דער קרעטשמע. און איך מיין, אַז די אַלטע באַלעבאָסטע וועט נאָך האָבן אַזוי פיל מוט אין זיך און. . .

דאָ האָט יאַן אים איבערגעשלאָגן די רייד. ער האָט אַצינד נישט געקאָנט פאַרטראָגן צו הערן ווי זיי רעדן וועגן וואָכעדיקע ענינים, דאַן, ווען עס דערנענטערט זיך דער גרויסער מאָמענט.

— רעדט שוין נישט מער! — האָט ער זיי געבעטן. — צי הערט איר דען נישט די שופרות פונם הימלישן געריכט? צי הערט איר נישט, ווי עס דונערט צווישן די באַרגשפּיצן?

זיי זענען אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, בלויז כּדי אים צוליב צו טון, אָבער מען האָט תּיכף געקאָנט באַמערקן, אַז אויך זיי הערן שוין עפּעס אויסטערלישס.

— איך הער טאַקע, אַז אַ וואָגן פאָרט זייער גיך פון וואַלד אַרויס, — האָט קאַטערינאַ געזאָגט, — וואָס קאָן דאָס זיין?

וואָס מער דאָס טראַסקען פונם וואָגן האָט זיך דערנענטערט, אַלץ דערשטוינטער זענען זיי געוואָרן.

— ס'איז דאָך איצט זונטיק אין אָוונט! — האָט קאַטערינאַ אויסגערופן. — אין אַ וואָכעדיקן טאָג וואָלט דאָס נישט געווען אַזוי אויסטערליש, אָבער ווער קאָן דאָס איצט פאָרן מיט אַ וואָגן, אַזוי שפּעט אין אַ זונטיקדיקן אָוונט?

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און ווידער זיך איינגעהאָרכט. אַצינד האָט מען שוין געקאָנט אונטערשיידן דאָס רייבן זיך פון די רעדער אָן די פעלזנשטיינער און אויך דאָס געקלאַפּערײַ פון דעם פערדס פוסאייזנס, בעת עס האָט געגאַלאָפּירט באַרג־אַראָפּ.

— איר הערט? . . . איר הערט? . . . — האָט יאַן געפרעגט.

— יאָ, איך הער! — האָט קאַטערינאַ געענטפערט. — אָבער

וואָס גייט עס מיך אָן, ווער עס פֿאָרט דאָרט? איך מוז דיך קודם־כּל לייגן אין בעט אַריין. אָט וועגן דעם דאַרף איך אַצינד וואָרגן!

— און איך ווידער וועל תּיכּף אָוועקגיין קיין פּאַליאַ — האָט דער נעצנשטריקער דערקלערט. — דאָס איז וויכטיקער פֿון אַלץ. דערווייל אַ גוטע נאַכט!

דער אַלטער האָט זיך געאײַלט אין וועג אַריין, גייענדיק אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר געקאָנט. קאַטרינאַ איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטיבל, כּדי צוצוגרייטן דאָס געלעגער פֿאַר יאַנען. אָבער ווי נאָר זי האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל, אַזוי איז דאָס טראַסקען, וואָס זי און אולאַ האָבן געמיינט, אַז עס שטאַמט פֿון אַ פֿורל, שוין צוגעקומען גאָר נאָענט. דאַקעגן, יאַן האָט געהערט, אַז דאָס איז גאָר דאָס דונערן פֿון ריזיקע קריגסוואָגנס, וואָס אונטער זייערע רעדער האָט די ערד געציטערט. און דערדאָזיקער געהינומדיקער ליאַרם האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט צו זיי. יאַן האָט אַ רוף־געטון קאַטרינאַן, און זי איז תּיכּף אַרויסגעקומען צו אים.

— יאַנעלע טײַערער, שרעק זיך נישט! — האָט זי אים געבעטן, אָט זע איך שוין דאָס פֿערד, דאָס איז דער אַלטער קאַש־טאַנעק פֿון פּאַליאַ. זעץ דיך אויף, וועסטו אים אויך זען!

זי האָט אַרונטערגערוקט איר אָרעם אונטער זײַן נאַקן און אים אונטערגעהויבן.

צווישן די אָלכעקוסטעס, וואָס זענען געוואַקסן בײַ די ראַנדן פֿון וועג, האָט ער דערזען דאָס געשטאַלט פֿון אַ פֿערד, וואָס איז אין אַ ווילדן גאַלאָפּ געלאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון סקרוליקאַ.

— איצט זעסטו שוין? — האָט קאַטרינאַ געפֿרעגט. — דאָס איז דאָך לאַרס גונאַרסאָן, ער פֿאָרט אַהיים פֿון דער קרעטשמע, ווו ער האָט זיך מסתּמא אַזוי אָנגעשיכּורט, אַז ער ווייסט צומאָל נישט אויף וואָס פֿאַר אַ וועג ער פֿאָרט איצט.

אין דער רגע איז דאָס פֿערד מיטן וואָגן פֿאַרבײַגעלאָפֿן לעבן זייער טירל, און דאַן האָבן זיי דערזען, וואָס דאָ איז געשען: דאָס פֿורל איז געווען ליידיק. דאָס פֿערד איז געלאָפֿן אָן אַן אָנ־טרייבער.

קאַטרינאַ האָט פאַרצאַפּלט אַ געשריי־געטון און אַזוי שנעל אָפּגעשלעפּט איר האַנט פון יאַנען, אַז ער איז שווער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— גאָט אין הימל! — האָט זי ציטערנדיק פון שרעק אויסגערופן. — האָסט אים געזען, יאַן?... דאָס פערד האָט דאָך אים געשלעפּט מיט די לייצן איבער דער ערד!...

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז זי שנעל אַרויסגעלאָפן אויפן וועג, ווו דאָס פערד האָט נאָר־וואָס פאַרבייגעלאָפירט.

יאַן האָט זי געלאָזט גיין, וווהין זי האָט געוואָלט. אים האָט אפילו הנאה־געטון ווידער צו בלייבן אייגער אַליין. וואָרים ער האָט דאָך נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין ענטפער, פאַרוואָס די קייסערין איז אַזוי שטאַרק ברוגז אויף אים.

דאָס קליינע שטיקל גאָלדפּאַפּיר איז אַצינד געלעגן גאָר נאָענט לעבן אים און האָט אַזוי געגלאַנצט, אַז ער האָט נאָכאַמאָל געמוזט אַ קוק־טון דערויף. און פונם פּאַפּירל זענען זיינע געדאַנקען אַוועק צו דער משוגענער אינגעבאָרג... ער האָט זיך דערמאַנט דעם טאָג, ווען ער האָט זי באַגעגנט לעבן דעם שיפּאָפּשטעל אין באָרג — — —

פלוצלינג איז אים אַלצדינג קלאָר געוואָרן: אָט דאָס איז דאָך טאַקע געווען דער לאַנג געגאַרטער ענטפער!... אַצינד האָט ער שוין פאַרשטאַנען די סיבה, פאַרוואָס דאָס מיידעלע זיינס איז דעם גאַנצן ווינטער געווען אָנגעברוגזט אויף אים! ער האָט אַלזאָ באַוווּלהט די משוגענע אינגעבאָרג! ער האָט איר אין קיין פאַל נישט געדאַרפט אָפּזאָגן די דערלויבניש מיטצופאָרן קיין פּאָרטוגאַל!

ס׳טייטש, ווי האָט ער גאָר געקאָנט האָבן אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן דער גרויסער קייסערין, אַז זי וועט נישט וועלן מיטנעמען די משוגענע אינגעבאָרג! פאַרקערט, דווקא אַזעלכע אומגליקלעכע נפשות האָט זי געוואָלט בייהילפיק זיין.

נישט קיין חידוש, וואָס זיין שלעכטע האַנדלונג האָט זי אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן, אַז זי האָט אים האַרב באַשטראָפט דערפאַר.

ער האָט אַליין אויך געדאַרפט פאַרשטיין, אַז איר מדינה איז תּמיד אָפן דווקא פאַר אַלע אָרימע, שוצלאָזע און אומגליקלעכע!

אָבער וואָס האָט ער שוין איצט געקאָנט דאָ אויפטון, ווען עס האָט שוין סיי ווי נישט געזאָלט אויפשיינען קיין נייער טאָג? אָ, ווען עס וואָלט נאָך ווידער אַמאָל געוואָרן טאָג אויף דער וועלט! ער וואָלט דאַן גלייך אַוועק צו דער „משוגענער אינגעבאָרג” און זיך אויסגעטענהט מיט איר. יאָ, דאָס וואָלט געווען דער ערשטער שריט זיינער.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און צונויפגעפלאָכטן די הענט. אָ, ווי גוט דאָס איז געווען, וואָס דערדאָזיקער אומרו איז ענדלעך געשטילט געוואָרן אין זיין ברוסט! ער האָט זיך געפילט, ווי אַ שווערע משא וואָלט אים פלוצלינג פון האַרץ אַראָפּגעפאַלן. דער טויט וואָלט שוין איצט נישט געווען אַזוי פיינלעך.

ער האָט נישט געוווסט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט, ביז ער האָט ווידער דערהערט קאַטרינאַס קול.

— וואָס איז דיר, טייערער יאַן? איך האָב אַזוי מורא, דו זאָלסט מיר נישט, חלילה, אַוועקשטאַרבן?

אין איר קול האָט איצט געקלונגען אַזאַ פּחד, אַז ער האָט זיך באַמיט צו עפענען די אויגן, כּדי זי צו באַרויקן.

און וואָס האָט ער באַלד באַם ערשטן בליק דערזען? קאַטרינאַ האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם קייסערלעכן שטעקן מיט דעם גרינעם, לעדערנעם קאַשקעט!

— איך האָב געבעטן די באַלעבאַטים פון פאַליאַ, זיי זאָלן דיר אָפּגעבן די זאַכן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז ס'איז שוין גלייכער דו זאָלסט צוריק ווערן דער „קייסער פון פּאָרטוגאַל”, איידער דו זאָלסט אינגאַנצן פאַרלירן דעם חשק צו לעבן. אָט זעסטו דאָך, אַז זיי האָבן מיר טאַקע צוליב־געטון!

יאַן האָט אויפסניי צונויפגעלייגט זיינע הענט.

אַך, ווי ווונדערלעך איז זיין טייער מיידעלע, — אָט די הערלעכע, גרויסע קייסערין! ווי באַר ס'איז אים קלאָר געוואָרן מיט וואָס ער האָט געזינדיקט קעגן איר, און ער האָט טיף אין

האַרץ באַשלאָסן תשובה צו טון, האָט זי אים תיכף ווידער געלייטזעליקט מיט איר גנאָד און ליבשאַפט!

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג. וואָרים, אַצינד האָט זיך שוין דער הימלישער קופאָל צוריק אויפגעהויבן אינדערהייך, אַדורכלאָזנדיק פרישע לופט און מיטנעמענדיק מיט זיך די שרעקלעכע היץ. יאַן האָט זיך פלוצלינג דערפילט אַזוי געזונט און פריש, אַז ער האָט אָן עמעצנס הילף זיך געקאָנט אויפהייבן, און ער האָט תיכף אויסגעשקרעקט די הענט צו דעם טייערן קייסערלעכן צירונג.

— נו, איצט קאָנסטו זיי שוין רויק האַלטן פאַר זיך, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט. — קיינער וועט דיר שוין נישט צונעמען נישט דעם קאַשקעט, נישט דעם שטעקן, ווייל לאַרס גונאַרסאָן לעבט שוין נישט.

דעם קייסערס ווייב

קאַטרינאַ פון סקרוליקאַ איז אַמאָל אַריינגעקומען אין קיך פונם פאַלאַץ אין לעיוודאַלאַ, מיטברענגענדיק געשפּונענעם פלאַקס. די מאַדאַם ליליענקרונאַ אַליין האָט עס פון איר צוגענומען, אָפּגעוויגן און באַצאָלט, לויבנדיק דערביי איר זאָרגעוודיקע אַרבעט.

— נאָך גוט פאַר אייך, קאַטרינאַ, וואָס איר זענט אַזוי פעיק צום שפּינען, — האָט זי געזאָגט. — איצט מוזט איר דאָך אַליין פאַרדינען אויף חיונה פאַר אייך און פאַר אייער מאַן.

קאַטרינאַ האָט זיך עטוואָס אויסגעגלייכט, און אויף אירע אַרויסשטאַרצנדיקע קינביינער האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן.

— יאַן אַרבעט אויך, וויפיל ער קאָן נאָר, — האָט זי שנעל אָפּגעענטפערט. — אגב, האָט ער סיי ווי קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פיל כוח, ווי אַ געוויינלעכער לאַסטאַרבעטער!

— אָבער, לויט ווי איך האָב געהערט, טוט ער שוין איצט

גאָרנישט? — האָט די מאַדאַם ליליעקרונאַ ווייטער גערעדט. — מען זאָגט, אַז ער לויפט אַרום פון איין הויף אין אַנדערן, ווייזט אומעטום זיינע „שטערנס" און זינגט לידלעך.

די מאַדאַם ליליעקרונאַ איז געווען אַ טיכטיקע, ערנסטע פרוי, און זי האָט ליב געהאַט אַרבעטזאַמע, פלייסיקע מענטשן, — אַט אַזעלכע ווי קאַטרינאַ. דעריבער האָט זי איצט געוואָלט איר אַרויסווייזן מיטלייד.

אָבער קאַטרינאַ האָט ווייטער פאַרטיידיקט איר מאַן.

— יאָן איז שוין אַלט און אָפּגעשוואַכט, און ער האָט די לעצטע צייטן זייער פיל צרות איבערגעלעבט. איצט אויף דער עלטער, מעג ער זיך פאַרגינען אַ ביסל צו רוען, נאָכדעם ווי ער האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעהאָרעוועט בײַ שווערער אַרבעט.

— דאָס איז זייער פיין פון אייער זייט, וואָס איר באַציט זיך אַזוי רויק צו אייער אומגליק, ליבע קאַטרינאַ! — האָט די מאַדאַם ליליעקרונאַ ווידער זיך אָנגערופן, דאָס מאָל שוין מיט עטוואָס שטרענגקייט אין קול. — אָבער לויט מיין מיינונג, וואָלט איר געדאַרפט זיך באַמיען אַרויסצושלאָגן יאָנען פון קאָפּ אַרויס זיינע לעכערלעכע איינרעדענישן. איר אַליין זענט דאָך אַ קלוגע פרוי און דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז אויב דאָס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועט דער סוף זיין, אַז מען וועט אים צונעמען אין משוגעים-הויז אַריין!

אָבער דאָ האָט זיך שוין קאַטרינאַ געגעבן האַסטיק אַ שטעל-אויף. איצט איז זי שוין געווען שטאַרק אויפגעבראַכט.

— יאָן איז נישט קיין משוגענער! — האָט זי אויסגערופן. — גאָט האָט אים בלויז דעם בליק פאַרנעפּלט, ער זאָל נישט דאַרפן קוקן אויף אַזוינס, וואָס ער וואָלט נישט איבערגעהאַלטן, ווען ער וואָלט עס מיט קלאָרע אויגן געזען. און דערפאַר מוזן מיר דאַנקען און לויבן דעם רבונו של עולם!

די מאַדאַם ליליעקרונאַ האָט זיך נישט געוואָלט איינמישע-נען. אגב, האָט זי דאָך אַליין אויך איינגעזען, אַז ס'איז זייער ווייל און גוט, וואָס קאַטרינאַ האָט זיך געשטעלט אויפן מאַנס צד.

— נו, גוט, קאַטרינאַ, זאָל זיין אַזוי ווי איר ווילט, — האָט זי פריינטלעך געזאָגט. — און נעמט אייך נישט צום האַרץ מיינע רייד, איר זאָלט געדענקען, אַז בײַ מיר וועט איר אַ גאַנץ יאָר באַקומען אַרבעט. — פאַרגעסט נישט!

ווען קאַטרינאַ האָט דאָס דערהערט, איז פון איר אַלט גערונצלט פנים פאַרשוווּנדן דער אויסדרוק פון פאַרביטערונג. איצט האָבן ווי פון אַ קוואַל אַ שלאָג-געטון די געפילן פון צער און ליבשאַפט צו איר יאַנעק, וועלכע זי האָט זיך באַמיט צו באַהערשן, און פון די אויגן אירע האָט אַ גאָס-געטון אַ שטראָם טרערן.

— דאָס איז מיין איינציקע טרייסט, אַז איך קאָן נאָך האָרעווען פאַר אים! — האָט זי וויינענדיק געזאָגט. — אין דער לעצטער צייט איז אין אים פאָרגעקומען אַזאַ אויסטערלישע פאַרענדערונג, אַז ער איז שוין נישט מער ווי אַלע מענטשן, נאָר עפּעס העכערס פון זיי. אָבער טאַקע דערפאַר האָב איך מורא, אַז מען זאָל אים נישט אַמאָל צונעמען פון מיר...

IV.

דער קבלת-פּנים

זי איז טאַקע געקומען. — דאָס טייערע מיידעלע פון סקרוליקאַ איז צוריק אַהיימגעקומען! ס׳איז באמת שווער צו געפינען די ווערטער, מיט וועלכע מען זאָל קאָנען באַשרייבן אַזאַ גרויס געשעניש!

זי איז אָבער געקומען שפּעט אין האַרבסט, ווען די פּאַסאַזשירשיפן האָבן שוין אויפגעהערט קורסירן איבער דער לעיווען, און די קאָמוניקאַציע אויף דער אָזערע איז אויפגעהאַלטן געוואָרן מיט דער הילף פון אַ פּאָר קליינע לאַסטדאַמפּערס. אָבער מיט דידאָזיקע סחורה-שיפן האָט זי נישט געוואָלט מאַכן די נסיעה אַהיים; און אפשר האָט זי נישט געוווּסט, אַז אַזעלכע דאַמפּערס קורסירן. דעריבער איז זי צוגעפאָרן מיט דער באַן ביז צו דער נאָענטסטער סטאַציע און פון דאָרטן גענומען אַ פורל קיין אסקעדאַלאַרנאַ.

אָט איבער דעם האָט יאַן פון סקרוליקאַ נישט געהאַט קיין געלעגנהייט מקבל-פּנים צו זיין דאָס קליינע מיידעלע זיינס באַם שיפאָפּשטעל אין באָרג, ווו ער האָט זי שוין אָפּגעוואַרט אין משך פון פינפצען יאָר. וואָרים פינפצען יאָר צייט האָט זי שוין געלעבט אין דער פרעמד. ביזן עלטער פון אַכצען יאָר האָט ער זי געהאַט בײַ זיך אינדערהיים און זיך געפרייט מיט איר; אָבער דערנאָך האָט ער כמעט אַזאַ לאַנגע צייט געבענקט נאָך איר.

צופעליק איז אים אפילו נישט אויסגעקומען צו זיין אינדערהיים,

כּדי זי כאָטש ווי געהעריק מקבל-פּנים צו זיין, בשעת זי איז אין שטוב אַריינגעקומען, ווייל ער איז גראָד דאַן געהאַט אַוועקגעגאַנגען קיין פּאַליאַ, כּדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט דער אַלטער באַלעבאָסטע. מיט אַ צייט צוריק האָט זי זיך אַרויסגעקליבן פון דעם גרויסן ווינהויז און פאַרנומען אַ בוידעמשטיבל אין איינעם פון די זייטיקע געביידעס. זי איז געווען איינע פון די פיל איינזאַמע, אומעטיקע אַלטע לייט, וועלכע דער „קייסער פון פּאָרטוגאַל“ האָט פון צייט-צו-צייט באַזוכט, האַלטנדיק עס פאַר זיין פליכט צו דערמוטיקן און טרייסטן זיי.

בלויז קאַטרינאַ אַליין איז געשטאַנען אויף דער שוועל און מקבל-פּנים געווען דאָס קליינע מיידעלע, בשעת זי איז צוריק אַהיימגעקומען. קאַטרינאַ איז דעמאָלט אַ גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן באַם שפּינרעדל, און ווען זי האָט אַ ווײַלע אויפגעהערט שפּינען, כּדי זיך אָפּצורוען, האָט זי דערהערט דאָס טראַסקען פון אַ וואָגן, וואָס איז געפאָרן אויפן וועג. דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט, אַז עמעצער זאָל קומען צו פאָרן מיט דעם משופּעדיקן, פעלזיקן וועג קיין אַסקעדאַלאַרנאַ. דעריבער איז זי צוגעגאַנגען צו דער טיר, כּדי צו זען ווער דאָס איז, און דאַן באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין פורל, נאָר אַ ברישקע אויף רעסאָרן.

אין דער רגע האָבן איר די הענט אָנגעהויבן שטאַרק ציטערן. לעצטנס פלעגט דאָס גאַנץ אָפט געשען, ווי נאָר זי האָט זיך דערשראָקן אָדער פלעגט ווערן אויפגעטרייסלט איבער עפּעס אַן אומדערוואַרטעטער פּאַסירונג. נישט געקוקט דערויף, האָט זי זיך געפילט געזונט און אַרבעטספּעיק, — טראָץ אירע צוויי־און־זיבעציק יאָר. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס ציטערן פון אירע הענט זאָל זיך נישט אַמאָל פאַרשטאַרקן, אַזוי אַז זי זאָל שוין נישט אימשטאַנד זיין צו פאַרדינען אויף חיונה פאַרן מאַן און פאַר זיך, כּדי זיי זאָלן, ווי ביז איצט, נישט דאַרפן אָנקומען צו פרעמדע מענטשנס הילף.

צו יענער צייט האָט קאַטרינאַ שוין געהאַט אויפגעגעבן יעדע האָפענונג, נאָך באַם לעבן זיך צו זען מיט איר טאָכטער. גראָד יענעם טאָג האָט זי צומאָל נישט געטראַכט וועגן איר. אָבער שפּע-

טער האָט זי געזאָגט, אַז ווי נאָר זי האָט דערהערט דאָס גערויש פון די רעדער, האָט זי שוין, געוווּסט, ווער ס'איז געקומען צוּפֿאָרן.

זי איז תּיכּף צוגעגאַנגען צום קופערט, ווילנדיק אַרויסנעמען פון דאָרט אַ ריין פאַרטוך, אָבער די הענט האָבן איר אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז זי איז נישט אימשטאַנד געווען אַריינצושטעקן דעם שליסל אין שלאָס אַריין. זי האָט אַלזאָ נישט געקאָנט זיך שענער אָנטון, נאָר געמוזט אַרויסגיין מקבל־פּנים זיין אָט אַזוי, ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען.

דאָס קליינע מיידעלע איז אָבער נישט געקומען צו פאָרן אין אַ גאָלדענער קאַרעטע; זי איז צומאָל נישט געזעסן אויף דער בריטשקע, נאָר געגאַנגען צופוס. דער וועג קיין אַסקעדאַלאַרגאַ איז איצט נאָך געווען פּונקט אַזוי משופּעדיק און צעגריבערט, ווי בעת עריק פון פאַליאַ און זיין ווייב האָבן געפירט קלאַראַ גולאַן צו דער טויפונג. זי אַליין איז איצט געגאַנגען בּאַ דער זייט פון דער בריטשקע, און בּאַ דער צווייטער זייט איז געגאַנגען דער פורמאַן; זיי ביידע האָבן צוגעהאַלטן אַ פּאָר גרויסע קופערטס, וואָס זענען געווען צוגעבונדן הינטערן זיצאָרט. אָבער די קופערטס האָבן זיך פאָרט אַזוי געוואַקלט, אַז זיי האָבן יעדע רגע געדראָט אַראָפּצוּפאַלן און צעטראַסקעט צו ווערן אויף די שטיינער. אָט מיט אַזאַ פּאַראַד איז דאָס קליינע מיידעלע אַהיימגעקומען; עפּעס אַנדערש איז דאָ, כ'לעבן, נישט געווען צו דערוואַרטן.

ווי נאָר קאַטרינאַ האָט באַוויזן אויפצופּראַלן די טיר פונם פּעדערהייזל, איז די בריטשקע באַם פּלויט שטיין געבליבן. קאַטרינאַ וואָלט, אייגנטלעך, באַדאַרפט צולויפן און עפענען דאָס טירל, אָבער זי האָט עס נישט געטון, וואָרים זי האָט אין דערזעלבער רגע פּלוצלינג דערפילט אַזאַ שווערקייט אין דער ברוסט, אַז ס'האָט איר אַזש אָטעם פאַרפּעלט, און איז נישט אימשטאַנד געווען איין טריט צו טון.

די געקומענע, וועלכע האָט אַצינד אַליין געעפנט דאָס טירל, האָט אויסגעזען ווי אַ שטאָטישע מאַדאַם, אָבער קאַטרינאַ האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז איר טאָכטער קלאַראַ גולאַ. זי איז

געווען אָנגעטון אין שטאָטישע קליידער פון פאַבריקסשטאָף און האָט אויפן קאָפּ געטראָגן אַ הוט באַפּוצט מיט בלומען און פעדערן. זי איז אָבער פאָרט געווען דאָס קליינע מיידעלע פון סקרוליקאַ!...

קלאַראַ גולאַ האָט אויסגעמיטן די בריטשקע, איילנדיק זיך פאָרויס אַרייַנצוקומען אויפן הויף, און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס איז זי גיך צוגעגאַנגען צו דער מוטער. אָבער קאַטרינאַ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף איר טאָכטער. גראָד אין דעם אויגנבליק איז אין איר האַרץ אַ גרויסע פאַרביטערונג אויפגעגאַנגען, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט קאָנען מוחל זיין דער טאָכטער, פאַרוואָס זי לעבט נאָך און איז איצט אַהיימגעקומען געזונט און פריש, — נאָכדעם ווי זי האָט זיי אַזוי פיל יאָרן געלאָזט אומזיסט וואַרטן אויף זיך. עס וואָלט איר שוין פיל מער ניחה געווען, ווען די טאָכטער וואָלט זיך לגמרי שוין נישט געקימערט אַהיימצוקומען.

קלאַראַ גולאַ האָט, ווייזט־אויס, באַמערקט, אַז די מוטער וואַקלט זיך אויף די פיס און האַלט באַ אומפאַלן, וואָרים זי האָט זי שנעל אַרומגענומען מיט די אָרעמס און כמעט ווי אַרייַנגעטראָגן אין שטוב.

— מאַמע טייערע! וואָס האָט זיך די מאַמע אַזוי דערשראָקן?! — האָט זי געפרעגט. — די מאַמע דערקענט מיך דען נישט?..

קאַטרינאַ האָט געעפנט די אויגן און אויפמערקזאַם באַטראַכט די טאָכטער. זי איז געווען אַ פאַרשטענדיקע פרוי און נישט דערוואַרט, אַז אַ מיידל, וואָס איז שוין פופצן יאָר נישט געווען אינדערהיים זאָל נאָך אויסזען פונקט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַוועק אין דער פרעמד. אָבער טראָצדעם האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דעם געשטאַלט, וואָס זי האָט פאַר זיך דערזען.

די פּערזאָן, וועלכע איז געשטאַנען פאַר איר, האָט אויסגעזען פיל עלטער, ווי זי האָט אין דער ווירקלעכקייט געדאַרפט אויסזען, ווייל זי איז דאָך נישט מער אַלט געווען ווי עטלעכע דרייסיק יאָר.

אָבער קאַטרינאַ האָט זיך נישט אַזוי פֿיל דערשראָקן דערפֿאַר, וואָס יענע האָט שוין געהאַט גרויע האָר באַ די שלייפֿן, אויך נישט דערפֿאַר, וואָס דער שטערן איז באַ איר געווען פֿול מיט קנייטשן, נאָר פֿיל מער דערפֿאַר, וואָס קלאַראַ גולאַ איז זייער מיאוס געוואָרן. די הויט פֿון איר פּנים איז איצט געווען אויסטערליש גרוי און געל, און אַרום דעם מויל האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזאַ העסלעכער שטריך. די ווייסלען פֿון אירע אויגן זענען אויך געוואָרן גרוי און פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט, און אונטער די אויגן איז די הויט אַראָפּגעהאָנגען אין זעקלעך.

קאַטרינאַ האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל, פּעסט אַרומנעמענדיק די קני מיט די אָרעמס, זיי זאָלן זיך נישט טרייסלען. דערבײַ האָט זי געטראַכט וועגן דעם יונגן, שטראַלנדיק שיינעם, אַכצניעריקן מיידל אין דעם רויטן קלייד, ווייל אָט אַזאַ איז זי ביז איצט פֿאַרבליבן אין איר זכרון. די אָרימע אַלטיטשקע האָט זיך מיט שרעק געפֿרעגט, צי זי וועט נאָך אַמאָל זיך קאָנען פֿרייען דערמיט, וואָס איר טאָכטער איז ענדלעך אַהיימגעקומען?..

— דו האָסט כאָטש געדאַרפֿט שרייבן, — האָט זי געזאָגט. — יאָ, דו האָסט דאָך על כּל פּנים געקאָנט שיקן אַ גרוס, אַז מיר זאָלן כאָטש וויסן, צי דו לעבסט!

— נו, יאָ, די מאַמע איז טאַקע גערעכט, — האָט קלאַראַ גולאַ געענטפֿערט. דאָס קול אירס איז לפּחות פֿאַרבליבן דאָס זעלבע: מונטער און פֿריילעך, ווי פֿריער, — אָבער די ערשטע צייט איז מיר געווען זייער שלעכט... וועגן דעם האָט איר דאָך אוודאי געהערט?

— נו, יאָ, דאָס ווייסן מיר אַלע!... — האָט קאַטרינאַ געזאָגט און שווער אָפּגעזיפֿצט.

— און טאַקע איבער דעם האָב איך נישט געשריבן, — האָט קלאַראַ גולאַ מיט געלעכטער געזאָגט; זי האָט אויך איצט, ווייזט-אויס, נאָך געהאַט דאָס געזונט און די כּוחות, וואָס אַמאָל. זי האָט זיכער נישט געהערט צו די מענטשן, וואָס פּייניקן זיך מיט חשבון-הנפש און חרטה..

— זאָל די מאַמע שוין נישט טראַכטן וועגן דעם! — האָט

זי געבעטן, זעענדיק, אַז קאַטרינאַ שווייגט נאָך אַלץ. — איצט גייט מיר שוין גוט. איך בין געוואָרן אַ רעסטאָראַטאָרין, דאָס הייסט, איך באַזאָרג די ווירטשאַפט און די קיך פון אַ גרויסער דאַמפּ־שיף, וואָס קורסירט צווישן מאַלמעי און ליבעק. איצט, אין האַרבסט, האָב איך מיר געדונגען אַ וווינונג אין מאַלמעי. איך האָב אפילו טייל מאָל געוואָלט שרייבן צו אייך, אָבער, דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען נעמט זיך דערצו, און וואָס ווייטער, האָט דאָס מיר אויסגעזען אַלץ שווערער. צום סוף האָב איך באַשלאָסן צו וואַרטן, ביז איך וועל קאָנען נעמען די מאַמע און דעם טאַטן צו זיך קיין מאַלמעי. איצט, בעת איך האָב שוין אַ גוטע היים פאַר אייערטוועגן, איז מיר געווען אָנגענעמער גלייך צו קומען נאָך אייך, איידער צו שרייבן.

— און דו האָסט נישט באַקומען קיין שום ידיעה וועגן אונז? — האָט קאַטרינאַ געפרעגט.

די אַלע דערקלערונגען האָבן זי, אייגנטלעך, געדאַרפט דער־פרייען, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען אומעטיק.

— ניין, — האָט קלאַראַ גולאַ געענטפערט און תיכף צוגע־געבן, ווילנדיק זיך פאַרענטפערן: — איך בין געווען זיכער, אַז מען וועט אייך דאָ אַרויסהעלפן אין אַ נויט.

אָבער אין דערזעלבער רגע האָט זי באַמערקט, ווי בײַ קאַט־רינאַן ציטערן די הענט, הגם זי האָט זיי געהאַלטן פעסט צונויפגע־פלאָכטן. דאַן האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די נויט, וואָס זיי האָבן דאָ געליטן, האָט געמוזט זיין פיל ביטערער, ווי זי האָט זיך פאָרגע־שטעלט. דעריבער האָט זי זיך ווייטער פאַרענטפערט:

— איך האָב נישט געוואָלט אַהיימשיקן קיין קליינע סומעס, ווי אַנדערע טוען. איך האָב ליבערשט געוואָלט אָפּשפּאָרן, ביז איך וועל אייך ביידע קאָנען אַראָפּנעמען צו זיך קיין מאַלמעי.

— מיר האָבן זיך נישט געבויטיקט אין דיין געלט, — האָט קאַטרינאַ האַרט געזאָגט. — עס וואָלט פאַר אונז גענוג געווען, ווען דו וואָלסט אונז בלויז אַ בריוו געשריבן.

קלאַראַ גולאַ האָט זיך איצט באַמיט צו פאַרטרייבן איר מו־

טערס שווער געבױט, פונקט ווי זי פלעגט עס טון מיט יאָרן צוריק.

— מאַמע טייערע, פאַרשטער מיר נישט די פרייד פון מײַן צוריקקומען אַהײם! — האָט זי געבעטן. — מיט וועלן מיר ליבערשט אַריינשלעפּן די קופערטס און זיי אויספּאַקן. די מאַמע וועט זען, סאַראַ פײַנע מאכלים איך האָב געבראַכט. מיר וועלן צוגרייטן אַ סעודה, נאָך איידער דער טאַטע וועט אַהיימקומען!

זי איז אַרויסגעגאַנגען צו דער בריטשקע, כּדי צו העלפן דעם פורמאַן אַראָפּנעמען די קופערטס, אָבער קאַטרינאַ איז נישט מיטגעגאַנגען מיט איר.

קלאַראַ גולאַ האָט נאָך נישט געהאַט געפרעגט וועגן פאָטער. עס איז איר, ווייזט-אויס, נישט איינגעפאַלן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר, אַז ער האָרעוועט נאָך אַלץ אַלס לאַסטאַרבעטער אין פאַליאַ, — פונקט ווי מיט פיל יאָרן צוריק.

קאַטרינאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מוז איר תּיכּף זאָגן, וואָס מיטן פאָטער איז געשען, אָבער זי האָט עס כּסדר אָפּגעלייגט. צוזאַמען מיט דעם קליינעם מיידעלע האָט אין שטוב זיך אַריינגעריסן אַ שטראָם פרישע דערקוויקנדיקע לופט. דעריבער האָט זי זיך וואָס לענגער געוואָלט אָפּהאַלטן פון דעם צעשטערן מיטאַמאָל איר טאָכטערס פרייד פונם אַהיימקומען.

בעת קלאַראַ גולאַ האָט צוגעהאָלפן אַראָפּנעמען די קופערטס, האָט זי דערזען ווי אַ כאַליאַסטרע קינדער קומען-צו צום טיר און קוקן נײַגיריק אַרײַן אין הויף. זיי האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט, בלויז געלאַכט און געטײַטלט אויף איר מיט די פינגער. דערנאָך זענען זיי אַוועקגעלאָפן צום דאָרף-צו.

אָבער אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זענען זיי צוריקגעקומען. דאָסמאָל האָט צווישן זיי געשפּאַנט אַ קליינער זקן, וואָס זײַן פּנים איז געווען געל און אײַנגעשרומפּן. ער איז אָבער געגאַנגען שטראַם, מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטעלנדיק פעסטע אָפּגעמאָסטענע טריט און טופּענדיק מיט די פיס, פונקט ווי אַ מאַרשירנדיקער זעלנער.

— סאַראַ אויסטערלישער פּאַרשוין דאָס איז! — האָט קלאַראַ

גולאַ געזאָגט צום פורמאַן, גראָד בשעת דער אַלטיטשקער און די כאַליאַסטרע קינדער האָבן זיך שוין אַריינגעשטופּט דורכן טיר׳ל. זי האָט נישט געהאַט קיין מינדסטע אַנונג, ווער דאָס קאָן זיין, אָבער איר אויפמערקזאַמקייט איז פאָרט צוגעצויגן געוואָרן דורך דער משונהדיקער קליידונג פון דעם אַלטיטשקן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכן לעדערנעם קאַשקעט מיט אַ גרויסן קוואַסט פון פעדערן, און אַרום האַלז און ביז טיף אַראָפּ אויף דער ברוסט זענען אים געהאָנגען „שטערנס" און „מעדאַלן" פון שטייפן גאָלדפּאַפּיר, צונויפגעדינגלטע אין קייטן; עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ גאָלדענעם קראַגן מיט אַ זשאַבאָ.

און איצט האָבן זיך שוין די קינדער נישט פאַרהאַלטן אַזוי רויק; שאַרקערט, זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען אַזוי הויך אויפן קול, ווי זיי האָבן נאָר געקאָנט:

— קייסערין! קייסערין!

דער אַלטיטשקער האָט זיי נישט געהייסן זיין שטיל; ער האָט געשפּאַנט ווייטער בראש פון דער שרייענדיקער און לאַכנדיקער חברה קליינוואַרג, ווי זיי וואָלטן געווען זיין סוויטע.

ווען די באַנדע איז צוגעקומען כמעט ביז צו דער טיר פונעם הייזל, האָט קלאַראַ גולאַ דערשראָקן אַ געשריי־געטון און אַריינגעלאָפן אין שטוב.

— ווער איז דאָס? — האָט זי פאַרצאַפּלט געפרעגט. — מאַמע דאָס איז דאָך, דאַכט זיך, דער טאַטע? איז ער משוגע געוואָרן?

— יאָ, — האָט קאַטרינאַ שטיל געזאָגט און פּלוצלינג אָנגעהויבן וויינען, פאַרשטעלנדיק זיך די אויגן מיטן פאַרטוך.

— איבער מיר?...

— גאָט האָט אין זיין גרויסן חסד אַזוי געטון מיט אים, — האָט קאַטרינאַ געשלוכצט. — ער האָט איינגעזען, אַז דיין פאָטער, וואָלט מיטן קלאָרן שכל נישט געקאָנט איבערהאַלטן אַזאַ קלאַפּ...

זי האָט איר שוין מער נישט געקאָנט געבן קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען, ווייל אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער אַר־

מער יאָן, באַגלייט פון דער ליאַרמענדיקער חברותא, וועלכע האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי עס וועט אין דער ווירקלעכקייט פאָרקומען דאָס באַגעגעניש מיט דער גרויסער קייסערין, וועגן וועלכן ער האָט זיי אַזוי פיל מאָל דערציילט.

דער „קייסער פון פּאָרטוגאַל" איז נישט צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו דער טאָכטער זיינער. ער איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר און האָט אָפּגעזאָגט דעם ערשטן פּסוק פון דער פייערלעכער באַגריסונג:

— זיי באַגריסט, זיי באַגריסט, דו שיינע, דו רייכע און מעכטיקע גולעבאָרג!

ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ אָפּגעמאָסטענער און אָפּגעוויגענער ווירדע, מיט וועלכער הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן באַווייזן זיך אין גאָר פייערלעכע מאָמענטן; אָבער גלייכצייטיק זענען זיינע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן פון פרייד, און בלויז מיט גרויס מי האָט ער געקאָנט באַהערשן זיין שטימע, זי זאָל נישט צו שטאַרק ציטערן.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דערדאָזיקער, פון לאַנג שוין פאַרטראַכטער באַגריסונג, האָט דער קייסער דריי מאָל אַ קלאַפּ־געטון מיטן לאַנגן שטעקן, כּדי אַזויערנאָך צו באַפעלן וועגן אַ פייערלעכער שטילקייט און אויפמערקזאַמקייט, און דאַן האָט ער, מיט אַ קוויטשעדיק, ציטערדיק שטימעלע אָנגעהויבן זינגען.

קלאַראַ גולאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן קאַטרינאַן. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן הינטער דער מוטער. ביז איצט האָט זי געשוויגן, אָבער ווען יאָן האָט אויפגעהויבן זיין קול און אָנגעהויבן זינגען, האָט זי דערשראָקן אַ געשריי־געטון און געוואָלט אים צווינגען, ער זאָל אויפהערן.

אָבער דאַן האָט קאַטרינאַ פעסט זי אָנגעכאַפּט בײַם אָרעם.

— שטער אים נישט! — האָט זי שטרענג געזאָגט. — זינט דו ביסט אַוועק פון אונז, האָט ער זיך כּסדר געטרייסט, אַז ווען

דו וועסט צוריקקומען, וועט ער דיך קאָנען באַגריסן מיט דעמ-דאָזיקן ליד.

ערשט דאַן איז זי אויך אַנטשוויגן געוואָרן און געלאָזט יאָ-נען פאָרטזעצן זיין געזאַנג:

דער מאָנאַרכינעס פּאָטער — דער גרויסער מלך
באַגריסט זיך מיט אַלע לוסטיק, פריילעך.
איר ווייסט דאָך דאָס אַליין,
פון גרויס ביז קליין,
געשריבן האָט דאָס בלאַט
עסטרייך, מען, יאַפּאַן זיך האָבן שוין אַרומגעקוקט,
צו פּאָרטוגאַל זיך פיין געבוקט.
שפּילט-זשע אויף! שפּילט-אויף!
טראַראַראַ! טראַראַראַ!
באָם! באָם! באָם!

קלאַראַ גולאַ האָט שוין מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. זי איז צוגעלאָפן צו דער כאַליאַסטרע קינדער און זיי אַרויסגעטריבן אינדרויסן, פאַרמאַכנדיק די טיר הינטער זיי. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צום פּאָטער און אפילו געטופּעט מיטן פוס קעגן אים, אַזוי אויפגעבראַכט איז זי געווען.

— שווייג! שווייג! איך וויל דאָס נישט הערן! — האָט זי געשריגן. — וואָסער „קייסערין" בין איך? פאַרוואָס וויל דער טאַ-טע מיך מאַכן צום נאַרנקאָפּ פאַרן גאַנצן דאָרף?!

יאַן איז אַ רגע צעטומלט געוואָרן, אָבער דאָס איז בא אים שנעל איבערגעגאַנגען. זי איז דאָך געווען די גרויסע קייסערין! און אַלץ, וואָס זי האָט געטון, איז געווען ווויל און גוט. יעדעס וואָרט אירס איז געווען האָניק און באַלזאַם. פון גרויס פרייד האָט ער גאָר פאַרגעסן אַ קוק צו טון אויף דער גאָלדענער קרוין און אויפן גאָלדענעם טראָן מיט די רייך-געקליידטע קריגסהאַרן און פּאַזשן פון איר סוויטע... אָבער, וואַרשיינלעך האָט זי געוואָלט אויפטרעטן אַלס אָרימע און שוצלאָזע, בעת זי וועט אַריבערטרעטן

די שוועל פון אירע עלטערנס היים... נו, מילא זאָל זיין אַזוי. אָבער אפילו דאָס אַליין, וואָס זי איז פאַרט צוריקגעקומען, איז פאַר אים אויך שוין געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון פרייד און גדולה.

דאָס אַנטלויפן

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, אַ וואָך צייט נאָך איר אַהיימקומען, איז קלאַראַ גולאַ צוזאַמען מיט איר מוטער געשטאַנען אויפן בריקל באַם שיפּאָפּשטעל אין באַרג, וואַרטנדיק אויף דער סחורה־שיף, מיט וועלכער זיי האָבן שוין אויף אייביק געזאָלט פאַרלאָזן די געגנט. די אַלטע קאַטרינאַ איז געווען אָנגעטון אין אַ פיין ריי־זעמאַנטל און מיט אַ הוט אויפן קאָפּ. די טאָכטער האָט זי געוואָלט מיטנעמען קיין מאַלמעי, כדי צו מאַכן פון איר אַ גרויסשטאָטישע דאַמע. זי וועט שוין קיינמאָל נישט מער דאַרפן האָרעווען ווי אַ שקלאַף אויפן שטיקל ברויט. גאַנצע טעג וועט זי מיט פאַרלייגטע הענט קאָנען אָפּזיצן אויף אַ סאָפקע און פאַרברענגען די רעשט יאָרן אירע אין זאָרגלאָזיקייט און רו.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע גוטע צוזאָגן, וואָס די טאָכטער האָט איר נישט געקאַרגט, האָט זי זיך נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געפילט אַזוי נידערגעשלאָגן און אומגליקלעך, ווי גראָד אַצינד, בעת זי האָט געוואַרט אויף דער שיף, גרייט אָפּצופאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

ווייזט־אויס, אַז קלאַראַ גולאַ האָט עפּעס באַמערקט, ווייל זי האָט געפרעגט די מוטער, צי זי שרעקט זיך אַזוי פאַר דער רייזע אויפן וואַסער. זי האָט איר דערקלערט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן דערפאַר, הגם טיילמאָל בלאָזט אַזאַ שטורמווינט, אַז די מענטשן קאָנען זיך קוים האַלטן אויף דער אויבערדעק. און איר

האָט מען געמעגט גלייבן, ווייל זי, קלאַראַ גולאַ, איז שוין געווען צוגעוווינט צו ווייטע רייזעס מיט דער שיף, אפילו אויפן ים.

— דאָס זענען דאָך גאָרנישט קיין כוואַליעס! — האָט זי געזאָגט, אַנווייזנדיק אויפן וואַסער. — וואָס אַן אמת, האָבן זיי אויך קליינע גריוועס פון ווייסן שוים, אָבער אויף זיי וואָלט איך נישט קיין מורא געהאַט זיך צו שיפן אפילו אין אונזער אַלטן שיפל.

קלאַראַ גולאַן האָט טאַקע נישט געאַרט דער שטאַרקער ווינט; זי איז רויק געשטאַנען אויפן בריקל. אָבער קאַטרינאַן האָט ער אַדורכגענומען ביזן מאַרך פון די ביינער, אַזוי אַז זי איז צום סוף געצוווּנגען געווען אַרייַנצוגיין אין דעם סחורה-מאַגאַזין, און דאָרט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, הינטער גרויסע קאַסטנס. זי האָט דאָרט געוואָלט וואַרטן ביז די שיף וועט אָנקומען, און נישט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט אַ באַקאַנטן פון איר היימדאָרף, איידער זי לאָזט זיך אַוועק אין וועג אַריין. אָבער פּלוצלינג איז איר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, וואָס האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ אַ פּחד. אויב זי האָט אַזוי מורא זיך צו ווייזן פאַר היימישע מענטשן, איז עס דאָך אַ באַווייז, אַז דאָס, וואָס זי גייט איצט טון, איז אַ גרויס אומרעכט!

איין פאַרענטפער האָט זי געקאָנט האָבן: זי פאָרט נישט מיט קלאַראַ גולאַן, ווייל זי וויל לעבן אין ווילטאַג, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס זי קאָן שוין נישט אַרבעטן, ווייל די הענט ציטערן איר אַלץ מער און מער; טאָ וואָס דען קאָן זי טון, בשעת זי פילט, אַז זיי ווערן איר אַזוי שוואַך, אַז זי וועט שוין באַלד נישט קאָנען מער שפּינען?

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזען דעם קירכאויפזעער סוואַרטלינג אַריינקומען אין מאַגאַזין, און זי האָט געבעטן גאָט, אַז סוואַרטלינג זאָל זי נישט באַמערקן און נישט צוקומען זי פרעגן, וווהין זי פאָרט. ווי וואָלט זי גאָר געקאָנט אים זאָגן, אַז זי פאַרלאָזט יאַנען און דאָס הייזל און אַלצדינג?

קאַטרינאַ האָט געפּרוווט פּועלן בײַ קלאַראַ גולאַן, זי זאָל נישט צעשיידן די עלטערן. אויב זי קאָן נישט מיטנעמען יאַנען, טאָ זאָלן זיי ביידע פאַרבלייבן אין אַלטן הייזל אין סקרוליקאַ.

וואָלט נאָר די טאָכטער צוגעשיקט אַ ביסל געלט פאַר זיי, — אַ צען טאָלער אַ חודש, — וואָלטן זיי שוין ווי ס'איז אַדורכגעלעבט. אָבער קלאַראַ גולאַ האָט נישט געוואָלט הערן און דענקען וועגן דעם. זי האָט אַנטשידן דערקלערט, אַז זי וועט זיי קיין גראָשן נישט געבן, אויב די מוטער וועט נישט מיטפאָרן מיט איר.

קאַטרינאַ האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך. קלאַראַ גולאַ האָט זיך נישט איינגעעקשנט בלויז אויס בייז-וויליקייט. די וווינונג, וואָס זי האָט געדונגען אין מאַלמעי האָט זי איינגעאָרדנט אויך פאַר די עלטערן. און זי האָט מיט פרייד גע-וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זי וועט זיי קאָנען ווייזן, ווי זי האָט אַלץ כסדר געטראַכט וועגן זיי און געאַרבעט, זיי צו קאָנען פאַרזאָרגן אויף דער עלטער. און דעריבער האָט זי איצט געוואָלט מיטנעמען לכל-הפחות איינעם פון זיי, כדי איר שווערע מי זאָל כאָטש אינגאַנצן נישט געווען זיין אומזיסט.

איינאָרדנענדיק די וווינונג, האָט זי זיכער מער אין זינען געהאַט דעם פאָטער, ווי די מוטער, ווייל מיט אים האָט זי פון קינדווייז אָן זיך גוט איינגעלעבט און אים זייער ליב געהאַט. אָבער איצט, נאָכדעם וואָס מיט אים איז געשעען, האָט זי אים שוין נישט געקאָנט מיטנעמען אין דער גרויסער שטאָט אריין.

און טאַקע דאָס איז געווען דאָס גאַנצע אומגליק. קלאַראַ גולאַ איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן ווידערווילן קעגן פאָ-טער. עס האָט זי פשוט געעקלט אים אָנצוקוקן. זי האָט אים נישט דערלויבט צו רעדן מיט זיך וועגן דער הערלעכער מדינה פּאָרטו-גאַל און אפילו נישט וועגן איר רייכטום און מאַכט. זי האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן נישט צו אַנטלויפן, ווען ער האָט גענו-מען אויף זיך זיין קייסערלעך צירונג. אָבער ער אַליין האָט זי ליב געהאַט און זיך געפרייט מיט איר, פונקט ווי אַמאָל, און שטענ-דיק געוואָלט זיין לעבן איר, נאָר זי האָט אים כסדר אויסגעמיטן. קאַטרינאַ איז געווען איבערצייגט, אַז בלויז כדי צו פאַרשפאָרן אָנצוקוקן דעם פאָטער האָט קלאַראַ גולאַ זיך געאיילט צוריק אַוועקצופאָרן, נישט פאַרברענגענדיק מער ווי אַ וואָך צייט אינ-דערהיים.

איצט איז אויך קלאַרא גולאַ אַריינגעקומען אין מאַגאַזין, אָבער זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר סוואַרטלינגען; פאַרקערט, זי איז צוגעגאַנגען און פאַרפירט אַ שמועס מיט אים, און באַלד אין אָנהייב אים געזאָגט, אַז זי פאָרט שוין צוריק אַוועק אין איר אייגענער היים אַריין, אין דער גרויסער שטאָט, און נעמט מיט אַהינצו די מוטער אירע.

ווי עס איז געווען פאָרויסצוזען, האָט דער קירכאויפזעער זי געפרעגט, וואָס ס'וועט איצט זיין מיט איר פאָטער, און וואָס ער האָט געזאָגט וועגן איר באַשלוס. קלאַרא גולאַ האָט אים דאַן פולקאָם רויק דערציילט, גלייך זי וואָלט גערעדט וועגן אַ ווילד-פרעמדן מענטש, — ווי אַזוי זי האָט פאַרזאַרגט יאַנען. זי האָט אים אָנגעדונגען באַ ליזאַן, דעם אַלטן נעצנשטריקערס שנור. נאָכן טויט פון איר שווער אולאַ בענגטסאַ האָט זי זיך אויפגעבויט אַ ניי הייזל, און אַזוי ווי זי האָט דאָרט געהאַט אַ ליידיק שטיבל, האָט יאַן געזאָלט וווינען באַ איר.

פונם קירכאויפזעער סוואַרטלינגס פנים האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט אַראָפלייענען מער, וויפיל ער אַליין האָט געוואָלט אַרויסווייזן פון זיינע געפילן. דעריבער האָט ער אויך איצט רויק אויסגעהערט קלאַרא גולאַס רייד. אָבער קאַטרינאַ, וועלכע האָט זיך צוגעהערט צו זייער שמועס, — זי האָט זיך שוין משער געווען, וואָס דערדאָזיקער מענטש, — וועלכער איז געווען ווי אַ פאָטער פאַרן גאַנצן דאָרף, — טראַכט וועגן דעם ענין:

„פאַרוואָס זאָל אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט נאָך אין לעבן אַ ווייב און אַ דערוואַקסענע טאָכטער, דאַרפן אָנקומען צו פרעמדע מענטשן? ליזאַ איז אַ ווילע פרוי, אָבער זי וועט אים פאָרט נישט באַהאַנדלען אַזוי, ווי אַן אייגענע". — יאָ, אַזוי האָט סוואַרטלינג געטראַכט. און אַזוי האָט ער, אייגנטלעך, געדאַרפט טראַכטן.

קאַטרינאַ האָט שנעל אַ קוק-געטון אויף אירע הענט. אפשר האָט זי זיך אַליין אָפגענאַרט, פאַרענטפערנדיק איר טאַט מיט דעם ציטערן פון אירע הענט? דיווירקלעכע סיבה, פאַרוואָס זי פאַרלאָזט יאַנען, איז זיכער דאָס, וואָס זי האָט זיך געלאָזט איבער-

רעדן פון דער טאָכטער. זי האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט איר אָקייגנשטעלן.

קלאַרא גולאַ האָט נאָך אַלץ געשמועסט מיטן קירכאויפזועער. זי האָט אים דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געמוזט אַוועקגנבענען פונדערהיים, כדי יאַן זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז זיי פאָרן אַוועק און לאָזן אים איבער.

פאַר קאַטרינאַן איז דאָס שוין געווען דאָס ערגסטע פון אַלעם. קלאַרא גולאַ האָט אַוועקגעשיקט יאַנען אין איינעם פון די קראָמען, וואָס איז געלעגן ווייט אין דער ברוביער געמיינדע; און ווי נאָר ער איז אַוועק, האָבן זיי שנעל איינגעפּאַקט די קופערטס און זענען אָפּגעפאָרן מיטן וואָגן, וואָס זיי האָבן נאָך פריער געהאַט באַשטעלט.

קאַטרינאַ האָט זיך דאַן געפילט, ווי אַ גנב און אַ פאַרברעכער, בשעת זי האָט זיך אַזויערנאָך אַרויסגעגנבעט פון איר אייגענער היים. אָבער קלאַרא גולאַ האָט איר כסדר אויפגעוויזן, אַז קיין אַנדערן אויסוועג האָבן זיי נישט. ווען דער פאָטער וואָלט זיך דערוווסט דערפון, וואָלט ער זיך ליבערשט אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און זיך געלאָזט צום טויט איבערפאָרן, איידער זיי דערלויבן אַוועקצופאָרן. ווען ער וועט צוריק אַהיימקומען, וועט ער דאָרט טרעפן ליזאַן, און זי וועט זיך שוין באַמיען אים צו באַרויקן און טרייסטן. אָבער קאַטרינאַן איז דאָס האַרץ אַנטפאַלן באַם געדאַנק, ווי פאַרצווייפלט יאַן וועט זיין, ווען ער וועט געוווּר ווערן, אַז קלאַרא גולאַ האָט אים פאַרלאָזט.

דער קירכאויפזועער סוואַרטלינג איז שווייגנדיק געשטאַנען לעבן קלאַרא גולאַן און אויסגעהערט איר טענה, נישט איבעררייסנדיק צומאָל מיט אַ וואָרט. קאַטרינאַ האָט שוין אָנגעהויבן איבערצוקלערן, צי סוואַרטלינג אַליין געפינט נישט אויך, אַז זיי האָבן גוט געהאַנדלט. אָבער דאַן האָט ער פּלוצלינג אָנגענומען קלאַרא גולאַן בײַ דער האַנט און געזאָגט מיט טיפן ערנסט:

— אַזוי ווי איך בין געווען קלאַרא גולאַס לערער, וועל איך מיר דערלויבן צו זאָגן מיין מיינונג. איך פאַרשטיי, אַז דו, קלאַרא גולאַ, ווילסט אַנטלויפן פון דיין פליכט, אָבער ס'איז נאָך נישט גע־

דרונגען, אַז דאָס וועט דיר געלינגען. איך קען אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן אויך געפּרוּווט טון דאָסזעלבע, אָבער דער גורל האָט זיך שרעקלעך נוקם געווען אָן זיי!

בשעת קאַטרינאַ האָט דערהערט די רייד, האָט זי זיך האַס־טיק אויפגעהויבן פון איר אָרט הינטער די קאַסטנס און דערלייכ־טערט אָפּגעאָטעמט. אַט־אָ־דאָס האָט זי טאַקע געוואָלט זאָגן דער טאָכטער, נאָר נישט געהאַט קיין מוט דערצו.

אָבער קלאַראַ גולאַ האָט זיך נישט געפילט געטראָפן און נישט געוואָרן צעטומלט. זי האָט אים געלאָזן געענטפערט, אַז קיין אַנדערע ברירה האָט זי נישט. זי קאָן דאָך נישט מיטנעמען קיין משוגענעם אין שטאָט אַריין. און ווידער — אַז זי זאָל נאָך לענגער פאַרבלייבן אין אַסקעדאַלאַרנאַ, קאָן זי אויך נישט, ווייל איר פאָ־טער אַליין האָט מיט זיינע אידיאָטישע איינרעדענישן שוין גע־זאָרגט דערפאַר, אַז דאָס זאָל איר זיין אומדערטרעגלעך. ווו זי פלעגט ערגעץ פאַרבייגיין פאַר אַ הויז, פלעגן די קינדער אַרויס־לויפן פון דאָרט און איר נאָכשרייען: „קייסערין! קייסערין!" און אפילו בעת זי איז זונטיק נאָך דער גאָטדינסט אַרויס פון קירך, האָבן די מענטשן אַזוי זיך געשטופּט זי אָנצוקוקן, אַז מען האָט זי שיער נישט אומגעוואָרפן און צעטרעטן.

אָבער דער קירכאויפזעער האָט זיך געהאַלטן באַ זיין מיינונג.

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דאָס איז נישט קיין גרינגע זאַך, — האָט ער געזאָגט. — אָבער איך ווייס, אַז דו, קלאַראַ גולאַ, ביסט געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צום פאָטער, אַז נישט נאָך אַזוי גיך וועסטו קאָנען איבעררייסן דעמדאָזיקן צובונד.

נאָך די רייד האָבן זיי ביידע פאַרלאָזט דעם מאַגאַזין, און קאַטרינאַ איז זיי נאָכגעגאַנגען. זי האָט שוין איצט נישט געוווּסט וואָס צו באַשליסן און דעריבער גערן געוואָלט זיך באַראַטן מיטן קירכאויפזעער. אָבער איידער זי איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט זי פריער געוואָרפן אַ בליק אויפן משופּעדיקן ברעג, ווייל זי האָט דערפילט, אַז יאַן וועט זיך באַלד באַווייזן דאָרט.

— צי האָט די מאַמע מורא, אַז דער טאַטע וועט אָנקומען ? — האָט קלאַראַ גולאַ געפרעגט, אַוועקגייענדיק פונם קירכאויפזעער און דערנענטערנדיק זיך צו דער מוטער.

— מורא, זאָגסטו ? — האָט קאַטרינאַ זיך אָנגערופן, — איך בעט גאָט, אַז יאַן זאָל נאָך באַוויזן צוצוקומען דאָ אַהער, איידער איך וועל אָפּפאָרן.

זי האָט זיך אָנגענומען מיט דעם רעשט ביסל מוט און ווייטער גערעדט:

— קלאַראַ גולאַ, איך קאָן דיר זאָגן, אַז איך פיל זיך, ווי איך וואָלט באַגאַנגען די גרעסטע געמיינקייט און כ׳גלייב, אַז איך וועל מיין גאַנץ לעבן ליידן דערפאַר.

— די מאַמע רעדט אַזוי, ווייל די מאַמע האָט אַלע אירע יאָרן פאַרבראַכט אין נויט און עלנט, — האָט קלאַראַ גולאַ געענטפערט. — אָבער ווי נאָר מיר וועלן אַוועקפאָרן פונדאַנען, וועט שוין זיין אַנדערש. אגב, קאָן דאָך דער טאַטע נישט אַהערקומען. דאַן ווען ער ווייסט נאָך נישט, אַז מיר זענען אַוועקגעפאָרן פונדערהיים.

— זיי נישט אַזוי זיכער דערין, — האָט קאַטרינאַ געזאָגט. — יאַן ווייסט שוין תּמיד דאָס, וואָס ער דאַרף וויסן. זינט דו האָסט אונז פאַרלאָזט, איז ער געוואָרן העלזעעריש, און דאָס האָט זיך כּסדר געשטאַרקט באַ אים. ווייזט־אויס, אַז ווען דער רבונו של עולם האָט אים צוגענומען זיין קלאָרן פאַרשטאַנד, האָט ער אים געשענקט אַ צווייט ליכט צום לייכטן זיך, ער זאָל נישט אינגאַנצן וואַנדערן אין דער פינצטערניש.

קאַטרינאַ האָט איצט מיט אַ פּאָר ווערטער דערציילט קלאַראַ גולאַן וועגן לאַרס גונאַרסאָנס טויט, און אויך וועגן אַנדערע געשעענישן פון דער לעצטער צייט, — אַלץ כּדי זי איבערצוצייגן, אַז יאַן איז ווירקלעך אַ העלזעער. קלאַראַ גולאַ האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. פריער האָט קאַטרינאַ געפּרוווט איר דערציילן, ווי גוטהאַרציק יאַן איז צו שוצלאָזע אַלטע לייט. אָבער וועגן דעם האָט זי נישט געוואָלט הערן. דאַקעגן יאַנס העלזעערישקייט האָט זי אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז קאַטרינאַ האָט שוין אָנגע־

הויבן האָפן, אַז זי וועט ענדערן אירע געפילן צום פאָטער און אפשר גאָר זיך אומקערן צוריק אַהיים.

אָבער די האָפנונג האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

— מאַמע, אָט קומט שוין אָן די שיף! — האָט קלאַראַ גו־לאַ אויסגערופן, — נו איצט וועט שוין אַלץ זיין גוט. אין אַ ווײַלע אַרום וועלן מיר שוין אַוועקפאָרן.

קאַטרינאַס אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן, בשעת זי האָט דערזען, ווי די שיף שווימט־צו צום בריקל. זי האָט געוואָלט בעטן דעם קירכאויפזעער סוואַרטלינג, אַז ער זאָל קלאַראַ גולאַן זאָגן אַ פּאָר ווערטער, פאַרוואָס זי האַנדלט אַזוי שלעכט קעגן יאַ־נען, און אַז זי זאָל ליבערשט איבערלאָזן די מוטער באַם פאָטער אין זייער אַלט הייזל. אָבער עס איז שוין נישט געווען קיין צייט דערויף און זי האָט שוין נישט געזען קיין שום אויסוועג פּטור צו ווערן פון דער רייזע.

דער דאַמפער האָט זיך, ווייזט־אויס, פאַרשפעטיקט, ווייל מען האָט אַזוי שנעל צוגעאײַלט מיטן אָפּפאָרן, אַז ס'איז צומאָל נישט געווען קיין צייט צו פאַרלייגן דאָס בריקל צום אָראָפּשטייגן. אַ פּאָר אָרימע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן דאָ געזאָלט אַראָפּגיין, זענען פון די שיפסלייט ממש אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אויף דער יבשה. קלאַראַ גולאַ האָט אָנגענומען די מוטער אונטערן אָרעם, און איינער פון די מאַטראָזן האָט זי אַרויפגעהויבן אויף דער דעק אַרויף. קאַטרינאַ האָט זיך צעוויינט און זיך געוואָלט צוריק אומקערן, אָבער וועגן דעם האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

ווי נאָר קאַטרינאַ איז אַרויף אויף דער שיף, האָט קלאַראַ גולאַ זי אַרומגענומען מיט אַן אָרעם, גלייך זי וואָלט זי געוואָלט צוהאַלטן.

— קום, מאַמע, לאָמיר אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט, — האָט זי געזאָגט.

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די אַלטע קאַטרינאַ האָט דערזען אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ פונם משופּעדיקן ברעג, און זי האָט אים תיכף דערקענט.

— דאָס איז יאַן! — האָט זי פאַרצאַפּלט אויסגערופן. — גאָט מיינער, וואָס וועט ער איצט טון?

יאַן איז שטיין געבליבן בײַם סאַמע ראַנד פונם בריקל. ער האָט געקוקט מיט אַ פאַרצווייפלטן, רחמנות־דערוועקנדיקן בליק, ווייל ער האָט דערזען קלאַראַ גולאַן אויף דער אַפּשווימענדיקער שיף. ס'איז באמת שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ מענטשלעך פּנים זאָל קאָנען אויסדריקן טיפערן ווייטיק און צער, ווי דער, וועלכן יאַנס פּנים האָט איצט אויסגעדריקט.

אָבער מער איז נישט נייטיק געווען, ווי נאַר, אַז קאַטרינאַ זאָל ווידער דערזען יאַנען, כדי זי זאָל צוריק באַקומען קראַפט זיך אַקעגנצושטעלן דער טאָכטערס השפעה.

— ווען דו ווילסט, קאָנסטו פאָרן אַליין! — האָט זי פאַר־ביטערט אויסגערופן. — איך וועל אַראָפּגיין בײַם ערשטן אָפּשטעל און אַהיימגיין צופוס!

— די מאַמע קאָן שוין איצט טון, וואָס זי וויל! — האָט קלאַראַ גולאַ געענטפערט פאַרדראָסיק. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט שוין דאָ גאָרנישט אויספירן. און אפשר האָט זי אויך דער־פילט, אַז זי האָט אַכזריותדיק געהאַנדלט קעגן איר פאָטער.

זיי איז אָבער שוין נישט באַשערט געווען צו פאַרגיטיקן דעם אַלטן מאַן פאַר דעם אומרעכט, וואָס זיי זענען קעגן אים בּאַ־גאַנגען. יאַן האָט נישט געוואָלט צום צווייטן מאָל פאַרלירן די גאַנצע פרייד פון זיין לעבן. ער האָט אַ שפרונג אַראָפּ געטון פונם בריקל און זיך אין וואַסער אַריינגעוואָרפן.

אפשר האָט ער שווימענדיק געוואָלט צוקומען צום דאַמפער אָדער אפשר געפילט, אַז ער קאָן שוין נישט מער איבערהאַלטן אַזאַ לעבן?... ווער קאָן דאָס וויסן?

אויפן בריקל איז געוואָרן אַ געטומל. עס האָבן זיך דער־הערט אַנגסטלעכע געשרייען. אפילו דער קליינער דאַמפער איז שטיין געבליבן. מען האָט אַראָפּגעלאָזט אַ רעטונגסשיפל. אָבער יאַן איז תיכף ווי אַ שטיין אויפן גרונט אַראָפּגעזונקען און קיין איינ־מאָל אויף דער אויבערפלאַך נישט אַרויפגעקומען.

בלויז זיין „קייסערלעכער“ שטעקן און דער גרינער לעדערנער קאַשקעט זענען אַרויסגעשווומען אויפן וואַסער. דער קייסער אַליין איז פאַרשוווּנדן אַזוי שטיל, אַזוי שפּורלאָז, אַז ווען נישט די דאָזיקע חפצים, וואָלט גאָר שווער געווען צו גלייבן, אַז ער איז דאָ אויף דעם אָרט אומגעקומען.

פאַרהאַלטן אין וועג

די מענטשן פון יענער געגנט איז פאָרגעקומען זייער אויסטערליש, וואָס אויך קלאַראַ גולאַ האָט באַם שיפּאָפּשטעל אין באָרג טאָג־איין טאָג־אויס געוואַרט אויף עמעצן, וועלכער איז נישט געקומען.

זי האָט אָבער דאָרט געוואַרט נישט אין שיינע זומערטעג, נאָר אין דער צייט פון די שפּעט־האַרבסטיקע שטורעמס אין חודש נאָוועמבער און אין דעם קאַלטן און פינצטערן דעצעמבער. און זי האָט דאָרט נישט געחלומט וועגן אַ לעגענדאַרישער פּערזאָן, וואָס וועט פון ווייטע מקומות אָנקומען דאָ אַהער, פאַרהערלעכט אין פּראַכט און גלאַנץ. מיט די אויגן און געדאַנקען האָט זי נאָכגעפאָלגט אַ שיפל מיט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַהין און צוריק געשיפט לענגויס דעם בריקל, זוכנדיק אַ דערטרונקענעם. אין אָנהייב האָט זי געמיינט, אַז דער, אויף וועמען זי וואַרט, וועט באַלד געפינען ווערן, ווי נאָר מען וועט די שטריק מיט די צוגעבונדענע האַקעס אַראָפּלאָזן אין וואַסער אַריין. זי האָט אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט. די אַלטע געניטע פישער האָבן יעדן טאָג געדולדיק געאַרבעט מיט די שטריק, אָבער זיי האָבן גאָרגישט געקאָנט געפינען.

לויט ווי מען האָט זיך משער געווען, זענען דאָרט לעבן בריקל געווען עטלעכע טיפע גריבער אויפן גרונט פון דער אָזערע. אַ סך מענטשן האָבן טאַקע אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז יאַן איז

מסתמא אַראָפּגעזונקען אין איינעם פון די גריבער. אַנדערע ווידער, האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם שטאַרקן אונטערוואַסער־שטראָם אין דער טיפעניש פון דער אָזערע. זיי זענען געווען אי־בערצייגט, אַז דער דערטרונקענער איז דורך דעמדאָזיקן שטראָם אַוועקגעטראָגן געוואָרן ביז דעם אויסגוס, וואָס געפינט זיך בײַ דער קירך. קלאַראַ גולאַ האָט געהייסן פאַרלענגערן די שלעפּשטריק, אַזוי אַז זיי האָבן שוין איצט געקאָנט דערגרייכן ביז אַראָפּ צום גרונט פון די טיפסטע ערטער פון דער לעיווען, — זי האָט אויך געהייסן דורכזוכן מיט די די האַקעס יעטווידן פוס־ברייט פון דעם אויסגוס בײַ דער קירך; אָבער עס איז איר פּאַרט נישט געלונגען צו געפינען דעם גוף פון איר פאָטער.

בײַלד דעם ערשטן טאָג נאָך דעם אומגליק האָט קלאַראַ גולאַ באַשטעלט אַ טרומנע. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי גע־הייסן אַוועקשטעלן דעם שוואַרצן קאַסטן אויפן בריקל בײַם שיפּ־אָפּשטעל, כּדי מען זאָל קאָנען אַריינלייגן אַהין דעם מת, ווי נאָר מען וועט אים געפינען. פון דעמאָלט אָן איז די טרומנע תּמיד געשטאַנען אויפן בריקל. קלאַראַ גולאַ האָט אפילו נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל זי אַריינשטעלן אין דעם סחורה־מאַגאַזין, ווייל דעם מאַגאַזין פלעגט מען דאָך פאַרשליסן אויף גאַנצע שעהן, ווי נאָר דער פאַרוואַלטער פלעגט פאַרלאָזן דאָס בריקל. אָבער די טרומנע האָט זי צו יעדער רגע געמוזט האָבן גרייט, כּדי איר טויטער פאָטער זאָל נישט דאַרפן וואַרטן.

דער אַלטער „קייסער פון פּאָרטוגאַל” האָט אַלעמאָל געהאַט אַרום זיך אַ געזעמל מענטשן אויפן בריקל, וועלכע האָבן אים גע־האָלפן פאַרטרייבן די פיל שעהן, וואָס ער פלעגט דאָרט פאַרברענ־גען, וואַרטנדיק אויף קלאַראַ גולאַן. אָבער זי איז איצט כּמעט שטענ־דיק אַרומגעגאַנגען איינע אַליין אויפן ליידיקן בריקל. זי האָט צו קיינעם נישט גערעדט, און אַלע האָבן זי אויסגעמיטן, ווייל אין די מענטשנס אויגן האָט זי געהאַט אין זיך עפּעס אימהדיקס, — אָט די טאָכטער, וואָס האָט גורם געווען דעם טויט פון איר פאָטער.

סוף דעצעמבער האָט שוין אויפגעהערט אויך אפילו דער

אומבאַדייטנדיקער פּאַרקער פֿון די קליינע סחורה־שיפֿן. און דאָן איז קלאַראַ גולאַ געבליבן אינגאַנצן איינזאַם באַם בריקל. קיינער האָט איר נישט געשטערט אין אירע פֿינצטערע מחשבות. די פֿישער האָבן שוין אויך געוואָלט אויפֿהערן אַרומצוזוכן איבער דער אָזערע, אָבער דאָס האָט זי שיער נישט צו דער גרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג געטריבן. איר איינציקע האָפֿנונג אויסגעלייזט צו ווערן פֿון איר נשמה־פּיין און שרעק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער גוף פֿון איר פֿאָטער זאָל געפֿינען ווערן, און כּל זמן די אָזערע איז נאָך נישט באַדעקט געוואָרן מיט אייז, האָט מען נישט געטאָרט אויפֿהערן צו זוכן. זי האָט זיי געהייסן אויספֿאָרשן דעם גרונט פֿון דער אָזערע אַרום די ברעגן פֿון דעם ערדשפּיץ באַ ניגאָרד און אויך באַם אויסגוס פֿון סטורוויק. די לעיווען האָט געמוזט ווערן אַדורכגעזוכט אין דער גאַנצער ברייט.

וואָס לענגער די אומזיכערקייט האָט געדויערט, אַלץ אומרויִקער איז קלאַראַ גולאַ געוואָרן, און אַלץ אייפֿריקער האָט זי פֿאָרטגעזעצט דאָס אַרומזוכן דעם טויטן פֿאָטער. זי האָט זיך אָנגעדונגען אויף סטאַנציע באַ אַן אָרימען ערדאַרבעטער אין באָרג. די ערשטע צייט האָט זי נאָך געקאָנט פּועלן באַ זיך צו פֿאַרברענגען אין שטוב לפּחות אַ פּאָר שעה אין טאָג. אָבער דערנאָך איז זי ביסלעכווייז באַהערשט געוואָרן פֿון אַזאַ פּחד, אַז זי האָט קוים געקאָנט אַפּעסן און שלאָפֿן אַ פּאָר שעה אין דער נאַכט. זי האָט פֿאַרברענגט אויפֿן בריקל נישט בלויז די קורצע, פֿינצטערע, האַרבסטיקע טעג, נאָר אויך די לאַנגע, אומענדלעך־לאַנגע אָוונטן, ביז ס'איז שוין צייט געווען זיך שלאָפֿן צו לייגן.

די ערשטע צוויי טעג נאָך יאַנס טויט איז די אַלטע קאַטרינאַ געשטאַנען לעבן קלאַראַ גולאַן אויפֿן בריקל און אָפּגעוואַרט איר טויטן מאַן. אָבער דערנאָך איז זי איינע אַליין צוריק אַוועק אַהיים קיין סקרוליקאַ.

אָבער נישט אויס גלייכגילטיקייט האָט זי פֿאַרלאָזט דאָס בריקל, נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט שוין מער נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די אָנוועזנהייט פֿון דער טאָכטער און הערן אירע ריידעוועגן יאַנען. קלאַראַ גולאַ האָט נישט געטריבן קיין צביעות קעגן

דער מוטער. קאַטרינאַ האָט געוווּסט, אַז נישט צוליב איר אויפּסניי דערוואַכט צאַרט געפיל צו איר פאָטער, אָדער צוליב טיפער חרטה אויף איר שענדלעכער האַנדלונג קעגן אים, זוכט זי אַזוי אייפריק דעם גוף פונם דערטרונקענעם, כּדי זי זאָל אים קאָנען צו קבורה ברענגען אין געהייליקטער ערד. דאָס טוט זי בלויז דערפאַר, ווייל זי איז באַהערשט פון אַן אויסטערלישן פּחד, פון וועלכן זי קאָן זיך נישט באַפרייען, כּל-זמן דער פאָטער אירער, וואָס צו זיין טויט האָט זי גורם געווען, וועט ליגן אומבאַגראָבן אויפן גרונט פון דער אָזערע. וואָלט זי נאָר געקאָנט לאָזן אים קובר זיין אויף אַ בית-עולם, דאַן וואָלט ער שוין נישט געווען געפערלעך פאַר איר. אָבער כּל-זמן ער ליגט נאָך דאָרט אונטן אין דער טיפעניש פון דער לעי-ווען, קען קלאַראַ גולאַ נישט באַהערשן איר שרעק אי פאַר אים אַליין, אי פאַר דער שטראָף, וואָס דערוואַרט זי.

*

קלאַראַ גולאַ איז געשטאַנען אויפן בריקל באַם שיפאָפּשטעל אין באַרג און געקוקט אויף דער אָזערע, וואָס איז דאָ שטענדיק געווען גרוי און אויפגעברויזט. איר בליק האָט נישט געקאָנט אַדורכ-עגבערן די וואַסערפלאַך און אַריינדרינגען אין דער טיפעניש, אָבער טראָצדעם האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי קאָן זען דעם גרונט, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט טיף אונטערן וואַסער.

דאָרט אונטן איז דער קייסער פון פּאָרטוגאַל געזעסן אויף אַ גרויסן שטיין און אַרומגענומען די קני מיט זיינע הענט. זיינע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין דעם גרוי-גרינעם וואַסער, פאַרזינקענדיק אין אַ שווייגנדיקער, אומאויפהערלעכער דערוואַרטונג, אַז זי, קלאַראַ גולאַ, וועט קומען צו אים.

זיין קייסערלעכע צירונג האָט ער שוין פון לאַנג אויסגעטאָן. דער סצעפּטער און די קרוין זענען געבליבן אויף דער אויבער-פלאַך און נישט אַראָפּגעזונקען אין דער טיפעניש, און די פּאַפּי-רענע „שטערנס" און „מענדאַלן" זענען צעשוווּמען געוואָרן אין וואַסער. ער איז דאָרט געזעסן מיט ליידיקע הענט אויפן שטיין, אין זיין אַלטן אויסגעריבענעם קאַפטאַן. אָבער אַנשטאָט דעם, איז

שוין איצט נישט געווען צו באַמערקן אויף אים קיין שום געקינצלטס אָדער פאַלשס; ער האָט פשוט אויפגעהערט צו זיין לעכערלעך. דערפאַר איז ער אָבער געוואָרן מעכטיק און מוראדיק.

זיין טיטולירן זיך אַלס קייסער איז נישט געווען אַזוי אומבאַרעכטיקט. וואָרים, בעת ער האָט געלעבט, איז זיין מאַכט געווען אַזוי גרויס, אַז דער פיינט, וועלכן ער האָט געהאַסט, איז אומגעברענגט געוואָרן און זיינע פריינט זענען געהאָלפן געוואָרן. דידאָזיקע מאַכט האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אין זיך, זי האָט אים נישט פאַרלאָזט אפילו נאָכן טויט.

בלויז צוויי מענטשן האָבן אים שלעכטס געטון. אָן איינעם פון זיי האָט ער זיך שוין נוקם געווען. דער צווייטער פייניקער איז געווען זי אַליין, זיין אייגענע טאָכטער, וועלכע האָט אים צו ערשט דערפירט צו משוגעת און דערנאָך גורם געווען זיין טויט. און טאַקע אויף איר האָט ער איצט געוואַרט, דאָרט אונטן אין דער גריבער טיפעניש.

זיין ליבע צו איר איז שוין פאַרלאָשן געוואָרן אין אים. איצט האָט ער שוין נישט געוואַרט אויף איר, כדי צו קאָנען איר אָפגעבן ליבע און כבוד. ער האָט זי איצט געוואָלט אַראָפשלעפן אין דעם פינצטערן קיניגרייך פון טויט, אַלס שטראָף פאַר די זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן אים.

*

עפעס אַ געהיימע, אויסטערלישע קראַפט האָט געלאָקט און גערופן קלאַראַ גולאַן: זי האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אַראָפצונעמען דעם גרויסן, שווערן צודעק פון דער טרומנע, און דעם קאַסטן גופא אַראָפלאָזן ווי אַ שיפל אויף די גרינע כוואַליעס פון דער אָזערע. דערנאָך וואָלט זי אַליין אַריינגעשטיגן אין דעמדאָזיקן שיפל, זיך אָפגעשטופט פון דער יבשה און פאַרזיכטיק זיך אַנידערגעלייגט אויף די אויסגעבעטע שפענער.

זי האָט אָבער נישט געקאָנט וויסן, צי זי וועט אויך באַלד אַראָפ אויפן גרונט, אָדער אפשר אַ ווײַלע אַרומשווימען איבער דער אָזערע, ביז עס וועט אָנלויפן אַן אויפגעבראַזטע כוואַליע און

אָנפילן איר שיפל מיט וואַסער, אַראָפּשלעפּנדיק עס אין טיפן אָפּגרונט.

זי האָט אויך געקלערט, אַז זי וועט אפשר נישט דערטרונקען ווערן, נאָר צוערשט אַוועקגעפירט ווערן ווייט אין דער אָזערע, און דערנאָך וועלן די כוואַליעס זי אַרויסשליידערן אויף דער יבשה לעבן איינעם פון די ערדשפּיצן, וואָס זענען באַוואַקסן מיט אַלכע.

קלאַראַ גולאַ איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו מאַכן אַזאַ פּרווו. זי וועט די גאַנצע צייט ליגן גאָר שטיל, נישט מאַכן די מינדסטע באַוועגונג. זי וועט נישט באַנוצן נישט די הענט, נישט די פיס, כדי צו טרייבן די טרומנע ווייטער אַוועק. נאָר וועט זיך פולקאָם איבערגעבן דער מאַכט פון איר ריכטער. ער וועט זי מעגן אַראָפּשלעפּן צו זיך אין אָפּגרונט אָדער זי לאָזן ניצול ווערן, — אַלץ לויט זיין ווילן און משפט.

אויב זי וועט זיך אַזויערנאָך פאַרלאָזן אויף זיין באַראָט, וועט אפשר אין אים אויפסניי דערוואַכן זיין גרויסע ליבע צו איר, און דאָסדאָזיקע געפיל וועט פאַר איר אויסבעטן מחילה בא אים. קאָן זיין, אַז ער וועט זיך דאַן דערבאַרעמען איבער איר און נאָכאַמאָל זי לייטזעליקן מיט זיין גרויס גנאָד.

אָבער די שרעק האָט גובר געווען. זי האָט זיך שוין נישט מער דערוועגט צו פאַרלאָזן אויף זיין ליבע. ניין... זי האָט מורא געהאַט אַראָפּצושטופּן די שוואַרצע טרומנע אויפן וואַסער אַרויף.

*

אין דערזעלבער צייט האָט איינער פון קלאַראַ גולאַס יוגנטפריינט זי אויפגעזוכט באַם בריקל. ער איז צו איר ספּעציעל אַרויסגעקומען צום שיפאָפּשטעל. ער האָט געהייסן אויגוסט, פון דער משפחה דער נאָל, און האָט נאָך אַלץ געוווינט בא זיינע עלטערן אין פרעסטערויד.

ער איז געווען אַ רויקער און קלוגער מענטש, און דער שמועס מיט אים האָט גוט געווירקט אויף קלאַראַ גולאַן. ער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, זי זאָל צוריק אַוועקפאָרן דאָרט אַהין פונוואַנען זי איז געקומען און זיך ווידער נעמען צו איר באַשעפטיקונג. דאָס וואַרטן אויף אַ טויטן באַם פוסטן בריקל

אַזוי שפּעט אין האַרבסט, וועט פֿאַר איר קיין שום גוטס נישט ברענגען.

זי האָט אים געענטפֿערט, אַז זי האָט נישט די דרייסטקייט אָפּצוזאָגן, כּל־זמן איר פֿאָטער וועט נישט באַקומען זיין אייביקע רו אין געהייליקטער ערד. אָבער אויגוסט האָט צומאָל נישט געוואָלט הערן וועגן דעם.

זיין ערשטער שמועס מיט איר האָט נישט געבראַכט צו קיין שום רעזולטאַט, אָבער ווען אויגוסט איז אַ צווייט מאָל געקומען צו איר, האָט זי נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת צוגעזאָגט צו פֿאָלגן זיין עצה. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דעם באַשלוס, אַז ער וועט צומאָרגנס קומען נאָך איר מיט זיין פֿערד־און־וואָגן און זי צופֿירן צו דער באַן.

קאָן זיין, אַז ווען אויגוסט וואָלט דערפֿילט זיין צוזאָג, וואָלט אפֿשר אַלצדינג געווען זיך גוט פֿאַרענדיקט. אָבער אַנדערע ענינים האָבן אים געשטערט צו קומען אַליין, און דעריבער האָט ער מיטן געשפּאַן געשיקט זיין יונגן פֿאַראָבעק. קלאַראַ גולאַ האָט אַלנפֿאַלס צונויפֿגעפּאַקט אירע זאַכן, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן וואָגן און אַוועקגעפֿאָרן צו דער באַן. אויפֿן וועג האָט זי פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיטן פֿורמאַן וועגן איר פֿאָטער. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר דערציילן די מעשׂיות וועגן זיין העלזעערישקייט, — אָט טאַקע וועגן דעם, וואָס קאַטרינאַ האָט איר אין טאָג פֿון זייער אָפּפֿאָרן מיט דער שיף דערציילט אויפֿן בריקל, און נאָך אַנדערע, מער אויסטערלישע מעשׂיות וועגן אים.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט זי אים שטילשווייגנדיק אויסגעהערט, אָבער דערנאָך האָט זי אים געהייסן צוריק זיך אומקערן מיטן וואָגן צום בריקל־צו. זי איז, נעמלעך, באַהערשט געוואָרן פֿון אַזאַ ווילדן פּחד, אַז זי האָט זיך נישט דערוועגט צו פֿאָרן ווייטער. ער איז געווען צו מעכטיק, אָט דער אַלטער קייסער פֿון פֿאָרטוגאַל! קלאַראַ גולאַ האָט דאָך געוווּסט, אַז די טויטע, וואָס זענען נישט באַגראָבן געוואָרן אויף אַ בית־עולם, פֿאַרפֿאָלגן זייערע שונאים און זענען זיך שרעקלעך נוקם אָן זיי. זי האָט אומבאַדינגט געמוזט אַרויסשלעפּן דעם פֿאָטער פֿונם וואַסער, אַוועקלייגן אים אין דער

טרומנע אַריין און קובר זיין ווי געהעריק. גאָטס וואָרט מוז אים באַגלייטן אין זיין אייביקער רו, אַז נישט, האָט זי געפילט, וועט זי זיך שוין קיינמאָל אין לעבן נישט באַפרייען פון איר אַנגסט.

די געזעגענונג

נאָענט צו ווייַנאַכט האָט קלאַראַ גולאַ באַקומען אַ ידיעה, אַז איר מוטער האַלט באַ שטאַרבן, און ערשט דאָס איז אימשטאַנד געווען זי אָפּצורייסן פון בריקל.

זי איז אַוועק אַהיים צופוס, ווייל אין דערדאָזיקער צייט פון יאָר איז דאָס געווען דער בעסטער אופן ווי אַזוי אָנצוקומען קיין צַסקעדאַלאַרנאַ. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דעם אַלטן וועג דורך ליובי, און ווייטער דורך דעם גרויסן וואַלד און איבער דעם באַרג סטורסניפּאַ.

זי איז אויך פאַרבייגעגאַנגען לעבן דעם הויז, וווּ דער אַלטער ביערן הינדריקסאָן האָט מיט יאָרן צוריק געוווינט. דאָרטן האָט זי באַגעגנט אַ הויכגעוואַקסן מאַנספּערשוין מיט אַן ערנסט אויסזען, וועלכער איז געשטאַנען באַם וועג און געהאַלטן באַם פּאַריכטן אַ פּלויט. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים האָט ער זי באַגריסט בלויז מיט אַ קורצן שאָקל מיטן קאָפּ. אָבער דערנאָך האָט ער געלאָזט שטיין זיין אַרבעט און מיט שנעלע טריט זיך געאײַלט זי צו דעריאָגן.

— איר זענט אַוודאי קלאַראַ גולאַ פון סקרוליקאַ? — האָט ער געפרעגט. — איך וואָלט מיט אייך געדאַרפט רעדן אַ פּאָר ווערטער. איך בין לינאַרט, ביערן הינדריקסאָנס זון, — האָט ער צוגעגעבן, זעענדיק, אַז זי ווייסט נישט ווער ער איז.

— איך איַיל מיך זייער, — האָט קלאַראַ גולאַ געזאָגט. — אפשר וועט איר דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערשמאָל? איך האָב נעכטן באַקומען אַ ידיעה, אַז מיין מוטער האַלט באַ שטאַרבן.

אָבער אָנשטאָט זיך צוריק אומצוקערן האָט לינאַרט זיך אָנגעבאָטן זי צו באַגלייטן אַ שטיקל וועגס. ער האָט שוין סיי ווי עטלעכע מאָל געוואָלט צוגיין צום בריקל, כּדי זי אויפצוזוכן. נו, האָט ער אַציגד נישט געוואָלט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט, וואָס זי איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען לעבן זיין הויז. און לויט זיין מיינונג, איז פאַר איר געווען זייער וויכטיק צו הערן דאָס, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן.

קלאַראַ גולאַ האָט נישט געהאַט וואָס אָנצוווענדן קעגן דעם, אָבער זי האָט באַמערקט, אַז לינאַרטן איז זייער שווער אָנגעקומען אַרויסצוברענגען פאַרן מויל דאָס, וואָס ער האָט איצט געהאַט אין זינען. און דעריבער האָט זי שוין קיין שום גוטס נישט דערוואַרט פון אים. ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעהוסט און זיך געמאַטערט צו געפינען די פּאַסנדע ווערטער.

— קלאַראַ גולאַ ווייסט מסתּמא נישט, אַז איך בין געווען דער לעצטער מענטש, וועלכער האָט גערעדט מיט אייער פאָטער, — מיט דעם קייסער, ווי מיר פלעגן אים רופן?

קלאַראַ גולאַ האָט געענטפערט, אַז זי האָט נישט געוווּסט וועגן דעם, און צוגלייך אָנגעהויבן שטעלן האַסטיקערע טריט. זי האָט געפילט, אַז עס וואָלט פאַר איר פיל בעסער געווען, זי זאָל וואָס שנעלער קאָנען פּטור ווערן פון דעמדאָזיקן שמועס.

— אַ געוויסן טאָג, ס'איז שוין דאַן געווען שפּעט אין האַרבסט, — האָט לינאַרט ווייטער גערעדט, — בין איך געשטאַנען באַ מיר אויפן הויף און איינגעשפּאַנט אַ פערד אין וואָגן, ווייל איך האָב גראָד געדאַרפט צופאָרן אין קראָם אַריין נאָך פאַרשידענע איינקויפן. פּלוצלינג האָב איך דערזען, ווי דער אַלטער קייסער קומט אָנצולויפן מיטן וועג. איך האָב באַשיינפּערלעך געזען, אַז ער איילט זיך זייער, אָבער ווען ער האָט מיך באַמערקט, איז ער פּאָרט געבליבן שטיין און מיך געפרעגט, צי איך האָב נישט געזען די קייסערין פאַרבייפאָרן דאָ אויף דעם וועג. דאָס האָב איך, נאַטירלעך, נישט געקאָנט אָפּלייקענען, און ווי נאָר איך האָב אים דאָס געזאָגט, האָבן אים די טרערן גענומען שטראָמען פון די אויגן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פריער געווען אויפן

וועג קיין ברובי, אָבער ער איז פּלוצלינג באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ אומרו, אַז ער האָט זיך געמוזט צוריק אומקערן. און ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז דאָס שטיבל שוין געווען ליידיק. קאַטרינאַ איז אויך שוין נישט געווען אינדערהיים. זיי האָבן זיכער באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער דאַמפשיף, האָט ער געזאָגט, און דער וועג אַהינצו איז אַזוי ווייט, אַז ער ווייסט נישט, ווי אַזוי צוצוקומען קיין באָרג, נאָך איידער די שיף וועט אָפּשווימען.

דאָ איז קלאַראַ גולאַ שטיין געבליבן.

— און מסתמא האָט איר אים מיטגענומען אויף אייער וואָגן? — האָט זי געפרעגט.

— געוויס! — האָט דער פויער געענטפערט. — יאַן האָט מיר מיט יאָרן צוריק געטון אַ גרויסע געפעליקייט און איצטער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אים אָפּצודינען מיט אַ טובה. אפשר האָב איך שלעכט געטון דערמיט, וואָס איך האָב אים געהאָלפן אין וועג?

— אָ, ניין, — האָט קלאַראַ גולאַ געענטפערט. — די גאַנצע שולד איז מיינע. איך האָב אים נישט געדאַרפט פאַרלאָזן.

— די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן אויפן וואָגן, האָט ער געוויינט ווי אַ קליין קינד, — האָט לינאַרט ווייטער דערציילט, — און איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איך זאָל זאָגן, כּדי אים צו טרייסטן. דעריבער האָב איך ליבערשט געשוויגן, און ער ווידער, האָט אומאויפהערלעך געוויינט. צום סוף האָב איך מיך אָנגערופן צו אים: „וויינט נישט אַזוי, יאַן, מיר וועלן נאָך באַצייטנס צוקומען אַהינצו. אַזוי שפּעט אין האַרבסט קורסירן בלויז די קלייִנע סחורה־שיפן, און זיי איילן זיך נישט אַזוי שטאַרק". אָבער ווי נאָר איך האָב דאָס געזאָגט, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אָרעם און מיך געפרעגט, צי איך גלייב, אַז די, וועלכע האָבן באַ אים צוגערויבט און אַוועקגעפירט די קייסערין, וועלן זיך שלעכט באַגיין מיט איר?

— די, וועלכע האָבן מיך צוגערויבט און אַוועקגעפירט? — האָט קלאַראַ גולאַ העכסט דערשטוינט אויסגערופן.

— איך האָב מיך אויך זייער געחידושט, און אים געפרעגט, ווען ער מיינט דערמיט. ער האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז דערמיט מיינט ער אָט די אַלע שונאים אירע, וואָס האָבן געלויערט אויף איר, בעת זי איז געווען אינדערהיים. דאָס זענען געווען אַזעלכע בייזוויליקע פּיינט, אַז קלאַראַ גולאַ האָט אַזש מורא געהאַט צו נע־מען אויף זיך איר גאָלדענע קרוין, און אפילו נישט געוואַגט אַ וואָרט אויסצורעדן וועגן איר הערלעכער מדינה פּאָרטוגאַל. און איצט האָט זיך די כּיתּה געוואָרפן אויף קלאַראַ גולאַן און זי אַוועק־געפירט אין געפאַנגענשאַפט.

— הם. . . אַזוי גאָר! — האָט קלאַראַ גולאַ געמורמלט.

— נו, יאָ, אַזוי האָט ער זיך איינגערעדט! — האָט לינאַרט בּיערנסאָן געזאָגט מיט שטאַרקער באַטאָנונג. — איר, קלאַראַ גולאַ, דאַרפט פאַרשטיין, אַז אייער פאָטער האָט אַזוי ביטער געוויינט, נישט דערפאַר, וואָס מען האָט אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין הייזל, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געמיינט, אַז זיין קלאַראַ גולאַן דראָט אַ שרעקלעכע געפאַר.

לינאַרטן איז, משמעות, שווער געווען אַרויסצורעדן די לעצ־טע ווערטער. זיי זענען אים פּשוט שטעקן געבליבן אין האַלז. אין דער רגע האָט ער מסתּמא געטראַכט וועגן דעם אַלטן בּיערן הינ־דריקסאָן און וועגן זיך אַליין אויך. די דערינערונג פון זיין אייגע־נער פאַרגאַנגענהייט האָבן אים באַשיינפּערלעך אויפגעוויזן, ווי הויך מען דאַרף שעצן אַזאַ ליבע, וואָס ציט זיך קיינמאָל נישט צוריק און ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן.

אָבער קלאַראַ גולאַ האָט עס דאַן נאָך נישט פאַרשטאַנען. זינט זי איז צוריק אַהיימגעקומען, האָט זי בלויז מיט ווידערווילן און שרעק געטראַכט וועגן איר פאָטער. און אויך איצט האָט זי עפּעס אַ פּרעפּל־געטון, אַז איר פאָטער איז דאָך געווען אַ משוגענער.

לינאַרט האָט אָבער דערהערט, וואָס זי האָט געזאָגט און זיך געפילט שטאַרק געטראָפן דערפון.

— איך ווייס נישט, צי יאָן איז טאַקע אינדעראמתן געווען אַזוי משוגע! — האָט ער איר אָפּגעענטפערט. — איך האָב אים

געזאָגט, אַז איך האָב נישט געזען קיין שום באַצווינגער אַרום קלאַראַ גולאַן. אָבער דאַן האָט ער מיר תיכף געענטפערט: „וואָס רעדט איר, ליבער לינאַרט ביערנסאָן, צי האָט איר ווירקלעך נישט באַמערקט די שונאים אירע, בעת זי איז דאָ פאַרבייגעפאָרן? זיי זענען דאָך די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון איר, יאָ, יאָ, טייערער לי־נאַרט, זיי זענען אַ נישקשהדיקע כנופיה; גאווה און אַכזריות, זינד און תאווה זענען די שונאים, וואָס די קייסערין מוז קעמפן מיט זיי, דאָרט אין איר הערלעכער מדינה!"

קלאַראַ גולאַ איז ווידער שטיין געבליבן און זיך געווענדט צום פויער, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— נו?... — האָט זי בלויז געזאָגט.

— איך האָב אים דאַן געענטפערט, אַז דידאָזיקע שונאים האָב איך אויך געזען אַרום איר, — האָט לינאַרט פאַרענדיקט מיט אַ שטרענג קול.

קלאַראַ גולאַ האָט זיך צעלאַכט; אָבער לינאַרט האָט זיך נישט געקימערט וועגן דעם און ווידער אָנגעהויבן דער־ציילן.

— איך האָב אָבער באַלד חרטה געקריגן, פאַרוואָס איך האָב אים דאָס געזאָגט, ווייל איצט האָט יאַן זיך שרעקלעך צעוויינט. „אַך, מיין ליבער לינאַרט ביערנסאָן", האָט ער דאַן געזאָגט, „בעט צו גאָט, אַז איך זאָל מיין טייער מיידעלע קאָנען מציל זיין פון אַלעם שלעכטן! ס'איז מיר שוין אַלצאיינס, וואָס מיט מיר וועט זיין, אַבי איך זאָל נאָר זי קאָנען אַרויסראַטעווען פון אירע שונאים!"

קלאַראַ גולאַ האָט גאָרנישט געענטפערט דערויף, נאָר אָנ־געהויבן שפּרייזן נאָך שנעלער. אין איר האָט זיך איצט דער־וועקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָנגעהויבן רייסן איר האַרץ אויף שטיקער, אָבער זי האָט עס באַלד דערשטיקט אין זיך. וואָרים, אויב דאָסדאָזיקע געפיל, וואָס האָט טיף געדרימלט אין איר האַרץ, וואָלט איצט אויפגעוואַכט צום לעבן, וואָלט זי עס זיכער נישט גע־קאָנט איבערהאַלטן.

— נו, יאָ, זיינע לעצטע רייד זענען געווען ווי געזעגנונגס־ווערטער, — האָט לינאַרט געזאָגט. — און עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט. ווי ער האָט מיר באַוויזן, אַז ער האָט דאָס געמיינט אויף אַן אמת און געשטרעבט דערצו. און איר, קלאַראַ גולאַ, איר זאָלט נישט מיינען, אַז יאַן איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, כּדי צו אַנטלויפן פון זיין צער. ער האָט דאָס געטון, בלויז כּדי אַרויס־צוראַטעווען זיין קלאַראַ גולאַ פון די הענט פון אירע שונאים, און דעריבער האָט ער געוואָלט נאָכשווימען דעם דאַמפּער.

קלאַראַ גולאַ האָט געשפּרייזט אַלץ שנעלער און שנעלער. די ליבע פון איר פּאָטער האָט זיך איצט אין איר גאַנצער דער־הויבענער גרויסקייט אַנטפּלעקט פאַר איר און געשטראַלט אין איר בלענדנדיקער ליכטיקייט. אָבער זי, קלאַראַ גולאַ, האָט בלויז געוואָלט אַנטרינען ווערן פון דערדאָזיקער ליבע. זי האָט צומאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס באַוווסטזיין דערפון.

— דאָ אין דאָרף ווייסט יעדער פון אונז, וואָס עס טוט זיך באַם שכן, — האָט לינאַרט ווייטער גערעדט, שפּרייזנדיק אָן שום אָנשטרענגונג אַזוי שנעל ווי זי. — באַלד נאָך יאַנס טויט זענען אַלע געווען פאַרביטערט קעגן אייך, קלאַראַ גולאַ. און איך אַליין האָב אייך אויך נישט געהאַלטן פאַר ראוי צו הערן זיינע לעצטע ווערטער. אָבער איצט האָבן מיר שוין אַלע געענ־דערט אונזער מיינונג וועגן אייך. ס'האָט אונז, נעמלעך, שטאַרק גערירט, וואָס איר שטייט כּסדר באַם בריקל און וואַרט אויף אים.

קלאַראַ גולאַ איז האַסטיק שטיין געבליבן. די באַקן האָבן איר געפלאַמט און די אויגן האָבן געשפּריצט מיט צאָרן.

— איך שטיי דאָרט און וואַרט בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב מורא פאַר אים!

— מיר ווייסן אַלע, אַז איר, קלאַראַ גולאַ, האָט פון קינדווייז, אַן ליב געהאַט צו זאָגן נאָר דעם אמת און קיינמאָל נישט געוואָלט אָנגיין פאַר עפּעס בעסערס, ווי איר זענט, — האָט דער פויער רויק און געלאַסן געענטפערט. — אָבער מיר, די היגע איינוווינער, פאַרשטייען אייך אפשר פיל בעסער, ווי איר אַליין, און פאַר אונז

איז קלאָר די סיבה פון אייער כסדרדיק וואַרטן אויפן טויטן פאַ־טער. מיר אַלע האָבן אויך געהאַט עלטערן, און נישט איינער פון אונז איז באַגאַנגען אַן עוולה קעגן זיי!...

קלאַראַ גולאַ איז איצט אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן אַז פון גרויס כעס האָט זי אים שיער נישט געזאָגט עפּעס שרעק־לעכס; אָבער זי האָט עס פאָרט נישט אַרויסגעבראָכן פאַרן מויל. זי האָט געוואָלט טופּען מיטן פוס און אָנשרייען אויף לינאַרטן, ער זאָל שוין שווייגן, אָבער אפילו דאָס איז זי אויך נישט אים־שטאַנד געווען צו טון. זי האָט דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג ווי זיך אָפּצוקערן פון אים און אַנטלויפן.

לינאַרט בּיערנסאָן איז איר נישט נאָכגעלאָפן. ער האָט איר שוין געהאַט געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן, און איז לחלוטין נישט אומצופרידן געווען פון דעם, וואָס ער האָט אויפגעטון אין משך פון דעמדאָזיקן פאַרמיטאָג.

קאַטרינאַס טויט

ווען קלאַראַ גולאַ איז אַריינגעקומען אין דעם קליינעם הייזע־לע אין סקרוליקאַ, איז קאַטרינאַ מיט אַ טויט־בלאַס פּנים און פאַרמאַכטע אויגן געלעגן אין בעט. עס האָט אויסגעזען, ווי דער סוף וואָלט שוין געקומען.

אָבער ווי נאָר קלאַראַ גולאַ איז שטיין געבליבן לעבן בעט און אַ גלעט־געטון קאַטרינאַס האַנט, האָט זי אויפגעמאַכט די אויגן און תיכּף אָנגעהויבן רעדן.

— יאָ, וויל מיך צונעמען צו זיך! — האָט זי קוים גע־שעפּטשעט. — ער טראָגט שוין נישט קיין שנאה אויף מיר, פאַר־וואָס איך בין אַנטלאָפן פון אים.

קלאַראַ גולאַ איז פאַרציטערט געוואָרן. זי האָט זיך שוין משער געווען, וואָס ס'איז די סיבה פון איר מוטערס טויט: זי איז

איר גאַנץ לעבן געטריי געווען איר מאַן, דעריבער האָט זי זיך איצט פאַרפייניקט פון חרטה, פאַרוואָס זי האָט אים אויף דער עלטער געוואָלט פאַרלאָזן.

— פאַרוואָס זאָל די מאַמע זיך אַזוי שטאַרק מצער זיין איבער דעם? — האָט קלאַרא גולאַ געזאָגט. — דאָס האָב איך דאָך געצוווּנגען די מאַמע מיטצופאָרן מיט מיר.

— אָבער דער געדאַנק, אַז איך האָב איינגעשטימט דערויף, האָט מיך שרעקלעך געפייניקט, — האָט קאַטרינאַ זיך אָנגערופן. — נאָר איצט איז שוין אַלצדינג גוט. מיר האָבן זיך שוין צוריק איבערגעבעטן.

זי האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן און געלעגן פולקאָם רויק. אויף איר אָפּגעצערט פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ ליכטיקער אָפּשיין פון גליק.

אָבער אַ ווײַלע דערנאָך האָט זי נאָכאַמאָל אָנגעהויבן רעדן. זי האָט נאָך געהאַט צו דערציילן וועגן אַ סך זאַכן, אַנדערש האָט איר נשמה נישט געקאָנט קיין רו האָבן.

— זיי נישט בייז אויף דיין פאָטער דערפאַר, וואָס ער איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, כּדי דיר נאָכצולויפן. ער האָט געמיינט דערמיט בלויז דיין טובה. דיר איז זייער שלעכט געווען אין לעבן, זינט דו האָסט זיך צעשיידט מיט אים. ער האָט דאָס געוווּסט. און אים אַליין איז אויך נישט געווען גוט. איר האָט ביידע געבלאָנדזשעט, — יעדער פון אייך אויף זיין שטייגער.

קלאַרא גולאַ האָט זיך משער געווען, אַז איר אַלטע מוטער וועט טאַקע דאָס זאָגן און דעריבער האָט זי זיך נאָך פריער פאַרפאַנצערט קעגן אַזעלכע רייד. אָבער דאָס, וואָס קאַטרינאַ האָט איצט געזאָגט, האָט זי גערירט פיל מער, ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, און דעריבער האָט זי זיך באַמיט צו געבן איר אַ פריינטלעכן ענטפער.

— איך וועל תּמיד געדענקען דעם טאַטן אַזעלכן, ווי ער איז געווען מיט יאָרן צוריק! די מאַמע געדענקט דאָך געוויס, ווי מיר ביידע האָבן זיך דעמאָלט ליב געהאַט?

קאַטרינאַ איז, ווייזט־אויס, געווען זייער צופרידן פון דעמ־

דאָזיקן ענטפער, ווייל זי האָט אויפגעהערט זיך אומרויק צו וואַרפן אויפן געלעגער. זי האָט איר שוין מסתמא נישט מער געהאַט וואָס צו זאָגן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צעשמייכלט און מיט אַ קול פול מיט ליבשאַפט זיך אָנגערופן צו דער טאָכטער:

— סאַראַ פרייד עס איז פאַר מיר, קלאַראַ גולאַ, וואָס דו ביסט ווידער געוואָרן אַזוי שיין!

אַקעגן דעם שמייכל און בײַ דידאָזיקע האַרציקע רייד, האָט קלאַראַ גולאַ מיטאַמאָל פאַרלוירן איר זעלבסטבאַהערשונג. זי איז געפאַלן אויף די קני לעבן דעם נידריקן בעט און אָנגעהויבן ווייּנען. צום ערשטן מאָל זינט זי איז צוריק אַהיימגעקומען פון דער פרעמד האָט זי זיך אויף אַן אמת צעוויינט, און איר געוויין איז איצט אויפגעגאַנגען פון דער טיפעניש פון איר צעווייטיקט האַרץ.

— איך פאַרשטיי נישט, ווי די מאַמע קאָן נאָך זיין אַזוי גוט צו מיר! — האָט זי געכליפעט. — מאַמע, מאַמע. איבער מיין שולד שטאַרבסטו איצט, און איך אַליין האָב אויך דערפירט דעם טאַטן צום טויט!

אָבער קאַטרינאַ האָט נאָך אַלץ געשמייכלט און אירע הענט האָבן זיך אַ שטרעק־אויס געגעבן, כדי אַ גלעט צו־טון דער טאָכטער.

— אָ, מאַמע, מאַמע, ווי גוט דו ביסט צו מיר! — האָט קלאַראַ גולאַ געקלאָגט, פאַרגיסנדיק שטראָמען טרערן.

קאַטרינאַ האָט פלוצלינג פעסט אָנגענומען די טאָכטערס האַנט און זיך אויפגעזעצט אין בעט, און צום לעצטן מאָל זיך מתוודה געווען:

— אַלדאָס גוטע, וואָס געפינט זיך אין מיר, האָב איך נאָר יאַנען צו פאַרדאַנקען! — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיכערער שטימע.

זי איז צוריק אַראָפגעפאַלן אויף די קישנס און נאָכדעם שוין מער נישט געקאָנט אויסרעדן קיין דייטלעך וואָרט. די גסיסה האָט

זיך אָנגעהויבן, און צוזאַמגנס אינדערפרי איז די אַלטע קאַטרינאַ געשטאָרבן.

אָבער די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט געקעמפט מיטן טויט, איז קלאַרא גולאַ געלעגן אויף דער פאַדלאָגע לעבן בעט. זי איז דאָרט געלעגן און זיך אַראָפּגעוויינט פון איר האַרץ דעם וויסטן פּחד, די מוראדיקע וויזיעס און אויך די לאַסט פון איר שולדבאַוווסטזיין. די טרערן אירע זענען געפלאָסן שטראָמענווייז, זי האָט ממש נישט געקאָנט אויפהערן צו וויינען.

די לוויה פונם קייסער

די אַלטע קאַטרינאַ פון סקרוליקאַ האָט מען געזאָלט ברענגען צו קבורה דעם לעצטן זונטיק פאַר ווייַנאַכט. אין דערדאָזיקער צייט, ד. ה. ערב די גרויסע הגאות, קומען געוויינלעך נישט קיין סך מענטשן אין קירך אַריין, ווייל אַ סך דאַוונער לייגן־אָפּ זייערע באַזוכן אין קירך ביז די פייערלעכע גאָטדינסטן פון ווייַנאַכט.

און דעריבער איז די קליינע גרופע מענטשן, וואָס האָט באַגלייט די לוויה פון אַסקעדאַלאַרנאַ, שטאַרק דערשטוינט געוואָרן, ווען זי איז צוגעקומען צום פּלאַץ, וואָס געפינט זיך צווישן דער קירך און דעם געמיינדעהויז. אַזאַ ריזיקן עולם, ווי דידאָזיקע גרופּע האָט דאָרט געטראָפן האָט מען אויף יענעם פּלאַץ נאָך קיינמאָל נישט געזען, אפילו נישט, בעת דער אַלטער אויבערפּאַסטאָר פון ברו איז איינמאָל אין יאָר געקומען פּריידיקן אין סוואַרטזשעי, אָדער ווען מען האָט געזאָלט ווילן אַ נייעם גלח.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט כּדי צו באַגלייטן די אַלטע קאַטרינאַ אין איר לעצטער נסיעה האָט דערדאָזיקער ריזיקער עולם פאַרלאָזט זיינע שטובן, נאָר דאָ האָט געמוזט זיין אַן אַנדערע סיבה. אפשר האָט מען דאָרט אָפּגעוואַרט אַ גרויסן שררה, וואָס האָט געזאָלט ביייווינען דעם גאָטדינסט אין דער קירך; און אפשר האָט

גאָר אַן אַנדערער באַרימטער פּריידיקער, און נישט דער שטענדי־
קער גלח פון דער געמיינדע, געזאָלט האַלטן די דרשה?

די מענטשן פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָבן דאָך געוווינט אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק, אַז עס האָבן געקאָנט פּאַרקומען וויכטי־
קע געשעענישן אין דער געמיינדע, וועגן וועלכער זיי פלעגן זעלטן באַקומען אַ ידיעה און פלעגן זיך דערוויסן וועגן אַלעם ערשט פיל שפּעטער.

די מענטשן, וואָס האָבן באַגלייט די לוויה, זענען ווי גע־
ווינלעך, צוגעפאָרן צום פּלאַץ הינטערן געמיינדעהויז און דאָרט אויסגעשטיגן פון זייערע ברישקעס און פורלעך. דער דאָזיקער פּלאַץ איז אויך געווען פול מיט מענטשן, פונקט ווי דער שטח פאַר דער קירך, נאָר הוצדעם, איז דאָרט נישט געווען צו באַמערקן קיין שום אויסערגעוויינלעכס. די אָנטיילנעמער אין דער לוויה האָבן זיך אַלץ מער געחידושט, אָבער זיך פאַרט אָפּגעהאַלטן פון פרעגן באַ די פאַרזאַמלטע וואָס דאָ איז געשען. די באַגלייטער פון אַ לוויה דאַרפן זיך דאָך נישט אויסמישן מיט אַ צווייטן עולם און עס פּאַסט נישט, זיי זאָלן פאַרפירן אַ שמועס מיט זייטיקע מענטשן, וואָס נע־
מען נישט קיין אָנטייל אין דעם טרויער.

מען האָט אַראָפּגעהויבן די טרומנע פון דעם פלאַכן וואָגן, אויף וועלכן זי איז צוגעפירט געוואָרן צו דער קירך, און מען האָט זי אַרויפגעשטעלט אויף אַ פּאָר שוואַרצע סטאַלינגעס, וואָס זענען שוין פון פריער געשטאַנען צוגעגרייט אינדרויסן, פאַר דעם גע־
מיינדעהויז. דאָרטן האָבן די אָנטיילנעמער פון דער לוויה געמוזט שטיין אַרום דער טרומנע און וואַרטן, ביז די גלעקער וועלן אָנ־
הייבן קלינגען און דער גלח צוזאַמען מיטן אָרגאַניסט וועלן זיין גרייט זיך צו שטעלן בראש פונם טרויערצוג, אויפן וועג צום פרישׂ אויסגעגראָבענעם קבר אויפן בית־עולם.

פון אינדערפרי אָן האָט זיך דער הימל באַדעקט מיט פינצ־
טערע כמאַרעס, און איצט האָט געגאָסן אַזאַ שלאַקסרעגן, אַז פון דעם צודעק פון דער טרומנע האָט דאָס וואַסער אַראָפּגעכלאַיסקעט ווי פון צעבערס. וואָס עס זאָל נישט געווען זיין די סיבה פון דעם, וואָס אַזוי פיל מענטשן זענען דעם זונטיק געקומען אין קירך אַריין,

אָבער אַלנפאַלס איז עס נישט געווען דאָס וועטער, וואָס האָט זיי אַרויסגעלאָקט פון זייערע שטובן.

אָבער עס האָט זיך באמת געקאָנט דאַכטן, אַז קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט נישט די מינדסטע אַכט געלייגט אויפן ווינט און שלאַקסרעגן. אַלע זענען געדולדיק געשטאַנען אונטערן פרייען הימל און נישט געוואָלט זוכן קיין שוץ אונטערן דאַך פון דער קירך אָדער פונם געמיינדעהויז.

די זעקס מענטשן, וועלכע האָבן געזאָלט טראָגן קאַטרינאַס טרומנע, און אויך די אַלע אַרומיקע, האָבן באַמערקט, אַז אחוץ די סטאַליגגעס, אויף וועלכע איר טרומנע איז געשטאַנען, האָט מען צוגעגרייט נאָך אַ פאָר סטאַליגגעס. הייסט עס, אַז מען האָט היינט געזאָלט קובר זיין נאָך עמעצן. אויך וועגן דעם האָבן זיי אין אַסקעדאַלאַרנאַ נישט באַקומען קיין שום ידיעה. און עס האָט זיי טאַקע זייער געחידושט, פאַרוואָס מען האָט נאָך אַלץ נישט געזען די צווייטע לוויה, ווייל עס איז שוין געווען אַזוי שפעט, אַז זי האָט שוין געדאַרפט זיין פאַר דער קירך.

ווען דער זייגער איז געווען אַ צען מינוט פאַר צען, אַזוי אַז מען האָט שוין געקאָנט דערוואַרטן, דאָס דער טרויערצוג וועט שוין אַ ליאַדע מינוט רירן פון אָרט אויפן וועג צום בית-הקברות, האָבן די מענטשן פון אַסקעדאַלאַרנאַ דערזען, אַז דער גאַנצער עולם לאָזט זיך אַוועק אין דער ריכטונג צום הויז פונם פויער דער נאָל פון פרעסטערוד; דערדאַזיקער הויף האָט זיך געפונען נישט מער ווי אַ פאָר מינוט גאַנג פון דער קירך.

ערשט איצט האָבן זיי דערזען, אַז אָנהייבנדיק פונם געמיינדעהויז ביז צום ווינהויז פון דעמדאָזיקן פאָלוואַרק, איז דער גאַנצער וועג באַשיט מיט סאָסנעצווייגלעך און אַז אויףביידע זייטן פונם אַריינגאַנג זענען אויסגעשטעלט יונגע טענענביימער. דאָרט איז אַלזאָ געלעגן דער טויטער. אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ס'האָט געקאָנט פאַסירן, אַז זיי זאָלן נישט האָבן געהערט וועגן אַ טויטפאַל אין אַזאַ אָנגעזעענעם הויף. און נאָך מער האָבן זיי זיך געחידושט, וואָס מען האָט דאָרט נישט פאַרהאַנ=

גען די פענצטער מיט לייַלעכער, ווי עס דאַרף זיין אין אַ הויז, וווּ עס ליגט אַ מת.

איצט האָט מען דאָרט אויפגעפּראַלט די אַריינגאַנגסטירן פונם פעדערהייזל און פון דאָרט איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ טרויערצוג. אויגוסט דער נאָל איז געגאַנגען בראש פון דער פּראָצעסיע, האַלטנדיק אין דער האַנט דעם טרויערשטעקן, און נאָך אים האָט מען געטראָגן די טרומנע.

די אַלע מענטשן, וואָס האָבן פאַרפולט דעם פּלאַץ פאַר דער קירך, האָבן זיך איצט אָנגעשלאָסן אָן דעמדאָזיקן טרויערצוג. זיי זענען אַלזאָ דאָ אַהערגעקומען, כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד אָט דעם טויטן, וועלכן מען האָט אַצינד פון דאָרט אַרויסגעפירט.

די טרומנע האָט מען צוגעטראָגן ביז צום געמיינדעהויז, און דערנאָך זי אַוועקגעשטעלט רעכטס פון קאַטרינאַס טרומנע. אויגוסט דער נאָל פון פרעסטערוד האָט צוערשט צונויפגערוקט די סטאַליגעס, אַזוי אַז די טרומנעס זאָלן אויסקומען גאָר נאָענט איינע לעבן די אַנדערע.

אָבער די צווייטע טרומנע, וואָס מען האָט איצט געבראַכט, איז נישט געווען אַזאַ נייע און האָט נישט אַזוי געבלאַנקט ווי קאַטרינאַס. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט שוין נישט פון איין שלאַקסרעגן געוואָרן אָפּגעשווענקט, און מסתמא איז מען זיך נישט אַזוי פאָרזיכטיק באַגאַנגען מיט איר, ווייל זי איז געווען שטאַרק צעראַצט, און האָט געהאַט אָפּגעבראָכענע קאַנטן.

די מענטשן פון אַסקעדאַלאַרנאַ האָבן איצט מיטאַמאָל דערלייכטערט אָפּגעאָטעמט, ווייל זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. אין דערדאָזיקער טרומנע איז זיכער נישט געלעגן קיין קרוב פון אויגוסט דער נאָל. און אויך נישט כדי צו דערוואַרטן אַ גרויסן שררה האָט זיך היינט פאַרזאַמלט אַזאַ ריזיקער עולם. אָ, ניין! זיי זענען זיך צונויפגעקומען פשוט, כדי צו זען, ווי דאָס אַלטע פאָרפאָלק פון סקרוליקאַ וועט צוריק פאַראייניקט ווערן נאָכן טויט.

די בליקן פון אַלע אָנוועזנדיקע זענען איצט געווען געווענדט

אויף קלאַראַ גולאַן, ווייל יעדער איינער האָט זיך געוואָלט איבער־ציַיגן, צי זי פאַרשטייט דאָס, און אַזוי איז טאַקע געווען.

די גאַנצע צייט איז זי, אַ בלאַסע און אַ וויינענדיקע, גע־שטאַנען בײַ איר מוטערס טרומנע. אָבער בשעת זי האָט דערקענט די צווייטע טרומנע, וועלכע מען האָט געבראַכט פון דער נאָלס הויז, האָט זיך אויף איר פּנים צעשטראַלט אַן אויסדרוק פון באַ־פרייענדיקער דערלייכטערונג און צופרידנקייט, ווי עס געשעט אַמאָל, בשעת מען דערגרייכט ענדלעך דאָס, צו וואָס מען האָט אַ לאַנגע צייט געשטרעבט. אָבער זי האָט זיך שנעל באַהערשט, און דאַן האָט זי בלויז טרויעריק געשמייכלט און עטלעכע מאָל אַ פינגער־געטון מיט דער האַנט איבער דעם צודעק פון קאַטרינאַס טרומנע, גלייך ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט אַ פליסטער־טון צו דער טויטער מוטער:

איצט איז דיר שוין אַזוי גוט, אַז דו האָסט דיר קיינ־מאָל נישט געווונטשן עפּעס בעסערס... וואָס נישט, מאַמע?...

אויגוסט דער נאָל איז צוגעגאַנגען צו קלאַראַ גולאַן, דער־לאַנגט איר די האַנט און געזאָגט:

— אַנו, קלאַראַ גולאַ, איר ווייסט, האָפנטלעך, נישט פּאַראיבל האָבן, וואָס מיר האָבן עס איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן? מען האָט אים געפונען ערשט דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק, און איך האָב איינגעזען, אַז אַזוי־ערנאָך וועט אייך זיין גרינגער צו פאַרטראָגן דעם טאָפּלטן צער.

קלאַראַ גולאַ האָט אים געענטפערט בלויז מיט אַ פּאָר ווער־טער, אָבער אירע ליפּן האָבן דערבײַ אַזוי געציטערט, אַז ער האָט קוים געקאָנט פאַרשטיין וואָס זי זאָגט.

— איך דאַנק אייך, אויגוסט! ס'איז גאַנץ גוט. איך ווייס, אַז ער קומט צוריק צו מיין מוטער, נישט צו מיר.

— ער קומט צוריק צו אייך ביידע, קלאַראַ גולאַ, איר וועט זיך אין קורצן איבערצייגן דערין! — האָט אויגוסט דער נאָל גע־ענטפערט און איז אָוועקגעגאַנגען אַן אַ זייט.

די אַלטע באַלעבאָסטע פון פּאַליאַ, וועלכע איז שוין איצט געווען אַ זקנה פון אַכציק יאָר, און איז פון גרויסע צרות געגאַנ־

געוואַרן אויפגעקלערט. ...

נישט געפילט ספּעציעל פֿאַרפֿליכטעט זיי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כּבוד. די סיבּה דערפֿון איז געווען גאָר אַן אַנדערע. ווען די געמיינדע האָט באַקומען די ידיעה, אַז יאַן פֿון סקרוליקאַ איז געפֿונען געוואָרן גראָד אין דער ריכטיקער צייט, ווי כּדי מען זאָל אים קאָנען קובר זיין צוזאַמען מיט זיין ווייב, איז דאָס יעדן איינעם פֿון די דאַרפֿסאיינוווינער פֿאָרגעקומען, ווי עפּעס ווונדערלעכס און שיינס; און דעריבער האָבן אַלע געוואָלט זיין דערביי, בשעת דאָס אַלטע פֿאָרפֿאָלק וועט צוריק פֿאַרייניקט ווערן נאָכן טויט.

קיינעם פֿון די אָנוועזנדיקע האָט זיך פֿריער נישט געגלייבט, אַז אַזוי פֿיל מענטשן וועלן באַקומען דעמזעלבן געדאַנק. און איצט האָבן זיי געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען האָט דאָ געמאַכט אַ צו גרויסן רעש מיט דער לוויה פֿון די צוויי אָרימע, פּשוטע אַרבעטסמענטשן. די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט און אפילו זיך אַ ביסל זשענירט איינער פֿאַרן צווייטן; אָבער אַזוי ווי זיי זענען שוין סיי ווי געהאַט געקומען אין קירך אַריין, וועלן זיי שוין אין איינוועגס מיטגיין מיט דער טרויערפּראָצעסיע צום קבר.

נישט איינער פֿון זיי האָט דאַן מיט אַ שמייכל געטראַכט, אַז דער קייסער פֿון פּאָרטוגאַל וואָלט גאָר שטאַרק אָנגעקוואָלן פֿון דער גאַנצער געשיכטע. דאָס וואָלט אים שוין איינמאָל געפֿעלן געוואָרן! אַזש צוויי טרויערשטעקנס — ווייל איינעם פֿון זיי האָט מען געבראַכט פֿון אַסקעדאַלאַרנאַ, — זענען געטראָגן געוואָרן בּראש פֿאַר די טרומנעס פֿון אים און קאַטרינאַן, און כּמעט די גאַנצע געמיינדע האָט אָנטיילגענומען אין דער פּראָצעסיע. ווען אפילו דער קייסער אַליין זאָל געווען איינאָרדענען זיין אייגענע לוויה, וואָלט זי זיכער נישט אויסגעפֿאַלן אימפּאָזאַנטער.

קיינער איז, אגב, נישט זיכער געווען, צי דאָס איז טאַקע נישט זיין אייגענער אויפֿטו; דער אַלטער קייסער פֿון פּאָרטוגאַל איז נאָכן טויט געוואָרן גאָר אַ מעכטיקע פּערזענלעכקייט. און ער האָט זיכער געהאַט אַ פֿאַרבאָרגענע כּוונה דערמיט, וואָס ער האָט די טאָכטער געהאַלטן צוגעשמידט צום בריקל אין באָרג און זי גע-

לאָזט וואַרטן אַזוי לאַנג אויף אים. און געוויס האָט ער עפּעס גע־וואָלט באַווייזן דערמיט, וואָס ער איז פּונקט צו דער ריכטיקער צייט אַרויפגעקומען פון דער טיפעניש. נישקשה, מען האָט זיך גע־מעגט פאַרלאָזן אויף אים, — ער האָט שוין געוווסט וואָס און ווען ער האָט צו טון!

ווען אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם ברייטן קבר, אין וועלכן מען האָט אַראָפּגעלאָזט די צוויי טרומנעס, האָט דער קירכאָויפזעער אָנגעהויבן זינגען:

„איך גיי דעם טויט אַנטקעגן — — —"

דער קירכאָויפזעער סוואַרטלינג איז שוין דאַן געווען אַן אַלטער מאַן, און זיין געזאַנג האָט קלאַרא גולאַן דערמאָנט אָן דעם געזאַנג פון אַ צווייטן זקן, אָבער אים האָט זי דאָך נישט געוואָלט אויסהערן...

דידאָזיקע דערינערונג האָט איר פאַרשאַפט טיפן צער, זי האָט צוגעדריקט די הענט צום האַרץ און פאַרמאַכט די אויגן, כּדי זיי זאָלן נישט פאַרראַטן די גרויסע פּיין, וואָס זי האָט אין דער מינוט געליטן.

בשעת זי איז דאָרט מיט אַראָפּגעלאָזטע וויעס געשטאַנען באַם קבר, האָט זי פּלוצלינג פאַר זיך דערזען איר פאָטער, — אָט אַזעלכן, ווי זי האָט אים געדענקט נאָך פון איר קינדהייט און יוגנט, בעת זיי ביידע זענען גוטע פריינט געווען.

זי האָט געזען זיין פּנים, — אָט אַזוי ווי זי האָט עס גע־דענקט נאָך פון דעם ווינטערדיקן באַגינען, בעת זיי זענען געגאַנ־גען אין קירך אַריין און דער שניי האָט דאַן אינמיטן דער נאַכט געהאַט פאַרשאָטן דעם וועג, אַזוי אַז יאַן האָט זי געמוזט טראָגן אויף די הענט.

זי האָט אים געזען אַזוי, ווי זי האָט אים געדענקט פון אַ צווייטן זונטיק: דאַן, ווען זי איז געגאַנגען אין קירך אַריין, טראָגנ־דיק דאָס רויטע קליידל, קיינער האָט דאַן אַזוי נישט געשיינט פון גליק און צופרידנקייט, ווי יאַן.

אָבער זינט דעמאָלט איז זיין גליק פאַרלאָשן געוואָרן, און

זי אַליין האָט זיך דערנאָך אויך נישט געפילט צופרידן און גליקלעך.

דאָסדאָזיקע בילד האָט זי זיך באַמיט אײַנצוקריצן אין זכּרון, ווײַל דאָס האָט געלינדערט איר שמאַרץ, און צוגלייך איז אין איר ברוסט אויפגעשטיגן אַ כוואַליע פון ליבשאַפט, בשעת זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם בילד פון איר פּאָטער.

וואָרים דאָסדאָזיקע פּנים האָט דאָך געהערט צו דעם, וואָס האָט איר געוואָלט גוטס־טון! זי האָט לחלוטין נישט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך פאַר אים.

אויף איר האָט דאָך איצט געקוקט איר טײַערער, ליבהאַרציקער פּאָטער, דער באַשיידענער יאַן אַנדערסאָן פון סקרוליקאַ, און נישט קיין שטרענגער ריכטער!... ער האָט זיכער נישט אין זינען צו באַשטראָפן זײַן אײנציק קינד, און דערמיט ברענגען אַן אומגליק אויף איר — — —

קלאַראַ גולאַ האָט זיך שוין איצט פולקאָם באַרויקט. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זי האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו זען אים אַזעלכן, ווי ער איז געווען מיט יאָרן צוריק, איז זי פאַרזונקען אין אַ וועלט פון בלויז ליבשאַפט. ווי האָט זי גאָר געקאָנט גלייבן, אַז ער האָסט זי? ער האָט איר אַלצדינג מוחל געווען... פאַרגעסן אַלע אירע עוולות קעגן אים!...

אויף יעדן שריט און טריט האָט ער זי איצט געוואָלט באַשיצן און באַשירמען. בלויז דאָס אַליין האָט ער געוואָלט.

און איצט האָט זי נאָכאַמאָל דערפילט, ווי די כוואַליע פון ליבשאַפט שטײַגט־אויף אין איר האַרץ און פאַרפלייצט איר גאַנץ וועזן. און צוגלייך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איצט איז שוין אַלצדינג ווידער גוט און וווּל, ווײַל זי איז שוין אויפסניי פאַרייניקט מיט איר פּאָטער, — טאַקע דורך דעם צובונד פון זייער אַמאָליקער ליבע, און אפשר דורך נאָך אַ שטאַרקערער ליבע! און איצטער, בעת זי האָט אים ווידער געליבט, האָט זי שוין נישט געדאַרפט תשובה־טון אויף קיין שום זאַך — — —

קלאַראַ גולאַ האָט אויפגעוואַכט, ווי פון אַ חלום. בעת זי

איז דאָרט געשטאַנען באַם קבר פון אירע עלטערן און זיך איינ־
געקוקט אין דעם גוטמוטיקן פּנים פון איר פאָטער, האָט דער גלח
דערוויל אָפּגעריכט דעם קבורה־צערעמאָניאַל. איצט האָט ער זיך
געווענדט מיט אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער צום אַרומיקן עולם און
זיי אַלע געדאַנקט פאַר דעם צאָלרייכן פאַרזאַמלען זיך צו דערדאָ־
זיקער לוויה.

— דאָ האָט מען נישט קובר געווען קיין גרויסן שררה, —
האָט דער גלח געזאָגט, — אָבער דאָס איז געווען אַ מענטש, וועל־
כער האָט פאַרמאָגט דאָס וואַרימסטע און ברייטסטע האַרץ פון דער
גאַנצער געמיינדע, — אַ האַרץ, וואָס האָט תמיד געקלאַפּט מיט ליב־
שאַפט און טריישאַפט!

בשעת דער גלח האָט דאָס געזאָגט, האָבן די מענטשן ווידער
זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט, און איצט האָבן זיי זיך שוין נישט
זשענירט איינער פאַרן אַנדערן, נאָר זיך באַגעגנט מיט פריינטלעכע
בליקן און מיט אַ צופרידענעם שמייכל. דער גלח איז טאַקע געווען
גערעכט, ווייל נאָר דערפאַר זענען זיי דאָך אַלע געקומען צו דער־
דאָזיקער לוויה. . .

דערנאָך האָט דער גלח זיך געווענדט מיט אַ פּאָר ווערטער
אויך צו קלאַראַ גולאַן. ער האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט פון אירע
עלטערן באַקומען פיל מער ליבשאַפט, ווי יעטוועדעס אַנדערע קינד
פון די, וועלכע ער האָט ביז איצט באַגעגנט; דעריבער איז ער
זיכער, אַז זי וועט נאָך געניסן פון פיל גליק אין לעבן, ווייל אַזאַ
גרויסע ליבשאַפט מוז ברענגען מזל־ברכה.

נאָך דידאָזיקע רייד פונם גלח, האָבן די פאַרזאַמלטע גע־
ווענדט זייערע בליקן אויף קלאַראַ גולאַן און זיך שטאַרק געחידושט
פון דעם, וואָס זיי האָבן איצט דערזען.

עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דעם גלחס פאָרויסזאָג איז שוין
מקוים געוואָרן. אָט איז דאָרט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער עדה
געשטאַנען קלאַראַ פּינאַ גולעבאָרג, — די ליכטיקע, פיינע, זוניק־
גאָלדענע, — אָט די, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך דער
זון אַליין; זי איז דאָרט געשטאַנען באַם קבר פון אירע טאַטע־

מאַמע און איר פּנים האָט געלויכטן פון אַן איבערערדישער געלייטערטקייט.

זי איז איצט געווען פּונקט אַזוי שיין, ווי אין יענעם זונטיק, ווען זי איז געגאַנגען אין קירך אַריין, טראָגנדיק דאָס רויטע קליידל, און אַ סברא, אַז זי איז איצט געווען אפילו נאָך פיל שענער ווי דעמאָלט.

סוף

אינהאַלט

	זייט
I	
דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ	5
קלאַראַ פּינאַ גולעבאָרג	13
די טויפונג	18
דאָס שטעלן פּאָקן	23
דער געבוירנטאָג	28
דער ווײַנאַכטספּרימאָרגן	31
די שאַרלעך	39
דער באַזוך בײַם רײַכן קרוב	45
דער שולעקזאַמען	49
דער קאָנקורסעקזאַמען	55
דער פּישפּאַנג	62
אַגריפּאַ	69
די פאַרבאָטענע פּירות	75
II	
לאַרס גונאַרסאַן	82
דאָס רויטע קליידל	31
דער נײַער באַלעבאָס	92
דער באַרג סטורסניפּאַ	99
דער לעצטער אָוונט	105
בײַם בריקל	109
דער בריוו	113
דער שול-חבר אויגוסט	119
דער ערשטער אָקטאָבער	123
דער חלום הייבט זיך אָן	132
אַ ירושה-צירונג	139

	זייט
אין זיידענע קליידער	145
די שטערן	147
אין דערוואַרטונג	152
די קייסערין	156
דער קייסער	161
III	
דער קייסערלעכער הימן	166
דער זיבעצנטער אויגוסט	173
יאַן און קאַטרינאַ	181
די לויה	187
דאָס צאַנקענדיקע האַרץ	198
די דעטראָניזירונג	202
דער גלחישער פאַרהער	211
דער אַלטער מכשף	221
דער ערשטער זונטיק נאָך דער יאָהאַן-תגא	232
אַ זומערנאַכט	249
דעם קייסערס ווײַב	250
IV	
דער קבלת-פּנים	262
דאָס אַנטלויפן	272
פאַרהאַלטן אין וועג	281
די געזעגענונג	288
קאַטרינאַס טויט	294
די לויה פונעם קייסער	297

CULTUR